STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02604

ZEKS-UN-DRAYSIG KONKURS-NOVELEN UN ERTSEHLUNGEN

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זעקס־און־דרייסיג
קאָנקורס־נאָוועלען און ערצעהלונגען

קאָנקורס פון ליטעראַריש־אילוסטרירטען זשורנאַל „וועלט־שפּיגעל"

36 שריפטשעלער שילדערן דאָס
יודישע לעבען אין אַלע זיינע פאָרמען.

פערלאַג „אונזער לעבען", וואַרשא

TRZYDZIEŚCI SZEŚĆ
Nowel i powieści, konkursu
tyg. „Welt-Szpigel”.

Wydawn. „UNZER LEBEN“
Warszawa.

Druk. „Renoma“, Karmelicka 17.

אינהאלט:

ב. מיפעלעוו (מורה) . . הינטער א וואָגען מיט קויהלען

אלעקסאנדער פארבא (אלפא) . . . . . גאָדל

ב. ווילנער . . . . . . מאמעס

מ. טירמאן (מ. ט.) . . . . . רחמנות

יצחק האָכמאן (צפנת פענח) . . דזיאוואני און דאָס געטאָ

מ. גראָסמאן (עמגע) . . . . . גינא

יהודה ווינדער (י. ברוקלין) . . ליעבע און ברויט

מ. סעלים (סתם) . . . . . בילדער

גד זאקליקאָווסקי . . . . . די צעפ

ש. ל. שניידערמאן (עמיל) . . . . ליזא שענברוין

לייב לעוו (מעזריטשער) . . . ביים ברונעם

י. יורבאָרסקי . . . . געוואלד וואָס טהוט מען

צ. זאקאליק (צ. ז.) . . . . . דער שאָטען

דוד יאקאָבי (ה. ט—ט—ם) . דער לעצטער פון דער משפחה „ליזשער"

שמעון קלארער (שבנא הסופר) . . . . דער גרוש

נחמיה עלישקעוויטש (עוויטש) . . . . פליכט

יקיר ווארשאווסקי (בן אהרן) . . . ביי דער ווייכסעל

— — — (מערקורי) . . . . . א הונדערטער

ב. מיפעלעוו (מאגיסטער) . . . . . עס מאַכט זיך

צדוק פרידמאַן (אנערקענונג) . . . . . פראָטעסט

ד. יאַקאָבי (1495) . . . . . . לעבען

ש. איזבאַן, תל-אביב (א. לומאש) . . . . . אין אַ העק

חנה בלאנקשטיין (?) . . . . . . רייזעלע

ראָזאַ יאַקובאָוויטש (און אָט איז דער פריהלינג) . . די קרקע

? (בן פרחיה) . . . . . . מיינע פרנסות

יצחק גוטערמאַן (מאָטעל) . . . . נאָך דער מוטער'ס טויט

ש. גורליאַל (ז—ק) . . . . . . עזריעל

אברהם לעוו (מלכיאל) . . . . . אין ביבליאָטעק

אהרן ברעזינסקי (7—1) . . . . . זיין שוואַנען ליעד

יוסף פיש (מאַהאַמעט) . . . . . דער אָנהויב

רחל האַלטער (ר. קולאַמאָס) . . . . . אַ ניי לעבען

יוסף לייב גאָלדשטיין (יאַטעלגע) . . . . אָהן האָפנונג

חיים וויסאָצקי (עגאָ) . . . . . באַרג אַראָב

ש. לעבען (פערוואָגעלטער) . . . . . אין שטעדטיל

יוסף וועבער . . . . . . די ליציטאַציע

ש. ל. שניידערמאַן . . . . . ליעבע און מאַשינען

פאָרװאָרט

די דאָזיגע 37 נאָװעלען און ערצעהלונגען שטאַמען פון אַ קאָנקורס אויף אַ נאָװעלע פון אידישען לעבען, װאָס איז דורך דער רעדאַקציע „װעלטשפּיגעל" איינגעאָרדענט געװאָרען אין אָנפאַנג יאָהר 1929. צום קאָנקורס זענען צוגעשיקט געװאָרען ביי פיערטהאַלבען הונדערט נאָװעלען, פון װעלכע די רעדאַקציע האָט אָנגענומען צום דרוק און צוגעלאָזט צום קאָנקורס אָט־די 37.

אַלס **זשורי** אין דעם קאָנקורס האָט די רעדאַקציע פון „װעלטשפּיגעל" בעשטימט, נישט **װי** געװעהנליך, בעקאַנטע אויטאָריטעטען פון דער שריפטשטעלער־װעלט, נאָר — **די** לעזער גופא. אויב די אידעע פון אַ ליטעראַרישען קאָנקורס בכלל האָט דעם צװעק צו ערװעקען, װי ביי שוין בעקאַנטע שריפטשטעלער, אַזוי אויך ביי אָנפאַנגער אַ בעזונדערען פלייס, כדי זיך אויסצוצייכענען און צוזאַמען מיט דער פּרעמיע אויך בעקומען גרעסערע פּאָפּולאַריטעט, — האָבען מיר געהאַלטען פאַר נויטיג אויף איין װעגס שוין אויך צו בעטייליגען אַקטיװ דעם לעזער אין דעמזעלבען קאָנקורס: צו װעקען ביי איהם אַ קריטישע בעציהונג צו דעם, װאָס ער לייענט, איהם אָנרעגען, ער זאָל פערגלייכען די געלייענטע זאַכען איינע מיט דער אַנדערער און אָבשאַצען זייער װערט.

מצד די לעזער האָבען זיך אין דעם קאָנקורס בעטייליגט איבער 700 מאַן. די מעהרהייט שטימען זענען, צו דער בעפרידיגונג פון דער רעדאַקציע, װירקליך געפאַלען אויף די בעסערע זאַכען, און אויפ'ן גרונד פון דער דאָזיגער אָבשטימונג זענען די דריי פּרעמיעס פערטיילט געװאָרען אַזוי:

ערשטע פּרעמיע פון 500 זל. פאַר דער ערצעהלונג „הינטער אַ װאָגען מיט קויהלען" פון נ. מיפּעלעװ, קראַקא.

צװייטע פּרעמיע פון 300 און דריטע פּרעמיע פון 200, צוזאַמען 500 זל. זענען געטיילט געװאָרען צװישען אַלעקסאַנדער פּערבאַ פון װאַרשא, פאַר זיין ערצעהלונג „גאָדל" און ב. װילנער פון ביטען, פאַר זיין נאָװעלע „מאַמעס".

חוץ דעם זענען מצד די לעזער אָנערקענט געװאָרען פאַר בעסערע זאַכען, װאָס פערדינען בעזונדערע אָנערקענונג פאָלגענדע נאָװעלען:

1) „דזשיאָװאַני און דאָס געטאָ" פון י. האָכמאַן; 2) „רחמנות" פון מ. טירמאַן; 3) „גינא" פון מ. גראָסמאַן, 4) „ליעבע און ברױט" פון י. װינדער; 5) „ליזא

שענברון" פון ש. ל. שניידערמאַן; 6) „בילדער" פון מ. סעלים; 7) „עס מאַכט זיך" פון נ. מיפעלעוו; 8) „די צעפּ" פון גד זאַקליקאָווסקי; 9) „גוואַלד, וואָס טהוט מען" פון י. יורבאַרסקי. די דאָזיגע ערצעהלונגען האָבען בעקומען צו איבער 100 שטימען, אַלע איבעריגע אונטער 100.

פאַר די לעזער, וואָס האָבען זיך בעטייליגט אין דער אָבשטימונג, זענען בעזונדער צעטיילט געוואָרען 25 פּרעמיעס, וואָס זענען בעשטאַנען פון ביכער און פּרעסע־אַבאָנאַמענטען.

די פּראָבע צו בעשטימען די לעזער אַלס זשורי פון אַ ליטעראַרישען קאָנקורס, אַ ערשטע אין איהר אַרט, קאָנען מיר אין אַלגעמיין בעטראַכטען אַלס געלונגענע, הגם זי האָט גרויסע חסרונות. אין אַלגעמיין איז דאַדורך פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז די מעהרהייט לעזער, וועניגסטענס פון די, וואָס האָבען זיך בעטייליגט אין דער אָבשטימונג, בעזיצט ווירקליך אַ גוטען ליטעראַרישען געשמאַק און קאָנען אונטערשיידען בעסערע פון שוואַכערע זאַכען, הגם די מעהרהייט, ווי געוועהנליך אין אַזעלכע פאַלען, האָט זיך געלאָזט בעאיינפלוסען מעהר פון עפעקטען, פאַרוואָס אייניגע זאַכען האָבען בעקומען צופיעל שטימען, בשעת אַנדערע, קינסטלעריש גוטע זאַכען, נאָר אָהן עפעקטען, האָבען בעקומען צו ווינציג. אַזוי צב"ש, פון ליטעראַרישען שטאַנדפּונקט, וואָלט נ. מיפעלעוו גיכער בעדאַרפט בעקומען די פּרעמיע פאַר זיין צווייטער זאַך „עס מאַכט זיך", וואָס איז קינסטלעריש פיעל שענער און נאַטירליכער ווי „הינטער אַ וואָגען מיט קויהלען", און האָט אָבער בעקומען אַ פיעל קלענערע צאָהל שטימען.

איבריגענס, דער לעזער האָט איצט ווידער דאָס וואָרט. פאַר איהם ליגען די 37 ערצעהלונגען, אין וועלכע עס איז כמעט אַלזייטיג געשילדערט דאָס אידישע לעבען אין פּוילען, אויף וויפיעל עס איז מעגליך געשילדערט צו ווערען אין אַ קורץ־געשיכטע, און דער לעזער האָט ווידער די מעגליכקייט צו פערגלייכען די געשיכטען איינע מיט דער אַנדערער און קאָנטראָלירען, צי און אויף וויפיעל דער דערמאָהנטער אורטייל איז אַ ריכטיגער.

רעדאַקציע „וועלטשפּיגעל".

„מורה"

הינטער אַ וואָגען מיט קויהלען

ס'איז געווען אַ ברענענדיגער פראָסט. באַשע די אלמנה האָט זיך די גאַנצע נאַכט שלעכט געשפּירט און אין דער פריה נישט אויפגעשטאַנען פון בעט. די צוויי קוישען מיט ווינטער־עפּעלעך שטעהען אין אַ ווינקעל און וואַרטען, מען זאָל זיי אַוועקטראָגען צום „פיש־פלאַץ". באַשע קוקט אויף די קוישען און האָט גרוים עגמת־נפש פון דעם, וואָס אין די זייטען שטעכט איהר. אַ גרויסער שאָד! איהרע קונדען וועלען היינט קויפען עפּעלעך ביי שרה יענטע דער קרומער.

— אַ גליק האָט זי געטראָפען! איינע אַליין אויפ'ן פיש־פלאַץ — קאָן באַשע נישט אויסהאַלטען פון פערדרוס, און זי רוקט זיך טיפער אונטער דער קאָלדרע, אַנוואַרעמען די זייטען, אפשר וועלען זיי אויפהערען צו שטעכען, וועט זי שפּעטער אַרונטער פון בעט און אָנטהון זיך.

איהר אַכט־יאָהריגער לייבקע איז געשטאַנען ביים פענסטער און געשריבען מיט זיין גרויסען פינגער־נאָגעל אויף דעם דיקען וויכען אייז, וואָס האָט די שויב בעדעקט.

אין שטיבעל איז קאַלט געווען. לייבקע האָט די קעלט גוט געשפּירט, שטע־הענדיג ביים פערפרוירענעם פענסטער. ער איז שפּעטער צוגעגאַנגען צום טיעפען קויהלען־קאַסטען און אַריינגעקוקט. ס'איז נישט געווען וואָס צו זוכען. לעדיג איז דער קאַסטען אָהן אַ פּיצעלע קויהל און אַ מאָדנע מיאוסע קעלט האָט זיך פון דער דאָזיגער לעדיגקייט אַרויסגעטראָגען. לייבקע האָט זיך דערמאָהנט, אַז זיין מאַמע גיט זיך אַמאָל אַן עצה מיט קויהלען, אפילו ווען זי האָט קיין געלד נישט צו קויפען. זי נעהמט די צעראַטענע האַנד־טאָרבע און געהט אַרויס אין גאַס. זי זאַמט זיך אַ שעה, אָדער צוויי, קומט אַהיים, שיט אויס אַ פּאָר שטיקלעך קויהל און געהט ווייטער אַרויס אין גאַס. עס ווענדט זיך אָן מזל. פאָהרט דורך אַ פולער וואָגען קויהלען, פון וועלכען עס פאַלען אַרונטער שטיקלעך און קיין אַנדערע קאָנקורענטען זענען נישטאָ, קאָן באַשע אָנקלייבען אין עטליכע מינוט אַ פולע טאָרבע. די צרה איז נאָר, וואָס נישט פון אַלע וועגען פאַלען שטיקלעך אַראָב. און מאָמער טרעפט יאָ אַ גליק, און אַ וואָגען שיט פון זיך, וואַקסען אַרוים ווי פון אונטער דער ערד אַ סך ווייבער מיט טאָרבעס און מענער מיט טיעפע קעשע־נעס, זיי צעשפּרייטען זיך איבער'ן ברוק ווי אַ היישעריק, יעדערער כאַפּט אַ שטי־קעל, און דער סוף איז, אַז קיינער האָט נישט גענוג.

דאָס רוב פֿרירט באַשע אַ לאַנגע צייט אין גאַס, ביז עס געלינגט איהר צוזאַמענצוקלייבען איין שטיקעל קויהל צום אַנדערן. דערפֿאַר שפּעטער, ווען זי הייצט איין, און דאָס פֿייער צעפֿלאַקערט זיך אין אויוועז מיט קנאַק און וואַרעמ־קייט, שטעהט באַשע אַ צופֿריעדענע און קלערט זיך:

— ואַליע כּחאַי! אַבי אין שטיבעל וועט וואַרעם זיין".

ליובקע האָט זיך איצט דערמאָנט וועגן דעם, און געמישט די צעראַטענע פֿאַרבע.

— וואוהין ווילסטו געהן? — האָט באַשע געפֿרעגט.

— אַ ביסעל אין גאַס.

די מאַמע האָט גלייך פֿערשטאַנען זיין כּוונה, און נישט געפֿרעגט איהם, נאָך וואָס. זי האָט נאָר אַ מיעסען זיפֿץ געטהון און געזאָגט.

— ס'וועט דיר קאַלט זיין אין די פֿיס. טהו אָן מיינע שיך.

און אַז ליובקע איז אַריינגעקראָכען אין די גרויסע שווערע שיך, האָט די מאַמע צוגעגעבען.

— און דעם שאַל נעהם אויפֿ'ן האַלז! ווער ווייסט ווי לאַנג דו וועסט האַרפּען פֿרירען. גיב אַכטונג אויף די אויטאָס, זיי זאָלען דיך נישט איבערפֿאַהרען. די הערסט? נעהם מיינע הענדשקעס!

ליובקע איז אַרויס פֿון שטיבעל און דער פֿראָסט האָט איהם גלייך אויפֿגענומען מיט אַ שטיפֿערישען קאַלטען בריה אין פּנים און אַ לייכטען שטעכען ווי מיט שפּילקעלעך, אָט אַזוי זיך, אויף געלעכטער שפּעטער אָבער, ווען ער האָט זיך אָבגעשטעלט אויפֿ'ן טראָטואַר און בעטראַכט די ווייטע גאַסען אַרום, אויף וועלכע עס ברענט אין ווייסען גלאַנץ אַ פֿערפֿרוירענער שנעה, האָט איהם דער פֿראָסט מיט אַנ'אומת'ער קאַלטער בייזקייט אַדורכגענומען. זיין שפּיץ נעזעל פֿון בלייכען האַרטען פּנים איז געוואָרען ווי רויט אָבגעפֿאַרבט און דורך זיינע אַרבעל און הויזען־לעכער איז פֿריי אַריינגעגאַנגען אַ שניידיגע קעלט. אַ סך אָנגעפּעלצטע מענשען זענען פֿערביי איהם דורכגעלאָפֿען מיט אויקען און שווערען בלאָזען פֿון זיך. איינע אַ דיקע פֿרוי מיט אַ גראָבען פּליושענעם מאַנטעל, מיט אַ קרומען גאַנג ווי אַ קאַטשקע, האָט זיך פֿערטשעפּעט אָן די גרויסע אויסגעקרימטע שפּיצען פֿון ליובקעס שיך און איז שיער נישט אומגעפֿאַלען.

— ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ קלאָץ, דער אידיאָט! — האָט די פֿרוי אויסגעשריען מיט צאָרן, און אָנגעהויבען אַ האַנד, אַ שטויס טהון איהם, נאָר דערזעהענדיג דאָס שוואַכע אונשולדיגע פּנימעל פֿון קינד, איז איהר דער כּעס אָבגעגאַנגען און אויסגעשריען פֿון יוצא וועגען:

— וואָס שטעהסטו? ס'איז דיר אַזוי וואַרעם? מ'האָט דיך געשיקט איינקויפֿען, טאָ לויף און שטעה נישט.

אָבגעזאָגט האָט די פֿרוי אַוועקגעאיילט איהר וועג און ליובקע האָט זי אַ ווילע נאָכגעקוקט. וואָס זי האָט צו איהם גערעדט, האָט ער נישט פֿערשטאַנען.

װאָס אײַנקױפֿן? װעלכע אײַנקױפֿן?

ער האָט געטראַכט איבער עפּעס אַנדערש װען די פֿרױ איז נעבען איהם פֿערבײַגעגאַנגען, האָט דער פּליוש פֿון איהר מאַנטעל אַ װײכען גלעט געטהון זײַן פֿערפֿראָרענעם נעזעל. אַי איז דאָס אַ גלעט געװען! אַ זיסע װאַרעמקײט איז דורכגעגאַנגען אַלע זײַנע גלידער.

קײן װאָגען מיט קױהלען האָט זיך נישט געזעהן אויף דער גאַס, נישט פֿון באַהנהױף און נישט פֿון װײַטען. נאָר אויטאָמאָבילען זענען געלאָפֿען מיט אַ הײזעריגען ברומען װי משוגע. אַ ברום דאָ, אַ ברום דאָרטען און שױן נישטאָ. פֿערשװאונדען װי די מיזולאָנים!

לײבקע האָט לאַנג נישט געטאָרט שטעהן, װײַל דער פֿראָסט איז איהם אַרײַן אויך אין דער מאַמעס שיך, און האָט זיך געלאָזט געהן דער גרױער קאַלטקײט אַנטקעגען. פֿון צײַט צו צײַט האָט ער זיך אָבגעשטעלט נעבען בעקאַנטע גרױסע געשעפֿטס-פֿענסטער, פֿערצױגענע מיט גרױע אײַז-קװײַטען פֿון אונטען ביז אויבען, און עס איז איהם אַ שאָד געװען. אָט אין דעם פֿענסטער ליגען שטענדיג רױטע עפּעל מיט געפּרעסטע פֿײַגען, אױסגעשאָטענע צוקערקעס אַרום שאַכטלען פֿון סאַרדינקעס און טשעקאָלאַדקעס. איצט זעהט מען גאָרנישט, װי עס װאָלט אינעװײניג פֿון יענער זײַט שױן גאָר קײן געשעפֿט נישט געװען.

פֿון אַ עק גאַס האָט זיך פּלוצלונג בעװיזען אַ לאַנגער װאָגען פֿול בעלאָדען מיט קױהלען. לײבקעס אױגען האָבען אױפֿגעגלאַנצט און מיט אַ קלאַפּעדיג האַרץ געלאָזט זיך אַהין צו די קױהלען. עס האָבען דעם װאָגען פֿויל געשלעפּט צװײ הױכע דיקע פֿערד מיט גראָבע שטאַרק בעװאַקסענע פֿיס. פֿון זײערע בײַכער איז אַ פּאַרע בעגאַנגען, װי אַ דיקער װאָלקען. אױבען אױפֿ'ן װאָגען איז געזעסען דער פֿוהרמאַן, אײַנגעטהוליעט אין אַ גראָבען שמאַטיגען בגד מיט אַ הױכען קאָלנער, און זײַן קאָפּ אין אַרײַנגערוקט געװען אין אַ טיעפֿען פֿוטערנעם היטעל. פֿון צײַט צו צײַט האָט ער אַ ציה געטהון מיט די לײצעס, װי אַ סימן, אַז ער לעבט. װײַל פֿון װײַטען האָט מען געקאָנט מײנען, אַז די פֿערד אַלײן פֿיהרען דעם װאָגען, און דער, װאָס זיצט אויבען, איז גלאַט אַ שטיק נישט לעבעדיגע זאַך.

דער װאָגען האָט זיך פֿאַמעליך געשלעפּט איבער'ן מיטען גאַס און לײבקע איז איהם נאָכגעגאַנגען בײַ דער זײַט, אויפֿ'ן טראָטואַר.

— גוט, װאָס נישט קײן גרױסע שטיקער — האָט זיך לײבקע געקלערט — קלײנע שטיקלעך פֿאַלען לײַכט אַראָנטער. נאָר דער װאָגען זאָל זיך ערגעץ אַ טרײסעל טהון. דאַן װעט זיך דערלאַנגען אַ שאָט, און ער װעט זײַן דער ערשטער צום קלײַבען.

דערװײַל איז דער װאָגען דורכגעפֿאָהרען אײן גאַס, פֿערדרעהט זיך אין אַ צװײטע, אין אַ דריטע, און נישט ער האָט זיך אַ טרײסעל געטהון און נישט קײן פּיצעלע קױהל אַראָבגעװאָרפֿען פֿון זיך.

לײבקע'ן האָט שױן אָנגעהױבען שטאַרק צו פֿערדריסען, נישט פֿאַרװאָס ער

איז געפּרווירען, נאָר פאַרוואָס ווילען די קויהלען נישט פאַלען? דערהויפּט האָט ער געקוקט מיט פּערדרוס אויף די גרעסערע פון די שטיקלעך קויהלען, וואָס האָבען זיך געהאַלטען ווי אויף אַ האָר איבער'ן ראַנד פון וואָגען, איין ריהרעלע נאָר, און זיי ליגען שוין אויף דער ערד. צו די דאָזיגע שטיקלעך קויהלען האָבען לייבקעס אויגעלעך ווי רחמים געבעטען: טהוט אַ טובה און פאַלט אַראָב! איך בעט אייך! אָבער די קויהלען האָבען צו איהם געשמייכעלט ווי לעבעדיגע נפשות.

— ס'ווילט זיך אונז נישט פאַלען! דאָ אויפ'ן וואָגען איז אונז גוט!

אויף דער זעקסטער גאַס האָט שוין לייבקעס געדולד געפּלאַצט. אָט די שטיקלעך קויהלען, וואָס זענען געהאַנגען אויף אַ האָר און גערייצט זיך מיט איהם דעם גאַנצען פּראָסטיג-שניידיגען וועג, האָבען איהם שרעקליך אויפגערעגט. אַ ביטערער נקמה-געפיהל האָט איהם אַדורכגענומען. ער מוז זיך מיט זיי אָברעכענען. און אויף אַ געוויסען אָרט, וואו מענשען זענען כמעט נישט דורכגעגאַנגען, האָט לייבקע פּלוצלונג אַראָבגעצויגען דער מאַמעס הענדשקעס פון די הענד, און אַ שפּרונג געטהון צום וואָגען פון הינטען, אַרויפגעקלעטערט, האָט ער אָנגעהויבען אַראָבצושאַרען פון וואָגען טאַקי יענע שטיקלעך קויהלען, אויף וועלכע ער איז אַזוי בייז געווען. איין שטיקעל נאָכ'ן אַנדערן, איין שטיקעל נאָכ'ן אַנדערן. דער פוהרמאַן איז געזעסען צו איהם מיט'ן הינטען, ווי אַ גולם. כאָטש נעהם ווארף אַראָב דעם גאַנצען וואָגאָן קויהלען, וועט ער נישט שפּירען און נישט ריהרען זיך.

לייבקע האָט געקאָנט נאָך פיעל שטיקלעך אַראָבשאַרען, אָבער די קויהלען זענען געווען אַזוי משונה'דיג קלעבעדיג קאַלט, אַז ביי דער ערשטער בעריהרונג זענען איהם די פינגער פערפרווירען געוואָרען ווי אייז. ער האָט געמוזט גלייך אַראָבשפּרינגען פון וואָגען און וואַרימען מיט'ן מויל זיינע פינגער. פּלוצלונג האָט ער דערשפּירט אַ גראָבע געזונדע האַנד האָט איהם אָנגענומען פאַר'ן קאָלנער. ער האָט אַ שרעקליכען קוויטש געטהון. אַ הויכער געזונטער פּאָליציאַנט מיט אַ גרויסען אויפגעשטעלטען פוטערנעם קאָלנער האָט איהם געהאַלטען פעסט.

— דו קליינער גנב! — האָט דער פּאָליציאַנט איהם פאַרגעוואָרפען און געשלעפּט נאָך זיך צום טראָטואַר.

לייבקע האָט געציטערט אויף אַלע גלידערלעך.

— ווער האָט דיך אויסגעלערנט גנב'ענען?

— איך האָב נישט גע'גנב'עט!

— שטיל דו ליגנער! ביזט נישט געווען אויפ'ן וואָגען?

— יאָ, ווייל... ווייל די קויהלען האָבען נישט געוואָלט פאַלען.

— וואָס זאָגסטו?

לייבקע האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, דערזעהענדיג אויפ'ן פּאָליציאַנט'ס פּנים אַ בעהאַלטענעם גוטמוטיגען שמייכעלע, און ער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען.

—איך בין נאָכגעגאַנגען דעם וואָגען אַ גאַנצע שטיק וועג. איך האָב אַלץ געמיינט, אַז שטיקלעך קויהלען וועלען אַראָבפאַלען, וועל איך אויפקלייבען. זענען

אבער די קויהלען נישט געפאלען. בין איך ארויפגעגאנגען זיי אראבצעווארפען.
דער פאליציאנט האט אויסגעשאסען מיט א געלעכטער.
— וואו וואהנסטו? ווער זענען דיינע עלטערען?
— קיין טאטען האב איך נישט. מיין מאמע איז היינט קראנק.
ערשט איצט האט דער פאליציאנט נעהנטער בעטראכט דאס ארימע קינד מיט די גרויסע מאמישע שיך. ער האט זיך א ווײלע פערטראכט, א בליק געטהון הינטער זיך צו דער גאס און פלוצים געבליבען ווי פערשעמט.
— געה! — האט איהם דער פאליציאנט אבגעלאזט און אליין שנעל אוועק־געאיילט, ווי ער וואלט געהאט עפעס וויכטיגעס צו ערלעדיגען. לייבקע האט זיך דערפרעהט. צוריק פריי! מיט דאנקבארע בליקען האט ער נאכגעקוקט דעם פאלי־ציאנט, וואס האט זיך אלץ מעהר דערווייטערט פון איהם. שפעטער האט ער א בליק געטהון צו דער גאס און דערזעהען דאס, וואס דער פאליציאנט האט שוין מיט א ווײלע פריהער דערזעהען.
צוויי עלטערע ווייבער האבען זיך גערוקט געבויגען איבער דער גאס און גע־קליבען אין זייערע טארבעס די אויסגעשאטענע שטיקלך קויהלען.
אויפגערעגט איז לייבקע צוגעשפרונגען.
— מיינע קויהלען! מיינע קויהלען! — און איז צוגעפאלען צום לעצטען שטיקעל קויהל אויפ׳ן שנעע.
איין אלטע האט איהם לייכט אבגעשטויסען.
— אוועק פון דאנען! וואס ווילסטו?
און זי האט ארויסגעריסען פון זיין האנד דאס שטיקעל קויהל און אריינגע־ווארפען אין איהר טיפער טארבע.
און אז לייבקע האט זיך איינגע׳עקשנ׳ט און אנגעכאפט מיט ביידע הענד דער אלטעס טארבע, וויינענדיג — מיינע קויהלען, — האט זי איהם א שליידער געטהון פון זיך מיט׳ן גאנצען כח און אויסגעשריען:
— דו לאבוס! דו גנב! איך געה שוין רופען א פאליציאנט!!
לייבקע איז געבליבען ליגען אויפ׳ן שנעע און ביטער געוויינט.

אלפא.

גאָדל

1.

ווען גאָדל איז געווען נאָך אַ קליינער „יאַט" פון אַ יאָהר צוועלף, האָט ער שוין בעוויזען אָבצוטהון אַזאַ שפּיקעל, אַז די גאַנצע שטאָדט האָט מיט איהם געקלונגען.

איינמאָל. פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג, ווען שאַ״ע דער מקוה־איד האָט די בעקאַנטע דריי קלעפּ געטהון, אַלס צייכען, אַז די מאַנסלייט זאָלען די מקוה פערלאָזען, האָט זיך דער קליינער גאָדל בעהאַלטען הינטער די טרעפּלעך, וואָס פיהרען אין וואַסער אַראָב, און ווען די נשים זענען אין וואַסער אַריין, איז ער זיי פּלוצים ווי פון אונטער׳ן וואַסער קאַפּויר געקומען....

מיט אַ „געוואַלד" און היסטערישע געשרייען איז יעדע פון זיי, געקאָרטשעט פאַר שרעק און חרפּה, מיט דער בלייכער נאַקעטקייט צוריק אין דערביי־איגען צימער אַנטלאָפען. באַלד איז שאַ״ע דער מקוה־איד אַריין, דעם תכשיט ביי די אויערען אַרויסגעשלעפּט, גוט איהם די ביינער אָנגעבראָכען און פון דאַמאָלס אָן איהם מעהר שוין אויף דער שוועל פון מקוה נישט אַרויפגעלאָזט.

אַ צווייט מאָל, האָט אַנטאָנ׳ע „פייפער", דער סטרוזש פון שוהל־הויף, אַ קליין ואַלט, איינגעשרומפּען גוי׳על, מיט אַ געקנייטשט פּנים ווי די שאָל פון וועלשענע ניס און רונדיגע, קליינע אויגעלעך ווי ביי אַנ׳עוף — געפּאַקט גאָדלען זיצענדיג ביינאַכט הינטער אַ פענסטער פון דער מקוה, וואו ער האָט מיט׳ן נאָגעל אַ שטיקעל ווייס־געלע ברודיגע אייל־פאַרב אָבגעקראַצט און אין דער בעלויכטענער מקוה צו די נשים אַריינגעקוקט....

אַז גאָדל איז דערוואַקסענער געוואָרען, האָט ער נאָכמעהר מיט זיינע מעשים געשמ׳ט. אָבער קיין גרויס וואונדער האָט דאָס שוין ביי קיינעם נישט אַרויסגערופען. „אַזאַ קלאָגעדיג בלוט — האָבען מענשען געזאָגט — דער טאַטע זיינער, ס׳זאָל איהם דאָרט צו קיין גנאי נישט זיין, איז אויך געווען דער אייגענער..."

שפּעטער, אַז גאָדל האָט „פּאָניען" אויסגעדיענט און פון „סלוזשבע" צוריק אַהיים געקומען, האָט ער מיט ביילע „סמיק", שוין אַ בעיאָהרטע, פעסטע מויד, חתונה געהאַט. געגאַנגען שבת מיט אַ רויטען טלית־זאַק אין שוהל אַריין, און געהייסען האָט עס, אַז גאָדל איז „געסטאַטקעוועט" געוואָרען. אין שטוב אָבער, פון ליטענס אויגען פערבאָרגען, האָט זיך דאָס פאָר־פאָלק שטיל, אָהן קולות, אָהן

געוואַלדן, פאַר זייגע פרישע עבירה'לעך אָבגערעכנט. איינס דאָס צווייטע האָט זיך געהאַקט און גע'ממית'ט און יעדע פאָר טעג פלעגט ביילע „סמיק“ ניי געפּעס צוקויפן ביז, ביז גאָדל האָט ענדליך מנצח געווען און איינמאָל, עס איז שוין צען יאָהר נאָך זייער חתונה געווען, זיי האָבן שוין דאַמאָלס זעקס קינדער געהאַט, האָט איהם ביילע „סמיק“, אין אַ שניי-פעלציגען שבת-אין-דערפריה, מיט דער הייז-גוי'ע אין קעלער געפּאַקט... האָט זי די גוי'ע אַזוי די פּיסקעס אויסגעפּאַטשט און אַזוי די זייטען אָנגעבויקערט, אַז די ערל'טע אין קוים-קוים אויף אַלע פיער, מיט אַ קורץ-אָטעמדיג קרעכצען, פון קעלער אַרויסגעקראָכען. גאָדלען אָבער, וועלכער איז בשעת-מעשה געשטאַנען אַן'איינגעבויגענער און כלומר'שט די קאַ-פּאָטע פון זאַמד און שטויב אָבגעקלאַפּט, איהם האָט זי נאָר מיט אַ ביסעל אַלטע, שוין אויסגעדראָשענע קללות מכבד געווען, און גאָרנישט...

אַזוי האָט דאָס פּאָר-פאָלק געלעבט, געקינדעלט און זיך געעלטערט.

2.

אַז גאָדל און ביילע זענען אין די זעכציגער יאָהרען אַריינגעקומען, זענען זיי פון זייער גרויס הויז-געזונד, בלויז מיט דער יונגסטער טאָכטער, פעסען, פערבלי-בען, וועלכע איז שוין איבער צוואַנציג יאָהר אַלט געווען, די איבריגע זיעבען קינדער, פינף זיהן און צוויי טעכטער, זענען זיך איבער ימים און לענדער צופלוי-גען. ווער קיין ניו-יאָרק און ווער קיין בוענאָס-איירעס, און בלויז זייערע פאָטאָ-גראַפיעס, אין געשניצטע פערשטויבטע רעהמלעך, זענען אין שטוב אויף די ווענט געהאַנגען.

געוואוינט האָט דעמאָלס גאָדל אין אַ געוועלב מיט אַ „גאַליאָרקע“, אויף וועלכער עס זענען די בעטען געשטאַנען, און פון געוועלב אונטען האָט מען חיונה געצויגען. פון דער גאַנצער גאַס איז מען צו איהם נאָך „וואָלאָטשיזנע“ געקומען, פון אומעטום האָט מען ביי איהם „פערבראָקעכץ“ צו די יויכען געקויפט. זענען ביי איהם שטענדיג הויכע זעק מיט קאַרטאָפעל און ציבעלעס געשטאַנען. זומער-האָבען זיך ביי איהם חדר-יונגלעך רויטע ראש-חודש-רעטעכלעך געקויפט. אַ מעס-טעלע יאַגדעס, אַגרעס און אַ ביגטעלע קאַרשען, וואָס ביילע סמיק פלעגט מיט אַ פאָדעם אַרומבינדען — זיבען פאַר אַ גראָשען. ווינטער איז נאָך אין געוועלב אַריין צוגעקומען אַ הויך, שווער און בויכיג פאַס מיט קרויט און זויערע עפּעלעך, וואָס האָט דאָס גאַנצע געוועלב מיט אַ טעמפען, זויערען ריח אָנגעפילט.

פרנסה איז געווען. זיי האָבען זיך פונ'ם געוועלבעל גאַנץ נישקשה'דיג „גע-זשיוויעט“, אַזוי אַז פאַר פעסע'ן אַ „וויפראַווע“ איז שוין אויך פון יאָהרען-לאַנג אין קופערט געלעגען.

פאַרטאָגס, אַז דער הימעל האָט נאָר אָנגעהויבען צו בלויען, פלעגט גאָדל מיט ביילע'ן, ביידע מיט פערוויקעלטע זעק אונטער'ן אָרעם, איבער די טונקעל-בלויע, שטיל-פערשלאָפענע, האַלב-ליידיגע גאַסען, אין מאַרק אַריין נאָך סחורה געהן. און ווי נאָר זיי זענען צוריקגעקומען און די סחורה אין געוועלבעל אָבגעלאָ-

רעוועט, איז שוין גאָדל אַ פרייער מענש געווען. פלעגט ער טאַקי אַ פּאָר שעה ביי עליע שענקער אין שענק זיצן און אַ פּאָר שעה ביי דער „הענעכאָווע“ אין טהייהויז פערברענגען, וואו עס פלעגן זיך פוהרמאַנעס, טרעגערס און אָקסענטרייבערס צונויפקומען. מען איז אַרום די טישלעך געזעסן, באַניע-קערלעך געקנאַקט און זיך מעשיות דערצעהלט.

דער בעסטער דערצעהלער פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע איז גאָדל געווען. אַז ער פלעגט אָנהויבן עפּיס צו דערצעהלן, האָט מען זיך אַרום איהם אַרומגעזעצט, אַרומגעשטעלט און אַריבערגעבויגן אַזוי, אַז מען האָט איהם אַליין נישט אַרויסגעזעהן. און כאָטש ער פלעגט אין זיינע מעשיות שטאַרק מגזם זיין און צום גרעסטן טייל דערצעהלן זאַכן, וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, דאָך האָט מען איהם גערן און מיט גרויס שפּאַנונג ליעב געהאַט אויסצוהערן.

„איינמאָל, — דערצעהלט גאָדל און דער אַרומיגער עולם טהוט זיך אַ בויג צו, ווי חסידים צום רבינ׳ס תורה-זאָגן, און ס׳ווערט שטיל-שאַ, — איינמאָל בין יאָך געפאָהרען אין אַ קאַליע אין אויסלאַנד. ס׳איז שוין מיט אַ סאַך, אַ סאַך יאָהרען צוריק געווען. כ׳בין דענצמאָל געפאָהרען פון באַרלין קיין בודאַפּעשט. יאָך אין די יונגע יאָהרען, בין זייער אַ סאַך געפאָהרען, אַ וועלט אויסגעווען און — ס׳איז דאָ וואָס צו זעהען... בין יאָך מיר אַזוי געזעסן אין דער קאַליע אויף דער באַנק און לעבען-מיר רעכטס איז געזעסן עפּיס איינער, אַ יונגערמאַן, מיט גרויסע וואָנסעס ווי אַ פריץ. ער האָט אויסגעזעהן „נישט קיין דריי פּאַר אַ גראָשען“, און לינקס ווידער איז געזעסן לעבען מיר נאָך איינער, שוין גאָר אַן אַלטער און אַ גראָהער. זענען מיר אַזוי געפאָהרען און גאָרנישט... יאָך רעד נישט צו זיי און זיי רעדען נישט צו מיר. דערוויל, זיצענדיג אַזוי, האָב איך געכאַפּט אַ „דרשים“ און כ׳האָב גאָרנישט געפיהלט, ווי דער קאָפּ מיינער איז אַזוי שאָקלענדיג זיך אַרויפגעפאַלען אויף דעם יונגענמאַנ׳ס אַקסעל און כ׳בין מיר אַזוי געשמאַק געשלאָפען. ערשט אַז די קאַליע האָט זיך אין בודאַפּעשט אָבגעשטעלט און ס׳איז געוואָרען אַ גרויס גערודער, האָב יאָך מיך אויפגעכאַפּט. גיי יאָך אַראָב פון דער באַהן, כ׳גיב אַ קוק — אפשר הונדערט מוזיקען שטייען און אַלע הויבען אָן מיט איינמאָל צו שפּילען, און אַזוי פיעל פעהנער און „נאַטשאַלסטווע“ ווי זאַמד אין ערד.... און דעם אַלטען מאַן און דעם יונגען מאַן, וואָס יאָך בין אויף זיין אַקסעל געשלאָפען, פיהרט מען מיט אַזאַ גרויסען פּאַראַד ווי אַ קייסער... פרעג יאָך זיך ביי איינעם: ווער זענען זיי? ענטפערט מען מיר: דער אַלטער איז משה מאַנטעפיורע און דער יונגער — באַראָן הערש....“

דאָ טהוט זיך גאָדל אַ גלייך אויס ווי ער וואָלט פון זיך עפּיס אַ משא אַראָפּגעוואָרפען, און די גרופּע צוהערער אַרום טהוען זיך אַ רודער פאַנאַנדער, ווי די פּלעפּקעס פון אַן אייגעטרוקענט פאַס, ווען די אויבערשטע רייף פּלאַצט.

דער און יענער פרעגען נאָך ביי גאָדלען פּרטים און ער ענטפערט יעדע:

גערן. באַלד שטעהען זיי צו איהם ווידער צו, ער זאָל זיי נאָך עפּיס פון אויסגע=לאַנד הערצעהלען. גאָדל לאָזט זיך נישט לאַנג בעטען און ער דערצעהלט:

„איינמאָל בין יאָך אָנגעקומען, צוויי וואָכען נאָך סוכות איז עס געווען, אין אַ גרויסע שטאָדט אַריין. כ'געדענק שוין אַצינד נישט, ווי די שטאָדט האָט געהייסען, — יאָך בין דאָך אַ וועלט אויסגעווען. ס'איז דען מעגליך צו געדענקען? — בין יאָך מיר אַריינגעגאַנגען אין שוהל אַריין. כ'קום אַריין — געב יאָך אַ קוק: מע גייט מיט הקפות. האַ?! בלייב יאָך שטיין אַ פערגאַפטער: צוויי וואָכען נאָך שמחת=תורה מיט הקפות? דערנאָך, ערשט בין יאָך געוואויר געוואָרען, אַז דער באַלעמער איז דאָרט אַזוי גרויס, אַז מע הייבט אָן ארומצוגיין שמחת=תורה, קומט מען צוריק ערשט אין צוויי וואָכען אַרום...

— חאַ=חאַ=חאַ! — קומען אין התפעלות די צוהערער, — ס'האָט שוין איינמאָל געמוזט זיין אַ שטיקעל שוהל! זי קען אונזער שוהל, דאַכט זיך, פערשטעקען אין כאַלעווע אַריין....

„אין דער זעלבער שוהל, — דערצעהלט גאָדל ווייטער, — האָב יאָך געזעהען הענגען אַ הענגלייכטער מיט העסעס, איז אין יעדער העסע דאָ אַ שיפעל, אויף וועלכער דער שמש שווימט צו אויפ'ן בוימעל דאָס קנויטעל אָנצוצינדען, און אין קנאָפּ פון הענגלייכטער וואוינט דער שמש מיט זיין ווייב און זעקס קינדער...“

דער עולם אַרום גאָדלען הערט מיט גרויס בעוואונדערונג. מאַנכע גלויבען אפילו נישט די גאַנצע מעשה, דאָך טראַכטען זיי: ווער ווייס? ס'איז דאָך פאָרט אויסלאַנד....

3.

דאָנערשטאָג, פרייטאָג און ערב יומים=טובים שטעהט גאָדל אין באַזאַר ביי „קויקעס“ פיש און לייזט. די פיש זענען נישט זייגע, נאָר פעסע די פישערקעס. נאָר אזוי ווי זי איז אייגע אַליין ביי פינף „קויקעס“, העלפט איהר גאָדל צו און ער בעקומט דערפאַר אַ פּאָר גילדען.

שטעהט אַזוי גאָדל איינמאָל אין באַזאַר און רופט די ווייבער פיש צו קויפען, געהט גראָד פערביי אַנ'אַלטער אָבגעריבענער גוי און טראָגט אויף זיין אָרעם אַ ברוין=סאַמעטענעם שלאָפראָק צו פערקויפען. רופט איהם גאָדל צו, בעטאַפּט, בעקוקט, איין פּאַטש אין גוי'ס האַנד אַריין, אַ צווייטען פּאַטש, און דער מסחר איז געמאַכט.

פרייטאָג צו=נאַכטס, אַז גאָדל איז אַהיימגעקומען פון שוהל, האָט ער דעם סאַמעטענעם שלאָפראָק אָנגעטהון. די לאַנגע קאָלטענעוואַטע, גרוי=בלאָנדע באָרד האָט ער מיט די פינגער פונאַנדערגעקעמט און, שפּרייזענדיג אויף און אָב איבער'ן געוועלב, האָט ער אָנגעהויבען זאָגען „שלום=עליכם“ מיט אזעלכע שאַרף=חסידישע תנועות און העויות, אז ביילע סמיק, וואָס איז געזעסען צוזאַמען מיט פעסען ביים ווייס=אָבגעקאַלכטען „פּיעצעקל“, האָט שטיל אַ זאָג געטהון:

— נו, פעסע, מעג איהם נישט די ערשטע כאָלערע כאַפּען?

— מאמע, האט זיך פעסע מיט א געלעכטער אנגערופען, — דו ווערסט גאר א חסיד אויף דער עלטער?

— נו, וואסי? — האט גאָדל מיט ערנסט געענטפערט, — ס'פאסט מיר אפשר נישט? כ'בין נאך אזא שיינער איד ווי „יודעל טרעלבאך", וואס האט א זוהן א „לעקאך" און א טאכטער א „נאפקע" און אזא שיינער איד ווי מענדעל „קנייפער", וואס האנדעלט מיט באכנעס, און דאך דאווענען זיי אין פאריסאָווער שטיבעל און זענען גאנצע „צלאפעס"! נישקשה, כ'וועל מיר נאך א שטריימעל אויך קויפען.

— יא, — האט ביילע סמיק פון איהר זייט הויך צוגעגעבען, — אויף דעם „פלייט" מעגסטו אלץ גלויבען, — דערביי האט זי זיך פון קעסטעלע אויפגעהויבען אויף וועלכען זי איז געזעסען, און איז צוגעגאנגען צום טישעל ביי דער וואנט, די פיש אויפגעבען. נאר דא האט איהר גאָדל פלוצלונג ארומגע- כאפט און אנגעהויבען מיט איהר צו טאנצען. ביילע סמיק האט זיך פון איהם געריסען און געשריגען:

— שייקסע-קריכער, אלטער בעל-עבירה'ניק, לאז מיך אב! א חסיד צו מיינע ערות, נו?....

גאָדל האט איהר אבגעלאזט, נאר דערביי איהר א קניפ געטהון אין הינטער- שטען טייל קערפער אזוי, אז זי האט מיט וועהטאג א געשריי געטהון:

— אוי, די הענד זאלען דיר אבדארען, טאטע זיסער אין הימעל!

גאָדל האט צופרידען געשמייכעלט, קידוש געמאכט, ביים עסען זמירות גע- זונגען און ביים בענשען זיך לאנג געשאקעלט.

ביילע סמיק האט פון איהר חוזק געמאכט. אבער דאך איז איהר דאס געפעלען, און א צופרידענע איז זי נאכ'ן עסען דורכ'ן לייטעריל אויף דער „גא- ליארקע" ארויסגעקראכען, וואו זי האט זיך א מידע אין ווייכען בעט אריינגעלעגט.

גאָדל איז אויך באלד ארויף אויבען, און אונטען, אין געוועלב, איז פעסע געבליבען ווארטען אויף איהר נאטע'ן.

נאטע, א הויכער, געזונטער, איינגעטרוקענטער יונג, א פוהרמאן, פלעגט יעדען פרייטאג-צו-נאכטס נאכ'ן עסען אריינקומען צו פעסע'ן.ביידע זענען זיי געזעסען ביי העם ווארימען „פיעציקעל" ביז שפעט אין דער נאכט אריין, געקנאקט באניע-קערען, געלייענט מעשה-ביכלעך און זיך געליעבט.

אז גאָדל האט שפעט ביינאכט געהערט, ווי פעסע האט שוין נאך נאטע'ס אוועקגעהען דעם טהיר-לאדען אויפ'ן לאנגען קייטעל פערמאכט, האט ער פון דער „גאליארקע" אראב א זאג געטהון:

— ווערסט זעהען, שוועסטערווע, ער וועט דיך נאך „צורעכט-מאכען" און אוועק- ווארפען.

— שלאף, שלאף, גנב'ישער חסיד, שלאף! — האט פעסע מיט כעס ארויס- געשריגען.

4.

אַז גאָדל האָט שבועות ביינאַכט צום ערשטען מאָל אָנגעטהון דאָס נידעריג אויסגעקראָכענע, געלע שטריימעל, וואָס ער האָט ביי משה קירזשנער פאַר צעהן גילדען איינגעהאַנדעלט, און זיך אָוועקגעשטעלט מיט'ן געפּינגערטען רויטען גלעזעל וויין אויף חער פלאַך פון זיין רעכטער האַנד קידוש מאַכען — האָט ער די אויגען מיט די גרויסע, געדיכט=בעוואַקסענע ברעמען פערקוועטשט, עטליכע סעקונדען זיך שטיל=פרום איבער'ן כוס געשאָקעלט און דערנאָך אַ קידוש מיט אַ יום=טוב'דיגען ניגון אָוועקגעלעגט, וואָס זינט ביילע סמיך לעבט, האָט זי גאָר אַזעלכעס נישט געהערט.

איז עס ביילען, וואָס דער אמת איז, שטאַרק געפעלען געוואָרען, נאָר דאָס שטריימעל האָט איהר דאָך געאַרט.

— זאָג מיר, כ'בעט דיך, ווי קומט צו דיר אַ שטריימעל? זעהסט דאָך אויס ווי אַ פורים=רב!...

— נישט נאָר אַ שטריימעל — האָט גאָדל מיט דער רוהיגקייט פון אַ תלמיד-חכם געענטפערט — נאָר כ'וועל נאָך מעטשעם, אויף שבת נאָך שבועות צום רבי'ן אויך פאָהרען.

— פאָהר, פאָהר. זאָל איבער דיר אַ ראָד אַריבער...

נאָר געוואוסט האָט ביילע, אַז גאָדל זאָגט, מעג זי איהם גלויבען. האָט זי עסען צום טיש דערלאַנגט און צום שמועס מיט'ן שטריימעל אַ קנייטש געמאַכט.

באַלד נאָכ'ן עסען איז ביילע ווי איהר געוואוינהייט גלייך אויף דער „גאַליאַרקע“ אַרויפגעקראָכען; פעסע האָט זיך אויפ'ן גרויסען, גרינעם קופערט אונטען אין געוועלב אויסגעבעט און זיך שלאָפען געלעגט, און גאָדל האָט דאָס תיקונ'דעל אויפגעעפענט און אָנגעהויבען מיט קוראַזש אויף אַן'עם=הארצ'יש גראָב קול תיקון צו זאָגען. ס'זענען אָבער קוים עטליכע מינוט אַדורך, האָט זיך זיין זאָגען אָפט און עפטער אָנגעהויבען איבערצוהאַקען און, שטילער צו ווערען, און טהוענדיג זיך יעדעס מאָל אַ וואָרף ווי אַ שיכור, איז ער לסוף אויף דעם תיקון מיט אַ הילכיג=כאָרכלענדיג שנאָרכען און נאָז=פייפעריי איינגעשלאָפען.

— הערסט, פעסע! — האָט ביילע סמיך פון דער „גאַליאַרקע“ אַראָבגעריעדט — און דאָס געהט צו אַ רבי'ן פאָהרען!....

— דיין דאגה — האָט פעסע אָבגעענטפערט — זאָל ער פאָהרען.

האָט גאָדל אַזוי אין סאַמעטענעם שלאָפראָק און מיט'ן שטריימעל אויפ'ן קאָפּ געשמאַק געכראָפּעט. די ליכט אין די מעשענע לייכטער אויפ'ן טיש זענען איינציגווייז יציאת=נשמה'דיג אויסגעגאַנגען. דאָס לעמפּעל אויף דער וואַנט האָט אָנגעהויבען, אַלץ טונקעלער און טונקעלער צו ווערען און אַלץ אַרום אין שאָטען איינגעהילט, ביז ס'איז גאָר אינגאַנצען פינסטער געוואָרען.

פאַרטאָג, אַז גאָטע האָט שטיל אָנגעקלאַפּט, ווי ער האָט זיך מיט פעסע'ן

אָבגערעדט אויף „מאיזבקע“ אין וועלדעל אַריין צו גיין, און פּעסע אַ באָרפיסע און האַלב-נאַקעטע האָט די לאָדען-טהיר אָבגעשפּאַרט און איהם אַריינגעלאָזט, האָט ער זיך צו פּעסע׳ן אַ לאָז געטהון און איהר אין זיינע פעסטע אָרעמס אַריינגעכאַפּט. פּעסע האָט זיך מיט חרפּה אַ טרייסעל געטהון און אַזאַ ענערגישען בליק צו דער זייט פון פאָטער געוואָרפען, אַז נאָטע האָט האַסטיג פון איהר די הענד אָוועקגעכאַפּט און דערשראָקען, מיט גרויס גייגער, זיך צום שלאָפענדען אין פינסטערען ווינקעל איינגעקוקט.

— ווער איז דער רבי? — האָט נאָטע צו פּעסע׳ן זיך צוגעבויגען און שטיל מיט שטוינונג און יראת-הכבוד געפרעגט.

— ש-ש-ש-ש.... דער טאַטע....

— וו-אָ-אָ-אָ-ס? דיין טאַ—טע?! — האָט נאָטע קוים בעוויזען, שטיקענדיג זיך פאַר געלעכטער, שטיל אַרויסצורעדען און ער האָט ראַפּטום אַ שפּרונג אַרויס אין גאַס געטהון, וואו ער האָט זיך אַזוי צוקייכט, אַז ער האָט זיך קוים צו דער וואַנד צוגעשאַרט, ער זאָל פאַר שוואַכקייט אויף דער ערד נישט אַנידערפאַלען...

5.

צוויי וואָכען נאָך שבועות האָט גאָדל איינגעפּאַקט דעם ברוינעם סאַמעטענעם שלאָפראָק, דאָס שטריימעל, אַ פּאָר לאַטשען און ווייסע זאָקען און איז אויף אַ פוהר צום רבי׳ן קיין פּאַריסאָוו אָוועקגעפאָהרען.

„באַלד נאָך יום-טוב, האָט ער זיך געטראַכט, וועט קיין איין פּראַגער חסיד ביים רבי׳ן נישט זיין. ווייל חער עס האָט געהאַט צו פאָהרען, איז אויף שבועות געקומען“. און גאָדל האָט טאַקי נישט געגרייזט: אויסער עטליכע שטענדיגע במלנים און די פּאַריסאָוער חסידים פון שטעדטעל גופא איז כמעט קיינער אין רבי׳נ׳ס בית-המדרש נישט געווען.

דרעהט זיך אַזוי גאָדל איבער׳ן גרויסען בית-המדרש ארויף און אַראָב אַ פער׳מוח׳טער, מיט וייך-רוהיגע הסידישע טריט, קומט צו איהם צו מענדעל משמש, גיט איהם אָב „שלום-עליכם“ און פרעגט:

— פון וואַנען איז אַ איד? ווי הייסט אַ איד?

— גאָדל פּראַגער. — ענטפערט גאָדל, טהוט אַ גלעט די לאַנגע באָרד און שפּרייזט ווייטער.

רינגלען באַלד אַרום מענדעל משמש אַנ׳עולם חסידים און פרעגען איהם, ווער דער נייער חסיד איז, און יעדער איינער זאָגט אַנ׳אַנדער השערה אַרויס:

— ער זעהט אויס אַ איד אַ למדן.

— אַ חריף.

— ר׳איז, דאַכט זיך, ביז היינט קיין גיער געפאָהרען.

— מסתמא אַ מיט-יוצא.

— גאָדל פּראַגער? איך האָב שוין לאַנג פון איהם געהערט. אַ שם-דבר...

— מ׳זעהט אַז...

האָט דער עולם, איינער נאָכ'ן צווייטן, זיך אָנגעהויבן צו גאָדל פּראַגער צו צושאַרן, איהם „שלום" געגעבן און מיט הכנעה זיך פון איהם אָבגערוקט, און איהם געלאָזט אַ פער'מוח'טען איבער'ן בית־המדרש שפּרייזן.

צומאָרגענס האָט שוין גאַנץ פּאַריסאָוו געקלונגען, אַז גאָדל פּראַגער איז פון גער'אַוועק און הייבט אָן קיין פּאַריסאָוו צו פאָהרען.

אַז גאָדל איז זונטאָג, מיט די פערפּאַקטע זאַכען אין דער גרויסער, רייטער גאָז־פּאַטשיילע, צו דער פוהר אַרויסגעגאַנגען, איז צו איהם, נישט דרייסט, צוגע־קומען אַ נידריג ברייט־ביינינ אידעל מיט אַ ברייט שיטער בערדעל און מיט גרוים אונטערטעניגקייט געזאָגט:

— כע, כע, כע, האָט'ס קיין פּאַראיבעל נישט, ר' גאָדל, אפשר קענט איהר אין פּראַגע מיין מחותן, וואָלט איך געוואָלט אָבגעהמען אַ גרוס פון מיין חתן.

— ווער איז דיין מחותן?

— יאָשקע חלפן.

— ס'אי גוט, — האָט גאָדל מיט אַ געלעכטעריגל אויסגערופען — יאָשקע'ן זאָל איך נישט קענען?

— און זיין בחור, אברהם־משה'ן?

— כי, כי, כי, — האָט גאָדל בנעימות'דיג געשמייכעלט — אברהם־משה יאָשקע חלפנ'ס פלעגט יעדען שבת צו מיר קומען אין לערנען שמועסען.

— און היינט? — האָט יאָשקע חלפנ'ס מחותן זיך מיט גרוים נייגיער געפרעגט.

— היינט, מילא היינט, היינט איז דאָך שוין אַנ'אַנדער וועלט געוואָרען.... איי, איי, איי, — האָט גאָדל מיט אַ פער'חושכ'ט פּנים געקרעכצט — די בעסטע קינדער אין פּראַגע זענען פון גוטען וועג אָראָב. נאָר ביכער און ביכער. לא עליגו!....

דאָס אידעל איז אָהן לשון געבליבען. ער האָט געפיהלט, אַז די ערד וויעגט זיך אונטער איהם. גאָדל האָט איהם חסידיש־ווייך אַ שטיקעל האַנד אריינגעשטעקט, איז אויף דער פוהר אַרויפגעקראָכען און די פוהר איז מיט אַ סקריפּען אַוועק־געפאָהרען.

6.

אַז גאָדל איז אַהיימגעקומען, האָט ער דאָס גאַנצע פּעקעל חסידות אין דער רומער פּאַטשיילע אויף דער „גאַליאַרקע" אַרויפגעלעגט, צוריק די ברייטע, ברו־דיג־שטייפע הויזען, די אַרבעל־געלאַטעטע מאַרינאַרקע און די שווערע, פערהאָר־טע שטיוועל מיט די געקניטשטע כאַלעוועס אַרויפגעצויגען און איז צו עליע שנ־קער אַוועק.

דאָס מאָל האָט זיך גאָדל אַ שווייגענדיגער ביי אַ לעדיג טישעל אַוועקגעזעצט, אַ שווערע האַנד ביז'ן עלענבויגען אויפ'ן טישעל אַוועקגעלעגט און מיט די פינגער אין טישעל קוים־קוים געפּויקט. איז צו איהם באַלד צוגעקומען איינער, אַ צווייטער,

אַ דריטער, אָבער גאָדל האָט זיי ווי נישט בעמערקט. געזעסן פערטראַכט און גע־שוויגען.

— שוין דאָ נישט געווען אַ פּאָר טעג, גאָדל? — האָט איינער פון די אַרומיגע אַ פרעג געטהון.

— ס׳איז אַ נאַרישע וועלט, זאָג יאָך ענק, קינדער. — האָט גאָדל אין אַ מוסר־שטימונג גערעדט — ס׳איז גאָרנישט... נאָ׳טס אייך, אַ שמעק טאַביק פאַר׳ן גאַנצען לעבען. דער עיקר איז צו זיין גוט און פרום. אַז מען פאָהרט צו אַ גוטען איד, זעהט מען, אַז ס׳איז אַלץ נאַריש...

— אַלע אידען זאָל׳ מאָ אַזוי, ווי כ׳וואָלט נישט געשוואוירען, אַז גאָדל איז ביי אַ גוטען איד געווען. — האָט איינער פון דער חברה אַרום אַ זאָג געטהון און אַלע האָבען נייגעריג אויף גאָדל׳ס ענטפער געוואַרט.

— אודאי, — האָט גאָדל נישט געאיילט געענטפערט — אין פאָריסאָוו, ביים פאָריסאָווער רבי׳ן זאָל לעבען. ר׳איז אַ וואַזשנער צדיק, זאָג יאָה, ענק. יאָך זאָל אייך נעהמען דערצעהלען האָם ביסעל מופתים, וואָס כ׳האָב מיך דאָרט אָנ־געזעהען — איז מויל און אויערען אויפצושטעלען...

— דערצעהל, דערצעהל, גאָדל.—האָבען זיך עטליכע פערגרעבטע, הייזעריגע שטימען געבעטען — און אַלע אַרום האָבען זיך צו גאָדלען צוגעבויגען.

גאָדל שוויגט אַ ווײַלע און הויבט אָן:

—ס׳איז געווען פרייטאָג פאַרנאַכט, ס׳איז שוין באַלד געווען „מראקעם“, מ׳האָט שוין בעדאַרפט אָט־אָט ליכט־צינדען, פאַלט אַריין אַ איד אין רבי׳נס בית־המדרש אַריין מיט אַנ׳איין־און־איינציגער טאָכטער, אַ מיידעל בלוט און מילך, זאָג׳ך ענק, נאָר ס׳איז אין איהר אַריין אַ דיבוק. זי איז אַרויסגעגאַנגען; שפּעט בייגאַכט פערמאַכען די לאָדען און ז׳האָט פערגעסען ס׳פאַרטוך אָנצוטהון. „הייליגער רבי, שרייט דער איד, כ׳בין שוין אויסגעווען ביי אַ וועלט מיט גוטע־אידען און להבדיל ביי אַלע דאָקטוירים און „אָוטשאַרזשעס“ און קיינער קאָן מיר נישט העלפען. איצט בין איך געקומען פאָר — גאָט, דערנאָך צו אייך, רבי, איהר מוזט מיר העלפען. כ׳על נישט אַוועקפאָהרען פון דאַנען, איהר מוזט מיר העלפען“.

— לאָ׳מע צינדען ליכט! — האָט דער רבי צום משמש אַ זאָג געטהון, — איצט איז שבת־קודש!

באַלד נאָך הבדלה — דער איד איז דאָ.

האָט דער רבי זאָל לעבען איהר אַליין אַריינגענומען אין אַ בעזונדערע שטוב אַריין, אונז אַלע זענען מאָ הינטער די טהיר געשטאַנען און יעדעס וואָרט גע־האָרכט.

„— זאָלסט די מינוט פון איהר אַרויס!“ — האָט דער רבי צום דיבוק אַ געשריי געטהון. — „וואוהין זאָל איך געהן?“ — האָט דער דיבוק ביטער גע־וויינט. — „ס׳איז מיר דאָ זעהר גוט. איך בלאָנקע מיך שוין אַרום אַסאַך יאָהרען,

ביז כ'האָב „נאַרעשטשע" אַנ'אָרט געפונען". — „געה אויף אַלע ווילדע מדבריות, וואו קיין מענשען געהען נישט!" — האָט דער רבי ווייטער געזאָגט. האָט דער דיבוק אָנגעהויבען צו וויינען. אָבער מיט אַזאַ מאָדנעליש קול, וואָס ציים איך לעב האָב איך נאָך אַזעלכעס נישט געהערט. כ'זאָג ענך — די הויט האָט זיך אויף מיר געזמאַרשטשעט. דערנאָך האָט עפּעס דער רבי גענומען זאָגען אַזעלכע תורה־ווערטער, וואָס קיינער פון די חסידים האָט נישט פערשטאַנען, און אַ געשריי געטהון: „זאָלסט שוין אַרויס, זאָג איך דיר, די רגע! נאָר נישט דורך קיין אַנדער אָרט, ווי דורך דעם מינדסטען פינגערל פון דער לינקער האַנד." און דעם האָט זיך אַ טראַסק אַ שויב דערהערט, ווי מיט אַ סטרולקע. דער רבי, זאָל לעבען, האָט די טהיר געעפענט. דאָס מיידעל האָט גע'חלש'ט. מען האָט איהר קוים אָבגעמינטערט.

— כ'האָב אַליין געזעהען, — האָט גאָדל מיט אַ רוהיגערען, זיכערען טאָן צוגעגעבען, — ווי אין אַ שויב איז אַ לעכעלע, גרוים ווי אַ זילבערען צעהנערעל געווען און די גאַנצע שויב איז גאַנץ געבליבען, און דאָס קליינע פינגעריל פון מיידעלס לינקע האַנד האָט אין קאַמע שפּיץ אַ שטאָך ווי מיט אַ שפּילקע געהאַט.

— אָט דאָס הייסט אַ גוטער־איד! — האָט גאָדל, אויסגלייכענדיג זיך, צוגעגעבען.

— וואָס דען? — האָט וואָוטשע פערד־מעקלער צוגעגעבען — וואויל איז דעם, וואָס האַלט זיך אין זייער קליאַמקע אָן.

.7

אַז דער פּאָריסאָווער מחותן איז אַהיימגעקומען און דערצעהלט דאָס „נחת", וואָס ער האָט פון חתן געהערט, איז אין שטוב געוואָרען תשעה־באב. די מחותנת'טע איז אויס־מענש געוואָרען. זי האָט אַ גאַנצען טאָג קיין גלייך וואָרט נישט גערעדט. די כלה איז אין אַ שוואַרצען שאַל געהילט, איז מיט אַ בלייך, אומעטיג פּנים ביים פענסטער געשטאַנען און טריב אין געסעל אַריין געבליקט. און ער אַליין, דער מחותן, האָט זיך אַ גאַנצען טאָג אַרוים און אַריין געדרעהט, קיין אָרט זיך נישט געפונען און צו קיין עסען נישט צוגעשמעקט.

צומאָרגענס, מיטוואָך, ווי גיך דער יאַריד אין פּאָריסאָוו האָט זיך געענדיגט, די פּויערישע לייטער־וועגעלעך האָבען זיך אָנגעהויבען פון מאַרק אויסצופּלאָנטערען פונאַנדערצוקריכען, איז דער פּאָריסאָווער מחותן אויף אַ פוהר קיין פּראַגע געפאָהרען. און ווי גיך ער איז דאָנערשטאָג פאַר האַלבען טאָג קיין פּראַגע אָנגעקומען איז ער גלייך פון דער פוהר צום רב אַוועק.

דער רב האָט איהם מיט אַנ'איידעלער, ווייכער האַנד „שלום" געגעבען, געבעטען זיצען און האָט אַוועקגעלעגט די רויטע נאָז־פאַטשיילע אויף דעם אָפענעם ספר, וואָס ס'איז פאַר איהם געלעגען.

— ס'איז אַזוי די מעשה — האָט דער פּאָריסאָווער מחותן אַביסעל מבולבל

אָנגעהויבען, — איך בין פון פּאָריסאָוו, בין איך. איך בין, רבי, יאָשקע חלפּנ'ס מחותן.

— אַזוי, יאָשקע חלפּנ'ס מחותן? — האָט דער רב מיט אַ ליכטיג=צושטראַלט פּנים איבערגעזאָגט — איהר האָט ב"ה, קיין עין=הרע, אַ גוטען חתן.

— און איך בין געקומען אָבלאָזען דעם שידוך, רבי.

— וואָס?! — האָט זיך דער רב אַ צושטרייטער אויף דער ווייכער רבנות=שטוהל צושאָקעלט. — אָבלאָזען דעם שידוך? פאַרוואָס? פאַר ווען?

האָט זיך דער פּאָריסאָווער מחותן צום רב צוגעבויגען און, כאָטש ס'איז אויסער זיי ביידע מעהר קיינער אין בית=דין=שטוב נישט געווען, גערעדט ווי איינגערוימט:

— דער חתן, זאָגט מען, איז אַביסעל געכאַפּט. ס'הייסט. מ'זאָגט, ער לייענט ביכער, ר'איז קאַליע. איך, רבי, — האָט ער אַביסעל אַ הויב געטהון דעם טאָן, — איך האָב אַנ'איין=און=איינציג קינד, קיין עין=הרע, אַ שענעם, אַ געראָטענעם, איך בין ב"ה אַ בעל=פּרנסה, כ'האָב אַ קראָם פון לעדער. כ'גיב אַלץ אַוועק: דאָס מיידעל מיט דער קראָם, מיט הכול=בכול. אַבי כ'זאָל האָבען אַנ'איידעם אַ בן=תורה, אַנ'אמת'ען ירא=שמים, — לכוף הערט איהר דאָך, רבי!...

— און איך זאָג דיר, אַז דיין חתן, אַברהם=משה, איז אַ בחור אַ גרויסער בן=תורה און אַ פרומער, אַבגעהיטענער, חסידישער בחור. איך קען איהם גוט דורך און דורך. איך דאַווען מיט יאָשקען אין איין שטיבעל.

— ווי זשע קומט עס, רבי, מ'זאָל אויף איהם רעדען? און נישט קיין ליאַדע אַבי=ווער, נאָר גאָדל פראַגער. כ'בין דאָך שוין, רבי, זאָג איך אייך, לא=עליכם, אוים מענש!

— ווער, ווער? גאָדל פראַגער? — האָט זיך דער רב געריבען דעם שטערען,— מאָטעל! מאָטעל! — האָט דער רב גערופען.

ס'איז אַריינגעקומען אַ מיטעל=וואוקסיג אידעל מיט אַ ריין=צעקעמט שוואַרץ בערדעל, אין אַ ציכטיג, געהאַכט קאַפּאָטקעלע און אין גלאַנץ=אויסגעפּוצטע שטיוועל.

— מאָטעל, — האָט דער רב זיך צו איהם געווענדעט, — ווער איז עס דאָ אין פּראַגע איינער „גאָדל פראַגער"?

— גאָדל פראַגער? — האָט מאָטעל זיך געוואונדערט — ס'איז דאָ אין פּראַגע אַסאַך „גאָדל פראַגערס". ס'איז דאָ גאָדל דער פּאַפּיר=סוחר, גאָדל נאַפּמשאַרזש, גאָדל בעקער, גאָדל איטשאַרזש און אַ חוץ זיי איז נאָך פאַרהאַן גאָדל'ס אַסאַך

— פונדעסטוועגען, מאָטעל, — האָט דער רב געזאָגט צום משמש, — מיין איד, אַז ס'וואָלט גלייך געווען, וואָלסט נעהמען דעם איד און זיך אַדורכגעהן מיט איהם אַביסעל איבער דער שטאָדט, וועט ער דערקענען דעם „גאָדל פראַגער", וואָס האָט מוציא=לעז געווען אויף אַזאַ תמים ווי אַברהם=משה יאָשקע חלפּנ'ס איז.

בפרט, אַז עס האַלט אַזוי ווייט, אַז דער איד איז געקומען פון פּאַריסאָוו שוין גרייט דעם שידוך אָבצולאָזען.

— כ׳קען געהן — האָט מאָטעל משמש, קווענקלענדיג זיך, געזאָגט.

— כ׳וועל ניש פערלאַנגען אומזיסט, — האָט דער פּאַריסאָווער מחותן אַ צוברָאכענער געזאָגט.

האָט מאָטעל דער משמש דעם שטעקען גענומען און איז מיט׳ן מחותן שפּאַצירען איבער דער שטאָדט אַוועק.

זענען זיי פון איין גאָרל צום צווייטען געגאַנגען און דער פּאַריסאָווער מחותן האָט וועלין איינאיינעם גע׳טענה׳עט: ניין, ניש דער איז עס. יענער האָט אַ לאַנגע, ווייס־בלאָנדע באָרד געהאַט.

אַז מאָטעל איז צום סוף מיט איהם אין באַזאַר אַוועק, געוויזען איהם גאָרל יאַיטשאַש און ער האָט נאָך אַלץ גע׳טענה׳עט: ניין, ניש דער איז עס, — איז מאָטעל אַ ווייל מיער שטעהן געבליבען, מיט ביידע הענד אויף דער ווייסער, בייגערנער גאַלקע פון שטעקען אָנגעשפּאַרט, און דערנאָך אין פערלעגענהייט מיט קריכענדיגע טריט איבער׳ן באַזאַר געגאַנגען און דער פּאַריסאָווער מחותן איז ווי אַ פערווארטיילטער נעבען איהם נאָכגעגאַנגען.

— נו, וואָס קען איך וויסען? — האָט דער משמש טעמפּ־טראַכטענדיג ווי צו זיך אַליין גערעדט, — געה זוך אין אַזאַ גרויסער שטאָדט ווי פּראַגע איז — גאָרל׳ס. אָט, נאַ׳ט אייך, שטעהט האָרט ביי די פיש אויך אַ גאָרל.

דער פּאַריסאָווער מחותן האָט אַ פערצווייפעלטער געלאַסען דעם קאָפּ אויפגעהויבען און, דערזעהענדיג אין דעם אָנגעוויזענעם דעם אמת׳ן „גאָרל פּראַגער״ צווישען אַ געווימעל ווייבער, שרייענדיג: פרישע, צאַפּעלדיגע ווייבעלעך, צוואַנציג גראָשען אַ פונט! — האָט ער אינגאַנצען אַ צאַפּעל געטהון און, אָנכאַפּענדיג זיך אָן משמש, האָט ער פערשעמט־דערשראָקען געשריגען: קומט! קומט! דאָס איז ער! דאָס איז ער!פוי זאָל ער ווערען! דאָס איז ער!

דער מחותן איז געלאָפען אַ צוטראָגענער, פאַראוים, שלעפּענדיג הינטער זיך דעם משמש, וואָס האָט זיך געהאַלטען ביי די זייטען פאַר געלעכטער און, אַזוי שפּרייזענדיג, האָט זיי נאָכבעגלייט מיט חוזק גאָרל׳ס אַלט־הייזעריגע, ברייטע שטימע:

— פרישע, צאַפּעלדיגע ווייבעלעך, צוואַנציג גראָשען אַ פונט!...

ב. ווילנער (ביטען)

מאַמעס

אין טהיר האָט זיך בעוויזען דער בריעפטרעגער, נאָך אויפ'ן שוועל הויך אויסגערופען: גרינשפאַן, געבראַכט אַ פּאָר האַסטיגע טריט צום טיש צו, אַ וואָרף געטהון אויף איהם אַ דעפּעשע, גיך אַ מיש=אויף געטהון אַ בוך און געהייסען אונטערשרייבען. פון צווייטען צימער איז מיט איילינע טריט אַריינגעקומען אַ הויכער פעסטגעבויטער שוואַרץ=הנ'עוודיגער בחור, אַ כאַפּ געטהון דעם אויסגעשטרעקטען בלייפעדער, אַ פיהר געטהון מיט איהם אין אויפגעעפענטען בוך, דערנאָך אויפגעריסען די פערקלעבטע דעפּעשע, אַ לויף געטהון מיט די אויגען איבער די דונקעלע בוכשטאַבען און הויך, מיט פרייד אויסגעשריען: מיר פאָהרען! מיטוואָך, געהט אָב די פּאַרטיע.

זיין מוטער, אַ נידעריג געבויגענע פרוי פון צרות און יאָהרען האָט שווייגענדיג אויף איהם אַ קוק געטהון, געפיהלט ווי טרעהרען לויפען צו די אויגען, האָט זי זיך נידעריגער אָנגעבויגען איבער איהר גענעה, געשטיקט אין זיך דעם שפּאַרענדען שטראָם, נישט געקאָנט דערשטיקען און אַ פּלאַץ אויס געטהון מיט אַ יאָמער: מיין קינד! דער בחור האָט זיך דערפיהלט אונבעקוועם מיט זיין פרייד, האָט ער איילינג אויף זיך געכאַפּט דעם מאַנטעל און זיך געלאָזען צו די חברים.

די מוטער איז אויפגעשטאַנען, געקוקט דורך טרעהרען מיט וועהטאָג אויף די פערפּאַקטע פּעקלעך, דערמאָהנט זיך, אַז מיט פופצעהן יאָהר צוריק איז אויך אָנגעקומען אַ דעפּעשע, — איהר עלטסטער זוהן איז דאַן אָבגעפאָהרען נאָך אַמעריקאַ, און מיט פינף יאָהר צוריק ווייטער אַ דעפּעשע, — דער צווייטער זוהן איז אַוועק אין קאַנאַדע. און אָט ווידער אַ דעפּעשע. דאָס רופט מען דעם יונגסטען, איהר לעצט געבליבענעם זוהן, דער פאָהרט אין ארץ=ישראל. אַ חלוץ איז ער, צוויי יאָהר געאַרבייט ערגעץ אין אַ טאַרטאַק, אַוועקגעפאָהרען אַ בעקליידעטער און געקומען אַן אָבגעריסענער מיט אַ שוואַרץ פערברענט געזיכט, און מיט אַ שטענדיגען שמייכעל אויף די ליפּען און בעדייט האָט אָט דער שמייכעל: מענשען זענען מיר, מיר בויען אַן אייגען לאַנד.

וויפיעל זי האָט מיט איהם נישט צעטענה'ט, געוויינט, געבעטען: דאָס לעצטע קינד, די איינציגע טרייסט, זאָל ער בלייבען דאָ, נעבען איהר, חתונה האָבען; אין אַלין אַ נאָכגעביגער, אין אַלץ אַ געטרייער זוהן, איז ער אָבער ביי דעם פערעקשנט וויל נישט הערען איהרע רעד און טענות: ארץ=ישראל און ארץ=ישראל, דאָרטען

אין זיין אָרט. ער טרייסט, בערוהיגט, ער וועט זי אַריבערנעהמען, עס וועט איהר גאָרנישט פעהלען. געדענקט זי יענע, די עלטערע, האָבען אויך אַזוי גערעדט, דערמאָהנען נאָך אין יעדען בריעף וועגען דעם, האַלטען אין איין רופען. וואָלטען זיי אַלע געווען צוזאַמען, אַלע אין איין לאַנד, וואָלט זי זיך אפשר בעשלאָסען אויף דער עלטער די רייזע צו מאַכען, האָט זיי אָבער דער שיקזאַל אין פערשידענע ווינקלען צעוואָרפען, אין בעזונדערע לענדער, און דער יונגסטער, איהר לעצט פערבליבענער ציהט וויעדער אין אַ נייַ לאַנד, אמת אַ אידיש לאַנד, ארץ־ישראל, אָבער...

דער אָבער מאַכט בלוטיגען איהר האַרץ, עפּעס זענען פון דאָרטען די גרוסען נישט אַזעלכע גוטע, ווייס זי, אַז אייניגע זענען געקומען צוריק אויך, געקומען אָרימע, צעבראָכענע און דערמאָהנען מיט וועהטאָג און חרטה זייער פעהלער, זי ווייס: פאַרהאַן אויך אַזעלכע וואָס האָבען זיך דאָרטען איינגעוואָרצעלט, וואָס שרייבען גוטע בריעף. ווער ווייס, צו וועלכען טייל איהר קינד וועט אָבער געהערען?

די טהיר מאַכט זיך אויף, צוזאַמען מיט'ן פראָסט, בעווייזט זיך אַ הויכע, דאַרע אידענע, אַ שכנה איז זי, אַ שטיבעל געגען אַ שטיבעל, איהר זוהן פאָהרט אויך, אין אַנ'אַנדער לאַנד פאָהרט ער, אַרגענטינא הייסט עס, איהר זוהן איז אַ בונדיסט, אַ שאַרפער געגנער פון ארץ־ישראל, מיט גרינשפאַנ'ען איז ער שוין לאַנג ברוגז. ביידע חברים פון דער יוגענד: אין איין חדר געלערנט, און אין איין קלאַס געגאַנגען, זומער צוזאַמען זיך געשיפט, ווינטער אויף אַ בשותפות'דיגען שליטעל זיך געגלישט, דערנאָך האָט מען זיך גענומען ביכער לייענען, אויף מיטינגען געהן. איז איינער געוואָרען אַ פייערדיגער ציוניסט און דער צווייטער אַנ'איבערגעגעבענער בונדיסט. אַ שטיקעל צייט פלעגט מען זיך נאָך צוזאַמען טרעפען, דיסקוסיעס פיהרען, ביז מ'האָט זיך אויף אַ מיטינג שטאַרק צעווערטעלט, פון פּאַרטייאישע איבערגעגאַנגען אויף פערזענליכעס, זיך גוט צעקריעגט און פון דאַן אָן איז מען פערביסענע שונאים, שוין יאָהרען אַז מ'רעדט נישט צווישען זיך, יאָהרען אַז מען מיידט־אויס איינער דעם צווייטען. און אָט האָט דער צופאַל געוואָלט, אַז ביידע זאָלען דעמזעלבען טאָג דעפּעשען בעקומען און ביידע זאָלען דעם זעלבען טאָג, מיט'ן זעלבען צוג אָבפאָהרען.

ווילען נישט וויסען פון זייער ברוגז זייערע מאַמעס, אַ בשותפות'דיגען וועהטאָג האָבען זיי, איין צער פרעסט זייערע הערצער. פון איין קוואַל פליסען זייערע טרעהרען, לויפט מען אַלע ווייל איינע צו דער צווייטער, איז מען זיך מיישב וואָס מיטצוגעבען, וואָס איז נויטיג אויפ'ן שיף, אַזאַ וועג, אַזאַ וועג... קוקען איצטער די מאַמעס אויף די פערפאַקטע פעקלעך, שלינגען די טרעהרען און וואַרפען זיך דורך מיט פראַזען:

— איז דיר פאָרט נישט אַזוי שווער ווי מיר, דיין דוד פאָהרט דאָך עפּעס אין אַ אידיש לאַנד, ארץ־ישראל. אָבער מיינער, אַזש אין אַרגענטינא, אַזאַ ווייטקייט, גאַנצע פיער וואָכען מיט'ן שיף, בעט איך זיך ביי איהם: אפשר וואָלסטו אויך גע-

פאָהרען אין ארץ־ישראל. ווערט ער אין כעס, פייערט: „רעד מיר נישט, רעד מיר נישט"...

— און וואָס מיינסטו, ארץ־ישראל, איז מיר נישט דערזעלבער וועהטאָג, דאָס לעצטע קינד, יענע, גאָט ווייס, צי מיינע אויגען וועלען זיי שוין זעהען, געהאַפט אויף דעם, געטראַכט: דער יונגסטער, אפשר אַנדערע געדאַנקען, געקלערט: ער וועט חתונה האָבען... דערלעבען אַ נחת... אַ אייניקעל... און איצטער וואָס? אַליין, אַליין אויף דער עלטער, עלענד... אַ שטיין... אַזוי ווי גאָר קיינמאָל קיין קינדער נישט געהאַט...

— און איך, ווערגט זיך די ערשטע, אַ פינסטערע אלמנה, געהאָרעוועט, גע־פינסטערט, פערשוואַרצט געוואָרען, געהאָפט: אַ געראָטענע קינד, גאָט וועט העלפען, אויף דער עלטער... און דער סוף, וועט אפילו נישט זיין ווער עס זאָל די אויגען פערמאַכען.

און נאָך לאַנג, לאַנג טיילען זיך די מאַמעס מיט זייער וועהטאָג, ברעכען די הענד און זיפצען: היינטיגע קינדער... היינטיגע קינדער...

אָוועגד. נעבען שטיבעל האָט זיך אַ שליטען אָבגעשטעלט, אַעלטערער אָנגע־פעלצטער איד האָט די טהיר אויפגעמאַכט, אַ ברייטען „גוטען אָוועגד" אַריינגע־וואָרפען, מיט אַ ליעבליכען בליק אָבגעמאָסטען די פערזאַמעלטע בחורים און מייד־לעך און צופרידען אַ זאָג געטאָן: האָבען מיר הייסט עס ווידער אַ שמחה. און אַ שמחה איז עס ביי איהם נישט קיין קליינע, שוין יאָהרען אַז ער האָט גענומען אויף זיך די מצוה יעדען אָבפאָהרענדען נאָך ארץ־ישראל אומזיסט צום קליין־באַהן צופיהרען, שטאָלץ איז ער מיט זיין מיסיע און וואָלט עס אַ צווייטען פאַר קיין געלד נישט אָבגעלאָזט. שוין אַ פאָר שעה פאַר'ן אָבגעהן פון קליין־באַהן פערפאָהרט ער מיט זיין פוהרעל אָדער שליטען, העלפט זיך פאַקעווען, גיעט עצות און חזרט איבער ווידעמום דאָס זעלבע: למען השם נישט צוריקקומען.

ווען אַלץ איז שוין פאַרטיג צום אָבפאָהר, שלעפט ער אַרויס פון די קעשענעס אַ פאָר פלעשער בראַנפען, שטעלט אויפ'ן טיש מיט אַ קנאַק און צווינגט אַלע אנוועזענדע צו טרינקען.

שטעהט ער דאָ אויך נעבען טיש, גיסט פון אַ פלאַש אין גלעזלעך און טיילט בסדר צווינשענדיג: לחיים, לחיים!... גיך ווערט דאָס שטיבעל פערפולט, אַ פאָר מיידלעך פון „השומר הצעיר" שטעהען אין אַ ווינקעל מיט אַ מתנה, און שעמען זיך עס דערלאַנגען, צום סוף טרעט איינע אַרויס, ווערט רויט און שיסט אויס:

— אונזער מתנה דעם ערשטען שוואַלב פון דער פינפטער עליה.

הויבט דער עולם אָן צו אַפלאָדירען, געזיכטער ווערען צעהיצט און צעפלאַמט, פערוואַרפט מען אַ האַנד אויף אַקסעל און באַלד צעלאָזט מען זיך אין אַ התלהבות־דיגען טאַנץ.

פאָהרט־צו נאָך אַ שליטעל, אַ יונגער מענש שפרינגט פון איהם אַרויס און

לאָזט זיך צום שטיבעל און אַז מען בעמערקט איהם ביים טהיר, הויבען הענד אָן פרעהליך צו פּאַטשען און מיילער צו שרייען: ד״ר שטיין, ד״ר שטיין! ווערט די שמחה נאָך גרעסער, די פרייד נאָך שטאַרקער.

דרעהט זיך אַרום די מוטער צווישען די פערזאַמעלטע געסט, פיהלט אַ שטאַרקע ליעבע צו די אַלע געקומענע, צו איהר זוהן איז מען עס געקומען, צו איהר זוהן!... ווילט זיך איהר איצטער אַלעמען אַרומנעהמען פון חדוה, אַלעמען, אַלעמען עפּעס ליעבעס און האַרציגעס זאָגען, נאָר וואַרפט אַ בליק אויף די פּעקלעך, ווערט איהר קלאָר, אַז באַלד, באַלד וועט ער אַוועקפאָהרען, פרעסט זיך דאָס האַרץ צונויף, אין קאָפּ האַקט עפּעס און אין האַלז שטיקט, אַ הייסער שטראָם גיט צו די אויגען אַ שפּאַר, שאַרט זי זיך אַרויס פון שטיבעל, פאַלט צו צו דער פראָסטיגער וואַנד און — דער שניי זאַפּט איין זיך איין די ברענענדע טרעהרען.

איז אין דעם צווייטען שטיבעל, אַנטקעגען, אויך פול, וואַרטען אויך שליטענלעך אויפ׳ן גאַס און חברים דרעהען זיך אַרום. מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז ביידע אָרגאַניזאַציעס ווילען זיך פערמעסטען מיט זייער קראַפט: ווער וועט מאַכען דעם אָבפאָהר פון איהר מיטגליעד ראַשיגער, אימפּאָזאַנטער? הילכט עס אויך פון דאָרטען הוראַ־געשרייען, גלעזלעך קלאַפּען און ליעדער קלינגען.

און אין אַ ווינקעל אויפ׳ן גאַס, אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנד, שטעהט אויך אַ מוטער, די צווייטע מוטער, טרייסעלט זיך מיט׳ן גאַנצען קערפּער און כליפּעט שטיל.

האָט אַ בייטש אַ קנאַל געטהון, שליטלעך האָבען זיך גערירט, פערדישע קאָפּיטעס האָבען גענומען שפּריצען מיט שניי און באַלד האָבען הייזער גענומען לויפען און אויף הינטען בלייבען, און אַז די הייזלעך האָבען זיך געענדיגט האָט זיך בעוויזען דער וואָקזאַל, אַ ליכטיגער, אַ גרויסער, מיט אַ סך ברענענדע פענסטער. האַרט ביי דער פּלאַטפאָרם שוואַרצען זיך וואַגאָנדלעך געשפּאַנט אין אַ שוואַרצען לאָקאָמאָטיוו, ביין איז ער, ווייזט אויס, דער לאָקאָמאָטיוו און דערפאַר קאָכט ער און פרעגעלט זיך, שפּייט אָהן אויפהער מיט שוואַרצען רויך און לעקט פאַר זיך מיט ברענענדע אויגען, און בעדייטען בעדייט דער קוק: קום נאָר מיר אין וועג אַריין, וועל איך דיר ווייזען!

דרעהען זיך אויף דער פּלאַטפאָרם הונדערטער אינגלעך און מיידלעך, קוקען אויף זיי די באַהן־בעדיענער און פערשטעהען נישט וואָס דאָס איז. זיי זענען געוועהנט צו איינצעלנע פּאַסאַזשירען און דאָ אַזאַ עולם. און דער עולם איז אויך עפּעס אַזאַ מאָדנער, אַ צעטיילטער אויף צוויי פייגדליכע לאַגערען, וואָס וואַרפען זיך, דורך מיט בייזע צווישענרופען, אָט־אָט און ביידע מחנות וועלען אָנהויבען אַ מלחמה. נאָר פּלוצלונג רייסט זיך אַרויס אַ געזאַנג „עוד לא אָבדה“, און הונדערטער שטימען כאַפּען אונטער: „תקותנו, התקוה הנושנה לשוב לארץ אבותינו“... ענטפערט די צווייטע מחנה: „ברידער און שוועסטער פון אַרבייט און נויט, פאַר אַלע וואָס זענען“... שטעהען אָן אַ זייט די ביידע מאַמעס, ביידע

איינגעהילט אין פאַטשיילעס און ביידע וועגען זיך מיט טרערן. הערט זיך אַ האַסטיגער פייף, דער בייזער לאָקאָמאָטיוו זעצט אַרויס מיט אַ רעווערײ, הויבט־אָן סאָפּען און קרעכצן און לאָזט זיך פאָראויס.

— להתראות! — דערטראָגט זיך אַ קול פון גענהענדען צוג, און הונדערטער העלזער שרייען אַרויס: בארץ ישראל! און גלייך דערויף פון גענהענדען צוג אַ צווייטער קול: צום ווידערזעהן! און ווידער גיט אַ הילך אַ צווייטע מחנה: אין סאָציאַליסטישען פוילען!

באַלד ווערט אויפ'ן וואָקזאַל פוסט, די מחנות טרעטען־אָב פון שלאַכטפעלד, יעדע דורך אַ באַזונדער וועג, און יעדע זייענדיג זיכער, אַז זי האָט אָבגעהאַלטען דעם נצחון. נאָר די מאַמעס שטעהען נאָך אַ צייט און קוקען אין דער פינסטערניש, וואו דער צוג איז פערשוואונדען, און צום סוף נעהמט מען זיך אונטער די הענד און שטיל, שטיל שווייגענדע לאָזט מען זיך צעבראָכענע צוריק אין שטאָדט אַריין.

מ. ט.

רחמנות

1.

דאָס ערשטע מאָל האָט זי איהם בעגעגענט, אַרויפקומענדיג צו איהרס אַ פריינדין, מיט וועלכער זי האָט זיך בעקענט אין בערלין און וואָס איז שוין געווען דאָרט איינגעאָרדענט פון אַ לענגערער צייט. עס פלעגען זיך דאָרט צונויפקומען יונגעלייט, מיידלעך — אַלץ עמיגראַנטען פון פוילען, וואָס זענען געקומען קיין דייטשלאַנד זוכען אַרבייט.

מען האָט געלאַכט, געשטיפט, אַנדערצעהלט זיך מעשיות פון וואַרשאַט, פון דער היים, געטיילט זיך מיט די איינדרוקען פון'ם פרעמדען לאַנד, וואוהין דער גורל האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט. איבערהויפט האָט מען אָבגעלאַכט פון די „יעקי'ס", מיט וועלכע מען האָט געאַרבייט צוזאַמען — ס'איז געווען פרעהליך. מען האָט אין קרייז פון איינענע אַביסעל פערגעסען אָן די צרות, אָן דער בענקשאַפט, וואָס נאָגט און ציהט אַהיים קיין פוילען.

אַלעמען איז אויפפאַלענד געווען דאָס, וואָס אין דער זייט, כמעט ווי בעהאַלטען אין אַ ווינקעל, איז געזעסען אַ בחור מיט נאָך אַ קינדיש אויסזעהן, אָבער שוין פערהאַגה'ט ווי אַ דערוואַקסענער. ער איז געווען אַ פרישער גאַסט דאָרט אין שטוב, יעדער האָט ביים אַריינקומען איהם בעמערקט, און דאָך האָט ער זיך מיט קיינעם נישט בעקענט און כמעט ווי אויף קיינעם נישט געקוקט. דער גאַנצער געשפרעך ביים טיש איז איהם נישט אָנגעגאַנגען, אַפילו דאָס פרעהליכע לאַכען פון די אַנווערזענדע האָט איהם נישט גערירט. ער איז געזעסען און איינגעגראָבען ויינע אויגען אין וואַנד-זייגער, וואָס איז געהאנגען אַקעגענאיבער איהם.

זי האָט נישט געקאָנט פערטראָגען, וואָס עס זיצט נאָך עפעס אַ מענש אין דעריזעלבער שטוב און געהמט נישט קיין אנטייל אין דער געזעלשאַפט. נישט ווילענדיג האָט זי פון צייט צו צייט געפאָרשט מיט איהרע אויגען דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט. זי האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט דערזעהן. ער איז געזעסען ווי אַ מומיע, אָהן אויסדרוק און אָהן בעוועגונג. זי האָט געפרעגט איהר פריינדין וועגען דער סבה פון זיין פערטראַכטקייט, אָבער די פריינדין האָט איהם אויך וועניג געקאָנט. זי האָט איהר נאָר ערקלערט, אַז ער איז איהרס אַ נייער קוואַרטיראַנט, וואָס האָט זיך נישט לאַנג אַריינגעצויגען. זי ווייסט נאָר אַזוי פיעל, אַז ער איז אַנטלאָפען פון פוילען, וועלענדיג אויסמייהען מיליטער-דיענסט.

אַ צווייט מאָל, ווען זי איז דאָרט אַרויפגעקומען נאָך דער אַרבייט אין מיטען וואָך, האָט זי איהם ווידער געטראָפען זיצען אויפ'ן זעלבען אָרט, אַ פערטראַכטע. זי האָט אין אָנהויב נישט געלעגט אויף איהם קיין אַכט. זי האָט גענומען אַ צייטונג און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש וואַרטען, ביז די פערזאָן, מיט וועמען זי האָט זיך געזאָלט דאָרט טרעפען, וועט אַרויפקומען. אָבער ביסלעכווייז האָט איהר אָנגעהויבען אינטריגירען דאָס, וואָס זיצענדיג מיט איהר אין איין צימער, זאָל דער יאָזיגער אונבעקאַנטער אַפילו איינמאָל נישט צוואַרפען איהר קיין בליק.

זי איז צו איהם צוגעגאַנגען און געפרעגט:

— וואָס זיצט איהר שטענדיג אַזוי פערטראַכט? פון וואָס חלומ'ט איהר?

ער האָט זיך אויפגעכאַפט ווי פון שלאָף.

— וואָס?... איך?... וואָס איך זיץ אַזוי פערטראַכט, פרעגט איהר? — דערביי האָט ער אויפגעהויבען אויף איהר זיינע אויגען, אַ פּאָר קינדישע אויגען, אָהן שום אויסדרוק.

זי האָט איהם נאָכאַמאָל איבערגעחזר'ט איהר פראַגע.

עס האָט געדויערט אַ היבשע ווײַלע, ביז ער האָט ענדליך זיך צוזאַמענגענומען נאָך דער פערלוירענקייט, אין וועלכער איהר פראַגע האָט איהם געשטעלט. ער האָט כמעט ווי אַרויסגעקרעכצט:

— איהר זענט די ערשטע פערזאָן, וואָס רעדט צו מיר אַ וואָרט. איהר זענט די איינציגע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אינטערעסירען מיט מיר...

ער איז שטיל געבליבען, גלייך ווי ער וואָלט פערשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין ענטפער אויף איהר פראַגע. און נאָכדעם, ווי ער האָט זי נאָכאַמאָל אָבגעמאָסטען מיט זיינע בליקען, האָט ער פערענדיגט:

— איך פיהל זיך שרעקליך עלענד...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהם, האָט איהם אָנגעהויבען ערקלערען, דאָס ער דאַרף זיך נישט אַזוי פיהלען, דאָס ער מוז איבעררייסען מיט חער היים, ער מוז זיך דאָ בעקענען מיט מענשען, שאַפען זיך געזעלשאַפט, איינלעבען זיך און אַז מיט חלומות וועט ער ווייט נישט קומען.

ער איז געזעסען און זי אויסגעהערט מיט אַנ'אָפען מויל. פון צייט צו צייט געשאָקעלט מיט'ן קאָפ און זעלטען געענטפערט אַ וואָרט. אַזוי האָבען זיי אַוועקגערעדט איבער אַ שעה צייט. ווען זי האָט זיך מיט איהם געזעגענט, האָט ער רויט ווערענדיג איהר געזאָגט:

— איהר זענט אַ מלאך...

פון דאַמאָלס אָן פלעגט זי איהם פיעל מאָל מיטנעהמען אין געזעלשאַפט, איהם בעקענט איבעראַל מיט חברים, אַרויפגעפיהרט איהם אין דער פּרץ-ביבליאָטעק און געקליבען פאַר איהם ביכלעך צום לעזען. מיט דער צייט איז ער אַזוי ציגעבונדען געוואָרען צו איהר, דאָס ער פלעגט זי אָבוואַרטען ביי דער פאַבריק טעהן מיט איהר צוזאַמען אומעטום, גלייך זי וואָלט געווען זיינע אַ נאָהנטע.

זי האָט שנעל אָנגעהויבן פּיהלען די לאַסט פון זיין נאָכפאָלגען איהר אויף יעדען שריט. ער האָט איהר גאָר אין אָנפאַנג אויף אַזויפיעל אינטערעסירט, ווי איין עמיגראַנט אינטערעסירט דעם צווייטען, זי האָט איהם גאָר אויף אַזוי פיעל געוואָלט העלפען, אויף וויפיעל איין לאַנדסמאַן העלפט דעם צווייטען. זי האָט רחמנות געהאַט אויף איהם, וואָס ער איז געווען עלענד. זי האָט אָבער אָנגעהויבען פּיהלען, אַז ער בעגנוגענט זיך נישט דערמיט. זי האָט בעמערקט אין זיין טאָן, ווען ער האָט גערעדט צו איהר, עפּעס אַ מין צערטלען זיך, עטוואָס פּרעטענסיאָנעלעס, זי האָט זיך דעריבער צו איהם אַמאָל געווענדעט:

— זאָגט מיר, וואָס געהט איהר מיר כסדר נאָך?

ער האָט אָנגעהויבען שטאַמלען מיט דער צונג.

— זאָגט קלאָר וואָס ווילט איהר? — האָט זי זיך שוין געבייזערט — איך וועל דאָך אייך נישט אייביג פּיהרען ביי דער האַנד!

— איך וויל אייך אינגאַנצען, — האָט ער אויסגעשאָסען — איך קאָן אָהן אייך נישט לעבען. איך...

זי האָט איהם איבערגעריסען מיט אַ געלעכטער:

— איהר זענט דאָך נאָך אַ קינד. ווי קענט איהר קלערען וועגען אַזעלכעס. און נאָך דערצו מיט מיר... איך בין דאָך עלטער פון אייך מיט גאַנצע זיבען יאָהר! שלאָגט אייך אַרויס די נאַרישקייטען פון קאָפּ!

ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער זי האָט איהם ווייטער איבערגעהאַקט:

— איך בעט אייך, צו מיר וועגען אַזעלכעס נישט רעדען. איך בין נישט געגאַנגען מיט אייך, כדי איהר זאָלט זיך אין מיר איינליבען. און צווייטענס, בעטראַכט זיך נאָר: צי קאָנט איהר שוין אויף זיך נעהמען אַ לאַסט פון אַ ווייב? צי זענט איהר שוין דערוואקסען דערצו?

ער האָט אָנגעהויבען שטאַמלען:

— איך ווייס, דאָס איך בין נישט דערוואקסען... איך קאָן נאָך נישט פערדינען פאַר אַ פרוי... אָבער איך האָב אייך ליעב... איהר... געבען אייך, וועל איך, ווערען אַ מענש... צוזאַמען מיט אייך וועל איך פעהיג זיין צו אַלעם... איך קען אָהן אייך נישט...

דאָ האָט ער זיך פערהאַקט. עס איז איהם עפּעס געבליבען שטעקען אין האַלז און די אויגען זענען איהם פייכט געוואָרען

זי האָט אַ זאָג געטהון אַ „גוטע נאַכט“ און איהם געלאָזען שטעהן אין מיטען גאַס.

צומאָרגענס באַלד אין דערפריה, ווען זי איז געלאָפען צו דער אַרבייט, האָט זי איהם געטראָפען שטעהן פאַר'ן טויער. און אַזוי טאָג־אויף־טאָג: אין דערפריה ביים טויער און אין אָוועגד ביי דער פאַבריק. ער האָט גאָרנישט גערעדט. ער האָט מורא געהאַט צו רעדען. ער האָט מורא געהאַט, זי זאָל פון איהם נישט אַנטלויפען. זי האָט אָבער געפיהלט, ווי זייגע אויגען און זיין גאַנצע האַלטונג רעדען:

— האָט אויף מיר רחמנות...

און זי איז נאָר געווען אַ פֿרוי, אַ שוואַכע פֿרוי. זי האָט אויף איהם רחמנות בעקריגען און זיי האָבען ביידע חתונה געהאַט.

.2

עס זענען אַדורך צוויי יאָהר נאָך זייער חתונה. צוויי שווערע יאָהר, אין משך פֿון וועלכע זי האָט געמוזט יעדען אין דערפֿריה אויפֿשטעהן און לויפֿען צו דער אַרבייט. זי האָט געמוזט פֿערדינען אויף לעבען, ווייל ער, ער, וועלכער האָט אַזויפֿיעל צוגעזאָגט פֿאַר דער חתונה, דאָס ער וועט אַרבייטען, האָרעווען, שטיינער טראָגען, אַבי איהר זאָל גוט זיין, ער האָט כמעט ווי גאָרנישט פֿערדיענט. זעלטען ווען ער האָט געאַרבייט עטליכע וואָכען. ערשט נאָך דער חתונה איז זי געוואויר געוואָרען, מיט וואָס ער בעשעפֿטיגט זיך, דאָס ער איז אַ קאַמאַשען-שטעפּער און דערצו אויך נישט קיין קוואַליפֿיצירטער אַרבייטער, אַזוי אַז עס איז איהם שווער צו בעקומען אַרבייט און זעלטען ווען עס גיט זיך איהם איין צו אַרבייטען אַ קורצע צייט ביי אַ נישטיגען פֿערדיענסט.

זי האָט איהם נישט בעשולדיגט. גיכער האָט זי זיך פֿאָרוואורפֿען געמאַכט, פֿאַרוואָס זי האָט דאָס נישט פֿאָרגעזעהען. זי האָט געוואוסט, דאָס ער וויל אַרבייטען, נאָר ער איז אַ אונבעהאָלפֿענער, אַ לא יוצלח, ער קען זיך קיין עצה נישט געבען. זי האָט איהם נישט אויסגערעדט. זי האָט אין דער שטיל געליטען פֿאַר איהר לייכטזין.

דערווייל איז איהר לעבען געוואָרען וואָס אַמאָל שווערער. אַ חוץ דאגת-פּרנסה האָט זי געמוזט זאָרגען פֿאַר דער ווירטשאַפֿט. אַהיימקומענדיג, האָט זי נישט איינזינען געהאַט אָבצורוהען פֿון דער אַרבייט אַ גאַנצען טאָג, נאָר זי איז געווען פֿערנומען מיט אָבקאָכען פֿאַר איהם דאָס מיטאָג, אויפֿנעהען פֿאַר איהם אַ העמד און נאָך אַזעלכע שטובליכע אַרבייטען.

אָנפֿאַנגס האָט זי שרעקליך געליטען הערפֿון, וואָס זי איז פּלוצלינג אָבגעריסען געוואָרען פֿון דער געזעלשאַפֿט, פֿון די קרייזען, אין וועלכע זי האָט פֿערברענגט. אַז זי האָט זיך דערוואוסט, דאָס עס איז געקומען צו פֿאָהרען אַ בעקאַנטער פּאָליטישער טוער אָדער עס קומט ערגיץ פֿאָר אַ רעפֿעראַט איבער אַ געוויסע טעמא, פֿלעגט זי פֿיעל ליידען דערפֿון, וואָס זי דאַרף איצט שטעהן ביי דער קיך. זי פֿלעגט דאַן דערצעהלען דעם מאַן וועגען דער וויכטיגקייט פֿון דער פּערזאָן, וואָס איז געקומען צו פֿאָהרען, וועגען דער ראָל, וואָס ער שפּיעלט אין געזעלשאַפֿטליכען לעבען, אָדער זי פֿלעגט אָנהויבען רעדען איבער דער טעמא, וואָס מען רעפֿערירט. הערמיט פֿלעגט זי וועלען דעם מאַן איהרען אויפֿהייטערן, בעוועגען איהם, ער זאָל אָנהויבען מיט איהר דיסקוסירען, אָבער עס איז איהר נישט געלונגען. זי האָט אין קיין פֿאַל נישט געקענט דעם מאַן אויפֿהויבען צו זיך, דאָס ער זאָל אומשטאַנד זיין איהר צו פֿערטרעטען די געזעלשאַפֿט, וואָס האָט איהר געפֿעהלט. פֿערקעהרט, נאָך

יעדען פרוב מיט איהם צו פערפיהרען א שמועס איבער וועלכער ס'איז געזעלשאפטליכער פראגע, פלעגט זי פלוצלינג אנטשוויגען ווערען, בעקומענדיג דעם איינדרוק, דאס ער, דער מאן, זיצט און צעהלט די פליגען איבער דער קיך.

נאר ביסלעכוויז האט זי און דעם אלעם פערגעסען. עס זענען צוגעקומען נאך נייע פליכטען. זי האט געבוירען א קינדעלע. און אזוי ווי ביי אלע מאמעס, זענען איהרע אלע מיידעלשע פאנטאזיעס און אמביציעס שנעל פערגעסען געווארען. מיט'ן גאנצען לייב און לעבען האט זי זיך אבגעגעבען דער ערציהונג פונ'ם קינד, עס איז צוגעקומען א דריט וועזען אין שטוב, וואס האט פערשלונגען איהר אויפמערקזאמקייט. זי האט שוין געהאט צו וועמען צו רעדען, מיט וועמען זיך אויסצושמועסען. ער, דער מאן, האט אויך בעקומען וואס אמאל מעהר חשיבות ביי איהר. ער איז געווען דער טאטע פון דעם קינד. א חוץ דעם פלעגט זי אויך האבען פון איהם נוצען. ער פלעגט איהר איינוויעגען דאס קינד, אמאל אויך איבערלייגען, נישט אפילו אזוי געלונגען ווי זי האט פערלאנגט, אבער דאך פיעל-וועניג האט ער איהר ארויסגעהאלפען. זי פלעגט מיט א רוהיגען קאפ זיצען ביי דער ארבייט, וויסענדיג, אז ער איז דא אין דערהיים.

— מילא, מכתמא איז מיין גורל אזעלכער — האט זי זיך געטרייסט. — פערפאלען. עס האט מיך קיינער נישט גענויט דערצו.

זי האט מיט נאך מעהר חשק געארבייט. א קינד אין שטוב — מען דארף מעהר האבען. די אויסגאבען זענען גרעסערע געווארען. זי האט געארבייט איבערשטונדען, געסטארעט זיך, וואס מעהר פערדינען. ביז...

איינמאל איז זי אהיימגעקומען מיט וועהטאגען אין קרייץ. זי האט קיין עסען נישט אבגעקאכט, נאר גלייך זיך געלעגט אין בעט. ער איז צוגעגאנגען צו דער קיך, געפארעט זיך עפעס אבקאכען פאר'ן קינד, אבער זי האט שוין נישט געוואוסט וואס. זי איז שוין געלעגען און געפיבערט אין היץ.

זי האט אבגעקרענקט לאנגע וואכען. דאקטוירים פון דער קראנקען-קאסע זענען געגאנגען יעדען טאג און ער איז געזעסען ביי איהר בעט און געהונגערט. דאס קינד האט אויך געהונגערט. עס פלעגט זיך נאר ערנעהרען דערפון, וואס שכנים פלעגען פון צייט צו צייט אריינברענגען. דער סוף איז געווען, אז דאס קינד איז אויך קראנק געווארען. זי האט זיך קראנקערהייט אויפגעהויבען פונ'ם בעט, ארומגעפארעט זיך ביים קינד, אבער עס האט גארנישט געהאלפען. דאס קינד איז געשטארבען.

זי איז געבליבען איינזאם. עס האבען אויף איהר געקוקט הוילע פיער ווענד. אלץ האט פערלוירען דעם רייץ אין איהרע אויגען. איהר גאנץ לעבען איז מיטאמאל ווי אבגעשטארבען. עס האט זיך ביי איהר נישט געהויבען די האנד צו טהון עפעס צו געהן פערדינען.

— פאר וועמען? נאך וואס? — האט זי געטראכט.

זי האט געקוקט אויפ'ן מאן, גלייך ווי ער וואלט געווען א טויט שטיק מעבעל אין שטוב. און אזוי ווי די ווירטשאפט איז איהר איצט נישט אנגעגאנגען, אזוי

איז ער איהר אויך נישט געלעגען א ין זינען. זי האָט זיך אַרומגעדרעהט גאַנצע טעג איבער דער שטוב און ווי עפּעס געזוכט. אָנפאַנגס האָט זי נישט געוואוסט וואָס, אָבער וואָס אַמאָל איז ביי איהר געוואָרען רייפער דער געדאַנק, און איהרע אויגען האָבען געפונען דאָס, וואָס איהר האַרץ האָט געזוכט — די טהיר.

זי האָט בעשלאָסען: אַנטלויפען פון דעמדראָזיגען לעבען. פערלאָזען דעם מאַן, די שטוב, וואָס דערמאָהנט איהר אָן דעם קליינעם נפש'ל, וואָס זי האָט געבראַכט אויף דער וועלט.

זי איז אָבער נישט געווען פון די, וואָס זאָלען זיך אויפהויבען אין אַ שענעם העלען טאָג און אַנטלויפען אָהן אַ פאַרוואָס. זי האָט אין זיך געגוג כח געפונען איהם דאָס צו ערקלערען. און זי האָט עס אויך געטהון.

אין אַ געוויסען פריהמאָרגען, ווען ער האָט אָבגעגעסען דעם פריהשטיק, האָט זי צו איהם געזאָגט :

— געה אין גאַס אַריין און שאַף דיר אַ פּאָסטען, וואו צו אַרבייטען. דו מוזט זיך געפינען אַן אָרט, וואו צו פערדינען אויף דיין לעבען. מעהר וועל איך פאַר דיר נישט אַרבייטען, מעהר וועל איך דיר נישט געבען, מעהר וועל איך דאָ נישט זיין...

ער האָט אָנגעהויבען וויינען. בעטען, ער וועט זוכען, ער וועט אַרבייטען. זאָל זי איהם נישט געבען. ער וויל נישט איהר'ס. ער וועט הונגערן, אַבי זאָל זי בלייבען, זאָל זי נישט אַוועק פון איהם... ער וועט נישט אויסהאַלטען אָהן איהר...

— האָב רחמנות! — האָט ער כסדר איבערגעחזרט.

זי איז געשטאַנען ביים פענסטער, געקוקט אין דער וועלט אַריין און געטראַכט זיך:

— יאָ, רחמנות... צי בין איך זיך אָבער מחויב צו מאַטערן בלויז צוליב רחמנות?...

דער בעשלוס איהרער איז שוין געווען אַ פעסטער. זי איז שוין טויב געווען צו אַלע זיינע ווערטער. אין עטליכע טעג אַרום איז זי פון איהם אַוועק.

3

זי האָט זיך ווידער דערפיהלט פריי.

אַ לאַנגע צייט האָט זי געאַרבייט, געקליבען אַ גראָשען צו אַ גראָשען און גע־האָפט אויף דער מינוט, ווען זי וועט שוין קענען אַוועק פון בערלין. זי האָט גע־פיהלט, דאָס זי איז פון איהם נאָך נישט פטור, ער פּלאָנטערט זיך נאָך אַלץ אויף איהר וועג. וואו זי איז געקומען, האָט זי איהם געטראָפען. ער פלעגט זיך דרעהען פאַר איהרע אויגען, נאָכגעהן ווי אַ שאָטען, אָבער צוגעהן צו איהר האָט ער נישט געוואָגט.

זי האָט געוואוסט, אַז דאָס וועט לאַנג נישט דויערן. כל־זמן ער האָט נאָך חי מאַרק פאַר דער דירה מיט'ן בעלי־בתישקייט, וואָס ער האָט פערקויפט,

און האָט נאָר דערפאַר צו עסען, וועט ער זי לאָזען צו רוה. אָבער ווען דאָס וועט זיך ענדיגען, וועט ער געווים קומען ווייטער בעטען רחמנות...

רחמנות... ווי עקעלדיג ווערט איהר, ווען זי דערמאָהנט זיך אָן דעם וואָרט.

זי וויל וואָס שנעלער אַנטלויפען, וואָס ווייטער זיין פון איהם. זי קען נישט קוקען אין זיינע אויגען, זי קען נישט פערטראָגען זיין געשטאַלט, וואָס מאַכט אַזאַ קלאָגעדיגען איינדרוק. זי וואונדערט זיך אַליין, ווען זי זעהט איהם פון דערווייטענס, ווי אַזוי האָט אַזעלכער געקאָנט זיין איהר מאַן קנאַפע דריי יאָהר?...

ענדליך איז זי דערלייזט געוואָרען. זי איז אַריבערגעפאָהרען פון בערלין קיין פּאַריז. שווער איז איהר געווען דאָס איינאָרדנען זיך אין אַ פרעמדער שטאָדט מיט אַ פרעמדער שפּראַך. פיעל האָט זי זיך געפּלאָגט, אָבער זי האָט דאָס אַלץ פאַר ליעב גענומען. זי האָט כאָטש געוואוסט, אַז ער געהט איהר נישט נאָך, ער וועט זיך שוין מעהר נישט שטעלען אויף איהר וועג.

איבער צוויי יאָהר צייט האָט זי אָבגעלעבט אין פּאַריז רוהיג, בעשיידען. זי איז איינגעוואַקסען געוואָרען אין דער נייער געזעלשאַפט, האָט פערגעסען אָן דער פערגאַנגענהייט און זיך געשעצט גליקליך מיט איהר שטיבעלע, וואָס זי האָט פערנומען אין אַן אָדימען האָטעל. זי פלעגט יעדען טאָג, נאָך דער אַרבייט, געהן אין אַן אַנדער געזעלשאַפט, הערען פערשידענע רעפעראַטען, טרעפען זיך מיט חברים, דיסקוטירען. מיט איין וואָרט — זי איז צוריק געוואָרען דאָס, וואָס זי איז געווען אַמאָל.

אין אַ געוויסען אָווענד, ווען זי איז אַרויפגעקומען אין לעהרער-פעראיין, וואו זי פלעגט זיין אַן אָפטער גאַסט, איז צוגעקומען צו איהר אַ חבר און איהר איבערגעגעבען, דאָס עס האָט זיך אויף איהר געפרעגט אַ פרעמדער יונגערמאַן, וואָס איז נישט לאַנג געקומען פון בערלין. זי האָט זיך אויסגעפרעגט פערשידענע פרטים און ווען דער חבר האָט איהר אָבגעמשלט דעם מענשען, האָט זי דערפיהלט, דאָס די פיס הויבען זיך איהר אָן צו וואַקלען.

זי איז שנעל אַהיימגעלאָפען.

אַריינקומענדיג צו זיך אין צימער, האָט זי אָנגעהויבען וואַרפען, שליידערן אַלץ, וואָס איז איהר געקומען אונטער דער האַנד. עס האָט איהר אָנגעכאַפּט אַזאַ בעס, אַז זי וואָלט אין יענעם מאָמענט פעהיג געווען צו ערמאָרדען אַ מענש.

זי האָט זיך געוואָרפען אויפ'ן געלעגער און אַריינגעשריגען אין קישען:

— פאַרוואָס פערפאָלגט ער מיך? וואָס וויל ער פון מיר? צי מוז איך דאָס גאַנצע לעבען ליידען דערפון, וואָס איך האָב איינמאָל רחמנות געהאַט?...

זי איז צומאָרגענס צו דער אַרבייט שוין נישט געגאַנגען. זי איז געזעסען אין שטוב און געוואַרט. עס האָט זיך איהר געדאַכט, דאָס יעדע מינוט וועט זיך די טהיר עפענען און זיין רחמנות-פּנים וועט זיך בעווייזען.

עס זענען אָבער אַוועק עטליכע טעג און ער האָט זיך נישט בעוויזען.

י האָט זיך בערוהיגט.

עס האָבן זיך אָבער בעוויזן אַנדערע — מענשען. עס זענען געקומען בע־קאַנטע און אומבעקאַנטע און אָנגעהויבן מיט איהר רעדן, אײנטענה'ן:

— ווי לאַנג איז דער שיעור, דו ביסט דאָך אַ פרוי... ער לײדט... ער וועט שוין זײן גוט... ער וועט אַרבײטען... דאָ, אין פּאַריז, וועט ער זיך גיכער צו עפּעס דערשלאָגען... דאָס וויכטיגסטע — אַ הײם... ער קען זיך נישט אַרומוואַלגערן... עס איז אויף איהם אַ רחמנות...

אַז זי האָט דערהערט דאָס וואָרט, האָט זי זיך אַ ריס געגעבן פונ'ם אָרט און היסטעריש זיך צעשריגען:

— וואָס, אַ רחמנות? אויף וועמען, אויף איהם, אויף דעם טויגעניכטס? און איך, איך בין קײן מענש נישט? אויף מיר דאַרף מען קײן רחמנות נישט האָבן?... זאָגט איהם, אַז ער זאָל זיך אַרויסשלאָגען פון קאָפּ דעם געדאַנק וועגען צוריק צוזאַמענלעבען מיט מיר! אַז ער וועט וואַגען צו מיר אַרויפ־קומען, וועל איך אַראָבשפּרינגען דורכ'ן פענסטער! און זאָל ער זיך נישט בעווײ־זען פאַר מײנע אויגען!

זי האָט אָנגעהויבן שרעקליך שלאָכצען, אַזוי, דאָס מען האָט איהר אַ לענ־גערע צײט געמוזט מונטערען.

ווען זי האָט זיך בערוהיגט, איז שוין קײנער בײ איהר אין צימער נישט געווען.

זי האָט אָנגעהויבן לעבען אין שרעק, טאָמער וועט ער זיך בעווײזען. אַרויס־געהענדיג פון שטוב, האָט זיך איהר געדאָכטען, אַז ער וואַרט זי אָב אויף דער גאַס, און, אַהײמגעהענדיג פון דער אַרבײט, האָט זיך איהר אַלץ אויסגעוויזען, אַז ער געהט איהר נאָך. זי האָט ווידער אויפגעהערט קומען אין געזעלשאַפט. און דאָס איז פאַר איהר געווען דאָס ערגסטע.

זי האָט זיך פערשאַפט פון ערגיץ ביכלעך און איז געזעסען גאַנצע אָווענדען אין שטוב און געלעזען, פערטרײבענדיג אַזוי אַרום איהרע געדאַנקען וועגען איהם.

עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און ער האָט זיך בעוויזען.

אין אַ כמורנעם, רעגענדיגען אָוונד, ווען זי איז געזעסען אַזוי פערטיעפט אין לעזען, האָט זיך דערהערט אַ שטיל קלאַפּען אין טהיר.

זי האָט איהר בליק נישט אָבגעריסען פונ'ם בוך און ווי מעכאַניש האָט זי געזאָגט:

— אַנטרע!

די טהיר האָט זיך שטיל אויפגעמאַכט און זי האָט דערזעהן פאַר זיך — איהם. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב, גלײך ווי ער וואָלט זיך גע־וואָלט איבערצײגען, צי איז נישט נאָך ווער דאָ אין צימער.

ער האָט פּאַמעליך פערמאַכט נאָך זיך די טהיר און, אַראָבנעהמענדיג דעם הוט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם ערשטען שטוהל, וואָס ער האָט אָנגע־טראָפען אין צימער.

זי האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט, זי האָט געפיהלט, דאָס זי קאָן נישט אַ וואָרט אַרויסרעדען. אַז זי וועט אָנהויבען רעדען, וועט זי זיך צעשרייען, און זי האָט זעהר געוואָלט אויסמיידען אַ טומעל אין האָטעל. וואו זי האָט געוואוינט און וואו מען האָט זיך צו איהר בעצויגען מיט אַכטונג.

ער האָט נישט געענדערט קיין וואָרט. ער האָט אַרויסגענומען אַ שוואַרצען רעוואָלווער פון טאַש און, אַראָבבויגענדיג דעם קאָפּ, האָט ער אָנגעהויבען מיט איהם רעפּערטירען.

זי איז געזעסען און געציטערט מיט'ן גאַנצען לייב. קוקענדיג איהם אויף די הענד. זי האָט נאָכגעשפּירט יעדע בעוועגונג זיינע און כמעט ווי פאַרגעפיהלט יעדען ריהר, וואָס ער וויל מאַכען.

— דו זעהסט — האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ שטיל קול, ציהענדיג די ווערטער — דו זעהסט, איך בין געקומען צו דיר, ווייל איך האָב שוין נישט וואָס צו פערלירען. איך האָב שוין אויך נישט וואָס אויפצוטהון אין לעבען. מיר איז שוין אַלץ איינס... מעהר ווי דאָס פערמאָג איך נישט — דערביי האָט ער פאָרזיכטיג אָפּגעלעגט דעם רעוואָלווער אויפ'ן טישעל.

דער אָטעם האָט זיך איהר אָבגעשטעלט. איהרע אויגען זענען ווי צוגעקלעבט געוואָרען צו דעם אָקסידירטען רעוואָלווער, וואָס איז געלעגען פאַר איהר. דורך איין מינוט זענען איהר דורכגעפלויגען טויזענד געדאַנקען אין קאָפּ: שרייען, רופען הילף... כאַפּען דעם רעוואָלווער און איהם דערשיסען... זיך... זיך אויך דערשיסען... איהרע אויגען זענען פערלאָפען געוואָרען און די שוואַרצקייט פון רעוואָלווער האָט זיך געפאָרמט אין פערשידענע בילדער, בילדער פון איהר לעבען אין פוילען, בערלין, פאַריז.. אַלץ האָט זיך צוזויפגעמישט אין קאָפּ און ווי אַ שווערשטיק בליי זיך געלעגט אויף איהרע געהירען.

ער איז געזעסען און געקוקט אויף איהר פערלוירענקייט, געוואונדערט זיך, וואָס זי רעדט נישט און צום סוף דערזעהן צוויי גרויסע טרעהרען אַרויסרינגען פון איהרע אויגען-לעפּלעך.

ער האָט ווידער אָנגעהויבען:

— איך וויים, דאָס איך קען דיך נישט מאַכען גליקליך. איך בין נישט קיין מאַן פאַר דיר. דו קענסט אָבער מיך מאַכען גליקליך. זיי מיר נישט קיין ווייב — זיי מיר אַ מאַמע... איך קען אַזוי עלענד נישט לעבען. איך האָב שוין פיעל מאָל געוואָלט בעגעהן זעלבסטמאָרד. אָבער איך בין אַ שוואַכער. איך האָב נישט קיין מוט דערצו, נו, נעהם דעם רעוואָלווער און דערשיס מיך...

דער טרעהרען-שטראָם פון איהרע אויגען איז געוואָרען שטאַרקער. זי איז געזעסען און געציטערט פאַר כעס, פאַר וועהטאָג, אויף זיך, אויף איהר גורל. זי האָט זיך געהאַסט פאַר איהר שוואַכקייט, וואָס זי האָט נישט דעם מוט צו נעהמען דעם רעוואָלווער און איהם דערשיסען, אָדער וועניגסטענס איהם אַרויסטרייבען פון איהר שטוב.

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איהר אָרט און, נישט קוקענדיג אין דער זייט, וואו ער איז געזעסען, האָט זי אָנגעהויבן אָדומשפּרייזען איבער'ן צימער, ווי-שענדיג זיך מיט'ן האַנטטוך די אויגען.

ענדליך, נאָך אַ לאַנגער צייט, ווען זי האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, האָט זי געפּאַסט אַ בעשלוס, ווי אַ רעזיגנירטע איז זי צו איהם צוגעגאַנגען און אַרויפגע-לעגט אַ האַנד אויף זיין אַקסעל.

ער האָט אויפגעהויבן אויף איהר זיינע שרעקעוודיגע אויגען.

— גיה אַוועק! — האָט זי געזאָגט — און קום שבת. נאָך דער אַרבייט, וועלען מיר גיהן זוכען אַ דירה. דאָס צימער איז צו קליין פאַר אונז ביידע.

▼▼
▼

צפנת פענח

דזשיאָוואַני און דאָס געטאָ

1.

דזשיאָוואַני צעליני איז געווען פונקט אַזאַ טשיטשעראָן, ווי זיינע אַלע אַנדערע חברים, וואָס זענען געשטאַנען ביים באַהגהויף און געריסען ביי די פּאָלעס די פרעמדע, וועלכע זענען געקומען אָנקוקען די שטאָט אויף די זיבען בערג. ער האָט זיך אפשר פון די אַנדערע אונטערשיידעט דערמיט, וואָס ער איז געווען אַ איד. הגם ער איז געווען דער יונגסטער, נור וואָס אַרויס פון דער שול, און געווען אין „פאַד" ערשט זייט אַ פּאָר חדשים, האָט ער זיך שוין קונה־שם געווען אַלס דער בעסטער פון אַלע רוימישע טשיטשעראָנען. ער האָט אַמבעסטען געטויגט אַ פרעמדען „אַריינצובעקומען", האָט תמיד אַרומגעפיהרט די פּאָרנעהמסטע רייזענדע, האָט מעהר פון זיינע אַלע קאָלעגען געקאָנט זייגע מעשיות מאַכען אינטערעסאַנט און צוגעבען אַ אויסזעהען פון אמת און האָט מעהר פערדיענט פון אַ דורכשניטליכען טשיטשעראָן. צוליעב דעם איז ער אויך בעסער און רייגער געגאַנגען אָנגעטהון פון די איבעריגע, אָבגעריסענע, שנאָר־פרעמדען־פיהרער.

ער איז נישט געווען אַ טשיטשעראָן בלויז צוליעב דער פרנסה. ער איז עס מעהר געווען אויס ליעבע צו דער זאַך, און דאָס איז טאַקי געווען די סיבה פון זיין גרויסער הצלחה.

אין דעם טאָג, פון וועלכען מיר ווילען דערצעהלען, איז דזשיאָוואַני געקומען אויף זיין שטענדיגען פּלאַץ אַ היטשע צייט איידער דער צוג האָט געזאָלט אָנקומען.

ער האָט זיין בליק איבערגעפיהרט פון קלאָרען פריהלינגס־הימעל אויף אַ פּאַלמען־אַליע, וואָס איז נישט ווייט פון דאָרט געשטאַנען, און פון דער פּאַלמען־אַליע צוריק אויף דער בלוי פון הימעל. הערביי האָט ער זיך געפיהלט שטאָלץ, דאָס ער האָט געהאַט דאָס גליק געבוירען צו ווערען אין דעם הערליכען לאַנד, איטאַליען. קיין שום אַנדער לאַנד האָט נישט אַזאַ שענעם הימעל, ווי אין זיין פּאָטערלאַנד, און ערגיץ ציהען זיך נישט אַזוי הויך די שטאָלצע פּאַלמען, און ערגיץ בליהען נישט אַזוי פּרעכטיג די מאַראַנצען־בלומען, אַ חוץ איטאַליען האָט קיין שום לאַנד אויך נישט אַזאַ רייכע פערגאַנגענהייט, נישט אַזאַ שענע קולטור, און פאַרוואָס זאָל ער נישט שטאָלצירען, אויב ער האָט די מעגליכקייט צו ווייזען די פרעמדע: אָט האָס האָבען מיר געשאַפען, אָט דאָס איז אונז פערבליבען.

דער האַזיגער נעחאַניק האָט איהם דערמאָהנט אָן דעם, וועלכער האָט איהם געלערנט שעצען די אַלטערטימליכקייטען און אַלצדינג, וואָס האָט אין זיך עפּעס

היסטאָרישעס, עפּעס פון דער אַלטער קולטור. דאָס איז געווען זיין פאָטער, סיניאָר בענדעטאָ צעליני. אַ מיוחס איז ער געווען, דער פאָטער, געשטאַמט פון גרויסע בענווענוטאָ צעליני. קיינער האָט עס איהם, דזשיאָוואַני'ן, טאַקי נישט געזאָגט. אָבער עס איז דאָך זעלבסטפערשטענדליך, וואָרום ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַז זיין פאָטער זאָל נישט האָבען געשטאַמט פון איהם? דזשיאָוואַני האָט אַליין אַנ'אַלט זייגערל, וואָס ערפילט שוין לאַנג נישט זיינע פונקציעס און איהר וואָלט אייך געמוזט צוקוקען אויף צו דערקענען, אַז דער האָזיגער בעגענשטאַנד האָט אַמאָל געהייסען זייגער. אויף דעם זייגער=מאַנטעל איז וואַהרשיינליך אַמאָל געווען אויסגעקריצט אַ בילד. דזשיאָוואַני וועט אייך שווערען, אַז דער זייגער (בעקומען האָט ער איהם נאָך אַלס קינד פון פאָטער) איז אַ ירושה פון עלטערזיידען בענווענוטאָ.

דער פאָטער פלעגט איהם אין זיין פרייער צייט פיהרען אין די מוזעאומס, ווייזען איהם די אַנטיקען און ערקלערען איהם זייער בעדייטונג. אַמאָל פלעגט דער פאָטער מיט איהם שפּאַצירען און יעדעס מאָל זיך אָבשטעלען און ווייזען: „אָט דאָ איז געשעהן דאָס און דאָס און אין יענעם הויז האָט געוואוינט דער און דער". וועניג האָט אָבער דער פאָטער אַזאַ פרייע צייט געהאַט. תמיד האָט ער געלעזען עפּעס אַלטע פּאַפּירען און אַלטע ביכער אָדער עפּעס געשריבען. אַ געלערנטער מענש דער פאָטער געווען, יאָ, זעהר אַ געלערנטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ רעגנערישער טריבער טאָג איז עס געווען. דער פאָטער איז געלעגען אין בעט. נעבען איהם אויף אַ טישעל זענען געשטאַנען פלעשלעך און גלעזלעך מיט מעדיצינען. דער דאָקטאָר פון שכנישען הויז האָט אירם עפּעס בעקלאַפּט, בעקוקט. די מוטער האָט געוואַרט אין אַנדער'ן צימער. דער דאָקטאָר איז אַרויסגעגאַנגען. דזשיאָוואַני, וועלכער איז מיט איהם צוזאַמען אַרויס פון קראַנקענס שטוב, האָט געהערט, ווי ער האָט גאַנץ שטיל צו דער מוטער געזאָגט: „שווינדזוכט, נישטאָ קיין רעטונג". און די מוטער האָט זיך יאָמערליך צעוויינט.

דזשיאָוואַני האָט מיטגעוויינט, הגם ער האָט נישט פערשטאַנען, וואָס די ווערטער בעדייטען.

דער פאָטער איז פון טאָג צו טאָג אַלץ שוואַכער און שוואַכער געוואָרען. דאָקטוירים פלעגען געהן אַריין און אויס.

איינמאָל האָט מען דעם פאָטער אַוועקגענומען אויפ'ן בית=עולם, די מוטער און קרובים זענען נאָכגעגאַנגען אַלע אין שוואַרצע אָנגעטהון און מען האָט געוויינט. דזשיאָוואַני האָט נישט געוואוסט צו וואָס און פאַרוואָס, אָבער ער האָט מיטגעוויינט.

דאַן האָבען זיך די טעג געצויגען, מרה=שחורה'דיג. דער פאָטער איז נישט געווען. ערשט איצט האָט דזשיאָוואַני פערשטאַנען, פאַרוואָס מען האָט דעמאָלט געוויינט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ חודש אַרום איז ער שוין געווען ביי זיין פֿאָטערס אַ ווייטן קרוב, סיניאָר קאַרליני, ווייל זיין מוטער איז אַרויסגעפֿאָהרען אין אויסלאַנד. אויף אַזאַ אופֿן איז ער ביי קנאַפּע זעקס יאָהר געווען כמעט, ווי אַ קיילעכדיגער יתום. דאָס קינדערלאָזע פּאָר=פֿאָלק קאַרליני האָט איהם אויפגעצויגען, ווי אַן אייגענעם זוהן. פֿון זייער הייזעל אויפֿ׳ן ברעג פֿון טיבער פֿלעגט ער יעדען אָוונט געהן צום טשיטשעראָן פֿראַנצעסקאַ (שוין אַ עלטער אינגעל) הערען זיינע מעשיות, דערביי פֿלעגט ער איהם, פֿראַנצעסקאָ׳ן, מקנא זיין און געוואָלט זיין איהם גלייך.

קאַרליני׳ס הויז איז געשטאַנען נישט ווייט פֿון געטאָ, דאָך איז דזשיאָוואַני דאָרט נאָך קיינמאָל נישט געווען. ער קען שוין פֿון הערען די ענגע שמוציגע געסעלעך און דאָס איז פֿאַר איהם גענוג, ער זאָל זיך דערצו בעציהען מיט עקעל. אייגענטליך איז ער דאָרט איינמאָל יאָ געווען. געשעהען איז עס אין עפּעס אַ יום=טוב. סיניאָר צעדערבוים, אַ אויסלענדער, וועלכער וואוינט שוין לאַנג אין רוים און לערנט אין שוהל די תורה, האָט דעם האָזיגען יום=טוב אָנגערופֿען „יאָמקיפּאָ" אָדער עהנליך. ער האָט עס בעוואויגען קאַרליני׳ן צו געהן אין שוהל אַריין און אויך מיטצונעהמען דזשיאָוואַני׳ן. דזשיאָוואַני האָט די שוהל אַפֿילו נישט רעכט אָנגעקוקט. ער האָט די גאַנצע צייט געדרימעלט. געמערקט האָט ער זיך נאָר אַזויפֿיעל, אַז די שוהל האָט געגרינדעט עפּעס אַ רעל=מעדיגאַ און געמערקט האָט ער עס זיך נור דערפֿאַר, ווייל זיין מוטער האָט פֿון דערהיים אַזוי געהייסען. נאַטירליך האָט זיין מוטער גאָרנישט קיין שייכות מיט יענעם דעל=מעדיגאַ, וואָרום, ווי קומט עפּעס זיין משפּחה אין געטאָ?

אַכט יאָהר איז ער אַלט געווען. סיניאָראַ קאַרליני האָט איהם צום ערשטען מאָל געבראַכט אין שול אַריין. דער לעהרער, די חברים, דאָס איז פֿאַר איהם געווען עפּעס נייעס. מיט דער צייט איז ער דערמיט געוואוינט געוואָרען. אַ גוטער שילער איז ער תמיד געווען, ער האָט אָבער געמוזט ליידען צוליעב זיין אידישקייט. ער האָט אַלץ געזוכט זיך צו דערנעהנטערען צו זיינע קריסטליכע חברים און זיי פֿלעגען זיך אַלץ פֿון איהם אָברוקען, הגם ער האָט פּונקט אַזוי גערעדט איטאַליעניש, ווי זיי, פּונקט אַזוי געווען אַ רוימישער איינוואוינער פֿון דור=דורות, ווי זיי און דאָך האָט קיינער פֿון „זיי" זיך מיט איהם נישט געוואָלט חבר׳ען.

היות די שול=צייט איז פֿאַר איהם אומאַנגענעהם געווען האָט ער אַלץ געהאָפֿט, אַט, אַט, דערמיט אָבצוענדיגען און צו ווערען אַ טשיטשעראָן. וכך הוה. סיניאָר קאַרליני איז קיין גרויסער עושר נישט געווען. דעריבער האָט דזשיאָוואַני ענדיגענדיג די פֿיערטע קלאַס זיך געזאָלט וועהלען עפּעס אַ מלאכה. ער האָט געוואָלט ווערען אַ טשיטשעראָן.

— גאָר צו יונג, — האָט קאַרליני געזאָגט, — אָבער פּרובען וואָלט ער געמעגט.

אָהן אַ שיעור גליקליך האָט זיך דזשיאָוואַני געפֿיהלט יענעם טאָג, ווען ר׳איז

צום ערשטען מאָל געקומען אויף דעם פּלאַץ, וואו ער געפינט זיך איצט, ער איז צוגעגאַנגען צו די „אויספּראַקטיצירטע" טשיטשעראָנען (פּראָנאַציעסקאָ איז צווישען זיי שוין נישט געווען). עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ אויספּרעגעניש. דזשיאָוואַני האָט בעוויזען, ווי ווייט ער קען זיך אויס אין „פאַך", האָט זיך פאַר זיי בעריהמט מיט זיין גרויסען יחוס, זיי דערציילט, אַז ער שטאַמט פון בענווענוטאָ צעליני און אַלס בעווייז אַרויסגעצויגען דעם אַלטען „גאָלדענעם" זייגער, וואָס האָט געזאָלט זיין בענווענוטאָ'ס אַרבייט.

— ערשטענס איז עס עכט מעש — האָט אָבגעשפּעט דזשוליאָ דער לאַנגער, אַ טשיטשעראָן, וועלכער האָט געוואוינט אין שכנות פון קאַרלינאָ'ן — צווייטענס זעה איך דאָ, אין דער דרעמבע נישט צעליניס אַרבייט, און דריטענס איז „אונזער" צעליני גאָרנישט געווען קיין איד.

אַלע האָבען פון איהם אָנגעהויבען שפּעטען. באַלד האָט ער זיי אָבער געוויזען, וואָס ער טויג. דעם פאָרנעהמסטען פון די געסט, איבער וועלכען אַלע האָבען זיך געריסען, האָט ער געפיהרט. דאָס האָט נאָך פערגרעסערט די קנאה און שנאה פון די איבעריגע און בפרט פון דזשוליאָ, וועלכער האָט ביז איצט געגאָלטען אַלס דער „טשיטשעראָנען-קעניג".

פון דעמאָלט אָן שטעהט זיך דזשיאָוואַני אַליין, ווייט פון דער לוס-טיגער טשיטשעראָנען, צו וועלכע ער פיהלט פון איין זייט קנאה, וואָס זיי זענען עכטע איטאַליענער, און פון דער אַנדערער זייט פעראַכטונג. וואָרום צי פער-דיענען נישט אויף אַ פעראַכטונג אַט די פוישערס, וועלכע ברענגען נור אומכבוד דעם פאַך?

זייערע מחשבות האָט איבערגעריסען דער פייף פון אָנקומענדען צוג. אַלע האָ-בען זיך אַ לאָז געטהון צום באַהנהויף. אַ גאַר גרויסע כוואַליע פון מענשען האָט זיך יענעם טאָג אַרויסגעשיט פון די וואַגאָנען.

דזשיאָוואַני האָט צווישען דער מאַסע בעמערקט אַ העבערען העררן אין די מיטעלע יאָהרען.

— דער איז מיינער — האָט ער ביי זיך געקלערט, און באַלד איז ער שוין געשטאַנען נעבען אונבעקאַנטען.

.2

דעם זעלבען טאָג, בין השמשות, האָט דזשיאָוואַני געהאַלטען ביים פערלאָזען דאָס צימער פון דעם פרעמדען, דעם זעלבען, וועלכען ער האָט אינדערפריה ביים באַהנהויף בעקומען. נאָך האָט ער איהם דאָ דאָס צימער אין האָטעל געדונגען און צוויי מאָל שוין אַרומגעפיהרט ווייזען די שטאָדט.

— אַט האָסטו, יונג, דעם לויהן פאַר'ן אַרומפיהרען.

— ס'איז צייט, איהר וועט דאָך אַוודאי היינט וועלען געהן אין אַ טעאַ-טער אויף אַ אָפּערע.

— ניין, איך וויל שוין אָברוהען.

— טאַ, וועל איך אייך מסתמא מאָרגן ווייטער אַרומפֿיהרן, סיניאָר.

— מאָרגן איז מיר קיין פֿיהרער נישט נויטיג, סיי ווי ווייסטו נישט טויגן, איך וויל געהן אין געטאָ.

דזשיאָוואַני האָט אויפֿגעמאַכט מויל און אויגן און אָבגעמאָסטן דעם פֿרעמדען מיט אַ פֿערוואונדערטן בליק. געוועזן איז דאָס אַ מענש פֿון דעם סוג וואָס זיין פֿאָטער, דערקענט האָט ער עס אָן דעם פּנים. אָבער וואָס זאָל דער דאָזיגער מערקווירדיגער מענטש זוכן אין געטאָ, אפֿשר די בּרודיגע גאַסן? סיי ווי וועט קיין שום קונץ נישט זיין איבער'ן געטאָ צו פֿיהרן.

— סיניאָר — האָט ער באַלד געענטפֿערט — איך וואוין נעבן געטאָ, און קען עס אויסגעצייכענט.

עס האָט נישט געפּאַסט פֿאַר'ן כבוד פֿון אַ גוטן טשיטשעראָן, נאָכצולאָזן אַ „קליענט“, וועמען ער האָט שוין איינמאָל געפֿיהרט. דאָס האָט איהם געצוואונגען דעם פֿרעמדן אָבצונאַרן.

אויפֿ'ן גאַנצן וועג אַהיים האָט ער אַלץ געטראַכט וועגן זיין משוגע'דיגן „קליענט“, און ווי משוגע'דיג קלינגט זיין נאָמען. ער האָט אַלע מאָל אַרויסגעצויגן דאָס צעטעל מיט'ן נאָמען פֿון „גאַסט“ און זיך מקשה געווען ביים לייענען: פּראָפֿעסאָר מאָש...מאָש...ע האַרא...האַקאַ...בי (משה הרכבי). אַ סך אויסלענדער האָט ער שוין געזעהן, אָבער אַזאַ מין נאָך נישט.

דעם אַנדערן טאָג האָט ער זיך איבערצייגט, אַז פֿיהרן דורכ'ן געטאָ איז נאָרנישט אַזאַ לייכטע זאַך, ווי ער האָט קודם געמיינט, ווען נישט דאָס, וואָס פּראָפֿ. הרכבי האָט חאָס רוב זאַכן אַליין געוואוסט און די איבעריגע אָבגעלייענט פֿון אַלטע אויפֿשריפֿטן, וואָלט ער נאָרנישט געקאָנט געוואויר ווערן. עס האָט אויסגעזעהן, אַז נישט דזשיאָוואַני פֿיהרט הרכבי'ן, נור פֿערקעהרט. איצט האָט דזשיאָוואַני צום ערשטן מאָל בּעמערקט, אַז דאָס געטאָ האָט אַזאַ גרויסע קולטורעלע פֿערגאַנגענהייט.

אַז זיי זיינען צוגעקומען צו דער שוהל, וואו דזשיאָוואַני האָט אַמאָל „געדאַווענט“ האָט ער זיך מיט אַ שטאָלץ אָבגערופֿן:

— אָט די דאָזיגע שוהל האָט געגרינדעט איינער פֿון מיינע זיידעס פֿון דער מאַמעס צד.

ווי אַזוי האָט ער געהייסן?

— דעל־מעדיגאָ.

הרכבי האָט זיך אָנגעבויגן צו עפּעס אַ טאָוועל מיט אויסגעמעקטע אותיות:

— ריכטיג. בּיזטו, הייסט עס, אַ איד?

— יאָ.

— און אַזוי ווענינג קענסטו דאָס געטאָ?

דזשיאָוואַני האָט עס פֿערשעמט אַראָבגעשלונגען. נאָך אַ קורצער פּויזע האָט ער זיך ווידער געווענדעט צו הרכבי'ן:

— סיניאָר, איך האָב צו אייך אַ בקשה.
— וואָס ווילסטו, בחור, זאָג?
— איך גילט פאַר'ן בעסטען פּשיטשיטשעראָן אין גאַנץ רוים. איך וואָלט דאָס געטאָ אויך געהאַלט יקענען. לערנט מיך אויס לייענען אַמאָליקע שריפטען.
הרכבי האָט אַ שמייכעל געטהון און געפרעגט:
— ווי אַזוי הייסטו, יונג?
— דזשיאָוואַני צעליני.
— הער זשע מיך אויס, דזשיאָוואַני, אין אַ וואָך אַרום פאָהר איך אַריין צו האַנען, אהיים קיין פּאַלעסטינא. אויב דו ווילסט קאָן איך דיך אהין מיטנעה־מען, וועסט דאָרט געהען אין שול, וועסט דיך דאָרט אַלצדינג לערנען, ווילסטו?
— עפּיס אַ שען לאַנד, פּאַלעסטינא?
— יאָ זעהר אַ שענס, אַ סך שענער, ווי איטאַליען. די פּאַלמעס וואַקסען דאָרט העכער, די פּירות זענען דאָרט בעסער.
— האָט עס עפּיס אַלטערטימליכקייטען?
— אוהאָ. אַ סך, אַ סך עלטערע ווי איטאַליען.
— אויב אַזוי, טאָ נעהמט מיך מיט, סיניאָר.
— און דיין פאָטער וועט ערלויבען?
— איך האָב נישט קיין פאָטער. איך וואוין ביי סינאָר קאַרליני, דאָ נישט ווייט פון האַנען.
הרכבי האָט איינגעהאַלטען אַ דורכפאָהרענדען אויטאָ און דאָן געזאָגט צו דזשיאָוואַני.
— איך פאָהר איצט צוריק אין האָטעל, מאָרגען וועסטו מיך אָפּפיהרען צו סיניאָר קאַרליני. דזשיאָוואַני האָט דעם אויטאָ נאָכגעקוקט ביז ער איז פער־שוואונדען אין ראָג פון דער אַנדערער גאַס. דאָן האָט ער זיך אַ פערטראַכטער געלאָזט אהיימגעהן. ער האָט נישט בעמערקט, ווי ער איז שוין געשטאַנען אויפ'ן ברעג פון טיבער.
ער האָט זיך געפיהלט דערנידעריגט, האָט ער, אַ געבוירענער רוימער און אַ פּשיטשיטשעראָן דערצו, קען נישט אַזוי גוט דאָס געטאָ, ווי יענער פרעמדער. אָבער אין איינוועניגס האָט איהם אויך געפרעהט, האָט ער האָט דאָך עפּיס אַ שייכות מיטן' געטאָ, ער שטאַמט דאָך מסתמא פון דעם גרינדער פון יענער, אַזוי שען און קונסטפול בעפוצטער שוהל (ערשט איצט האָט ער עס בעמערקט). געקענט איז טאַקי געווען דזשוליאָ, ווען ער האָט געזאָגט, אַז בענוועגוטאָ צעליני, איז קיין איד נישט געווען און זיין, דזשיאָוואַני'ס זייגער איז נישט בענוועגוטאָס אַרבייט. יאָ, גאַנץ זיכער האָט ער גאָר קיין שייכות נישט מיט אָט־דעם איטאַ־ליענישען קינסטלער. וואָרום ער איז דאָך אַ איד. האָט ערשטע מאָל אין לעבען האָט ער שטאָלצירט מיט זיין אידישקייט. דעם זייגער האָט ער מיט פערטראַכטונג אין וואַסער אַריינגעוואָרפען.

יענע נאכט האט דזשיאוואני קיין אויג נישט צוגעמאכט. בלויז זיך אין בולטע פארבען געמאלען דאס לעבען אין פאלעסטינא און זיין קינפטיגע קאריערע און ווען ער איז שוין פארטאג יא איינגעשלאפען, האט ער געחלומט, אז ער פיהרט א גאנצע מאסע איטאליענער אין געטא.

גאנץ פריה האט ער זיך אויפגעוועקט, איילענדיג זיך אנגעטהון, און נישט קוקענדיג אויף זיין מיעדקייט, באלד אוועק צו הרכבי'ן. יענער איז שוין געווען אנגעטהון און ביידע זענען אבגעפאהרען צו קארליני. א פאר שעה צייט האט הרכבי מיט קארליני'ן געשמועסט אין ענין אראפפירען דזשיאוואני'ן און מיטנעהמען איהם קיין ארץ־ישראל. קארליני האט אלצדינג תולה געווען אין רצין פון סיניארא צעליני.

הרכבי'ן איז קענטיג שטארק געגאנגען דערין דזשיאוואני'ן מיטצונעהמען. והראיה ער האט תיכף ומיד אנגעפרעגט אין דעם ענין דזשיאוואניס מוטער אין בריעף און דערהאלטען איהר הסכמה אין א פאר טאג ערלעדיגט די נויטיגע פארמאליטעטען.

אכציהן יאהר שפעטער האבען די צייטונגען געבראכט די ידיעה, וועגען טויט פון פראפעסאר משה הרכבי. אין די ארטיקלען וועגען פערשטארבענעם איז אויך דערמאהנט געווארען זיין אדאפטירטער זוהן יוחנן הרכבי, וועלכער איז נור וואס צוריקגעקומען פון א ערפאלגרייכער ארכעאלאגיע־פארשונגס־רייזע איבער'ן מחבר סיני און וועלכער איז ראוי צו זיין א ווירדיגער פערטרעטער פון דעם פערשטארבענעם.

מיט א אומגעהויערער שנעלקייט איז געלאפען דער צוג פון דער ליניע ברינדיזי—רוים, איבערלאזענדיג הינטער זיך פעלדער און וועלדער, בערג און טאלען. אין קופע פון דער ערשטער קלאס איז געזעסען פראפ. יוחנן הרכבי. ער האט ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער, פערטראכט וועגען דער צייט, ווען מיט דעם זעלבען וועג, נור אין דער פערקעהרטער ריכטונג איז געפאהרען דער טשיטשעראן דזשיאוואני צעליני.

פון ווייטען האט ער געזעהען די קאנטורען פון רוימישען באהנהויף. א פייף, א טרייסעל און דער צוג שטעהט שוין.

ביים ארויסגאנג האבען איהם ארומגערינגעלט עטליכע טשיטשעראנען. ער האט זיך אבער פון זיי אבגעטרייסעלט, צוגעגאנגען צו א אויטא־טאקסיס, זיך אריינגעזעצט און געזאגט צום שאפער צוויי ווערטער:

— צום געטא!...

עמגע

גינא

1

די שטוב איז געווען בעדרוקט אין אַ ווינקעל פון דאָרף. יעדעס פענסטער האָט געהאַט אַקעגען זיך אַ וואַנד, אַזוי, אַז אַ גאַנצען טאָג האָט דאָרט געמוזט ברענען די גאַז-לאָמפּ. צוליעב דעם האָט מען קיינמאָל נישט געקאָנט וויסען דאָרט ווען ס'איז טאָג און ווען נאַכט, ווען ס'איז אין דרויסען אַ לויטער וועטער אָדער אַ פערנעבעלטס.

ביז איצט איז נישט אויסגעקומען, אַז ס'זאָל ווער לייגען דערויף אַכט, נאָר זייט גינאַ האָט אָנגעהויבען ווערען אַ שטוב-זיצערין, האָט זי זיך כסדר געהאַלטען אין איין קלאָגען דערויף:

— אייביג נאַכט דאָ, אַ פינסטערניש, אַז עס צעפרעסט אַזש.

ווייַל זי איז נאָך געגאַנגען אין גימנאַזיע האָט זי זעהר ווייניג פערברענגט אין שטוב. באַלד נאָך די לעקציעס, אַזוי ווי זי האָט נאָר אָבגעגעסען מיטאָג, איז זי גלייך אַוועק צו די חבר'טעס. געגאַנגען מיט זיי אויף שפּאַציער, אין די קינאָס, טעאַטערס. געטריבען פערשיעדענערליי ספּאָרטען, געמאַכט אויספלוגען, נאָר זייט די מסחרים זענען קאַליע געוואָרען, זייט דער פאָטער האָט געמוזט ווערען משרת אין דעם זעלבען געשעפט, וואו ער איז פריהער געווען אַ שותף; און דאָ נאָך ווען די באָבעשי האָט שוין דערפיהלט איהר עלטער און נישט געקאָנט שוין זיך פאָרען ביי דער ווירטשאַפט, — האָט זי געמוזט שוין אַ גאַנצען טאָג זיין אין שטוב.

און ווי אַזוי וועט זי דאָ קאָנען איינזיין?

דער שפּיגעל האָט אַנ'אויסזעהן ווי אַ שטיק אָבגעריבען מעש, אַלץ גיעט ער אָב אַלט, טונקעל, פערמרה-שחורה'ט; דער פּליוש פון מעבעל איז אויסגעריבען, גיעט פון זיך אַרויס אַ מאָדנעם טוכלען ריח; דער זייגער קלאַפּט שווער, מיעד, פערהייזעריגט; און דאָס טיקען זיך פון דעם גאַז-פלעמעל אַ גאַנצען טאָג? און דער טויבער עכאָ פון יעדען טריט? — זי האָט דאָך גאָר נישט בעמערקט ביז איצט, אין וואָס פאַר אַ שטוב זיי וואוינען. — זי וועט דאָך דאָ אומקומען.

איז זי אַ גאַנצען טאָג אָבגעלעגען ביי זיך, אין קליינעם צימערל אויף דער קאַנאַפּקע, געלייענט אַ ביכעל, מעהר געמישט די בלעטלעך ווי געלייענט, גע־דרעהט זיך אַהין און צוריק, זיך געצויגען, ביז ס'איז אָנגעקומען דער פאָטער.

דער פאָטער האָט דערצעהלט וועגען געשעפט, דערצעהלט, אַז ס'האַלט זיך ביי

פערבעסערן, אַז נישט לאַנג וועט דאָס אַזוי דויערן, מען דאַרף נאָר האָפן, און איהר אַלע מאָל געבעטען, אַז זי זאָל זיך אַ ביסעל מיט איהם איבערגעהן, איהם צו בעגלייטען צו דער אַרבייט.

* * *

די באָבע האָט געלעבט שוין אויף נעשעגקטע יאָהרען, זי איז שוין אַכט אַריבער די זיעבציג. איז ביז איצט, ווען אין שטוב איז נאָך געווען אַלץ בהרחבה, ווען דער איידעם פלעגט נאָך יעדע פאָר טאָג זיך פרעגען: „נו, שוויגער, אפשר זענען שוין אויסגעגאַנגען די פאַפיערלעך?“ און באַלד דערויף אַרויסנעהמען עטליכע נייע קאָקענדיגע באַנקנאָטען (זי האָט געהאַט אַ שוואַכקייט די אַלטיטשקע צו שפּאָגעל-נייע באַנקנאָטען און ער האָט דאָס געוואוסט דערפון) איז דעמאָלט איז זי געווען פערהאַוועט און פערשמאַיעט ביי דער בעל-הבית'שאַפט, מעהר ווי דעם שבת אויף אַריינצוקוקען „אין אַ הייליג וואָרט אַריין“ האָט זי נישט געהאַט. זי האָט איבערהויפט גאָר פערגעסען אין איהרע יאָהרען, אַז זיי דערנעהנטערען זיך שוין צום אויסלאָז; אָבער לעצטענס, זייט די באָבע האָט שוין גענומען זיי אין שטוב אויסלערנען דעם סוד פון עקאָנאָמיע, אַז וואָס עלטער געבעקס איז זעטיגער, אַז מען קאָן פון אַ געוועהנליך ביסעל געקאָכט וואַסער מיט פערבראָקעניץ פיהלען דעם טעם פון פיש-יויך; זייט דאָס קליינע בערדעל פון ר' חיים ראָזען האָט אָנגעהויבען גראָהען און גאַנצע שעה'ן זיך געפונען צווישען זיינע צייהן, — האָט די באָבע אויפגעוואַכט פון איהר פערטראָגענקייט, האָט זי גענומען דער-הערען שוין דעם רוף פון דער שטילער ווייטקייט: „צוריק טייערינקע, איהר ווייסט דאָך...“

איז זי געזעסען גאַנצענע טעג אין קיך ביים פענסטער, אָנגעשפּאַרט אויף די עלענבויגענס, געקוקט אין דרויסען אַרויס, אין דער הויך אַרויף און געטראַכט:

— איך מוז דאָך אַהין קומען אַ ריינע, אַ נישט פערשעמטע, וואָס מען קאָן נאָך עפּעס גוטס אויפטהון דאָ, דאַרף מען אויפטהון.

האָט זי אַזוי געטראַכט, צוגעפּרעסט פעסט די אויגען-לעפּלעך, געוואָלט עפּעס נאָך און נאָך אויסשיידען פון דעם קנופּ אינעווייניג, וואָס פּלאָנטערט זיך שוין אַזוי אַ ביסעל, און פּלוצלונג האָט אַ שמייכעל צעקניידשט איהרע אַראָבהענגענדיגע פאַלדען פון פּנים, כוואַטסקע האָט זי זיך דערביי געטהון אַ קלאַפּ אין שטערן:

— גאָלדעלע!

גאָלדעלע, איהר טאָכטער'ס טאָכטער. ביז איצט נאָך געווען אַ קינד, טאַקי אַריינגעיאָגט די קינדערישקייט שוין אין די כלה-יאָהרען אַריין, צו זיעבציעהן יאָהר נאָך געגאַנגען מיט האַלב-ענטבלויזטע פיס אין גאַס אַריין, געשפּרונגען, געבאַלע-וועט, אָבער אַז זי האָט געגעבען דער באָבען אַ גלעט איבער'ן פּנים, אַ כאַפּ אַרום, אַ קוש, צוגעטאַנצט, וואָס האָט זי איהר שוין דעמאָלט געקאָנט זאָגען? מען וועט נאָך וואַרטען אַביסעל — האָט זי זיך געטראַכט.

אָבער איצט איז שוין פּאַר ביידען צייט.

זי האָט זיך צוגעשאַרט צום לעצטען צימערל, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קאַנאַפּקע, אַרויסגענומען דעם אייניקעל דאָס ביכעל פון האַגד, עס אַוועקגעלעגט און אָנגעהויבען:

— אַזוי? טרויעריג ביזטו? מרה־שחורה'דיג? אפשר וואָלסטו וועלען, איך זאָל דיך מאַכען אוים טרויעריג? יא?

— כ'וויים אַליין נישט, באָבעשי.

— דאַרפסט עס יאָ וועלען, קינד מיינס, נאָר פאַר דעם ווויל איך דיר עפּעס זאָגען.

„מען זאָגט, אַז ווען אַ איד וויל געווינען אויף דער לאָטעריע און מיט אַ גאַנץ פריהער זעצט ער זיך אַוועק זאָגען תהלים, איז שוין בלויז דערמיט, וואָס ער האָט געזאָגט תהלים, האָט ער שוין געוואונען. דו פערשטעהסט? אין דעם לערנען ביינאַכט איז איהם געוואָרען אַזוי קלאָר אין די געדאַנקען, אַז ער האָט דערזעהן, אַז אייגענטליך איז געלד געווינען נאָך נישט דער עיקר און ער לערנט שוין ווייטער די נאַכט, און ער האָט שוין גאָר איינגאַנצען פערגעסען צוליעב וואָס ער איז צוגעגאַנגען צום ספר.

„אָט מיט דיר דאָס זעלבע. דו מיינסט, אַז כדי ס'זאָל דיר ווערען אַ ביסעל פריעהליכער אויפן געמיט, אויף דער נשמה, דאַרפסטו מי־יודע וואָס פאַר אַ זאַכען. איז אַז דו וועסט זיך צוהערען צו מיר אַ ביסעל און טראַכטען וועגען דעם, וועסטו זעהן, אַז ס'איז נישט אַזוי.

„איך בין צו דיר היינט אַריינגעקומען דערפאַר, ווייל מיינע חשבונות זענען שוין, האַכט זיך, מיטן רבונו של עולם ווי פערענדיגט. מיינע טעג זענען שוין נאָהענט צו איהם, דעריבער האָב איך געוואָלט נאָך קאָנען עפּעס אויפטהון אָט דאָ ביי אייך.

„און זאָגען וויל איך דיר אַלץ דעם ריינעם אמת, אַלץ נאָר וואָס גוט איז, און וויסען דאַרפסטו, אַז דעם אמת קאָן נאָר וויסען דער, וועלכער איז שוין נאָהענט צום קבר. אַפילו אַ קינד, ווען עס שטאַרבט צוויי יאָהר אַלט, איז שוין עטליכע טעג פאַרן שטאַרבען, אַז דו וועסט עס גוט אַריינקוקען אין די אויגען אַריין, וועסטו דערזעהן, אַז דאָס קינד זעהט אַסך מעהר שוין, ווייסט אַסך מעהר שוין וועגען לעבען און וועלט, ווי אַ דערוואַקסענער, וואָס האָט נאָך לאַנג צו לעבען.

* *

*

גינאַ איז געווען שטענדיג אַ לעבעדיגע, אַ שטיפערישע; רוהיג איינזיצען אויף אַן אָרט, קלערען וועגען עפּעס, זיין פערטראַכט, דאָס איז איהר געווען אונמעגליך. אַז זי איז געזעסען אַפילו איבער אַ לעקציע, איז זי נישט געזעסען סתם געלייענט אָדער געשריבען, נאָר זי האָט זיך געמוזט צוזינגען, טופען מיט די פיס,

[illegible] מיט די הענד, מאכען סימנים, העויות; און אז די [illegible] האבען נאך, זי ליעב געהאט די חבר'טעס, די לעהרערס, דער פאטער, האט זי וודאי שוין נישט געטראכט, אז מען דארף, אז מען קאן אנדערש זיין.

צייט זי האט אבער אויפגעהערט געהן אין גימנאזיע, דעמאלט אין דער פריה, ווען דער פאטער איז איהר צוגעקומען זאגען, אז זי מוז אויפהערען דערוויל זיך לערנען, האט זי ערשט דאמאלס צום ערשטען מאל דערזעהן, אז עס זענען פאראן אזעלכע אויגען, וואס זענען דורכזיכטיג ביז אין דער טיעף אריין, פייכטליכע, און אז מען קוקט אין זיי פערהאלט זיך דער אטעם, בלייבט עפעס אויף א ניי ווינקעל אין מוח און מען הויבט=אן עפעס אלץ אנדערש זעהן ווי ביז איצט. — דאס איז איהר פאטער?

ווער ווייסט, וויפיעל ער ליידט צוליב איהר?

האט זי גענומען ליגען אויף דער סאנאפע גאנצע טעג, געלייענט ביכלעך און זיך געשעמט אפילו פארן פאטער צו ווייזען. זי דארף אבקומען א שטראף. איז אבער געקומען דער פאטער אויף מיטאג, זי מיטגענומען אויף א שעה אין גאס אריין, איהר אויסגערעדט די צעדרייטצטע שטימונג, געגעבען האפנונגען, אז נישט לאנג שוין וועט עס זיך פערבעסערן, איז זי געווארען א ביסעל אבגעפרישט. אט=אט, האט זי געטראכט, הויבט זיך אן צוריק דאס אלטע גוטע לעבען. ואמת מאקי, זי איז שוין היינט אלט אכצעהן יאהר, זי פערשטעהט שוין דאס לעבען א ביסעל אנדערש, אבער אלענפאלס א יונג=מיידעלש לעבען.

איז אבער דערוויל געקומען די באבע.

יעדען טאג, אין די נאכמיטאג=שעה'ן, האט זי זיך אוועקגעזעצט ביי איהר אויף דער קאנאפע, דעם קאפ אראבגעבויגען, די אויגען צו, און דערצעהלט איהר וועגען לאנג שוין פערגאנגענע זאכען, וועגען פערגאנגענע שוין צייטען און מענשען, דערביי האט זי כסדר אזוי געמאכט מיט דער האנד, ווי זי וואלט זיי געברענגט די אלע דא אהער צו שלעפען, זיי פארגעשטעלט, און אנגעוויזען אויף יעדען איינעם:

— „אט דא האסטו אידישע טעכטער, מיט בלאסע פנימער, די האאר צעלאזען, אט געהען זיי איצט געשמידט אין קייטען, כדי פערברענט צו ווערען אויפן שייטער=הויפען, ווייל זיי האבען געוואלט בלייבען אידישע קינדער.

„אט האסטו דא דיין עלטער=עלטער=מאמע, וואס האט שוין זעקס יאהר נאך איהר שטארבען געמוזט זיך מטריח זיין פון איהר רוה און קומען אין מיטען נאכט אין שטעדטעל אריין אויפוועקען דעם שמש, אז ער זאל שוין לויפען מיט די שליסלען אין שוהל אריין און ארויסנעהמען פון ארון=קודש א פלעשעל מיט בלוט, וואס ערלים האבען דארט אריינגעלעגט, כדי אזוי=ארום א בלבול צו מאכען אויף אידען.

„און ווילאנג, מיינסטו, איז, אז דיין זיידע איז געקומען שבת פון שוהל, וואס דאמאלס האסטו דעם ערשטען קוויטש געטהון, ווי ער האט געזאגט „מזל=טוב!

נאָך אַ אידיש קינד געבוירען געוואָרען".

וואָס מעהר די באָבע האָט צוגעפּעסטיגט די אויגען ביים דערצעהלען, אַלץ מעהר זענען גינאַ'ס אויגען אויפגעריסען געוואָרען. זי האָט געקוקט אַזוי אויף דער בעוועגונג פון דער באָבעשי'ס האַנד און געדוכט האָט זיך איהר, ווי די אַלטיטשקע דופט אַרויס פון שמאָלע טונקעלע מיילען־לאַנגע קאָרידאָרען מענשען און געשעהענישען, און זיי קומען אַזוי גערן און לייכט אויף איהר רוף, און הערביי גלעט זיי אַלע די אַלטיטשקע איבערן קאָפּ.

מיט שפּאַנונג האָט זי שוין געוואַרט אויפן צווייטען טאָג, ווייל אָט, האַכט זיך, געכטען האָט זי איבערגעריסען אין מיטען, און ס'איז דאָ נאָך אַסך, וואָס וואַרטען אויף דער אַלטיטשקערס ערשטען ריהר מיט דער האַנד.

און זי האָט טאַקי נישט געקאַרגט, די באָבעשי, ס'האָט איהר נייעט פער־פעהלט קיין שטאָף אויף אַסך צעהנער טעג.

און ביי יעדען מאָל האָט זי זיך בעמיהט דורכצופיהרען איהר הויפּט־געדאַנק פון דעם אַלעם, דעם עיקר זין:

— אַ מענש ווערט נישט געבוירען פון זיך אַליין, ער דאַרף דאָס געדענקען, און נישט וואַרטען, ביז ס'וועט זיך איהם אַליין דערמאָהנען, דאַמאָלס, ווען ס'וועט שוין זיין צו שפּעט. אַז אַ מענשענ'ס געבוירען־ווערען איז נישט גלאַט אַזוי אַ זאַך זיך, עס איז דאָ דערביי אַ „עפּעס", אַזעלכעס, וואָס מיר אַליין בענעהמען נישט מייסטענס. — און דעריבער:

— דו ביזט אַ אידישע טאָכטער, פון אידיש בלוט, און בלוט האָט אַ טבע זיך נישט צו לאָזען מישען. גערט דאָס פערהאַלטען אויף איין אָרט, ווערט קאַליע, לויפט עס אַ צייט קאַליעד'געוואָרהייד, אָבער לויפט אַזוי לאַנג, ביז עס לייטערט זיך ווידער אויס, אָבער ס'נעהמט שוין דאַן פראָצענט. טאָ פאַרוואָס זאָלען מיר דאָס זיין די פערהאַלטערס? צי לעבען מיר דען נאָר פאַר זיך אַליין? און געדענק, קיין ביישפּיעל פון די אַרום דיר זאָלסטו נישט נעהמען , גאָלדעלע איז נישט קיין גינאַ און אידיש בלוט איז נישט קיין אַנדערענס בלוט — — — — — —

פאַר גינאַ'ן איז פערשטעהט זיך גענוג געווען, אַז זי האָט געהערט די שענע מעשה'לעך פון דער באָבען, אַז זי האָט זיי פערגאַפט און מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם געהערט, וואָרום זי האָט דאָך אָפטמאָל שענער דערצעהלט ווי אין די ביכ־לעך; גענוג געווען אַז זי האָט פערלוירען די רעכנונג פון די טעג און אַלץ האָט זיך צוגעטשעפּעט צו יענע טעג און הונדערטער יאָהרען, וואָס זענען געקומען פון אָט די דונקעלע מיילען־לאַנגע קאָרידאָרען, אַז זי האָט דערפיהלט ווי ס'לעגט זיך ביי איהר אויפן הערצען וואָס אַמאָל אַ אַלץ שווערערער קאָשמאַר און פּענ־טעט איהר דעם טריט, — אָבער דער מוסר־השכל איז געווען פאַר איהר פרעמד און דעם זין פון דעם אַלעם נישט בענומען. זי איז נאָר געבליבען הילפלאָז און אויף יעדער זאַך, יעדער ערשיינונג געקוקט לענגער ווי אַמאָל. אַז זי האָט געזעהן איינ־

מאָל באַלד אין דערפֿריה ווי דער טאַטע איהרער שטעהט אין אַ ווינקעל איינגע־הילט אין אַ טלית, האָט זי בעמערקט, אַז דער קאָליר פֿון דעם טאַטערס פּנים איז דערזעלבער פֿון טלית. לויט דער באָבען האָרף עס דאָך שוין האָבען אַ בעדייטונג, און זי האָט זי געפֿרעגט וועגען דעם. דער ענטפֿער איז געווען אַ קורצער:

— דאָס איז דערפֿאַר, ווייל אין זעלבען טלית דאַווענט מען און אין דעמזעלבען טלית ברענגט מען צו קבורה.

גיטאַ האָט זיך דערפֿיהלט שלעכט, עטליכע טעג נאָכדעם איז זי געלעגען אין חיץ, נאָר אַזוי ווי זי איז אויפֿגעשטאַנען פֿון בעט, האָט שוין די באָבעשי צוגע־גרייט פֿאַר איהר אַ נייע סצענע. די סצענע איז בעשטאַנען אין דעם:

זי האָט אַריינגערופֿען דאָס אייניקעל צו זיך אין קיך אַריין און איהר גע־זאָגט:

— ביזט שוין געזונד, קינד מיינס? ווערסטו איצט אַזוי גוט זיין מיך אויס־טהון און אַריינלעגען מיך אין מיין בעטעל אַריין. איך אַליין קאָן שוין נישט. מען רופֿט שוין.

אין עטליכע שעה אַרום האָט זי זי צוגערופֿען צום בעט און ווידער געזאָגט:

— וואָס האָבען מיר היינט, ליכטיג קינד?

— דינסטאָג, באָבעשי.

— אויב דינסטאָג, איז שוין אַ שאָד אַ ליכט־בענשען, דאַרף מען וואַרטען נאָך ביז פֿרייטאָג. הייסט דאָס, אַז מען קאָן נאָך נישט.

— מיטוואָך? — מען קאָן נאָך נישט. דאָנערשטאָג? — מען קאָן נאָך נישט. דאָס קינד דער אַלטיטשקעס האָט נישט פֿערשטאַנען, וואָס זי מיינט דערמיט, ביז ס'איז געקומען דער פֿרייטאָג. „פֿרייטאָג? מען קאָן שוין, נאָר ביז נאָך פֿאַר־נאַכט" — איז געקומען דער פֿאַרנאַכט, האָט זי דערלאַנגט ביידע הענד דעם איידעמ'ס אייניקעל און געהייסען זיך אַריינפֿיהרען אין הער שטוב אַריין צום טיש צו. זי האָט אָנגעצונדען די ליכט, אָבגעבענשט, זיך געהייסען צוריק פֿיהרען, געזאָגט אַ „גוטען תמיד", און קליינע מינוטען האָט געדויערט ווי זי איז איינגעשלאָפֿען דעם אייביגען שלאָף. — — — — — — — — — — — —

2

אַ צווייטע וואָכען נאָך דעם האָט שוין דער טאַטער אויך געזעהן, אַז פֿאַר גי־טאַ'ן זיין אין שטוב איז נישט גלייך. נישט נאָר וואָס זי האָט נישט געלייענט שוין קיין ביכלעך, נאָר זי האָט אינגאַנצען קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט פֿון מויל. זי איז געלעגען אויף דער קאַנאַפּקע איבערגעקעהרט מיטן פּנים אַראָב, אַמאָל נאָך איבערגעדעקט דאָס פּנים מיט אַ פֿאַלטע, מיט אַ טוך, און גאַנץ אָפֿט פֿלעגט זי זיך צעשרייען, נישט ווייסענדיג פֿאַרוואָס און פֿאַר ווען.

— זי דאַרף אָנהויבען אַרבייטען — האָט ער געטראַכט — זי מוז בענקען נאָך דער באָבען — זאָל זי זיין צווישען מענשען.

און זי האָט זיך פֿערדונגען צו אַ שניידערין.

אַנשטאָט 8 שעה, האָט זי אַליין געדרן געאַרבייט צו 12 און 14 שעה א טאָג. דערביי האָט זיך נאָך געאַרבייט אַזוי שנעל, אַז מיטן אויג ניט צו דערכאַפּן. שנעל אַ ציה די האַנט מיט דער נאָדעל, שוין צוריק אין שטאָף און באַלד ווידער צוריקגעכאַפּט.

און די מיידלעך פון דער פאַבריק האָבן צווישן זיך געשעפּטשעט:

— געזעהן שוין אַזעלכעס? אַזעלכע ווייסע און איידעלע הענטעלעך האָט זי און געהט אַ וועט-לויף מיטן טייוועל.

און אַזוי שנעל האָט זי אויך געגעסן, און פּונקט אַזוי אויך געגאַנגען איבער דער גאַס. אַרויס פון שטוב איז זי באַלד פּאַרטאָג, און אַהיים געקומען ניט פריער ווי 1 ביינאַכט. נאָך דער אַרבייט איז זי געגאַנגען אין אַ קינאָ אַריין איינע אַליין, אָדער אייגע אַליין אַרומשפּאַצירט איבער די גאַסן.

איינמאָל שטעהט צו איהר צו אַ חבר'טע פון פאַבריק:

— איהר ווייסט, איהר אַרבייט עפּעס אַזוי מאָדנע געטריי, אַזוי פיעל איבער-שעה'ן אומזיסט, אַז עס פּאַסט גאָרנישט פאַר אַנ'אַרבייטאָרין פון דער היינטיגער צייט. און נאָך הוץ דעם שאָדענט איהר דערמיט די איבעריגע אַרבייטאָרינס. ווען איהר וואָלט זיך געוואָלט לאָזן אויפקלערן, ווען איהר בעקענט זיך מיט אונזער בעוועגונג, לעזט אונזער ליטעראַטור, וואָלט איהר אַנדערש גאָר אַלץ אָנגעהויבן צו פערשטעהן, וואָלט איהר גאָר אַנ'אַנדערע, אַ נייער מענש געוואָרען. גלויבט מיר, אַז איך, בין אייך ניט קיין שונא — און דערביי האָט זי באַלד מיט אַ געהיימער בעוועגונג איהר דערלאַנגט עפּעס אַ בלעטעל, וואָס איז געווען געדיכט אָנגעדרוקט מיט קליינע אותיות'לעך.

— לעזט דאָס איבער.

נאָכדעם ווי מען האָט זי גאָר עטליכע מאָל מיטגענומען אויף די געהיימע קריין-בעראַטונגען פון דער אָרגאַניזאַציע, איז זי שוין שפּעטער אַליין געקומען. זי האָט געבעטען, אַז מען זאָל איהר געבען אַלערליי-פערשידענע אַרבייטען פון דער אָרגאַניזאַציע, מעגען זיי זיין ריזיקאַלישע, זי וועט אַלץ פּינקטליך אויספיהרען.

האָט זי שוין אין די נעכט זיך פערנומען מיט אַרומגעהן איבער די גאַסען און שמירען רויטע אויפרופען אויף די מויערען. האָט געמעגט זיין ווי ליכטיג אַרום דעם אָרט, האָבען געקאָנט שטעהן אַרום וויפיעל מענשען, גינאַ האָט ניט קיין מורא. אַ ציה אַפּער דעם פּענזעל פון אונטער'ן מאַנטעל, איינגעטונקט אין קובעקעל פאַרב און דרייסט אַ שמיר איבער די וואַנד. איז אַפילו אָנגעקומען אַ פּאָליציי-מאַן, גינאַ איילט זיך ניט צו אַנטלויפען, זי מוז זעהן פריהער, צי די אויפשריפט איז דייטליך אַרויס.

אין אַ וואָך אַרום האָט מען איהר שוין אָנפערטרויט פעראַנטוואָרטליכע אַרביימען. מען האָט איהר געגעבען איבערצוטראָגען טשעמאָדאַנען מיט ביבולע, אָדער מען האָט זי אַוועקגעשטעלט אין אַ קעלער צו רייבען מיט אַ באַרשט ביים

אָבציהען פון זאַץ די אויפרופען. גינאַ האָט געלעבט ביי דער אַרבייט.

און צו גינאַ'ן האָט מען נישט געקאָנט נישט האָבען קיין צוטרוי; איהר בלייך, אויסגעלייטערט פנים, איהרע לויטערע אונשולדיג-פערחלומ'טע אויגען האָבען נישט דערלאָזט צו אַ נישט-צוטרוי. מ'האָט זיך נאָר געוואונדערט, פון וואַנען עס קומט צו איהר אַזאַ אויפגעברויזטקייט אין דער אַרבייט; בשעת מעהר וואָלט איהר געפּאַסט אַרומצושפּאַצירען מיט פאַמעליכע טריט אין עפּעס אַ ווייגאַרטען, אין איהרע האָר זאָלען זיין אַריינגעפלאָכטען ווייסע און פריש-ראָזע בלומען, און אונטער'ן אָרעם זאָל זי טראָגען אַ דין שען-געבונדען ביכעל מיט קלאַסישע סאָנעטען.

אָבער נאָך אַלץ פיינליך זענען געווען פאַר איהר די פּאָר שעה, וואָס זי האָט בעדאַרפט שלאָפען אין שטוב. זי האָט עטליכע נעכט געפּרובט נישט אַהיים קומען, געשלאָפען ביי אַ חבר'טע. איז אָבער דער פאָטער געווען אויסער זיך. און זי האָט פאַרט דאָ נישט געקאָנט זיין. זי האָט בעשלאָסען, אַז אויב זי וויל לעבען, נישט זיין אין די נעכט אונטער שווערע קאָשמאַרען, וואָס זענען איהר בעפאַלען, אַזוי ווי זי איז נאָר איבערגעטרעטען די שוועל פון שטוב — מוז זי אינגאַנצען אַוועק פון דאַנען.

און איינמאָל טאַקי אַ פאַרטאָג, איז זי שטיל אַרויס פון שטוב, איז מיט דעם פענזעל און רויטע פאַרב, וואָס זי האָט געהאַט ביי זיך, האָט זי אויפגעשריבען אויף די ווענד פון אַלע דריי צימערען:

„אַלץ איז איין גרויסער ליגען, מעהר וועל איך זיך נישט פייניגען. אַ גוטען טאָג“.

די חברים, די אידישע חברים אין זייערע שוואַרצע בלוזעס, מיט זייערע טריעב-פערנעבעלטע אויגען, זייער שרעק, זייערע קריכענדיגע טריט, זייער רעדען, אויכשפּראַך, דאָס בעוועגען מיט די הענד; — גאָט, עס דערמאָהנט דאָך זי אַלץ אין איהר באָבען און פאָטער.

איז אַז זי איז געוואָהר געוואָרען, אַז מען קאָן אויך אַרבייטען אין דער פּוילישער אָבטיילונג פון דער אָרגאַניזאַציע, אין די געגענדען פון זשעלאַזנאַ און וואָליע, האָט זי גלייך געבעטען זי איבערצושיקען אַהין. זי איז אַפילו אַוועק פון דער אידישער פאַבריק און זיך פערדונגען צו אַ פּוילישער שניידערין פון עק שטאָדט מיט עסען און מיט שלאָפען.

אַלע טויערען זאָלען זיין פאַר איהר אָפען, אַז זי זאָל קאָנען לייכט שפרויזען אין פערגעסונג.

און מען האָט זי טאַקי אומעדום גוט אויפגענומען, יעדער האָט איהר געוואָלט מיט עפּעס דיענען. זי איז אין די פּוילישע אַרבייטער-קרייזלעך אַזוי בעליעבט געוואָרען, אַז ס'איז איהר אויסגעקומען ביי וועמען עפּעס פועלן צו טהון פאַר דער אָרגאַניזאַציע, וואָס פון אַ צווייטען וואָלט זיך יענער געקווענקעלט,

האָט מען עס פֿון איהר מיט פרייד אָנגענומען.

מען האָט זי געשיקט אויף אַגיטאַציע אין די פֿאַבריקען, דאָרט, וואו אַנדערע האָבען שוין גאָרנישט געקאָנט אויפֿטהון, דער חבר'טע גינקאַ איז אָבער אַלץ געלונגען. פֿלייסיגער האָט זיך די חברים געאַרבייט אין איהר אַנוועזענהייט. — אַז גינקאַ איז מיט אונז — האָבען זיי געזאָגט — טהוט זיך אַלץ גאָר אַנדערש.

איהר אַמאָליג אָנטהון האָט זי אַוועקגעוואָרפֿען, זי דאַרף דאָס נישט, זי האָט געזוכט זיך צו קליידען נאָר וואָס אָרימער, וואָס פּראָסטער. אַ די הענד איהרע זענען איהר צעשעקעט געוואָרען פֿון דער גראָבער אַרבייט, געוואָרען פֿון בלענדענד-ווייס אַזש רויט-בלוי, האָט זי גאָר אָנגעקוואָלען דערפֿון:

— אָט אַזוי דאַרפֿען אויסזעהן הענד. זי וואָלט צעטיילט די קלאַסען לויט די הענד. אַלע די מיט שפּיטאָל-ווייסע הענדטלעך, וואָלט זי אַוועקגעשטעלט אויף יענער זייט, — אָט האָס זענען מיר, און דאָס זענט איהר.

נאָך איבער אַ יאָהר אָבזיין אין דער אָרגאַניזאַציע, האָט די פּאָליציי נישט געקאָנט נישט-אויפֿמערקזאַם ווערען אויף אָט די „חבר'טע גינקאַ", אויף אָט „דאָס טייוולאָנישע פֿויגעלע, וואָס קאָן אָבטהון דאָס סאַמע געפֿעהרליכסטע דירך אונטער דער נאָז, זיך נאָך צושמייכלען דערביי, מאַכען אַ קניקס — און גלייך ווערט זי דיר נעלם".

זי האָט זיך געמוזט אָנהויבען אויסבעהאַלטען.

* *

אין אָנפֿאַנג, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבען צוגויפֿטרעפֿען מיט אַרבייטער, האָט זי עפּוואָס געשראָקען דאָס, אַז עס קאָן איהר אַמאָל אויסקומען בעליידיגט צו ווערען פֿון זיי, אַז זיי קאָנען זיך צו איהר אַמאָל בעציהען גראָב, און דאָ, וואָס פֿאַר אַ טעות, ווי אַזוי מען קאָן דאָס אַמאָל שלעכט פֿאַראויסזעהן. נישט נאָר גראָב, נאָר זיי בעציהען זיך צו איהר אויסערסט איידעל, זיי ערלויבען זיך נישט פּשוט צו שטעהן נאָהנט נעבען איהר, און ווער רעדט שוין וועגען אַ פּרעך וואָרט, אַ עפּעס נישט פּאַסינגען אויסדרוק?

און ס'האָט איהר אַפילו געגומען שוין אַהרען. זי איז דאָך נישט קיין סטראָשידלע אָדער פֿון פּאָרצעליי, פֿאַרוואָס זאָל מען נישט זיין מיט איהר אַזוי נאָהנט און היימיש ווי מיט איהרע אַלע אַנדערע חבר'טעס.

קאַזשיק, אַ שענער שייגעץ פֿון אַ יאָהר זעקס-און-צוואַנציג, מיט אַ געדיכטען קאָפּ שוואַרצע האָר, געוויקעלט אין רינגען אויפֿן שטערן אַראָב, מיט אַ איידעל פּנים, מען האָט נישט דערקענט אויף איהם, אַז דער זעלבער שטעהט צעהן שעה מיט אַ האַמער ביי גליהענדיגע אייזענס און קלאַפּט, — אַז דער קאַזשיק האָט דערזעהן ס'ערשטע מאָל גינאַ'ן, איז ער גלייך נישט-גלייכגילטיג געוואָרען צו איהר.

ער איז אַזוי אויך קיינמאָל נישט געווען פֿערכמורעט, שטענדיג אַ ווייכען שמייכעל געטראָגען אויף די ליפּען, נאָך אַז ער האָט דערזעהן גינאַ'ן, האָט ער אינגאַנצען אויפֿגעלויכטען.

געגעבן איהר דאָס צו דערקענען האָט ער נישט, פערקעהרט נאָך, ער איז גראָד שטענדיג געשטאַנען אַמווייטסטען פון איהר, מיט איהר אַמווענינגסטען גע־רעדט ווי מיט אַלע אַנדערע חבר'טעס.

היינטיגען אָוונד איז קאַזשיק'ן אויסגעקומען זיך צו פערשטענדיגען מיט גינאַ'ן אין אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער אַנגעלעגענהייט, וואָס האָט געהאַט טאַקי דירעקט אַ שייכות מיט גינאַ'ן.

אַ נאַכט פריהער איז געווען פאָליציי זי זוכען דאָרט, וואו זי שלאָפט. אַלע איהרע קוואַרטירען זענען שוין קאָמפּראָמיטירט, חוץ נאָך ביי קאַזשיק'ן. האָט איהם דער קאָמיטעט בעפוילען, אַז ער זאָל גינאַ'ן אַהיים נעהמען צו זיך, ביי איהם איז נאָך זיכער.

— אַך, זעהר גערן. פאַרוואָס האָט ער איהר שוין דאָס לאַנג נישט געזאָגט, ווען זי ווייסט?

ביידע האָבען זיי וואָרעם געשמייכעלט, קאַזשיק האָט אַביסעל אַראָבגעלאָ־זען די אויגען און זיי האָבען זיך געדריקט די הענד.

ער וועט נאָך איצט אַהיים געהן אַביסעל צורוימען די שטוב, אין אַ שעה אַרום קאָן זי קומען אַליין. געהן צוזאַמען איז נישט גלייך.

אַז זי איז אַרויפגעקומען, האָט זי איהם נאָך געטראָפען פאַרען זיך ביי דער מאַשינקע, ביים אויפשטעלען וואַסער אויף אויפצוקאָכען און אויפן טיש איז שוין געווען צוגעגרייט עסען און ביים טיש צוויי בענקלעך. אין שטיבעל איז אַזוי וואָרעם, ציכטיג, אַ מחיה, אַז ס'איז איהר אַזש אַ אומעטיגע בענקשאַפט בעפאַלען.

קאַזשיק שטעהט אין אַ ווינקעל אַזוי פערלעגען, שמייכעלט, נישט געוואוסט, ווי דאַרף ער זי בעטען זיצען, אָהער וואַרטען, אַז זי אַליין זאָל עס טהון, אַז גינאַ האָט זיך אַזש צעלאַכט פאַר אָט דעם גרויסען קינד, וואָס געפינט זיך אַזוי פער־לוירען, ווען ער איז צוזאַמען מיט אַ מיידעל.

— די שטוהלען בענוצט מען ביי אייך צום זיצען, חבר קאַזשיק?

— יאָ, זיכער.

זי האָט איהם אָבער אויסגעמוסר'ט פאַר זיין נישט דרייסטקייט — עס פאַסט נישט כ'לעבען פאַר קיין רעוואָלוציאָנער, פאַר קיין קעמפער, — און אַלס שטראָף דערפאַר, האָט זי איין בענקעל אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל — זאָל ער מוזען זיצען צוזאַמען מיט איהר.

ביים עסען אָבער איז ער שוין לעבעדיגער געוואָרען, אויפגעהייטערט, דרייס־טער. ער האָט איהר גענומען דערצעהלען פערשידענע וויציגע מעשיות, דער־צעהלט וועגען זיין פערברענגען צוויי יאָהר אין טורמע, פערשידענע עפיזאָדען, ווי אַזוי ער האָט אָבגעטהון שפיצלעך דער פּאָליציי, געפיהרט אין טורמע אַ הונ־גער־שטרייק, אפילו אַמאָל גוט אָנגעשלאָגען אַ תפיסה־וועכטער, אַזוי, אַז גינאַ

איז אַזש אַריין פון דעם אַלעם אין התפעלות. זי האָט גענומען טאַנצען, שפּרינ־גען, איהם אַרומכאַפּען.

— חבר קאַזשיק, איהר גיעט מיר גאָרנישט קיין קליינעם טרונק צו טהון, עפּעס אַ קליינעם שנאַפּס צו מאַכען?

— שנאַפּס ? ער וועט איהר זאָגען דעם אמת. פאַר איהר אַרויסקומען דאָ האָט ער עס טאַקי אַראָבגערוימט פון טיש אין שענקעל אַריין, ווייל ער האָט זיך געשעמט פאַר איהר אַז ער טרינקט.

— אַזוי? איז ער דאָך אַנ'אמת'ע באָבע.

מען האָט געגאָסען אַיין גלעזעל נאָכן צווייטען, געטרונקען פאַרן זיעג פון דער בעפרייאונג, פאַר זייער קאַמף, פאַר אַלע מערטירער און צום סוף פאַר זיך אַליין:

— זאָלען מיר ביידע אויך לעבען! צום געזונד! זאָל לעבען! — — —

* *

*

דאָס לעמפּעל האָט געברענט מיט אַ העל צעפלאַקערט טאַנצענדיג פייער און די פינסטערע שויבען האָבען מעשיג געגלאַנצט.

אויפ'ן דיל אין אַ ווינקעל איז געלעגען אויסגעצויגען גינאַ, זי האָט כאָרכלענדיג געזונגען און איין האַנד געהאַלטען אַרום קאַזשיק'ס האַלז.

וואָס מעהר ס'האָט גינאַ איהם געצויגען צו זיך, אַלץ מעהר האָט ער זיך געדרוקט אויף צוריק.

— וואָס איז מיט אייך? אַ סלופּ?

— ניין, איהר שרעקט מיך, איהר זעהט עפּעס איצט אויס אַזוי מאָדנע.

— איהר זענט שכור.

— ניין, איהר זעהט עפּעס איצט אויס ווי אַ הייליגע, ווי אַ מנישקע, עפּעס ענגליכעס האָב איך שוין לאַנג נישט געהאַט בעמערקט אויף אייך.

— אַ הייליגע? איך? און עס שרעקט אייך, אייך אַ קאָמוניסט? גיעט מיר באַך אַ גלעזעל צו טריגקען.

— ניין, אידישע הייליגע שרעקען מיך. ס'וואָלט אויסגעזעהן אַזוי ווי איהר וואָלט אַנדערש בלוט געהאַט. כ'געדענק, בשעת דער מלחמה, איך האָב אַ אידען אַ קלאַפּ געטהון, זיין בלוט... אידיש בלוט...

זי האָט אויפגעריסען די אויגען, גינאַ.

זי האָט גענומען שרייען מיט דיזעלבע געשרייען וואָס אַמאָל אויף דער קאַנאַפּקע, דעמאָלט עטליכע טעג נאָך דער באָבע'ס טויט...

אַ גאַנצע נאַכט איז זי נישט געשלאָפען. זי האָט זיך אַרומגעדרעהט איבערן צימער הין און צוריק, פּערלעגט די הענד, און כדי נישט צו שטערען איהם האָט זי אויסגעטהון די שיך און אַרומגעגאַנגען אין די זאָקען.

שוין באַלד אַ גאַנץ יאָהר זייט זי איז אַוועק פון שטוב. איבער דער גאַנצער

[illegible] האָט זי זיך נישט געוויזען פאַרן פאָטער. זי האָט איהם אפילו נישט צו וויסען געטהון, אַז זי לעבט. די לעצטע חדשים האָט זי שוין כמעט אינגאַנצען געהאַט פערגעסען אין איהם.

ווען ס'האָט זיך דערנעהנטערט דער פאַרטאָג, איז זי געשטאַנען ביים פענסטער, דעם קאָפּ אָנגעלעהנט אויף די פייכט-קאַלטע שויבען, און שטאַר געקוקט אין דרויסען אַרויס.

נאָך איידער ס'איז ליכטיג געוואָרען, האָט זי שנעל זיך אָנגעטהון די שיך, דעם מאַנטעל און גענומען שפאַנען מיט גרויסע איילענדיגע טריט — — — — —

* *

3

אויף דער טהיר פון דער שטוב אויף מילאַ גאַס איז שוין לאַנג געהאַנגען אַ פערזשאַווערטער שלאָס.

גינאַ איז אַריין צו אַ שכנה זיך איבערפרעגען וועגען דעם:

— דער טאַטע? הם. שוין לאַנג נ-י-ש-ט ד-אָ.

לאַנג איז גינאַ געבליבען שטעהן פאַר דער פערמאַכטער טהיר פון זייער שטוב, מיט איהרע הענד פעסט זיך צוגעהאַלטען ביים פערזשאַווערטען שלאָס. און געוויינט — — — — — — — — — — — —

י. ברוקלין.

ליעבע און ברויט.

מרדכי=יוסף, א הויכער, דארער איד, מיט א לאנגער שיטערער, האלבגרויער באָרד, מיט א פאָר גרויסע, שטרויענע ברעמען, וואָס פאלען אראָב שווער איבער זיינע מאטע, פערלאָשענע אויגען, מיט א הויכען חריפות'דיגען שטערען, מיט בלאסע אבגעצוגענע, בעוואקסענע באקען — האָט ארויסגעלאָזט א שטילען פערצער'טען קרעכץ, פערמאכט די שווערע סקריפּענדיגע טירען פון זיין קליינער שניט=קראָם און געלאָזט זיך געהן אהיים פאמעליך, ווי אָהן חשק, מיט פוילע זיך=נאָכשלעפּענדיגע טריט.

א נאכט האָט זיך געשטעלט א שטילע און ליכטיגע. די לבנה, א בלאסע, א גאנצע און קיילעכדיגע, איז געשוואומען שנעל אויפ'ן הימעל, ווי מיט עפּיס א וויכטיגער שליחות, און אָבגעשלאָגען זיך פון צייט צו צייט אין א דונקעל, דורכזיכטיג וואָלקענדעל, וואָס איז געהאנגען דאָ און דאָרט אויפ'ן הימעל, ווי א פערגעסענע, איינגעדרימעלט שעפּעלע; איז זי די לבנה ארונטער אונטער'ן דורכזיכטיגען וואָלקענדעל, פערדונקעלט אויף א ווייל דעם ווייסען בלייאכטיגען דרויסען, אָבער באלד איז זי צוריק אפּער, און ווייטער זיך געגלימשט איבער'ן רחבות'דיג=אויסגעשפּרייטען הימעל. די לופט, א גרינגע און מחיה'דיגע, אויסגעמישט מיט קרעפטיגע ריחות פון אָבגעשניטענעם היי און צייטיגע אויבסען פון די לאנקעס אין פעלדער, וואָס געפינען זיך ארום שטאָדט, האָט געפלאָטערט צווישען די ענגע שורות געוועלבלעך, וואָס שטעהען עגול'דיג ארום דעם גרויסען, פוסטען מארק ווי פערלאָזטע מצבות אויף א אלטען בית=עלמין, און מילד, נחת'דיג געגלעט די פערדאגה'טע, צעקנייטשטע פנים'ער פון די פערמרה'שחורה'טע צעבראָכענע קרעמערס, וואָס פערמאכען אצינד די קראָמען.

מרדכי=יוסף איז, צוקומענדיג צו דער היים, שטעהן געבליבען א ווייל, גלייך געמאכט זיך, דאָס הימעל אויפ'ן קאָפּ, א קלונג געטהון מיט'ן בינט שליסלען, ווי עלענדיג צו וויסען געבען עמיצען, אז ער, מרדכי=יוסף, געהט שוין פון געוועלב, עריבים: א בינטעל האָר פון זיין צעשויבערטער, שיטערער באָרד און ארויין אין שטוב.

די שטוב, א גרויסע און רחבות'דיגע, מיט אָבגעשיילטע, נאקעטע ווענט, פון אלע עקען אראָב דאָ און דאָרט סימנים פון אייל=פארב, א זכר פון אמאליגער

פֿאַרמעגליכקייט, מיט פּוסטע, ליידיגע ווינקלען, פֿון וואַנען עס בעמערקט זיך דאָס פֿעהלען פֿון דער אויספּערקויפֿטער בעל־הבתּישקייט. ביים גרויסען צעשניצטען טיש, וואָס דערצעהלט פֿון אַ היבש ביסעל קליינוואַרג, זיצט אַצינד צפּורה, מרדכי־יוסף'ס ווייב, זי זיצט אַ מידע, אַ דערשלאָגענע, מיט אַ טרויעריג אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, און ווען מרדכי־יוסף קומט אַריין, הויבט זי נישט אויף דעם קאָפּ, גיט בלויז אַ ציה אַרויף איהרע נאַקעטע, ווי אויסגעצופּטע ברעמען, וואַרפֿט אויף איהם אַ בליק פֿול מיט בקשה און רחמנות און בלייבט ווייטער אַזוי זיצען.

מרדכי־יוסף האָט אַוועקגעלעגט די שליסלען און שטעהן געבליבען נעבען אָפֿענעם פֿענסטער, שטאַר, אומבעוועגליך. אין דרויסען האָט אַ בלאָז געטהון אַ קיהל, מילד ווינטעל, דאָס ווינטעל האָט דורכגעוועהעט דורכ'ן פֿענסטער, אויפֿגעבלאָזען די שווערע לופֿט פֿון שטוב, אַ גלעט געטהון מרדכי־יוסף'ס פֿאַר'צער'ט פּנים, אַרויסגעכאַפּט עטליכע גרויליכע האָר פֿון זיין שיטערער באָרד און געפֿלאַטערט מיט זיי אַהין און צוריק.

אין שטוב איז שטיל. אַ שווערע פּייניגליכע שטילקייט טראָגט זיך אַרום אין דער גרויסער פּוסטער שטוב, מאַכט ערענסט, טרויעריג און צווינגט צו פֿאַרטראַכטען זיך איבער'ן אייגענעם גורל. די גריל אונטער'ן קוימען, וואָס האָט שוין געשוויגען אַ צייט, האָט זיך ווידער דערמאָהנט אין עפּיס און ווידער אָנגעהויבען גרילצען, מאָנאָטאָן, אונהיימליך. צפּורה, וואָס איז געזעסען אונבעוועגליך, מיט'ן קאָפּ טיעף געזונקען אויף איהר הויכען, פֿולען בוזעם, האָט זיך ווי אויפֿגעכאַפּט, דערהערענדיג דאָס אונהיימליכע גרילצען פֿון דער גריל, אויפֿגעהויבען פּאַמעליך דעם קאָפּ און אַרויסגעפֿליסטערט שטיל מיט הכנעה:

— מרדכי־יוסף...

מרדכי־יוסף האָט אַ ציטער געטהון, ער האָט דערפֿיהלט עפּיס נישט פּרעהליכעס, טרויעריגעס אין זיין ווייבס רוף. ער האָט פֿאַרמאַכט דאָס פֿענסטער, אַרויסגעלאָזט פֿון מויל דאָס בינטעל האָר, וואָס ער האָט כסדר געקייעט, צוגעגאַנגען צום טיש און געפֿרעגט שטיל, מיט מורא:

— וואָס... האָס ווילסטו, צפּורה?

— וואָס איך וויל? — האָט צפּורה געענטפֿערט, צוריק אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ. — נאַרישט, כ'האָב דיר נאָר געוואָלט דערצעהלען, אַז סענדער'ל מיט'ן ווייב זענען שוין ווידער געווען, זיי האָבען געשריען, געוואַלדעוועט, געקלאַפּט אין טיש און געזאָגט, אויב מיר וועלען זיי נישט אָבגעבען דעם חוב ביז מאָרגען פֿאַרנאַכט, וועלען זיי טהון מי־יודע וואָס....

אין שטוב איז געוואָרען שטילער, שווייגעוודיגער, ווי פֿאַר עפּיס שרעקליכעס און בייזעס. די גריל האָט אויפֿגעהערט גרילצען, צפּורה האָט נידריגער אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ. מרדכי־יוסף האָט אונבעהאָלפֿען אַראָבגעלאָזט די הענד, געשאָקעלט פֿערצווייפֿעלט מיט'ן קאָפּ, און דערנאָך אַראָבגעלאָזט זיך אויף דער אַלטער געבעטער שטוהל און תחנונים'דיג געשעפּטשעט:

— וואָס זאָל איך טהון... רבונו של עולם... די חובות לאָזען נישט אָב, די וועקסלען קומען איבער, און דאָ איז אזוי שלעכט... אזוי שלעכט....

זיין קול האָט זיך געריסען שווער, הייזעריג, ווי מיט אַלע כחות, ווי אַ ווידוי פון אַ גוסס, און, אָנשפּאַרענדיג דעם קאָפּ אָן טיש, האָט ער זיך שטיל צעכליפּעט.

צפורה איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַ איינגעביסענע פון אַ שלאַנג, זי איז פּלוצלונג געוואָרען ריהרעוודיג, ענערגיש, זי איז צוגעלאָפען צו מרדכי־יוסף'ן, אָנגעכאַפּט איהם באַר'ן קאָפּ און געשריען מיט מילדקייט:

— מרדכי־יוסף! מרדכי־יוסף... וואָס איז מיט דיר, וואָס טהוסטו? וועניג דיר, אז איך וויין מיר אויס די אויגען, וועניג, אַז די קינדער וויינען טאָג און נאַכט, ווייסט דו גאָך אויך.... ניין, מרדכי־יוסף, דו טאָרסט נישט וויינען, זאָלען די בעלי־חובות טהון, וואָס זיי ווילען, מעגען מיר בלייבען אין איין העמד, נאָר וויינען זאָלסטו נישט... — זי האָט נאָך עפּיס געוואָלט זאָגען, נאָר די טרעהרען האָבען זי אין האַלז שטיקען גענומען, איז זי אַנטשוויגען געוואָרען אויף אַ ווילע, אָבער באַלד האָט זי זיך צוגעבויגען נאָהנט צו מרדכי־יוסף'ן און איהם איינגערוימט אין אויער שטיל, סודות'דיג:

— דו ווייסט, שפּרינצעלע די שדכנ'טע, איז געווען נאָך אַמאָל, זי טרעט נישט ארוים פון שטוב, לייבקע פּעל־סוחר, זאָגט זי, וועט אונז אָבגעלטען, ער וויל נעהמען אונזער שיינדעלע אַזוי, ווי זי שטעהט און געהט און אונז נאָך באַרגען אַביסעל געלד בתורת הלואה... האַ, וו זאָגסטו, עס וואָלט אפשר געווען אַ שידוך?

מרדכי־יוסף האָט האַסטיג אויפגעהויבען דעם קאָפּ. זיינע פערטרעהרטע אויסגעלאָשענע אויגען האָבען אַ גלאַנץ געטהון מיט אַ שטראַהל פון האָפנונג, זיין גערינצעלטער, צעאַקערטער שטערן האָט זיך אויסגעגלייכט, ער האָט דורכגעפיהרט מיט זיינע דאַרע, האָריגע פינגער אַ צוויי דריי מאָל איבער זיין שיטערער באָרד, ווי וועלענדיג כאַפּען דערוויילע אַ ישוב־הדעת, און דערנאָך אַ רוף געטהון:

— שיינדעלע־ שיינדעלע....

עס איז אַריינגעקומען אַ מיידעל פון אַ יאָהר צוואַנציג, אַ הויכע, אַ שלאַנקע, זי איז שוין געווען אָנגעטהון אין אַ ברוין היטעלע, קענטיג, נאָר־וואָס געוואָלט אַוועקגעהן; אַ ראָזע פאַרב האָט בעגאָסען איהר קיילעכדיג, אַ ביסעל פער־דאגה'ט, אָבער שען, טריש פנימ'על. זי האָט, משמעות, דערפיהלט, אַז מען רופט זי, כדי איהר מודיע צו זיין עפּיס נישט פרעהליכעס, האָט זי מאָדנע אַ פינטעל געטהון מיט איהרע שוואַרצע לעבעדיגע אויגען, צוגעגאַנגען צום טיש און שטעהן געבליבען שטיל, שטום.

— דו ווייסט שיינדעלע — האָט אָנגעהויבען מרדכי־יוסף, אין אַ ווילע ארום, מיט אַ שטיל, ריהרענדיג קול, — דו ווייסט, אַז איך בין שטענדיג געווען אַ גוטער טאַטע צו מיינע קינדער.... קיינמאָל נישט געצוואונגען אייך צו טהון דאָס, וואָס איהר האָט נישט געוואָלט. שטענדיג, אַז איך האָב נאָר געקענט, האָב איך, אייך

געמאכט און געקויפט אלץ, וואס עס איז אייך נאר געפעלן געווארן, כ'בין נישט קיין פאנאטישער איד, כ'פערשטעה גאנץ גוט די וועלט, כ'ווייס אויך, וואס האט הייסט ארומגעהן מיט א בחור, וועלכען מ'האט ליעב... איך האב אויך געוואלט נאר דיין מאמען, פון קיין אנדערער האב איך נישט געוואלט הערען, כ'קאן אויך ברוך'ן און ווייס, אז ער איז א גאנץ פיינער בחור, נאר ער זאל האבען וועלכען קאפיטאל, אדער כאטש זיין א שטיקעל פערדינער.... אבער לייבקע פעל-סוחר, אמת טאקי א בחור פון איבער די דרייסיגער, און נישט אזא שעגער און געלערענטער ווי ברוך, דערפאר אבער א רייכער און גרויסער פערדינער. אז מען האט נישט ליעב, קאן מען יאקאש אויסקומען, אבער אז מען האט נישט קיין ברויט. קאן מען נישט אויסקומען בשום אופן.... כ'בין נישט קיין פאנאטישער איד, שיינדעלע, ניין, כ'קען די וועלט, כ'ווייס, וואס עס הייסט ליבע, כ'ווייס אבער נאך מעהר וואס עס הייסט ברויט.... כ'וועל דיר נישט צווינגען שיינדעלע. כ'וויל דיר נאר דערצעהלען, אז מיין לאגע ווערט ערגער פון טאג צו טאג, די בעלי-חובות יאגען, די וועקסלען קומען אונטער און קיין קרעדיט האב איך שוין נישט מעהר....

זיין קול איז געווארען שוואך, בעטענדיג, ווי ביי א שווער-קראנקען און אראבלאזענדיג די אויגען, האט ער ארויסגעפליסטערט:

— ראטעווע, שיינדעלע.... ראטעווע....

אין עטליכע שעה ארום.

דער הימעל איז געווארען רייגער, בלויער און דורכזיכטיגער. די שטערען, פינקעלדיגע און בליציגע, האבען שימערירט דא און דארט מיט א גלאנציגען שימער. די לבנה, א העלע און גאנצע, האט געשפיזט מיט דינינקע זילבערנע שטראהלען און אראבגעקוקט, דאכט זיך, מיט א טרויעריגער מינע אויף די צוויי פער'צער'טע יונגע מענשען, אויף שיינדעלע'ן מיט ברוכ'ן, וואס האבען זיך געשלייכט שאטענדיג אויף דער זייט פון טראטואר

עס איז קרוב צו האלבער נאכט, אין דרויסען איז שטיל, זעלטען-ווען צוטראגט זיך, אין דער שפעט-ביינאכטיגער שטילקייט א שווער-גרילצענדיג סקריפען פון לאדען. וואס ווערען פערמאכט, אדער א פער'עקשנ'ט בילען פון א הונד, וואס מישט זיך אויס מיט א שארפען קוקוריקו פון א אלטען האן, און פון צייט צו צייט א שטילער, ווייטער עכא פון האסטיגע טריט פון א פערשפעטיגטען דורכגעהער, וואס איילט אהיים. שיינדעלע איז איינגעהילט אין א פיינעם געבלומטען שאל, פון וואנע: מען זעהט נאר ארוים איהרע קיילעכדיגע פערפלאמטע בעקלעך און איהרע שווארצע פערטרעהרטע שפיזיגע אויגען, וואס פערראטען איהר צעשטרייטקייט און שרעקליכע אונרוהיגקייט. זי טוליעט זיך צו ברוכ'ן צעשראקען, מיט הכנעה. ברוך, א שלאנקער מיט א לעטגליך, חנ'עוודיג פנים, מיט א פאר גריגליכע, קלוגע אויגען, דריקט שטארק שיינדעלע'ם ליבקע האנד צו זיין רעכטען ארעם און הערט אויפמערקזאם, וואס שיינדעלע דערצעהלט.

— כ'וועל דיך נישט צווינגען, האָט ער געזאָגט, כ'קען גאַנץ גוט די וועלט, כ'ווייס וואָס עס הייסט ליבע, כ'ווייס אָבער נאָך מער, וואָס דאָס הייסט ברויט...

איהר קול איז געוואָרען שטיל, שטאַמלדיג און אַרויסלאָזענדיג אַ שטילען, שווערען קרעכץ, האָט זיך אויסגעווישט די פֿערטרערטע אויגען און דערצעהלט:

— די לאַגע ביי אונז איז אַ שלעכטע, אומערטרעגליך שלעכט, וואָס אַ טאָג ווערט ערגער, און די אויסזיכטען זענען אַזעלכע בלאַסע און טרויעריגע... און כ'האָב אַזוי מורא פֿאַר די ליידען, אָך ווי איך שרעק מיך פֿאַר זיי... עס האַכט זיך מיר, איידער צו לעבען, ווי מיינע עלטערען אין אַזעלכע צרות, איז שוין אפשר גלייכער... וואָלט מיין טאַטע געווען אַ שלעכטער, אַ העספּאָט, ער זאָל צווינגען כ'זאָל חתונה האָבען מיט לייבקע'ן פֿעל-סוחר, וואָלט איך מיך איקעגענגעשטעלט, איך וואָלט נישט געוואָלט, זיכער נישט געוואָלט, איז ער אָבער אַזאַ גוטער. אַזאַ בעטענדיגער און עס דאַכט זיך מיר, ווען כ'זאָל מסכים זיין, וואָלט זיך אַ סך, אַ סך פֿערבעסערט זיין לאַגע....

זי האָט אַ שלוכץ געטהון, ווי אַ פֿער'משפּט'ע אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און ביטער זיך צעכליפּעט.

די לבנה איז נאָר-וואָס אַפּער פֿון אונטער אַ דונקעל דורכזיכטיג וואָלקענדל, און אַ ריינע, אַ קלאָרע, ווי אַ אויסגעוואַשענע, האָט זי בעלויכטען מיט איהר העלער בלאַסקייט ברוכ'ס פֿון צער און וועהטאָג פֿערקרימט פּנים. זיינע דינע ברעמען זענען געווען צוזאַמענגעצויגען שמערצליך, טריעב. די דינינקע אָדערלעך אַרום זיינע שלייפֿען האָבען שרעקליך געציטערט, ווי זיי וואָלטען אַפּער שפּרינגען געוואָלט פֿון אונטער דער הויט, נאָר דאָס מויל איז ביי איהם געווען אַ ביסעל אָפֿען. ער האָט עפּיס זאָגען געוואָלט, נאָר נישט געקענט, ווייזט אויס, פֿון גרויס אויפֿרעגונג און שרעק. ער האָט געציטערט. ברייט אויפֿגעריסען דאָס מויל און ענדליך אַרויס-געפּלאַצט:

— וויין נישט, שיינדעלע, וויין נישט.... ביזט נאָך יונג, וועסט נאָך זיין גליקליך... גליקליך... לאָמיר זיין אויפֿריכטיג, נישט נאַרען זיך אַליין. איבריגענס זענען מיר שטענדיג געווען אַזעלכע, שטענדיג זיך אָפֿען דערצעהלט, אַלץ, אַלץ. לאָמיר זיין אויפֿריכטיג ווי תמיד. און בעטראַכטען אונזער לאַגע ערנסט, מיט שכל, ווי רייפֿע דערוואַקסענע מענשען. מיר האָבען זיך ליעב, שיינדעלע... יאָ ליעב, אָבער היינטיגע צייטען איז ליעבע.... זאָלסט זיך נישט דערשרעקען... זיי מיר מוחל פֿאַר מיינע ווערטער, אָבער עס איז האָך אַזוי — ליעבע איז אַ לוקסוס... ליעב האָבען קענען זיך ערלויבען רייכע, מאַטעריעליש-פֿערזאָרגטע, אָבער נישט אַזעלכע, ווי מיר... זיי מיר מוחל שיינדעלע.... זיי מוחל.... איך וועל מוזען עמיגרירען, אַוועק-פֿאָהרען ערגיץ וויט, וויט, כ'האָב דאָ נישט וואָס צו טהון, דער גורל, ווייזט אויס, וויל אַזוי, און וועל מוזען וואַנדערן, זוכען מיין ברויט ערגיץ אין די ווייטע לענדער, אָבער מיין האַרץ, שיינדעלע.... מיין האַרץ לאָז איך איבער ביי דיר. זאָל עס אייביג זיין מיט דיר.... אייביג,,,, אייביג....

טרערן הייסע און גרויסע זענען איהם גערונען איבער די בלאַסע באַקען, זיין; שטערן האָט זיך שרעקליך געקנייטשט, און אינגאַנצען האָט ער געציטערט ווי אין פיבער. און הערנאָך האָט ער זי אַרומגענומען, פערשלאָסען זי אין זיינע אָרעמס, אַבגעזוכט מיט זיינע ציטערדיגע ליפען איהר פערפלאָמט פנים און לאַנג-לאַנג זי געקושט.

„ס ת ם"

בילדער

צוערשט האָט דאָ געהערשט אַליין, מקדמונים, דער ווילנער גאון. ער איז געהאָנגען אָט דאָ אַזוי, אין ווינקעל, צווישען זייגער און שפּיגעל, אַקעגענאיבער דעם טיש מכמה וכמה יאָהרען.

דאָס בילד איז גראָה און אַלט געוואָרען צוזאַמען מיט דער שטוב און אין דעם אַמאָל פערגילדעטער ראַהם האָט זיך איינגעפרעסען פליגענמיסט און שטויב פון דורות, אַזוי ווי אין די מעבעל האָבען זיך איינגעפרעסען האָלצווערימלעך. און די סופיט־באַלקענס האָבען זיך איינגעהויקערט פון אַלטקייט און די פענסטער־וויטרינעס האָבען זיך איינגעקרומשעט און אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד.

ער איז געווען דער איינציגער הויז־פריינד אין שטוב. פון ווינקעל נעבען זייגער האָט ער אַראָפּגעקוקט מיט זיינע שטרענג־ליעבליכע אויגען פון אונטער די געדיכטע ברעמען צום אַלטען, צעבראָכענעם וויגעל, אין וועלכען עטליכע דורות האָבען זיך אויסגעיאַטשעט, און ווען דאָס ווייגענדע קינד אין וויעגעל האָט זיך בעגעגנט מיט'ן בליק פון שטרענג־ליעבליכען זיידען אויף דער וואַנד, האָט עס זיך צעשמייכעלט און שטיל געבליבען. און די מאַמע האָט, פערקוקענדיג זיך אויפ'ן פערקנייטשטען גאון'ס שטערן, איינגעזונגען דעם קינד:

שלאָף, שלאָף, זוהנעניו, וועסט אויפוואַקסען, וועסט אַ סך תורה לערנען און זיין אַ גאון.

און יאָהרען זענען געגאַנגען. די אַלטע טהיר האָט זיך אַראָפּגעזעצט פון די זאַוויאַסעס און מען האָט זי געמוזט אונטערשניידען, פון דער אַלטער העמבאָוועער שאַנק האָט זיך אָבגעבראָכען דער קאָפּ און אַ שנעלע אַלטקייט האָט זיך גענומען רוקען אויף די ווענד און דעם גאון'ס שניי־ווייסע באָרד איז געוואָרען גריגליך, ווי פון טאַבאַק אָבגעבליאַקעוועט, און דער שטערן איז געוואָרען פאַרמעט־געל, אָבער דער שמייכעל, דער גראָהער, שטרענג־גוטער שמייכעל פון גאון איז געבליבען נישט פערענדערט און אומעטום, וואו מען האָט זיך געקעהרט און געוועהנט אין שטוב, האָט מען זיך שטענדיג אָנגעטראָפען מיט זיין בליק.

בעזונדערס פלעגט זיך דעם גאון'ס פנים צעשמייכלען שבת נאָכמיטאָג, ווען ביים טיש, אַקעגענאיבער, האָט זיך אַוועקגעזעצט דער טאַטע מיט די יונגלעך פערהערען ס'חומש אָדער דעם שיעור, פרק לערנען, און ווען דער טאַטע, אָדער עמיצער פון די יונגלעך פלעגט אין פערלעגענהייט, מיט אַ פערקנייטשטען שטערן,

אַבּרייסן דעם בליק פון ספר און פאַרטראַכטן זיך, אָבער אַ נישט־קלאָרער שטעלע, אַ קושיא, האָט ער זיך גלייך בעגעגנט מיט'ן גאונ'ס שטרענגן בליק און מיט זיין בעהאַלטענעם, גוטמוטיגן שמייכעל צווישן די פאַרדריקטע ליפּן, ווי ער וואָלט זיך בעמיהט נישט אַרויסצוווייזן די גרויסע הנאה, וואָס דאָס פאַרשאַפט איהם, און ווי ער וואָלט געזאָגט:

— אַרבייט, אַרבייט, שטרענגט אייך אַ ביסעל אָן, קנייטשט די שטערנס.

נאָר שפּעטער, אַז דער עלטערער זוהן איז אויפגעוואַקסן, האָט דער ווילנער גאון בעקומען אַ שכן. אין אַ געוויסן פריהמאָרגען איז אַרויפגעקומען אויף דער וואַנד אַ נייער גאַסט מיט אַ פּאָר שוואַרצע, טיפע, טרויעריגע אויגן מיט אַ ווייסן הויכן שטערן און שוואַרצער לאַנגער באָרד. דער נייער גאַסט האָט זיך אַזוי טרויעריג־פאַרטראַכט אַרומגעקוקט איבער'ן שטוב, געקוקט אויף דער פריהצייטיג פאַרעלטערטער און נערוועזעלטער מאַמען, אויף דער באָבען, וואָס האָט זיך גע־פאָרעט ביי דער קיך, מיט אַ אָבצען און קרעכצען; ער האָט בעטראַכט דעם טאַטען, וואָס האָט זיך אַזוי געריבען און געשאָקעלט ביים אויווען, מאַכענדיג מיט זיך אַליין עפּעס טרויעריגע חשבונות צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. ער האָט אויך אַריבער־געוואָרפען זיין פאַרטראַכטן בליק אויף די פאַרשניטע דעכער און געסלעך פון שטעהטעל און אויף די אידען, וואָס דרעהען זיך אַזוי פאַר'יאחש'דיגע אויפ'ן מאַרק אַרום די פויערישע פוהרלעך, אָדער געניצען פויל אויף די שוועלען פון זייערע קליינע פינסטערע קרעמלעך. דער נייער שכן, וואָס דער גאון האָט בעקומען, איז געווען — הערצל.

און די צוויי, האָכט זיך, האָבען זיך ווי גאָרנישט בעמערקט, וויל דער יונגער מיט די שוואַרץ־טרויעריגע אויגען האָט געקוקט אַזוי טרויעריג־ווייט פאַר זיך, ווי ער וואָלט גאָרנישט געזעהען, וואָס אַרום איהם טהוט זיך, און דער אַלטער האָט אַלץ געהאַט דעם שטרענג־ליעבליכען בליק, דאָס מען האָט נישט געקאָנט וויסען זיין שטעלונג צום נייעם שכן...

און אין שטוב זענען פאָרגעקומען ענדערונגען. נעבען ספרים־שאַנק, אין'ם ענגען ווינקעל נעבען אויווען, איז אויסגעוואַקסן אַ עטאַזשערקע אויף ביכער און צייטונגען און אין די אָוועַנדען איז שוין דער טיש געטיילט געווען אין צווייען. ביי איין זייט טיש איז געזעסען דער טאַטע מיט שוין אַ שטאַרק־גראָה־פאַרפּע־רימטער באָרד און שטיל געלערנט, און פון דער צווייטער זייט טיש איז געזעסען דער זוהן, לייענענדיג אַ בוך אָדער אַ צייטונג. ווען דער טאַטע האָט זיך פאַרטיעפט און פאַרטראַכט אין לערנען, האָט ער, מיט'ן שפּיץ באָרד פאַרביסען צווישען די ציינער, אויפגעהויבען דעם בליק צום אַלטען גאון מיט די שטרענג־גראָהע אויגען. און דער זוהן האָט אַלע ווילע פאַרזונקען די צעהן פינגער אין דער געדיכטער טשופּריגע און פאַרוואָרפען דעם בליק צום טרויעריגען שוואַרץ־אויגיגען און שוואַרצבאָרדיגען טרוימער אויף דער וואַנד, ווי ער וואָלט געוואָלט האָרטען געפינען אַנ'ענטפער אויף אַלע האַרבע פראַגען, וואָס מאַטערן איהם.

די צוויי בילדער אויף דער וואַנט פלעגן אויך זיין עדות פון אָפטע צוזאַמענשטויסען און איבערווערטלען זיך צווישען טאַטע און זוהן, טיילמאָל שטילע־ע און טיילמאָל העכערע און זיי האָבען געזעהן, ווי דער טאַטע פלעגט נאָך, אַזאַ איבערווערטלען זיך, לאַנג אַרומגעהן איבער דער שטוב מיט האַסטיגע נערוועזע טריט און רעדען צו זיך אַליין און דער זוהן פלעגט אַ קלאַפּ טאָהן מיט דער טהיר און אַרויס פון שטוב.

אָבער דער שוואַרצער האָט אַלץ געקוקט פערטראַכט מיט זיין טרויעריגען בליק און דער אַלטער גאון מיט זיין קלוג־שטרענגען און גוטען בליק. יעדער פאַר זיך און איינער האָט זיך נישט געטיילט מיט זיינע געפיהלען און איינדריקען מיט'ן צווייטען.

אין אַ געוויסען טאָג איז אַהיימגעקומען דער יונגערער זוהן פון גאַס און מיטגעבראַכט אַ נייע בילד אין אַ צייטונג פערוויקעלט. ער האָט לאַנג געזוכט אַן אָרט אויף דער וואַנט. ביי יענע צוויי איז שוין קיין אָרט נישט געווען און ווען אַפילו ס'וואָלט יאָ געווען נאָך אָרט, וואָלט ער עס אויך נישט אַריינגעגעבען אין יענער חברותא. ביז דער נייער גאַסט האָט געפונען פּלאַץ אַקעגענאיבער יענע צוויי, צווישען די בעטען אויף יענער וואַנט.

דער נייער גאַסט האָט געהאַט אַ קופּקע גראָה געגרייזעלטע האָר אויפ'ן קאָפּ און אַ שפּאַקעוואַטע אַ ביסעל האַרטע באָרד, אַ שטערן פול מיט קנייטשען און פונקעלע שאַרפע אויגען.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב שטרענג מיט אַ מינע פון אַ דאָקטאָר, וואָס בעטראַכט אַ חולה טרוקען, האַרט, אָהן סענטימענטען, און האָט געוואָרפען אַ שאַרפען בליק די שכנים פון אַקעגענאיבער, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט אַרויסרופען אויף אַ דיסקוסיע... אָבער דער אַלטער גאון האָט ווי שטענדיג געקוקט מיט זיין שטרענג־מילדען בליק, און דער יונגער שוואַרצאויגיגער האָט געקוקט, ווי שטענדיג, פערטראַכט אין די ווייטקייטען, ווי ער וואָלט גאָרנישט בעמערקט דעם נייען גאַסט.

אַזוי האָט עס זיך אַלענפאַלס אויסגעדאַכט דעם זייטיגען צושויער, אָבער קאָן זיין, דאָס ביינאַכט, ווען אַלע זענען געשלאָפען, האָבען די דריי צווישען זיך געפיהרט העפטיגע דיסקוסיעס און וויכוחים ביז צו ערמידעניש און האָבען זיך לאַנג געקריגט איבער די איינפלוסען איבער דער שטוב... אָבער דאָס קאָן קיינער שוין נישט וויסען...

און אין דערזעלבער צייט איז אויך צוגעקומען אין שטוב נאָך עמיצער. ער האָט זיך אויסגעקליבען אינגאַנצען אַ אָבגעזונדערט ווינקעל ביים פענסטער אין שאָטען, האַרט געבען דער ראַהם, איבער'ן טישעלע, וואו דאָס פערצעהניעהריגע מיידעל, וואָס געהט אין העכערער פּוילישער שול, מאַכט איהרע לעקציעס.

ער איז געווען אַ בלאָה־אויגיגער מיט אַרויפפערקעמטע בלאָנדע האָר, אַ אָפען האַרץ מיט אַ ברייט־אויפגעלעגט ווייס העמדיל. אַזאַ ווייטער און פרעמדער האָט

ער האָ אויסגעזעהען אין דעם אָרימען אידישען שטיבעל. שטאָל־פערבענקט אין זעגען זיין בליק, געוואונדערט איבגעאָזצען אין זיך און איבער זיך, איבער דער ערד.

ס'איז אַ ספק, צי ער האָט פון זיין ווינקעל אַרום געקאָנט בעמערקען די לגמרי פרעמדע שכנים... ער פלעגט טיילמאָל בלויז ענטפערן מיט אַ שמייכעל פון זיינע דין־צוזאַמענגעפרעסטע ליפען צו דעם מיידעל, וואָס פלעגט אַפטמאָל בעת דער לעקציע פערוואַרפען די קורץ־געשוירענע האָר הינטער זיך און מיט אַ האַלב־אָפען מויל און אויפגעריסענע קינדערישע אויגען וואַרפען אַ פערבענקטען, אַ פערליעבטען בליק צום שטאָלצען, טרויעריגען פרינץ פון דער פוילישער פּאָעזיע, פון דער ראָמאַנטיק.

און ביים טיש איז געוואָרען ענג. דער טאַטע האָט געמוזט אַראָפּרוקען די גרויסע ווילנער ש"ס־גמרא זעהר נאָהנט צו זיך, אַזוי, אַז אַ שטיק גמרא איז געבליבען הענגען אין דער לופט. אַזוי אַרום האָט געקאָנט בלייבען אַ קליין שטיקעל מחיצה צווישען דער גמרא און די ביכער און צייטונגען פון די צוויי זיהן.

די צוויי זיהן זענען געזעסען יעדער ביי זיין צייטונג אָדער ביי זיין בוך, וועלכע האָבען פערנומען דעם גאַנצען טיש כמעט און אָפט בשעת'ן לייענען זיך דורכגעוואָרטעלט, דאָס הייסט, דיסקוסיעס געפיהרט. דער אַלטער האָט געמאַכט זיך ווי ניט־הערענדיג און נאָר שטאַרקער פערגראָבען דעם קאָפּ אין דער גמרא און נאָר פון הינטערוויילעכטס געוואָרפען אַלע ווייל אַ בליק אויף די צוויי זיהן מיט די גערייכטע משונה־ריגעס און גלאַנציג געגאָלטע באַקען.

און אין שטוב האָבען זיך, כסדר גענומען מעהרען די בילדער. ס'איז שוין באַלד ניט געבליבען קיין פיצעל לעדיגע וואַנד, וואָס מען זאָל ניט האָבען פערדעקט מיט אַ בילד. דער אַלטער פלעגט אויסמיידען צו קוקען אויף די בילדער. צווישען די בילדער זענען אויך געווען נקבות מיט פערשייטע אויסזעהן. און זיצענדיג ביי דער גמרא האָט ער זיך בעמיהט, אַז דער בליק זאָל פאַלען אויפ'ן פּאָרט, וואו ס'הענגט דעם גאון'ס בילד. און ווען ער פלעגט אַזוי לאַנג און שטום קוקען אויפ'ן גאון, האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז אויך דער גאון איז מיט אַמאָל שטאַרק פערעלטערט געוואָרען פאַר דער צייט און דער בליק איז ביי איהם פער־צער'ט געוואָרען.

און ווען ער איז קראַנק געוואָרען און זיך געלעגט אין בעט אַריין און פון טאָג צו טאָג געוואָרען שוואַכער, פלעגט ער שוין גאַנצע שעה'ן ליעגען און איינעסען זיך מיט די אויגען אין גאון'ס בליק, פיהרענדיג מיט איהם שטומע שמועסען.

שפּעטער איז איהם ערגער געוואָרען. דער קאָפּ איז געוואָרען שווער ווי בליי און ער האָט שוין ניט געקאָנט אויפהויבען די אויגען צום גאון. איז ער געלעגען שטיל איינזאַם, פערלאָזט און שווער אונטערגעקרעכצט, און אין די לאַנגע אָוועטריין צוגעהערט זיך צו די שטענדיגע אַמפּערנישען און דיסקוסיעס צווישען די זיהן. און ער האָט געהערט און ניט געהערט. ווייל דער קאָפּ איז איהם עפּעס ווי פער־

שלאָפֿען און פֿערשכורט געווען.

נאָר איינמאָל אַזוי אין אַ פֿאַרמיטאָג האָט ער זיך, אַזוי פּלוצים ליעגענדיג דערמאָהנט און פֿערכעטשט אַ וואָרף צו טהון אַ בליק אויפ׳ן גאון, און ער האָט באַמערקט, מיט אָנשטרענגונג אויפגעהויבען דעם שווערען קאָפּ צו דער וואַנד אויפ׳ן אָרט, וואו ס׳איז געהאַנגען שטענדיג דעם גאון׳ס בילד. און אַ שרעק האָט זיך צעשפּיעלט אין זיינע מאַטע אויגען, זיי האָבען גענומען פֿינקלען און די הארע בלאַהליכע פֿינגער, ווי אויסגעצאָגטע ביינדלעך, האָבען גענומען קראַמפּהאַפֿט ציטערן. אפֿשר האָט ער היץ? אפֿשר זענען ביי איהם די געדאַנקען צעמישט? ער האָט זיך אַ ריים-געטהון דעם מיט קאַלטען שוויס בעדעקטען שטערן און שטאַר און ווילד געקוקט.

אויפ׳ן אָרט פֿון ווילנער גאון האָט צו איהם אַראָבגעקוקט מיט אַ פֿערפֿהערישען שמייכעל עפּעס אַ אשה, וועלכע לאַכט, שמייכעלט, ווינקט — לילית ר״ל.

און פּלוצים, מיט אויגען אַרויסגעשטאַרטע פֿון קאָפּ, האָט ער זיך אַ ריס-אויף געגעבען פֿון בעט און נאָך איידער עמיצער האָט זיך געקאָנט אָבגעבען אַ רעכנונג וואָס דאָ איז געשעהן, האָט ער אַראָבגעריסען מיט קראַמפּהאַפֿטע פֿינגער דאָס פֿרויען-בילד, וואָס איז געהאַנגען אויפ׳ן אָרט פֿון ווילנער גאון, און שנעל מיט ווילדער רציחה גענומען אַראָבריימען די אַנדערע בילדער פֿון דער וואַנד. און די ־הערשראָקענע שטוב-מענשען זענען אַלע געשטאַנען צעמישט, צוגעשמיעדט צו די ערטער, מורא-האָבענדיג צוצוגעהן, און ווען זיי האָבען זיך אַ לאָז געטהון צו איהם מיט אַ יללה און איהם אָנגעכאַפּט ביי די הענד, האָט ער זיך אַרויסגעגליטשט פֿון זייערע הענד און געבליבען ליעגען אַ אומעכטיגער אויף דער ערד...

גד זאַקליקאָווסקי

די צעפּ

אַ שווערע מאַסע האָט זיך איהר ווי אַרייַנגעפּאַקט אין קאָפּ, האָט זי נישט געקאָנט איינשלאָפען, זיך געלעגט די לעצטע, געוואָלט בלייבען אַליין, מיט זיך, וועגען זיך אַ טראַכט טהון.

עס שטערט איהר דער שטענדיגער מסחר=גערודער, אין גאַס, אין שטוב נאָך מ'מסחרט, — אַלע מסחר'ן, ווי די וועלט וואָלט אַ געוועלב געווען. רעדען מיט'ן טאַטען? — האָט ער ווען אַ פרייע שעה, לערנט ער, רעדט מען צו איהם, פערטיגט ער אָב מיט אַ „גו=אָ“ צוגעבענדיג, אַז דער „אַבי יתומים“ וועט זי אויך נישט פערלאָזען. — ס'שטעהט דאָך אַזוי, „כרחם אב על בנים“, אַז בכלל דאַרף אַ אידישע טאָכטער נישט אַרייַנקלערען אין גאָט ברוך=הוא'ס דרכים.

וואָלט די מאַמע געלעבט, אַ מאַמע הערט — ענטפערט, דאַרף גאָרנישט הערען, פיהלט, פערשטעהט, צעהלט דע סקינד'ס טעג, קוקט, בעטראַכט: שוין אויסגעוואקסען אָהן עין הרע. טרייבט אונטער, און מאַכט חתונה די טאָכטער.

ס'קלעמט איהר, ס'ווערט איהר ווי לעדיג אַרום האַרץ, פון איהר פערלאָזענקייט. ס'לויפט איהר דער טרעהרען=שטראָם דורכ'ן האַלז, טראַכט אָבער ווייטער, — די שטיפמאַמע? — שוין אַפילו צוגעוועהנט, אַזוי לאַנג אין הויז, דאָך, אַ פרעמדע, די שוועסטערלעך — יונגינקע, פערשטעהען נישט. די חבר'טעס — שוין חתונה געהאַט, מאַמעס געוואָרען, זי קאָן מיט זיי נישט רעדען, דאָס האַרץ ווערט איהר גלייך פערגאָסען.

— אַ פרוי איז אַ אָפענע טהיר, וואָס פיהרט צו דער ברכה, ווען זי ווערט אַ מאַמע, דאָס איז נאַטירליך, שעפּטשעט זי, וויל זיך דערמאָהנען וואו און ווען זי האָט דאָס געהערט.

דער טאַטע, — דער שטאָלצער מיוחס — האָט אַפילו מיט קיין שדכן נישט גערעדט. זי? — האָט דאָך קיינעם נישט געקענט. וועט דאָך נישט נעהמען אַביווערטען פון גאַס. פאָרט איז זי דאָך אַ יחסנישע טאָכטער... האָבען זיך גערוקט די יאָהרען, דאָס פנים האָט פערלוירען די ליכטיגקייט, די בעסטע יאָהרען הינטער זיך.

נישטערט זי אין איהרע מחשבות, אַ פערשעמטע, רויטווערענדיג ווי אַ גנב אַ טרשטלינג, וואָס מ'האָט איהם געכאַפּט ביי דער האַנד. שטיקען איהר די טרעהרען פון הילפלאָזיגקייט אין איהר עלענקייט. — זי איז אַזוי לעדיג, ווי אַרומגעפליקט... כאָטש נאָך יענע תנאים האָט דער חתן געזוכט אַן אויסרייד, אָבגעשיקט די תנאים,

איז זי שוין דאַמאָלס צו אַלט געווען? — ביידע מחותנים זענען אַפילו געפאָהרען
צום רבי'ן. דעם חתנ'ס פאָטער האָט געטענה'ט: אַז ביי היינטיגע פושעים האָט מען
קיין דעה נישט, דער חתן איז אַפילו שפּעטער קראַנק געוואָרען, אַ צייט געקרענקט,
געשטאָרבען, דער רבי זאָל לעבען איז שטאַרק בייז געווען, איבער'ן צימער גע=
שפּרייזט — אַ יתומה, אַ יתומה! — אָבער ער זאָל שטאַרבען? דער מחותן — קאָן
זיין — האָט עס באַלד ביים רבי'ן דערשמעקט, זיך שטאַרק צעוויינט. אָבער וואָס
האָט זי געהאַט דערפון? און מאָרגען? מאָרגען דאַרף תנאים זיין. וועט זי כאָטש
דעם חתן געפעלען ווערען?

האָט זי זיך האַסטיג אויפגעזעצט, אויסגעשפּיצט די אויערען צום צווייטען
צימער, אַוועקגעשאַרט די קאָלדרע, אַראָב פון בעט, ליכטיג געמאַכט, האַלב=שרע=
קעדיג געריבען די אויגען, מיט נעגעל=טריט געגאַנגען צום גרויסען וואַנד=שפּיגעל,
זיך איינגעגעסען אין איהם מיט די אויגען, בעטראַכט דעם מינדסטען פּנים=
שטריך, געווישט מיט די שפּיץ פינגער. — אַך, וויפיעל קנייטשען? בין איך
שוין טאַקע אַזוי אַלט? געטונקעלט האָבען איהר די אויגען. האָט זיך אויף איהר פּנים
צעלעגט אַ כמאַרע ווי וואָלקענס פאַר אַ רעגען, און הייסע יאוש=טרעהרען האָבען
געוואַשען איהר פּנים. זי האָט זיי באַלד אָבגעווישט, שטיל, איינגעהאַלטען געהעשעט,
צאַפּלענדיג מיט אַקסלען און פּלייצע, זענען אָבער די טרעהרען אַלץ ווייטער גערי=
נען, האָט זי עקשנות'דיג, טיעף געביסען די ליפּען, געשלונגען די טרעהרען, זיך הי=
ס'איז בערוה'יגט, און אָבעהטעמדיג ברייט=זיפציג, אין הילפלאָזען כעס און רחמנות
אויף זיך, אָבגעקעהרט זיך פון שפּיגעל.

נאָר וואַרפענדיג אין שפּיגעל אַ לעצטען בליק האָט זי דערזעהען איהרע שטיקער
נאַקעט לייב און אַ גלאַנץ האָט אויפגעבליצט אין איהר בליק. — איז געקנייטשט
דער פּנים, אָבער דער קערפּער! מיט אַ גיכען האַנד=שאָקעל אַרויסגעוואָרפען די
העמד פון די האַלב=אַרבעל, האָט זיך אַ גליטש געטהון דאָס העמד, זיך פערהאַלטען
ביי די קיילעכיג=זיך=הויבענדיגע ברוסט, בעריהרט די וואָרצלען, האָט זי געפיהלט
ווי ס'ווערט איהר פול די אויסגעלעדיגטקייט אַרום האַרץ. אַ טליענדיגע, אין זיך צע=
גאָסענע וואַרעמקייט איז איהר איבער'ן גוף צעלאָפען, און אויפשוידרנדיג שפּאַצירט
פון פּנים צו די פיס און צוריק. דאָס העמד איז איהר ביז צו די טריט געפאַלען.
זיך צעלעגט מיט אַ לייכטען גערויש.

האָט זי געגלעט די ברוסט, זיי ענטפּלעקט דער נאַכט, פערמאַכט די אויגען,
און האַלב חלומ'דיג האָט זיך איהר געדאַכט, ווי אַנ'אַנדערער גלעט איהר, פער=
געסען אין אַלץ, זיך איבערגעגעבען איהרע אויסגעחלומטע פערלאַנגען, מיט וועלכע
זי איז איצט אַזוי פול געווען, ווי אַ געפאַנגענער, און אַזוי איז זי אַ נאַקעטע שטעהן
געבליבען, פערוואָרפען דעם קאָפּ, ווי ס'וואָלט דער געליעבטער זיין אַקסעל אונ=
טערגעשטעלט, געפיהלט אַ זיסען האַלב=דרימעל, זיך אויפגעוועקט, אויפגעריסען די
אויגען.

האָט זיך אויף איהר פּנים אויסגעלעגט אַ ברייט=גאַסטישער שמייכעל, זיך

שעמעוודיג גערויטיגט, פֿאַרשעמענדיג צעהיצטערהייד יעדעס גליד, מיט יעדען געלונגענעם בויג זיך מעהר געזיכערט, האָט איהר פלאַם=פייערדיג פנים אויסגעזעהען, ווי אָבגעפרישט, איבערגעקאָכט.

—איך בין נאָך יונג, פריש, קרעפטיג! אַ פנים? — מ'קאָן עם אָבפרישען, אַזאַ קערפער, אַזאַ פרישקייט, מילך=ווייסקייט! איך בין נאָך יונג, יונג!

האָט זי אַ צופריעדען פערמאַטערטע זיך איינגעבויגען. פאַמעליך, ווי מ'גיעזעגנט זיך מיט אַ נאָהנטען, אַ ליעבען, אָנגעטהון דאָס העמד, נאָר באַלד האָט עס איהר אַ בליץ געטהון אין מוח, און ווי אַ פלוצלונג איבערגעשראָקענע האָט זי זיך געכאַפט פאַר'ן האַרץ, און האַסטיג סאָפענדיג שטיל אַרויסגעאָטעמט. — אָבער דאָס אַלץ איז דאָך דערנאָך, נאָך דער חתונה!... און איצט, מאָרגען? — געבויגען האָבען זיך איהר די פיס, זי האָט געשוידערט, געשטאַנען אָנגעלעהנט מיט'ן עלענבויגען אָן שפיגעל, דעם קאָפּ אויף אַקסעל געבויגען, קרום=לאַנגע אַרויסגעשטאַרצטע בליקען געשפיצט אין שפיגעל און גאָרנישט געזעהען, ווי אַ פער'משפט'ע נישט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— אַ פערפאַלענע, אַ פערפאַלענע בין איך!...

האָבען איהרע צעריסענע געדאַנקען געבלאָנזשעט זיך פערטשעפעט, פערלאָרען דעם וועג. צוריק געפונען. זיך געגאַנצט... די צעוואָרפענע דיק=לאַנגע דונקעל=שאָטענע צעפּ האָבען פערנומען די שפיגעל=לענג, איז זי צו זיך געקומען, געקוקט אויף זיי מיט אויפגעפראַהלטע אויגען, און אַ מיעדער ברייטער שמייכעל האָט זיך געשאָטענט אויף איהר פנים.

—אַזעלכע צעפּ, אַזאַ שענקייט, אַ דיק, לענג! ביז די קניע! געוואוסט, אַז זי האָט שענע צעפּ. אַלע זאָגען.

זי האָט זיך אין איהר גאַנצער גרויס געשטעלט פאַר'ן שפיגעל, אין אויפגעמונטערקייט, זיך פאָרגעוואָרפען — פאַרוואָס האָט זי דאָס ביז איצט נישט אין זינען געהאַט, זי האָט זיי צעוואָרפען, אַריבערגעוואָרפען פון פאָרענט.

— אַ ים, אַ וואַלד מיט האָר!

איהר אויבערשטער קערפערטייל האָט זיך געטונקען אין האָר ווי אין כוואַליעס. האָט זי אַ געזיכערטע גערעדט, מיט גיכען אָטעם, — אַזעלכע צעפּ מוזען געפעלען ווערען, ווי דאָס פנים זאָל נישט זיין. אַזעלכע האָר האָב איך ביי קיינעם נישט געזעהען. ער וועט פערבלאָנדזשען, אַ וואַלד! איך וועל שוין ווימען ווי זיך צו האַלטען ביי די תנאים...

זי האָט פינסטער געמאַכט. זיך צוגעשאַרט צום בעט, געלעגט, און ליגענדיג מיט אָפענע אויגען געטראַכט. — יום=טוב וועט זי זיצען מיט די חשוב'סטע ווייבער. אַלע=וועלען איהר ווינשען, בענשען, און ווען דער חתן וועט איהר דערלאַנגען דאָס „חתימה=געלד“, וועט זי זיך נישט שרעקען, זיך גיך אַ הויב טהון פון שטוהל, שטעהן אַביסעל געבויגען. זאָל ער זעהען די צעפּ, ביז וואַנען זיי גרייכען איהר. אונטען אַביסעל צעוואָרפען, ביים דאַנקען און געזעגענען וועט זי זיך אַזוי בעוועגען.

אַז די צעפּ זאָלען בעריהרען זיין פּנים...

אויפגעשטאַנען איז זי אַ שטיק אויף טאָג. דער פֿאָטער האָט דערציילט, אַז זי האָט געקרעכצט פֿון שלאָף.

אונטער פֿערשיעדענע אויסרעדען איז זי נישט געגאַנגען אין געוועלב. געווען מיט זיך פֿערנומען, אַלעמאָל זיך איבערגעטוהן, אַממעהרסטען איז זי בעשעפֿטיגט געווען מיט די צעפּ. אויפגעפֿלאָכטען, פֿערפֿלאָכטען, און אַז מ'האָט געשיקט נאָכ'ן פֿאָטער, געגרייט דעם טיש צום מיטאָג, האָט זי זיך דערמאָהנט, — „אוי איך האָב דאָך היינט אין מויל נישט געהאַט". אויסגעזוכט ביים טיש אַנ'אָרט געגענאיבער דעם שפּיגעל, ביי יעדען לעפֿעל, וואָס זי האָט צוגעטראָגען צום מויל, אָנגעשטעלט די אויגען אויפ'ן שפּיגעל, אַנ'אָבגעפֿרישטע, אַ געוויטעלטע זיך געטרייסעלט אין תענוג'דיגען פּחד. און ווען אַ קליין שוועסטערל האָט איהר געזאָגט: „אוי, חוה'לע, ביזטו היינט שען!" איז איהר אַזוי היים געוואָרען, און אַ שטאַר-פֿערקלערטע זיצע; געבליבען. און אַז דער פֿאָטער האָט איהר וויי-פֿרום געזאָגט: זאָרג נישט, גאָט איז אַנ'אבי-יתומים, האָט זי מיט'ן אַרבעל אַ טרעהר אונטערגעכאַפּט. געלעגט דעם קאָפּ אויפ'ן טיש, געצאַפּעלט מיט די אַקסלען, האָט זיך דער פֿאָטער געבעטען: חוה'לע, געגוג שוין, מ'טאָר נישט, פֿרעהליך האַרף מען זיין! אַז מ'איז בשמחה העלפֿט גאָט. האָט זי זיך נאָך העבער צעוויינט, זיך דערמאָהנט אין איהר נעכטיגען שטעה'ן פֿאַר'ן שפּיגעל אַ נאַקעטע, — אַזאַ זינדיגע! נאָר ווען דער פֿאָטער האָט נישט נאָכגעלאָזט, זיך געבעטען: חוה, זיי מיך נישט מצער! וואָס מאַכסטו פֿון זיך, פֿון פּנים? ס'דאַרף דאָך אַ שמחה זיין, האָט זי געווישט די טרעהרען און נישט פּיהלענדיג קיין טעם געענדיגט עסען די לעצטע.

* * *

אין צימער איז קיינער נישט געבליבען. טייל זענען אַוועק אין געוועלב, טייל אין קיך, צוגרייטען דאָס תנאים-מאָהלצייט, האָבען זיך איהר אויפגעפֿלאָנטערט די געדאַנקען, ווידער האָט זי הרטה'דיג געטראַכט וועגען נעכטיגען שטעהן פֿאַר'ן שפּיגעל, אַריין אין שלאָפֿצימער, אויפ'ן בעט ווי אַ שטיין געפֿאַלען. אַרויס אין אַ פֿערשטיקטען יאָמער, זיך מתוודה געווען, געבעטען די טויטע מאַמע, זאָל זיין אַ מליץ יושר, ס'זאָל איהר נישט גערעכענט ווערען פֿאַר קיין חטא. גענומען אויף זיך, מעהר גאָט נישט דערצערנען, זיך בערוהיגט. אויפגעהויבען, אַרומגעוואַשען, פֿון שטוב אַרויס.

דערפֿרישט פֿון דער דרויסענדיגער לופֿט, געקוקט אויף די דורכגעהערקעס, געטראַכט -- קיינער, קיינער האָט נישט אַזעלכע צעפּ. זיכער געווען, אַלע פֿערבייגעהער קוקען אויף איהרע שענע צעפּ, און זיך נחת'דיג בערוהיגט.

דער פֿאָטער האָט איהר נישט געלאָזט שטעהן אין געוועלב, — דאַרפֿסט היינט דאָ נישט זיין. איז זי אַהיימגעגאַנגען, אַביסעל געהאָלפֿען אין קיך, געזעהען אַז ס'פֿאַלט איהר פֿון די הענד, איז זי אַרויס, זיך גענומען פּאָרען מיט זיך. קליידער, צעפּ. דער עיקר מיט די צעפּ.

* * *

געזעסען איז חוה צווישען די חשוב'סטע ווייבער, וואס האבען גערכילות'ט פון שטאָדט=מיידלעך, וואס פיהרען זיך אויף זעהר נישט פיין, געלויבט איהר אין די אויגען: אז זי איינע כמעט ווייס פון וואנען זי שטאמט, ווער איהר זיידע זכרונו לברכה איז געווען, ווער איהר טאטע, צו לאנגע גוטע יאהר. אזוי זענען גיך אריבער די שעה'ן פון דער תנאים=סעודה, א שמש האט דערלאנגט מים=אחרונים. דער שיר=המעלות=געזאנג פאר'ן בענשען האט חוה'ן געוועקט פון די מחשבות, האט זי זיך אנגעהויבען גרייטען, מקבל פנים זיין דעם חתן מיט'ן חתימה=געלד, פלינק זיך געפּאָרעט ארום די צעפ. געוואָרפען אָנגעשטרענגטע בליקען אין שפיגעל, האסטיג האט איהר הארץ געקלאפט, דאך זיך בערוהיגט, זיכער געווען, היינט וועט זי געפעלען ווערען. ווידער גאט געבעטען, ער זאל איהר אין די מינוטען פון נסיון, נישט פערלאָזען. און ווען דער חתן מיט זיין מוטער האבען זיך צו איהר גענעהנט, האט זי מיט א האסטיגער בעוועגונג זיך אויפגעשטעלט, אריבערגעוואָרפען די צעפ פון פאָרענט, ביים חתן מזל=טוב אָבגעבען אזוי זיך אויסגעבויגען, אז די צעפ האָבען בעריהרט זיין פנים. און ווען זי האט דערפיהלט די היץ פון זיין געזיכט, געהערט זיינע הארץ=קלעפ, האט זי געזעהען דעם נצחון, וואס זי האט איבער איהם אָבגעהאלטען. און א לייכט=שלאנגישער שמייכעל האט זיך ביי איהרע ליפען געקנייטשט...

* * *

צוליעב פ על טעמים האט מען די חתונה אָבגעלעגט אויף א קורצער צייט, האט חוה נישט ארויסגעלאָזט די צעפ פון די הענד, אריינגעלעגט אין זיי אלע מחשבות, געפיהלט אין זיי איהרע איינציגע רעטער, זיי אויף אנ'אמת הארציג ליעב געקראָגען, און ווען זי האט פון חתן, דורך זיין שוועסטערל, געקראָגען א בריוועלע, וואו ס'זענען אויך דערמאָהנט געווען איהרע צעפ, האט איהר גליק ביז'ן הימעל דערגרייכט. פאר'ן שלאָף א חוב געווען געהן צום שפיגעל, שטעהן, קוקען אויף זיי, ביז'ן איינשלאָפען אין די הענד געהאלטען, און איינגעזעהען, אז זי איז אויף אנ'אמת שעהנער געוואָרען. אויפ'ן פנים שנער, די קנייטשען, ווי פערשוואומען.

זענען די צוויי חדשים ביז צו דער חתונה איבערגעלאָפען ווי א לאנג=פרעהליכער חול=המועד. ס'האט זיך אונטערגערוקט דער יום=החופה. חוה האט געפאסט, ביי מנחה „על חטא“ געזאָגט. מיט הייסע טרעהרען זי דמתוודה געווען, געדאנקט גאט פאר'ן הן, וואס זי האט אין חתנ'ס אויגען, נישט פערגעסענדיג, אז דאס אלץ איז צוליעב די צעפ, פאר וועלכע זי האט בעזונדער גאט געדאנקט. האט זי זיי מיט היץ צום מויל געטראָגען. הייס, שטארק הייס געקושט.

— מיינע ליעבע, מיינע הארציגע...

אויפצומאָרגענס נאָך דער חתונה זענען אריינגעקומען די מחותנתטע מיט די פריזירקע, זי געבענטשט מיט פולע אויגען. זיך מיט איהר צעקושט. זי אוועקגעזעצט ביים שפיגעל, די פריזירקע האט איהר אָנגעמאָסטען דאס שייטעל, צורעכט געמאכט די פריזורע, די מחותנתטע האט אָנגעהויבען שערען די צעפ.

אַ הויכער אַנגסט=געשריי האָט די שטוב פֿערהילכט, הוה האָט ספּאַזמירענדיג פֿערוואָרפֿען דעם קאָפּ אויפ'ן שטוהל. יאָמערליך=ביטער געשלוכצט. איז געוואָרען אַ געלויף, מ'האָט וואַסער דערלאַנגט. אָבגעשפּראָכען אַנ'עין=הרע. נאָר באַלד איז חוה געקומען צו זיך, מיט אַ בעשלאָסען געשטאַרקטען כוח, אָנגעטהון אַליין דאָס שייטעל. גענומען די צעפּ, אַריין אין צווייטען צימער, געעפֿענט דעם נייעם קופֿערט, די צעפּ שטאַרק צום האַרצען געדריקט, געקושט. מיט טרעהרען דורכגעווייקט, ווי מ'בעוויינט אַ פּלוצלינג געשטאָרבענעם בן יחיד. געבויגען שטעהענדיג איבער'ן קאַסטען שטיל געיאָמערט, ווי איבער אַ פֿרישען קבר פֿון אַ האַרציגען געליעבטען...

עמיל.

ליזא שענברון

ווי נאָר ס'האָט די נאַכט אַנ'עפען=געטהון די דונקעלע וויהע און אַ בליק=געטהון מיט בלויען באַגינען=אויג, האָט די יונגע סטודענטין ליזאַ שענברון זיך אַרויס=געשלייכט פון איהר צימער און שנעל געאיילט איבער די גאַסען פון שטאָדט, צו די טויערן פון אוניווערזיטעט, טראָגענדיג אונטער'ן פאַלטען עפּעס אַ קליינטשיק, קוים=בעמערקבאַר פּעקעל, וואָס זי האָט מיט אַנ'אָנגעשפּאַנטער האַנד פעסט צוגעהאַלטען.

ס'איז נאָך געווען פריהער באַגינען און די טראַמווייען האָבען נאָך כמעט לעדיגע, הויהענדיג געאיילט דורך די שטילע, בלויענדיגע גאַסען...

שטאָדט האָט זיך ערשט אָנגעהויבען וועקען. אויפ'ן וועג האָט זי נאָך אָנגעטראָפען דאָרפישע פוהרען מיט מילך=קעסלען, וואָס האָבען מיט צינערנעם געקלאַנג אָנגעפילט די גאַסען און געשלאָגען מיט דאָרפישען גערוך פון בהמות און פעלדער. און אַז זי איז צוגעקומען צו די הויכע טויערן פון דער „אַלמאַ=מאַטער" האָט זי זיך אַזוי איילינג אומגעקוקט אין אַלע זייטען, אַ ציה=אַרויס געטהון דאָס פּעקעל און עס אַ שליידער=געטהון איבער די טויערן אַריבער; האָבען אויפ'ן משופּע'דיגען טראָטואַר פונ'ם אוניווערזיטעט=הויף זיך פאַנאַנדערגעשיט קליינע, שוואַרץ=געדרוקטע שטיקלעך פּאַפּיער, וועלכע דער ווינד האָט אויפגעהויבען און פאַנאַנדערגעטראָגען איבער'ן גאַנצען הויף.

ליזאַ איז שנעל אַריבער אויף דער צווייטער זייט פונ'ם טראָטואַר, שווער אָבגעטעמט, ווי נאָך אַנ'אַראָבגעוואָרפענער משא פון זיך, און ווי מיט עפּיס אַ פּלוצים אויפגעשוואומענער זיכערקייט, אַ צופרידענע אָנגעהויבען שפּאַנען אַהיים.

די סירענעס פון די שטאָדט=פאַבריקען האָבען זיך שטאַרק צעפּייפט און געענבערט די שטילע פריהמאָרגען=לופט. דאָס געפּייף האָט זיך פערשטאַרקט, זיך געמילדערט און ווידער פערשטאַרקט. און ליזען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די סירענעס בעטען אַזוי, רופען אַזוי הכנעהדיג, אַזוי לאַשטשענדיג, אַז עפּעס אַ פערצווייפלונג=טאָן איז אַריינגעפלאָכטען אין דעם שטאַרקען רוף פון די ריעזיגע פאַבריק=סירענעס.

פון די פערשידענע גאַסען=ווינקלען האָט זי שוין אָנגעטראָפען איילענדיגע אַרבייטער, פרויען און מענער, פון זייערע פּנימער האָט זיך דערקענט עפּעס

אַ דערשלאָגנקייט און אַ מאַטקייט. און ליזען האָט וועה־געטהון זייער דערשלאָגענקייט, איהר האָט זיך געוואָלט זעהן אויף זייערע פּנימער אַ שיין פון פרייד, מוט און שטאַרקייט און נישט די פייניגענדיגע נויט און עלענד...

אין איהר גשראַנק האָבען עפּעס ווי אונגעריכט אויפגעטויכט די אַפּטע אויספיהרונגען פון איהר מוטער, אַז זי, ליזע, די טאָכטער פונ'ם באַנקיר באַרים שענברון, האָט קיין שום שייכות נישט מיט דער אַרבייטער־סביבה, נישט חלילה דערפאַר, — פלעגט די מוטער אַזוי אַרום ווּעלען בעווייזען איהרע דעמאָקראַטישע געפיהלען — וואָס ס'שטעהט איהר נישט אָן, נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס זי איז נישט מסוגל צו פערשטעהן די נויטען פונ'ם אונטערדריקטען אַרבייטס־מענש, ווייל זי לעבט אין גאַנץ אַנדערע בעדינגונגען, און אויך, אַז די אַרבייטער גופא האָבען פיינד די אינטעליגענטען, אַז זיי אונטערשיידען זיך אויף יעדען געביעט, סיי אויסערליך און סיי אינערליך, און הערינבער וועט זיי אייביג פאַנאַדערטיילען דער קלאַסען־תהום.

און דיזאָזיגע רעד פון איהר מוטער פלעגט ליזע שטענדיג אויפנעהמען מיט אַ לייכטינקען שמייכעל און געמיט, און בכדי נישט אַרויסצווייזען קיין גרינגשעצונג לגבי די אויספיהרונגען פון איהר מוטער, פלעגט זי מכלומרשט דיסקוטירען מיט איהר, אָבער מיט אַ האַלב־איראָנישער לייכטקייט, שפּיעלעוודיג, נישט מאַכענדיג די מינדסטע אָנשטרענגונג זי איבערצוצייגען, די געדאַנקען פון איהר מוטער האָבען זיך אָבגעשלאָגען ווי לייכטינקע כוואַליעס אָן דעם צעמענטירטען ברעג פון ליזעס דעצידירטען און פעסטען דענקען. אָבער איצט האָבען דיזאָזיגע רעד עפּעס מאָדנע אָנגעהויבען אויפלעבען אין איהר, זיי האָבען ווי פונקען זיך אָנגעצונדען און אויסגעלאָשען, אָנגעצונדען און אויסגעלאָשען..

אַ באַגינענדיג יוני־ווינדטעל, פול מיט שמעקעדיגער, יונגער גרינקייט, האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגען איבער דער גאַס, אַ פלאַטער־געטהון מיט איהר לייכטען מאַנטעל און איהר אַריבערגעשפּרונגען איבער'ן קאָפּ אַריבער ווייטער און ווייטער... אין דער רגע האָט זיך ליזע דערמאָהנט אָן די צעשאָטענע פאַפּירלעך אויף'ן אוניווערזיטעט־הויף, מיט וועלכע דער ווינד טאַנצט אַוודאי איצט, הוליעט, שפּרינגט און צעטראָגט פאַר אַלע געביידעס פונ'ם אוניווערזיטעט־בלאָק. דאָס בילד האָט זי אָנגעפילט מיט פרייד, פערשטאַרקט איהר גלויבען און זי האָט איילענדיג אָנגעהויבען שפּאַנען אַהיים. אין שטוב זענען נאָך אַלע געשלאָפען. דורך די ראָזאַגאַרדינען האָט קוים אַריינגעשטראָמט אַ לייכטער מאָרגען־שיין, וואָס האָט מיט אַזאַ מילדקייט זיך צעלעגט איבער די צימערן. ליזאַ איז אונבעמערקבאַר אַריין צוריק אין איהר צימער, אָבוואַרטענדיג מיט אונגעדולד אוף דער שעה פון ערשטען פרוּטראַג, אויף וועלכען זי האָט בעשלאָסען צו געהן.

* *

*

אַ פריהלינגדיגער טאָג איז געהאַנגען איבער דער שטאָדט, יונגע זון האָט

שטיפעריש געקלעטערט אויף מויערן און ווי שטענדיק האָט אויפ'ן משופּעדיקן טראָטואַר פונעם אוניווערזיטעטס־הויף די יוגנט געאײַלט אין אַ לאַנגער שנור, זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין די פערשידענע געביידעס פונעם גרויסן אוניווערזיטעטס־בלאָק, ווער אין די סעמינאַרן, ווער אין די ביבליאָטעקן; דער גרעסטער טייל האָט געשטראָמט צום צענטער־הויז, וואו ס'האָט זיך געפונען די אַאולע.

די לאַנגע שנור מענשן, וואָס האָט זיך אַזוי אומאויפהערליך געצויגן פון די טויערן ביז צו די געביידעס, האָט זיך אַלע ווייל איינגעבראָכן און צוריק ווידער אויסגעגלייכט, דאָס האָט אַלע מאָל עמיץ זיך אָנגעבויגן, עפּיס אויפגעהויבן, פערהאַלטן זיך אַ קורצע רגע און ווייטער געגאַנגען.

ליזע איז געשטאַנען אויף די טרעפּ פון דער מיטעל־געביידע, וואו ס'געפינט זיך די אַאולע און זיך צוגעקוקט, וויאַזוי טייל וואַרפן בערוועז אַוועק די בלעטלעך, נאָך דעם ווי זיי האָבן קוים בעוויזן איבערצולייענען בלויז עטליכע שורות און ווי אַזוי טייל לייענען איבער ביז'ן סוף. און יעדעס מאָל, בעת זי האָט בעמערקט, אַז עמיץ לייענט אַזוי ערנסט דאָס געדיכט־געדרוקטע פּאַפּירעל, האָט זי כמעט ווי נאָכגעמורמעלט די ווערטער, וואָס האָבן אַראָפּגעשריגן פון די פּאַפּירלעך מיט אַזעלכע דונערנדיגע און שטאַרקע ווערטער. זי האָט איבערגעלעבט יעדעס וואָרט פון דער פּראָקלאַמאַציע. צוזאַמען מיט די לעצטע, פערשפּעטיגטע, וואָס האָבן סאַפּענדיג געאײַלט צו דער אַאולע, איז אויך ליזע אַריין אין זאַל. די אַאולע האָט געווימעלט פון יונגע מיידלעך און בחורים און דער גערויש איז ענלעך געווען צום גערויש פון בינען, וואָס קלינגט מיט דראָבנינקע גלעקעלעך. און ליזע האָט אין פּלוצ זיך אויסגעראַכט, אַז ס'קומט דאָ פאָר איצט אַ וויכוח, אַז דאָס אַמפּערט זיך אַזוי די יוגנט צווישען זיך, אַז זי בונטעוועט זיך, זי איז אומצופרידען און אַז דאָס האָט זי אַריינגעטריפט אין זייערע געמיטער די טראָפּענס פון אומרוה... אָבער באַלד האָט זי זיך קלאָר געמאַכט, אַז דאָס נאַרט זי זיך אָב און ווי פון עפּיס אַ בעהאַלטען ווינקעל האָט זי אַרויסגעצויגען איהר מיינונג וועגען דער סטודענטישער יוגענד, וועגען איהר אידעענלאָזיגקייט, פּוסטקייט און אַפּאָליטישקייט...

און דאָך האָט זי געבלאָנדזשעט איבער דער אַאולע פון איין גרופּקע צו דער צווייטער און זיך צוגעהערט צו זייערע שמועסען. און אַז זי האָט געהערט אַ וואָרט מכח די געוואָרפענע פּראָקלאַמאַציעס, האָט זיך איהר פּנים צעשיינט אין פרייד.

* *

*

ליזע שענברון איז אויפגעוואַקסען אונטער די צערטלונגען פון איהרע עלטערן, אין אַ אָבגעצוימטע סביבה, אויסגעוויעגט אין דער פּוכיגער ווייכקייט, וואָס מאַכט אַזוי צאַרט, פּרויאיש־בלייך. האָט מאַקי ליזע פון אויסזעהן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַזאַ צאַרט מיידעל, וואָס טראָגט אין זיך עפּעס אַ ווייטע, אומבעשטימטע בענקשאַפט... די בלאַסקייט פון איהר פּנים האָט דערצעהלט וועגען איהר ווייסן, מיידעלשען צימער, וואָס עטעמט מיט אַזאַ שטילער, אומשולדיגער

ליידענשאַפטליכקייט... אָבער ליזע שענברון האָט זיך געזעהען אַלס דער גייער טיפ פרוי, וואָס איז ווייט פון די אַלע פּרוויאישע שוואַכקייטען און סענטימענטען און לאָזט זיך נישט בעהערשען פון קיין שטימונגען. און יעדעס מאָל, בעת זי האָט אַזוי געטראַכט, האָט זי אָנגעשפּאַנט איהר לייב מיט מענערישער שטאָהלענקייט און דער פיהלט זיך אַזוי שטאַרק און זיכער.

*

✿

אויף דער לעצטער זיצונג פון אַקאַדעמיש=סאָציאַליסטישען קרייז, וואָס איז פאָרגעקומען ביי ליזען אין שטוב, איז אָנוועזענד געווען אַנ'אַרבייטער=פאָרשטעהער פון אַגרויסער, הינטערשטאָדטישער פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטליכע מכשירים, און געקומען איז ער נאָך מיטהילף אַרויסצוגעבען אַ פאַבריק=שריפט, וואָס זאָל צוגרייטען די דאָרטיגע אַרבייטער צו אַ גאַנצער רייה אַקציעס.

דעמדאָזיגען אַרבייטער=פאָרשטעהער האָבען אַלע גערופען: הבר אַבראַם, און געווען איז ער אַ פשוט'ער אַרבייטער—אַ גיסער, אַ געזונדער, שוואַרץ=טשופּריניעדיגער יונג, מיט אַ דונקעל אָבגעסמאַליעט פנים פונ'ם שטענדיגען גליהען זיך ביים קעסעל מיט צעזשאַרעטען אייזען. בכלל האָט זיין אויסזעהען זיך שטאַרק אָבגעשלאָגען פון דעם ווייסען, מיידעלשען צימער, וואָס איז געווען מיט אַזוי פיעל צאַרטקייט. און גערעדט האָט ער מיט אַזאַ דונערדיגער שטים, אַזוי פּראָסט, נישט געשליפען, אָבער שטאַרק איבערצייגענד. ער האָט דערצעהלט וועגען לעבען פון די דאָרטיגע אַרבייטער. און פאַר אַלעמענס אויגען זענען שטעהן געבליבען אַזעלכע שוואַרץ=אָבגעסמאַליעטע געשטאַלטען, דערשלאָגענע, מיעדע מיט צעהויקערטע רוקענס און אַזעלכע שוואַרצע, גלאַנציגע מלבושים. און ס'האָט אין דעם מיידעלשען צימער אַ שמעק=געטהון מיט קויל, מיט שטאָהלענעם שטויב, וואָס שפּריצט פון די טאָקערייען, מיט פערזשאַווערטע רודע און מיט פלאַם, מיט גליהיגען זשאַר, ס'האָט אַ שמעק=געטהון מיט שווערער אַרבייט...

ער האָט אַזוי גדודערט מיט זיין שטים און דערצעהלט אַזעלכע זאַכען, וואָס האָבען געגרוילט. און זיינע ווערטער זענען עהנליך געווען צו געבייל טע פויסטען, וואָס דראָהען און שלאָגען נישט.

אַנ'אומבעקאַנטער קוואַל פון געפיהל האָט זיך אַ עפען געטהון אין ליזעס געמיט, ס'האָבען זיך געריהרט אָט די פּראָסטע ווערטער פון דעם געזונדען אַרבייטער, פון זיינע רעד האָט זי דערפיהלט דעם ריח פון ערדישקייט, געזונדקייט, נאָך וועלכער זי האָט אַזוי גענאַרט...

און ס'האָט זיך איהר געוואָלט אַזוי צופאַלען צו אָט דעם אָבגעסמאַליעטען אַרבייטער, פערגורען זיך אין זיינע געזונדע אָרעמס, בלאָנדזשען מיט איהר ווייס, לענגליך, הענדטעל איבער זיין קאָסמאַטער טשופּרינע און אַזוי איינשטילען זיין ברומען, איהם בערוהיגען... אָבער באַלד האָט זי זיך אַ טרייסעל געטהון, ווי זי וואָלט וועלען אָבטרייסלען פון זיך דאָס סענטימענטאַלע געפיהל, וואָס האָט זי אַזוי מיטאַמאָל בעהערשט.

איהר פּנים איז געווען צעפלאַמט און מיט עפּעס אַ מאָדנער פערשכורטקייט האָט זי די ערשטע געגומען אַ וואָרט מכח דעם ענין. זי האָט גערעדט מיט שטאַרקער צעפלאַמטקייט, געשיט מיט ווערטער, ווי מיט שטיקלעך שטאָהל, זי האָט גערעדט וועגען דעם, אַז די אַקאַדעמישע יוגענד טאָר זיך נישט בעגרעניצען מיט איהר אַרבייט בלויז אויפ'ן אַקאַדעמישען שטח, אַז מען מוז אַרויס אין דער ברייטער גאַס, אין די פאַבריקען, צו די מאַסען...

אין איהר רעדען איז געווען צו דערקענען עפּעס אַ בעהאַלטענע ליידענשאַפט, וואָס האָט זיך אין איהר פּלוצים אָנגעצונדען און זי געבראַכט צו אַזאַ אומרוה...

ביים שלום האָט זי פאָרגעשלאָגען, אַז מ'זאָל איהר ערלויבען אָנצופיהרען מיט דער אַרבייט אין דער פאַבריק. זי ווייסט, — האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטערנדע שטים, — אַרויספאָהרען אין דער פאַבריק, בעקענען זיך מיט די דאָרטיגע בעדינגונגען און, כדי נישט אַרויסצורופען קיין חשד ביי די עלטערען וועט זי מכלומרשט פאָהרען אויף אַ פּאָר טעג אַברוה אויף דער זומער-וואוינונג, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון דער דאָרטיגער פאַבריק, אינ'ם גרויסען סאָסנע-וואַלד.

ס'איז שוין געווען שפּעטליכער אָוונד און די פערזאַמעלטע האָבען זיך אָנגעהויבען גרייטען צום אַהיימגעהן. ס'האָט זיך דערהערט אַ לייכט און אַרגעהדיג קלאַפּען אין דער טהיר, דאָס האָט מען ליזען געבעטען אויף אָוונד-ברויט; האָבען זיך דעריבער אַלע שוין צוגעאיילט מיט געזעגענען. און אַז דער חבר אַבראַם האָט ליזען דערלאַנגט די האַנד, האָט זי איהם אויפגעהאַלטען אַ לענגערע וויל און געפרעגט, צי ער וואָלט נישט פערבליבען אויף אָוונד-ברויט?

איהר זענט דאָך אַוודאי הונגעריג, דערצו זענט איהר דאָך ווייט פון דער היים, פערבלייבט דאָ, איהר וועט עסען ביי מיר. — די ווערטער האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פיעל צערטליכקייט, אַז ער האָט שווייגענדיג איינגעשטימט, כאָטש ס'איז איהם עפּעס אַזוי מאָדנע געווען אין דער דאָזיגער שטוב.

סאַלעק קילים, וואָס האָט שטענדיג, אַפילו אין די שווערסטע סיטואַציעס ליעב געהאַט צוצוואַרפען עפּעס אַ ווערטעל, האָט אויך איצט, שטעהענדיג שוין אין דער טהיר גרייט צום אַוועקגעהן, געזאָגט: „לאָזט זיך לאַנג נישט בעטען, נישט קשה, הייסט זיך נאָר דערלאַנגען גוטע זאַכען“...

אַלע האָבען זיך געזעגענט מיט'ן חבר, וואָס איז אַ שווייגענדיגער שטעהן געבליבען אָנגעשפּאַרט אָן דעם ווייס-בעצויגענעם, געבעטען שטוהל, און בעשאַפען אַ שטאַרקען קאָנטראַסט פון שוואַרץ מיט ווייס.

ליזע האָט זיך ענטשולדיגט פאַר די עלטערען, וואָס זי קאָן נישט היינט צוזאַמען מיט זיי עסען קיין אָוונד-ברויט, ווייל ביי איהר איז עמיץ פאַרהאַן און זי האָט דעריבער געבעטען פאַר זיך און פאַר איהר גאַסט אַריינצודערלאַנגען דאָס אָוונד-ברויט צו איהר אין צימער אַריין.

די עלטערען און הויפּטזעכליך די מוטער האָט גוט בעמערקט ליזעס צע[illegible] און אין איהרע אָנגעגליהטע באַקען האָט זי דערקענט, אַז זי לעבט

עפּעס איבער צו שטאַרק, וואָס זי האָט געהאַלטען פאַר נישט געוואונשען פאַר איהר שוואַכען אָרגאַניזם, אָבער די מוטער האָט געשוויגען, פערביסען די ליפּען און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

ליזע האָט בפירוש געפיהלט ווי איהר צעשטרייאונג פערשטאַרקט זיך אַלץ מעהרער, זי האָט געגעסען מיט אַ מאָדנעם אומרוה, וואָס האָט אויך געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם פשוט'ען אַרבייטער.

איהר פּנים איז געווען רויט־צעגליהט און זי האָט עפּעס אַזוי שטאַמלענדיג, מיט צייטער אַרויסגערעדט יעדעס וואָרט, זי איז אבערגעשפּרונגען פון איין טעמע אויף דער צווייטער, זיך געפּלאָנטערט, געמישט און געבלאָנדזשעט. אַלע ווייל איז זי אויפגעשטאַנען, געדרעהט געזוכט עפּעס צווישען איהרע ביסער אויף דער עטאַזשערקע, געגישטערט איהרע פּאַפּירען און נאָטיצען אין העם פאַרביגען, שטרויענעם פּאָרטפעל, וואָס איז געלעגען אויף איהר ביורקע און ווידער זיך צוגעזעצט צום קליינטשיגען טישעל, וואו דער חבר אברהם איז געזעסען אַ רוהיגער, אָבער פול מיט שטוינונג אין די בליקען, וואָס האָבען אַזוי נאָכגעפּאַרשט איהר צעטראָגענקייט..

ליזע האָט עפּעס נישט געקאָנט אָנקניפּען קיין שמועס, איז זי ווידער אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פענסטער און צוגעצויגען די גאַרדינען, ווידער עפּעס געזוכט און זיך פּשוט נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט...

איהר פּלאָנטערען זיך איז נישט געווען דערפאַר, וואָס זי האָט איהם געהאַט עפּעס אַזעלכעס צו זאָגען, וואָס ס'איז איהר שווער געווען אויסצודריקען, די ווערטער זענען געשטאַנען פאַר איהר לעבעדיגע, אָבער איהר איז נישט געגאַנגען בלויז אין די ווערטער, איהר האָט זיך געוואָלט אַזוי געהאַלזט ווערען דורך איהם, זי האָט געוואָלט געצערטעלט ווערען דורך זיינע געזונדע הענד... און ליזע האָט מיטאַמאָל דערפיהלט, ווי גרויס ס'איז איהר אונבעהאָלפענקייט, ווי פרויאיש שוואַך זי איז...

אָבער באַלד האָט זי זיך געשטאַרקט, זי האָט אַ רוק־צוגעטהון איהר שטוהל נעהנטער צום שווייגענדיגען אַרבייטער און מיט אַ בעוועגונג פון אַ מענש, וואָס וואַקעלט זיך צו בעגעהן עפּעס אַ ריזיקאַלישען שריט, האָט זי אַ נעהם־געטהון זיין ביינערדיגע, פעסטע האַנד, וועלכע האָט זיך עפּעס אַזוי לייכט אונטערגעגעבען, און האָט זי אַזוי ליידענשאַפטליך גערעדט...

— יאָ, — האָט זי אין שטאַרקער צעטראָגענקייט געזאָגט — יאָ, מיר וועלען אַרבייטען אַ סך, אַ סך, כ'וועל קומען צו אייך אין פאַבריק, כ'וועל קומען, כ'וועל קומען... איהר שטים האָט געציטערט, זיך אָבגעהאַקט און ווידער געפּלאָנטערט: מיר וועלען אַרבייטען אַ סך, כ'וועל קומען צו אייך אין פאַבריק, כ'וועל קומען, קומען, קומען...

ווי אַ לאַנגער בוים, וואָס איז דעם ערשטען זומער פול בעלאָדען מיט צייטיגע פּירות, האָט זיך ליזע געוויגט אין אַ שווערער בעלעסטיגונג. זי האָט זיך גע־שטאַרקט, אָבער אַלץ מעהר זיך געבויגען און געבויגען..

און זי האָט זיך דערפיהלט געגען איהם אַזוי קליינטשיג, אַזוי ווינציג. איהר

גאַנצע גייסטיגע בעלאָדענקייט, איהר גאַנצער אינטעלעקטועלער כח איז געפאַלען כורעים פאַר דעם שטאַרקען גוף פון דעם פראָסטען אַרבייטס-מענש. ווילענווייז האָט זיך איהם אַפילו געוואָלט אויסשטרעקען די האַנד און אַרומנעהמען איהר ציטערנדיגען, איידעלען קערפער, זי אַ גלעט-טהון, פערטולען איהר קאָפּ אין זיין אָרעם... און כאָטש ער האָט קלאָר געוואוסט, אַז דאָס איז איצט איהר איינציגער בעגעהר, אַז דאָס איז די סיבה פון איהר צעטראָגענקייט און איהר פלאָנטערען זיך אַרום איהם, האָט ער דאָך נישט געוואַגט, ער האָט זיך עפּעס געשראָקען... און ס'האָט זיך איהם דעריבער געוואָלט וואָס שנעלער זיך אַרויספלאָנטערען פון אַט דער פיינליכער סיטואַציע. ער האָט פּאַמעליך אַרויסגעצויגען זיין האַנד פון ליזעס גליהענדיג און פערהלשט הענדטעל, זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— ס'ווערט שפּעט, דער לעצטער צוג געהט שוין באַלד אָב, כ'מוז שוין פאָהרען אַהיים, נו איהר וועט דאָך אַוודאי אין דער נאָהנטסטער צייט קומען צו אונז.

— יאָ, כ'וועל קומען, — האָט זי ווי אין פערשיכורונג אַרויסגערעדט. זי האָט איהם צוגעפיהרט צו דער טהיר.

— שרייבט אונז פריהער אָן, ווען איהר קומט, וועלען מיר אייך אָבוואַרטען אויפ'ן וואָקזאַל, קומט גלייכער מיט'ן נאָכמיטאָג-צוג, ווען מיר זענען שוין פריי פון דער אַרבייט — האָט אויף דער שוועל שוין בעמערקט חבר אַבראַם.

ליזע האָט זיך אַזוי וואַקלענדיג אַריינגעשלייכט אין איהר צימער אַריין, זיך שווער אַוועקגעזעצט ביים בלויען טישעל, דעם שטערן מיט די צעפּאַטעלטע האָר אָנגעשפּאַרט אָן ראַנד פון'ם טישעל און אַזוי שטאַר געבליקט צום דיל.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אויפ'ן טישעל זענען נאָר געלעגען איהרע קורץ-געשוירענע האָר בעגאָסען מיט עלעקטרישען שיין. און אויסגעזעהען האָט עס ווי דער קאָפּ פון אַ זיך טרינקענדיגען מענשען, ביינאַכט, אויפ'ן דונקעל-בלויען וואַסער-אויבערפלאַך, ווען זיין ווילדע צעפּאַטעלטע פּשופרינע ווערט בעגאָסען מיט בלאַסען לבנה-שיין...

מעזריטשער.

ביים ברונעם

א.

הערשעל איז געזעסען אויף זיין שוסטער-בענקעל ביי זיין בעל-הבית'ס פענסטער, געצויגען דראטווע, געלעכערט מיט אַן אָל די זוילען און פערזעצט פלעקלעך. פון צייט צו צייט פלעגט ער כאַפּען אַ קוק דורך דער מיט פּאַפּיער פערלאַטעטער שויב צו דער גאַס.

געזעהען האָט ער זעלטען אָפּטמאָל דורכגעהן פאַר זיין פענסטער: אַמאָל מיט אַ קוישעל אין האַנד, איינצוקויפען פאַר איהר בעל-הבית'טעס וועגען, אַמאָל צו לייהען אַ כלי ביי אַ שכנ'טע און אָפּטמאָל מיט אַ עמער אין האַנד צו דעם ברונעם נאָך וואַסער. אין אַלע פאַלען האָט ער זי אָבגעמאָסטען מיט זיין בליק פון קאָפּ ביז די פיס און זיינע אויגען האָבען זיך אין איהר קערפּער-פאָרם אַריינגעקלעבט. זי איז געווען נאָך זעהר אַ יונג מיידעל פון מיטעלען וואוקס מיט אַ שענעם קאָפּ שוואַרצע האָר. איהרע שוואַרצע אויגען און די ווייסע צייהן האָבען נישט געקאָנט נישט איבערלאָזען קיין איינדרוק.

געזוכט האָט הערשעל וועגען און מיטלען, ווי אַרום צו קומען מיט איהר אין בעריהרונג. ס'איז איהם אָבער זעהר שווער אָנגעקומען, ווייל ער איז נאָך געווען יונג, נישט געהאַט דעם מוט אָנצוהויבען מיט איהר אַ שמועס, פערפיהרען מיט איהר אַ בעקאַנטשאַפט און אַרויסגעבען פאַר איהר עפּעס פון דעם, וואָס עס ליעגט אויף זיין האַרץ... אַ צופעליגקייט האָט איהם איינמאָל צונויפגעבראַכט מיט איהר נעבען דעם ברונעם ביים וואַסער שעפּען. ער האָט איהר אַרויסגעוויזען זיין גוטהאַרציגקייט און אָנגעשעפּט וואַסער צום ערשטען פאַר איהר און דערנאָך פאַר זיך. ער איז צוריקגעקומען און האָט זיך געזעצט צו דער אַרבייט. אָבער ווי אַ פרישׁ פריהלינגס-ווינדטעל האָט זיין געפיהל אויפגעבלאָזען. ער האָט זי געפיהלט נעבען זיך און עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז זיין האַנד האָט איהרע אָנגערירהרט ביים וואַסער שעפּען. אויף געווים האָט ער עס נישט געדענקט, ער האָט אָבער זעהר און זעהר געוואָלט, אַז ער זאָל שוין יאָ האָבען אָנגעריהרט איהר האַנד און דערפון איז איהם דורך אַ ווארימקייט אין זיין האַרץ. אין זיין מח האָט אַ געדאַנק אַ בליץ געטהון, אַז ער זאָל אַרויסגעהן צום ברונעם, ווען נאָר ער וועט זי זעהען אַדורכגעהן מיט'ן עמער, און כדי קיינער זאָל עס נישט בעמערקען, וועט ער נעהמען זיין בעל-הבית'ס עמער און געהן אַריינברענגען וואַסער פון ברונעם. ער וועט ווייטער פיהלען איהר קער-

פער נאָהנט פון זיינעם און אפשר וועט איהם אויך אויסקומען אָנצורירען איר׳ האַנד. פון היינט אָן וועט ער שוין ריכטיג געדענקען, צי האָט ער טאַקי יאָ אָנגע-ריהרט איהר האַנד, אָדער נישט.

און אזוי האָט ער געטהון.

די שוסטערקע פלעגט איהם פרעגען פערוואונדערט:

— וואָס פערזאָרגסטו מיך מיט אזוי פיעל וואסער? אז איך וועל דאַרפען אביסעל וואסער, וועל איך אַליין אויך קאָנען אריינגעהמען, און דו, הערשעל, זײ בײ דיין אַרבייט און טהו! מען האָט דיך נישט געדונגען צו זיין א וואסער-טרעגער! וואָס פאַר א וואַסערטרעגעניש איז עס אויף דיר?!

דער שוסטער האָט זיך פערשעמט פון זיין ווייב׳ס בעזאָרגען דאָס אַרבייטען און ער האָט עס דורכגעלאָזט. ער האָט עס דעריבער געוואָלט פערריכטען פאַר איהר אין די אויגען און אָנגערופען זיך:

— נו, יאָ, נו, דער בחור האָט געקריגען דאָס לויפעניש און ער זיצט נישט איין ביי דער אַרבייט. אַוודאי ווען איך בין געווען א יונג אויף לויהן, האָב איך מיט מעהר חשק געאַרבייט, ווי א גלאָק בין איך געזעסען און געאַרבייט. היינט האָבען זיי שטיפטען אין זיצער, מ׳דרעהט זיך ווי אַנ׳אָל, צו אַלדי שוואַרץ יאָהר!

הערשעל האָט האַלב-וואוילעריש געענטפערט:

— וועט איהר טאַקי האָבען דערפאַר אויף יענער וועלט א שטיק לויתן און איך — נישט. וויפיעל איהר גיעט מיר, אַרבייט איך נאָך ביי אייך צופיעל און קיין ביסעל וואסער אויף א טרונק דאַרף ביי אייך נישט פעהלען. אז איהר געהט נישט אַריינברענגען, מוז איך דאָך געהן!

ער האָט זיך צוריקגעזעצט צו דער אַרבייט. זיין בעלײדיגונג איז געוואָרען אָבגעווישט דורך זיינע געדאַנקען וועגען דעם אָנטרעפען זיך ביים ברונעם און אַלע איינצעלהייטען, וואָס זענען דערמיט געווען פערבונדען. ער איז גרייט געווען יעדערען צו שענקען: דעם בעל-הבית און אויך זיין ווייב פאַר זייערע האַרבע רעד.

ב.

חדשים זענען דורכגעלאָפען.

זעלדע איז אַריינגעקומען צו זיין בעל-הבית נעהמען זיך א מאָס אויף א פאָר שיך. ער האָט איהר געהייסען אַנידערזעצען זיך, געקריגען א לאַנגען פאַס פאַפיער און גענומען איהר א מאָס.

הערשעלס האַרץ האָט שטאַרקער געקלאַפט. ער האָט כסדר געקוקט צום אָרט, וואו צוויי הענד האַלטען זעלדעס פוס, נאָר די הענד זענען נישט זיינע. געקלערט האָט ער אויפצוהויבען זיך פון זיין אָרט, צוגעהן צום בעל-הבית, אויסזוכען עפעס אונטערצוהעלפען איהם צו נעהמען די מאָס און אפשר וועט זיך איהם אויך איינ-געבען אָנצונעהמען איהר פוס. ער האָט אָבער מורא געהאַט, טאָמער וועט זיין בייזען בעל-הבית פערדריסען אויף איהם און ער וועט איהם געבען א יאָג איהר

אין די אויגען און דעמאָלט וועט ער דאַרפען בעגראָבען זיך פאַר חרפּה. צוויי געפיהלען האָבען מלחמה געהאַלטען אין איהם: געצויגען האָט איהם צוצוגעהן און מורא געהאַט האָט ער פאַר'ן בעל-הבית. איבערגעשטאַרקט האָט די מורא פאַר'ן בעל-הבית און ער איז געבליבען זיצען. דערפאַר האָט ער געאַרבייט מיט גרוים חשק די פאַר שיך פאַר איהר: שטאַרקער געצויגען די דראַטווען, געשיקט פערזעצט די פלעקלעך און לאַנג געלעקט די זוילען. ער האָט זיך דערביי צוגעזונגען ליעדער וועגען ליעבעם און בענקשאַפט און אויך האַרציגע חזנישע תפילות.

ווען ער האָט געענדיגט די פאַר שיך, האָט ער זיי אַנידערגעשטעלט גלייך, אָנגענומען זיי מיט די ערשטע צוויי פינגער, אויפגעהויבען און געדרעהט זיי אַנטקעגען דער זון נעבען פענסטער, און אַ ליכטיגער שטראַהל פון דער זון איז געפאַלען אויף זיי. ער האָט זיך דעמאָלט געטראַכט: זאָל זי געהן זיי געזונדערהייט! זי איז ווערט אַזאַ פאַר שענע שיך, מאַקע אַ פאַר שענע שיך!

ג.

הערשעל האָט אַליין ווייטער געאַרבייט ביי זיין בעל-הבית, כאָטש ער איז נישט געווען צופרידען פון איהם און נאָכמעהר פון זיין ווייב, אויף וועלכער שכנים פלעגען זאָגען, אַז „זי איז אַ אידענע אין די הויזען". אַליין האָט זי געוואוסט, אָדער געוואָלט וויסען. זי איז אַריינגעקראָכען יעגעם אין לעבער אַריין און אומעטום געזאָגט אַ דעה. ער האָט שוין וויפיעל מאָל געוואָלט אַוועקגעהן פון זיין בעל-הבית, נאָר אַ מורא האָט איהם אַרומגענומען, טאָמער וועט זי, די שוסטערקע, אַריינגעהן צו זעלדעם בעל-הבית'טע און, ווי איהר שטייגער איז, רעדען, וואָס מ'דאַרף נישט, זי וועט זיך נאָך אַרויסכאַפּען אויף איהם מיט שלעכטע ווערטער און זעלדע וועט זיי נאָך הערהערען... און אויב ער וועט אַוועקגעהן פון דעם בעל-הבית צו אַ אַנדערען, ווי אַזוי וועט ער זיך אָנטרעפען מיט איהר, מיט זעלדען? ביי וואָסער געלעגענהייט קאָן עס נאָך פאָרקומען? ווייל זעלדע ווייסט נאָך אַליין נישט וועגען זיינע געפיהלען צו איהר און ער האָט זיי נאָך אַליין נישט אַרויסגעגעבען פאַר איהר. צוליעב דעם איז ער יעדעם האַלבע יאָהר פערבליבען ווייטער ביי דעם אייגענעם שוסטער.

הערשלען איז נישט שווער געווען צו זיצען און אַרבייטען. די וואָך איז איהם אַדורך מיט גוטע פאַסירונגען און נאָך בעסערע פערטראַכטונגען. שווער איז איהם נאָר געווען דער טאָג שבת, איהם האָט ער קוים גע'פּטר'ט. אַ גאַנצען שבת האָט ער זי נישט געזעהען, ווייל געוואוינט האָט הערשעל ביי זיינע עלטערען אין אַ הינטערשטער גאַס און ער האָט נישט געהאַט קיין מעגליכקייט זי צו זעהען. נאָר שבת פאַרנאַכט פלעגט ער נעהמען זיינס אַ קאָלעגע, אַ שוסטער-בחור, אָנגעפילט זייערע ביידעגם קעשענעס מיט קערלעך און אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן שאָסע. אומגעזוכט האָט ער זי זייטיג צווישען די גרופּקעס מיידלעך, וואָס האָבען געשפּאַצירט, ער האָט זי אָבער נישט דערקענט צווישען איהרע חבר'טעס און נישט געוואוסט, אויב זי געהט איצט אויפ'ן זעלבען וועג, וואו ער געהט, אָדער נישט. אין אַזאַ פאַל איז

ער אַהיימגעקומען פערטראַכט, נישט דערגרייכט זיין ציעל. ווען ער האָט זי אָבער
יאָ אַמאָל געטראָפען, האָט ער האַסטיג אַ ציה געטהון זיין חבר'ס אַרבעל און ארי=
בערגעשלעפט איהם אויף דער זייט, וואו זי געהט. זיין חבר האָט נישט געוואוסט
דעם מיין דערפון, געקלערט האָט ער, אַז עס איז אַ איינפאַכער צופאַל. הערשעל
איז איהר נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט, געהערט קלאַפּען פון די זוילען, וואָס ער
האָט בעקלאַפּט און געלעקט, און עס האָט אָבגעוועהילכט ביי איהם אין האַרץ. נאָכ=
געגאַנגען איז ער איהר אויפ'ן שאָסעע ביז'ן אָנהויב שטאָדט, וואו מען טרעפט
אַ סך מענשען, און זיי קאָנען עס נאָך בעמערקען, וועלען זיי עס איבערהערען, ביז עס
וועט נאָך אָנקומען צו זעלדען און דעמאָלט וועט ער זיך אַזוי שעמען, אַזוי שע=
מען... עס קאָן נאָך אויך צוגעטראָגען ווערען צו זיין בעל=הבית'טע, די שוסטערקע,
און דעמאָלט וועט איהם שוין קיין צרות נישט פעהלען: זי וועט אָבשפּעטען פון
איהם מיט איהר געשליפען צינגעל און בערעדען איהם פאַר זעלדען און מאַכען
פון איהם אַש און בלאָטע.

זיינע אַלע געדאַנקען האָט הערשעל אַריינגעטהון אין איהר. דאָס פייער האָט
געטילעט אינוועניג אין זיין האַרץ. ביי דער אַרבייט פלעגט ער זיך פאָרשטעלען
איהר געשטאַלט און עס איז איהם זיס געוואָרען. ער האָט זיך געזעגענט מיט זיינע
פאָרשטעלונגען, געפיהלט אין געדאַנק ווי ער שטעהט נעבען איהר, איהרע גע=
טאַקטע הענד און פּיס האָט ער געגלעט אין געדאַנק און איהר קלאַפּענדיג האַרץ
געהאַלטען אַנטקעגען זיינס.

ד.

ער איז גערופען געוואָרען צו מיליטער=דיענסט.

זיין געזונדער קערפּער האָט אויסגענומען ביי דער מיליטער=קאָמסיע און
מען האָט איהם פערשריבען צו דיענען אין אַ פּולק, וואָס שטעהט אין אַ ווייטער
שטאָדט.

אַהיימקומענדיג פון דער קאָמיסיע, האָט הערשעל גענומען צוגרייטען זיך צו
געהן דיענען און ביי אַלץ אין זינען געהאַט: אויף וועמען לאָזט ער זי איבער?!
זי ווייסט דאָך נאָך גאָרנישט, וואָס ביי איהם אין האַרץ טהוט זיך און ווער ווייסט,
וואָס עס קאָן נאָך געשעהען אין דעם שטיקעל צייט פון זיין דיענען. העלפען זיך
קאָן ער אָבער נישט. געהן איצט אין איילעניש, אָנטרעפען זיך מיט איהר און אַלץ
איהר אויסדערצעהלען, — איז נישט גלייך און נישט קלוג. זי וועט אויף דעם קוקען,
ווי אַ שטיין זאָל פלוצלונג אַראָבפאַלען פון הימעל, אומגעריכט וועט זי דערהערען
אַזעלכע זאַכען און וואָס קאָן זי טהון איצט, ווען ער געהט שוין היינט=מאָרגען
אַוועק דיענען. ער האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס צו טהון און אַלעמאָל געביטען
זיינע בעשלוסען. געטהון האָט ער אָבער גאָרנישט און נישט דערצעהלט איהר.
דעם לעצטען טאָג פאַר'ן אַוועקגעהן דיענען האָט ער זי געזעהען דורכגעהן פאַר זיין
בעל=הבית'ס פענסטער, האָט ער זיך אַרויסגעבויגען און לאַנג נאָכגעקוקט איהר. ער

האָט אַרייגגעזויגען אין זיך דאָס וואַרעמקייט פֿון איהר קערפּער, גענומען זיך גוט אין זינען אַריין די פֿאָרם פֿון איהרע איברים, כדי ער זאָל זיי לאַנג און גוט געדענקען.

און געדענקט האָט ער זי לאַנג און גוט.

נאָך די שווערע איבונגען און מיליטערישע אַרבייט פֿלעגט ער ליגען אויף זיין בעטעל אין קאַזאַרמע און טראַכטען וועגען זעלדען. מיט פֿערמאַכטע אויגען האָט ער זי געזעהן דורכגעהן פֿאַר איהם, שטעהן נעבען איהם און געפֿיהלט איהר וואַרעמקייט.

אויף די בעטלעך פֿלעגען ליגען נאָך סאָלדאַטען און טראַכטען. געוואוסט האָט אָבער הערשעל, אַז זיין טראַכטען איז גאָר עפּעס אַנדערש פֿון זייערס... קיינעם איז נישט אַזוי גוט, נישט אַזוי זיס ווי איהם. דאָס האָט איהם מיטגעבראַכט, אַז ער זאָל זיין שטענדיג גוט געשטימט און איז גרייט געווען יעדען סאָלדאַט אונטערצוהעלפֿען מיט עפּעס און איבערצונעהמען אַ שווערע אַרבייט. אַלע האָבען איהם טאַקע ליעב געהאַט, און זיין האַר׳ן האָט ליעב געהאַט און איז געליעבט געוואָרען.

ה.

יין דיענסט=צייט איז איבערגעלאָפֿען.

ווען ער איז אַהיימגעקומען פֿון דיענען, האָט ער געהערט, אַז זעלדע האָט חתונה געהאַט מיט יאָסקע שניידער, איציק קאָוואַל׳ס זוהן. ער האָט זיך זייטיג נאָכגעפֿרעגט, ווי אַזוי יאָסקע בעהאַנדעלט זעלדען און צי איז איהר עפּעס גוט ביי איהם. מענשען האָבען איהם דערציעהלט, אַז זי האָט געטראָפֿען און אַז „איהר איז גאָט צו דאַנקען גוט“. ער האָט אָנגעהויבען דרך=ארץ קריגען פֿאַר יאָסקען דערפֿאַר, וואָס ער האַלט זעלדען ווי אַ אויג אין קאָפּ און ער ווייסט, ווי טייער זי איז. דעם ערשטען אַנצוג האָט ער געמאַכט זיך ביי יאָסקען. ער האָט זיך נישט געדונגען מיט איהם וועגען פּרייז פֿאַר׳ן אויפֿנעהען און האָט איהם דאָס געלד פֿערגונען, טראַכטענדיג זיך: זאָל זעלדע נישט זיין געקוועלט אין געלד. ער האָט צו=וויסען געגעבען יאָסקען, אַז איניגען פֿערלעגט ער אַ שוסטער=וואַרשטאַט און ער וועט אַרבייטען „פֿאַר=זיך“, זאָל ער קומען צו איהם מאַכען זיך שיך, ער וועט איהם נישט פֿערייסען און מאַכען איהם גוטע אַרבייט.

און געקומען איז אַ טאָג, ווען זעלדע איז אַריינגעקומען אין הערשעלס שוסטער=וואַרשטאַט צו מאַכען זיך אַ פּאָר שיך. הערשעל האָט מיט׳ן פֿאַרטוך אָבגעווישט אַ שטוהל און געבעטען זי זיצען. ער האָט זיך האַלב פֿערשעמט אויסגעשמועסט מיט איהר, ווי אַזוי עס געהט איהר, צי זי געדענקט נאָך די צייט, ווען זי האָט געדיענט ביי יודעל האָלצהענדלער. ער האָט איהר דערמאָהנט, ווי זי פֿלעגט געהן צום ברונעם אָנשעפּען וואַסער און ער פֿלעגט זי אַמאָל דאָרט טרעפֿען. זי האָט נישט ווילענדיג צוגעגעבען, אַז זי געדענקט און זי האָט געוואָלט אָבהאַקען פֿון שמועס. ער האָט עס דערפֿיהלט און פֿערשעמט זיך פֿאַר איהר און פֿאַר זיך אַליין.

ער איז באַלד איבערגעגאַנגען צו נעהמען די מאָס, האַלטענדיג איהר פוס אין זיינע הענד. ליעב איז עס איהם געווען, איבעריגע מאָל האָט ער דעם פוס געמאָסטען, געפרובט אַזוי אָדער אַזוי, ענדליך האָט ער אָבער אַ טראַכט געטהון, אַז דער פוס איז פאָרט נישט זיינער און וועט שוין זיינער נישט זיין. מיט אַמאָל האָט ער אָב־געלאָזט איהר פוס און אַליין נישט וויסענדיג פון וואַנען און צו וואָס האָט ער אַרויסגערעדט:

—איך געדענק זעהר גוט, ווי איהר פלעגט שטעהן ביים ברונעם. זאָל איך אַזוי לעבען, ווי איך געדענק עס!...

און ער האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט אַרביישען...

י. יורבארסקי

גוואַלד, וואָס טהוט מען?

ביי יונה קירזשנער אין שטוב געהט די אַרבייט מיט׳ן גאַנצען ברען. יונה אַליין, אַ שוואַרץ נידריג אידעל, שטעהט ביים טיש און צייכענט אויף סחורה מיט קרייד אַרום אַ פאָרמע פון אַ מאַוועל און ברומט זיך בשעת מעשה אַ ניגונדעל. לייבקע, זיין עלטערער זוהן, אַ בחור׳ל פון אַ יאָהר ניינצעהן, פרעסט אַ הימעל אויף אַ משוגה׳דיגען האלץ, און נחומ׳קע, דער יונגערער, נייהט מיט די האַנד. די צוויי בנים האַלטען אין מיטען אַ דיסקוסיע. לייבקע איז אַ קאָמוניסט און נחומ׳קע איז אַ ציוניסט.

זלאַטע, יונה׳ס ווייב, שיילט קאַרטאָפעל, און נעבען איהר אויפ׳ן באַנק זיצט שיינקע, די יונגסטע טאָכטער, און מאַכט מאַניקיר מיט אַ מעסערל און מיט אַ שערעלע.

— און איך זאָג דיר, אַז דער גאַנצער ציוניזם איז נישט ווערט קיין גוט וואָרט. דאָס איז אַן אויסטראַכט פון די בורזשויען אַרויסצונאַרען פון אַרימאַן די פאָר גראָשען און צו פערדרייבען איהם די צייהן — זאָגט לייבקע.

— שווייג! — שרייט נחומ׳קע — ווען נישט, האַק איך דיר אַרויס אַלע צייהנ!!

— טאָג און נאַכט נאָר מען קריגט זיך. עס איז גאָר נישט אַריבערצוטראָגען פון זיי! — שרייט שיינקע.

— שאַט, קינדערלעך, — זאָגט יונה און נעהמט אַרויס די טאַבאַק-פושקע און טהוט אַ שמעק. — קריגט זיך נישט. נאַ דיר אַ שמעק טאַבאַק, נאַ דיר אַ שמעק טאַבאַק, און נאַ, שיינדעלע, אויך אַ שמעק טאַבאַק און — אַפטשיק!!!

אַלע לאַכען זיך פונאַנדער. אין שטוב ווערט אַ ווײַלע שטיל.

„חנוכה, חנוכה, אַ יום-טוב אַ שעהנער,

אַ לוסטיגער, אַ פרעהליכער, נישטאָ נאָך אַזוינער“ — זינגט זיך יונה.

— דאָס פאָלק האָט געשאַפען אַזוי פיעל שענע ליעדער — זאָגט נחומ׳קע צו לייבקען. — אַזוי פיעל קרבנות האָבען די אידען געבראַכט פאַר ארץ-ישראל. די מכבים האָבען זייערע לעבענס אָוועקגעגעבען פאַר ארץ-ישראל. דעם גאַנצען גלות קוקען די אידען נאָר אויף ארץ-ישראל. אידען האָבען זיך געלאָזט פערברענען אויפ׳ן פייער פון אינקוויזיציע, כדי צו בלייבען אידען. קומט איהר קליינע מענשעלעך און איהר ווילט אַלץ אָעסטערען. אין רוסלאַנד הערשט דער אַנטיסעמיטיזם

מיט'ן גאַנצען קראַפט, מען טהוט אָן דעם אידען אַלערליי צרות. קומסטו און נאָך אַזוי ווי דו, און איהר האַלט נאָך פאַר זיי און נישט פאַר די, וואָס זענען זיך מקריב פאַר אייך.

— אַלע מענשען זענען מענשען — ענטפערט לייבקע — מיר טאָרען נישט קוקען אויף אונזער פאָלק אַליין. מיר דאַרפען קוקען אויף אַלע פעלקער. דער אַרבייטער האָרעוועט און האָרעוועט און האָט גאָרנישט, און דער גביר טהוט גאָרנישט און האָט אַ סך. וואָס איז נעביך שולדיג דעם אָרימאַנס יונגעל, אַז ער האָט אַ טאַטען אַנ'אָרימאַן? די וועלט איז שטענדיג פאַלש אַוועקגעשטעלט געוואָרען. עס הערשט פון אייביג-אָן נישט קיין ריכטיגע אָרדנונג. און רוסלאַנד איז פאָרט אַנ'אַרבייטער-מלוכה, די איינציגע אויף דער וועלט, און דעריבער האַלטען מיר מיט איהר, נאָר מיט איהר.

— יעדעם פאָלק דאַרף זאָרגען פאַר זיין פאָלק, וועט דאַמאָלס זיין פאַר אַלע פעלקער גוט.

— זעה נאָר, זלאַטעלע לעבען, — מישט זיך יונה אַריין — ווי אונזערע בנים האָבען זיך אַוועקגעזעצט און זיי פרעזאָרגען די גאַנצע וועלט...

— שאַ, טאַטע, מיש זיך נישט אין אונזערע געשעפטען, — זאָגט לייבקע.

— זעה נאָר, טאַטע, שענע מאַניקיר האָב איך געמאַכט? — פרעגט שיינקע און ווייזט דעם טאַטען אַ האַנד מיט לאַנגע, שפּיציגע און גלאַנציגע נעגעל.

— אוי-וואַ! דאָס זענען נעגעלעך. קאַנסט שוין שיילען מיט זיי קאַרטאָפעל אָהן אַ מעסער...

אַלע לאַכען זיך פונאַנדער.

— נאָך אַ גליק, וואָס זי איז נישט קיין ציוניסטקע, צי אַ קאָמוניסטקע. מיט איהר וואָלט איהר זיך געאַמפּערט, וואָלט איהר געוואוסט, נו, נו! זי וואָלט מיט די נעגעל געריעדט מעהר ווי מיט'ן מויל...

אַלע לאַכען נאָך שטאַרקער. עס עפענט זיך די טהיר און עס לויפט אַריין אַ נידריג גראָב אידעל.

— גוט מאָרגען, ר' יונה. פאַרטיג מיין היטעלקעלע?

— פאַרטיג, פאַרטיג, געווים פאַרטיג. איך האָב אייך דאָך עפּעס צוגעזאָגט. נאָר איהר וועט מוחל זיין אונטערוואַרטען אַ פינפצעהן מינוט. אָט לייבקע קאַנטשעט עס שוין. זעצט זיך.

— פאַרטיג און פאַרטיג און וואַרט. געזעהן אַ אידען? איך מוז שוין אַוועקפאָהרען. די באַהן געהט שוין באַלד אָב.

— לויף, נחומ'קע צום קאָנדוקטאָר און זאָג איהם, ער זאָל מוחל זיין אָבהאַלטען די באַהן, ביז לייבקע וועט קאָנטשען ר' יוסף'ס היטעלקעלע...

— ר' יונה מיט זיינע וויצעלעך, אַנדערש געהט דאָס נישט. לייבקע, מאַך דאָס אויף גיכער, איך וועל אונטערוואַרטען. ער זעצט זיך אויף אַ שטוהל מיט הרחבה. — ר' יונה, איהר האָט אפשר אַ שמעק טאַבאַק?

— נאַט אַ שמעק טאַבאַק.

יונה גיט איהם אַ שמעק טאַבאַק. יוסף גיט אַ שמעק און הויבט־אָן ניסען אָהן אויפהער.

— צו געזונד, צו לעבען, צו אריכת־ימים — זאָגט יונה נאָך יעדען ניס. — אַט אזוי, זאָלט איהר כאָטש געדענקען, אַז איהר האָט ביי מיר אין שטוב אַ סך געניסען... צו עושר, צו כבוד, צו גדולה, געניסט... געניסט... נו? מעהר שוין נישט? זאָל זיין אויף שפּעטער...

אַלע אין שטוב קאַטשען זיך פון געלעכטער.

— איי, ר' יונה, — זאָגט יוסף נאָכ'ן אויסגיסען זיך. — אייך איז קיין עין־הרע גוט. איהר זיצט זיך אין דער וואַרעם, וויצעלט זיך, אייערע קינדער אַרום אייך. וואָס פעהלט אייך?

— אַ קלאָג צו די יאָהרען — רופט זיך אָן זלאַטע — ווענען מען איז מקנא.

— די גאַנצע וועלט איז מקנא אייגער דעם אַנדערען — זאָגט לייבקע.

— איזה עשיר השמח בחלקו — זאָגט נחומקע.

— שמח בחלקו הייגט, שמח בחלקו מאָרגען, — רופט זיך אָן יוסף — וואו דו געהסט און וואו דו שטעהסט, איז נאָר צרות און צרות, און געה זיי אַ שמח בחלקו...

אין שטוב קומט אריין אַ אידענע מיט אַ קערבעל און זאָגט צו אַלעמען:

— קויפט באַוועל, קנעפּלעך, קעמלעך, קויפט וואָס איהר ווילט.

— גאָזמיכלעך האָט איהר צו פערקויפען? — פרעגט יונה.

— די בעסטע, טייערע גאָזמיכלעך, צו 25 גראָשען אַ שטיק.

— טאָ זייט מוחל און ווישט אייך אָב די נאָז...

— אַי, ר' יונה, איהר בלייבט שוין אַזוי שטענדיג — זאָגט די אידענע און גיט אַ שמיר מיט'ן אַרבעל איבער'ן געזיכט.

— זעהט ציפּע לעבען, — פרעגט שיינקע די אידענע — צוליעב וואָס האָט אייער שכנ'טעס זוהן חתונה געהאַט מיט גאָלדען? וויל ער האָט זי געליעבט, צי צוליעב איהר געלד?

— וואָס פערשטעהסטו נישט — זאָגט יונה — וויל ער האָט געליעבט איהר געלד.

— איהר ווייסט נאָך גאָרנישט? — רופט זיך אָן ציפּע — שלמה'ס זוהן איז געקומען פון אַמעריקא צו גאַסט.

— טאַקי? מיין זוהן פון אַמעריקא האָט מיר טאַקי געשריבען, אַז ער דאַרף קומען. מען דאַרף געהן אָבנעהמען פון איהם אַ גרוס — זאָגט יונה. — זיי זענען שכנים אייגע אַנטקעגען די אַנדערע.

יונה וואַרפט אַוועק די אַרבייט, נעהמט אַרויס פון שאַנק די שבת'דיגע קאַפּאָטע און דאָס שבת'דיגע היטעל מיט די שיך און טהוט זיך אָן.

— ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגען, — זאָגט צו איהם זלאַטע — פאַר־

פיאָהרען איז געקומען משה דעם בעקערס זוהן פון אַמעריקאַ, איז אַוועק יאַנקעל דער סטאָליאַר, אַנ'אויסגעפוצטער אין עסיג און אין האָניג, אָבגעהמען פון זיין זוהן אַ גרוס, איז יענער צוריקגעפאָהרען אין אַמעריקאַ און דערצעהלט זיין זוהן, אַז יאַנקעל דער סטאָליאַר איז אַ גביר אַדיר, און פון יענער צייט שיקט ער איהם אפילו קיין בריעף ניט, דערפאַר וואָס ער פלעגט בעטען ביי איהם געלד. טהו=אָן וואָכעדיגע מלבושים אפשר...

— ווי איך בין אַ איד, זי איז גערעכט, — זאָגט יונה און טהוט=אויס די שבת'דיגע בגדים און טהוט אָן די אַלטע.

— פע! טאַטע — זאָגט שיינקע — דאָרטען זענען אַודאי דאָ אַ סך מענשען, און דו וועסט אַריינגעהן אין אַ פערשמאָלצענער קאַפּאָטע. טהו=אָן די שבת'דיגע.

— טאַקי נישט שען, אַ חרפה פאַר מענשען — זאָגט יונה און וויל אנטהון די שבת'דיגע קאַפּאָטע.

— יונה, געדענק אַן גאָט, דו קוילעסט אונז אָהן אַ מעסער!

— טאַקי... גערעכט.

— טאַטע, נישט שען — זאָגט נחומקע — וועסט דאָרטען האָבען חרפות!

— טאַקע גערעכט...

— אַ בעל=מלאכה דאַרף זיך נישט שעמען מיט זיינע אַרבייטער=קליידער! — זאָגט לייבקע.

— א חרפה און אַ בושה!

— וואָס טהוט מען? איך וועל איינגאַנצען נישט געהן און געקאָנטשעט אַנ'עסק!

— ר' יונה, אייער זוהן וועט זיך דערוויסען, אַז איהר זענט נישט געקומען אָבנעהמען אַ גרוס, וועט ער זיין אין כעס — זאָגט יוסף.

— טאַקי! איך טהו=אָן די שבת'דיגע בגדים און פאַרטיג!

— יונה, וואָס טהוסטו?

— טאַקע.

— טאַטע, אַ חרפה!

— גערעכט. גוואַלד, וואָס טהוט מען?

— טהו אָן די שבת'דיגע!

— טאַקע

— טאַטע, ניין!

— טאַקע. גוואַלד, וואָס טהוט מען?

יונה שטעהט אין מיטען שטוב, אויפן רעכטען פוס אַ לינקען שבת'דיגען שוך און אויפן לינקען אַ רעכטען וואָכעדיגען, האַלב אויסגעטהון, האַלב אָנגעטהון, אין די הענד ביידע הימלען, און ווייס נישט, וואָס צו טהון...

צ. ז.

דער שטן

נאָר וואָס זיך אָבגעשטעלט דער רעגן, אויפ'ן הימעל האָבן נאָך געקרייזט צעריסענע שוואַרצע כמאַרעס מיט צווישענס, ווי ווילד-בעוואַקסענע בערג, א ווינטעל האָט צוגעיאָגט, געריסן די אָפענע פענסטער-קוואַטירן, די עקן קייטעלעך האָבן געריטשעט אין די פּערדשאַווערטע סקיבלעס.

מנשה האָט זיך געכאַפּט פאַר די אויערן, אַרויסגעשליידערט דאָס קאַסטעביכעל, איז צו צום פענסטער, איבערגעוואָרפן די קייטעלעך און צוגעקלאַפּט.

ער האָט עס אָבער באַלד צוריק אָבגעבויגן — אַקעגן-איבער איז זיין שכן — יחיאל האַגיגמאַן, דער לעדער-סוחר, ברייט געזעסן אויפ'ן פּאָטעל, געצויגן א ציגאַר, מיט אַרויסגעריסענע אויגן געקוקט אויף די וואָלקענעס רויך, וואָס האָבן זיך געקייקעלט אין דער לופט, ווי שלאַנגען.

נעבן איהם איז געשטאַנען זעליג שיך-פאַבריקאַנט מיט א פּאַק געלד אין דער האַנט.

מנשה האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, אָנגעשטעלט אַ'אויער.

— איהר פיהלט עס אויך, ביי זיך אין געשעפט — האָט זעליג שווער עטעמדיג גערעדט — קיין פּדיון נישטאָ, הוצאות, פּראָטעסטען, איהר ווילט מיך רואינירען. איך בין נישט דער מענש פון צוריקגעבן סחורה, קעמפ ווי לאַנג די כחות טראָגן. איהר מוזט מיר נאָכקומען אין א צייט פון קריזיס, אַפילו די אַרבייטער וועמען איך טאָר נישט אויפהאַלטען דאָס שכירות און זיי קאָנען נישט, קאָנען נישט וואַרטען, זענען פונדעסטוועגן מיר אויך, אַנטקעגן געקומען — א העלפט צוצוצאָהלען שפּעטער. ר' יחיאל, מיר וואוינען דאָך נישט אין קיין וואַלד!...

— מיינע קרעדיטאָרען ווילען דערפון נישט וויסען — האָט יחיאל פלעגמאַטיש צוגעוואָרפען מיט דער האַנד.

מנשה'ן האָבן געציטערט די קניען, האָט ער זיך מיט א האַלבען קערפּער אַרויסגערוקט אין פענסטער, מיט איין מאָל האַסטיג אויפגעפּראַלט די קוואַטירען, דורכ'ן קלאַפּ האָט זיך א שטיק לייהם אָבגעשפּאָלטען פון דער מויער און אַראָבפּאַלענדיג אָנגעפּויקט אין בלעכענעם פליגעל ביי דער סוכה אויפ'ן פּאַרטער. ער האָט מיט די פינגער געזבענקעט אין שויב — זעליג זאָל זיך אומקוקען און האָט אַריבערגעשריען:

— צאָהלט נישט, ער איז מיר שולדיג און צאַפּט מיין בלוט! — און פּער=

האקט דאָס פענסטער.

האָבגמאַן האָט אַ קוועטש געטאָן ביים עלעקטרישען גלעקעל אונטער'ן לאָמפּ, דאָס שטוב-מיידעל איז אַריינגעקומען, ער האָט באַפוילען צו פארמאַכען דאָס פענסטער.

אַ ווײַלע איז נאָך מנשה געשטאַנען אין פענסטער, שפּעטער גענומען אַ שטוהל אויף צו זעצען זיך, נישט דערהאַלטען אין דער פּויסט, די האַנד האָט איהם געציטערט, האָט ער איהם צוריקאַוועקגעשאַרט מיט'ן פוס.

גיטעל זיין ווייב איז אַריינגעקומען מיט אַ גלאָז מילך און עס אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש.

— לאָז עס נישט קאַלט ווערען! — האָט זי האַרציג געבעטען. — איך האָב אַריינגעלעגט אַ שטיקעל פּוטער, — און צוריק אַוועק.

מנשה האָט פערלעגט די הענד אויפ'ן קאַרק און געשפּרייזט איבער'ן צימער הין און צוריק — נישט כדאי, אַ חטא, אַ חילול השם, פאַרוואָס, צוליעב וואָס? טעג און נעכט, פעריאַכמעט טריקענען דעם מוח, אויסשטעלען וועקסלען און דאַלאַרען, פערקויפען און זלאָטעס — פּאַפּיער, וואָס פאַלט איבער נאַכט, זיך יאָגען מיט'ן טייוועל, הערצו נאָך שמייכלען — לאָך איך שענער ווי אַ צווייטער קומען די קונים גערנער, צוליעב וואָס?

ער האָט אָנגעהויבען מיט מעהר אימפּעט שפּרייזען, דער געדאַנק, אַז עס לוינט נישט פאַר'ן לעבען אַזוי פיעל האָרעוואַניע, האָט איהם סגעשלאָגען אין די שלייפען.. צוויי און פערציג יאָהר, און וואָס וועט שוין זיין נאָך אַ יאָהר, צוויי, אַפּילו דריי, זיך פון זיי נישט אויסלייזען...

גיטעל איז אַריינגעקומען.

— מנשה, די קינדער שלאָפען, רייבסט אַזוי אין די פּאָדלאָגע, עס טראָגט מיך אַזש פון קיך, זיי וועלען זיך וועקען.

ער האָט זיך געשטעלט, נאָך אַ ווײַלע ווידער אָנגעהויבען געהן, אויפגעהויבען די אויגען, גיטעל האָט געוואַרט.

— גרייט מיר דאָס בעט.

— טרינקסט נישט די מילך?

— שוין קאַלט.

— ווער זי דיר צוגעבען צום בעט.

— גיך!

זי האָט נאָך דערנאָך אַריינגעשטעלט דאָס געפעס, אָנגעניהט עטליכע קנעפּלעך ביי די קינדער-העמדלעך, זי האָט געהערט, אַז מנשה רעדט פון שלאָף, איז צוגעגאַנגען אַראָפּגעלעגט זיינע הענד פון ברוסט-קאַסטען.

מנשה האָט אַ כאָכעל געטאָן און אויסגעצויגען די פיס.

שוין שפּעט געווען. יחיאל האָגימאַן האָט זיך אויפגעהויבען פון פּאָטעל,

איידער ער האָט איינגעלאָשען די לאָמפּ — אָנגעקוועטשט מיט דעם פֿאַרהאַנג, אַ בליק געטאָן אין מנשה'ס פֿענצטער, אַרויסגענומען אַ נאָטיץ־ביכל און געמאַכט דריי אויסרופֿונגס־צייכנס.

האַגיגמאַן איז געווען אַ מיטגליד אין דער שאַץ־קאָמיסיע. ווער עס האָט געוואָלט פֿון איהם אַ טובֿה, האָט ער גאָטירט דעם נאָמען, האָט איבריגע אויסגעדריקט אין מינוס־צייכנס, מנשה'ס בלעטל איז געווען אָהן אַ נאָמען, בלויז אויסרופֿען, די בעדייטונג האָט ער שוין געוואוסט... ער האָט אויך געקענט בערל קאַשע־מאַכער און אַז ער האָט ביי מנשה'ן אויף אַ היתּר־עסקא שטאַרק געגעבן דער הונדערטער דאָלאַרען. האַגיגמאַן האָט געדענקט, אַז בערל איז ביי איהם געווען אַחרות עטין שטייער, האָט ער פֿערמאַכט די פֿויסט, איינגעצויגען די אויגען, פֿערביסען די ליפּען, אָבגעלאָזט און אויפֿגעמישט דאָס בלעטעל, וואו בערל איז געווען פֿערשריבען.

אין דער פֿריה האָט ער צוגעשיקט נאָך בערלען.

באַלד נאָכ'ן דאַוונען, נאָך מיט טלית און תּפֿלין אונטער'ן אָרעם, האָט זיך בערל צו איהם געמאָלדען.

יחיאל האָט איהם אויפֿגענומען אין שלאָף־ראָק, דעם טהיי זיך געהייסען דערלאַנגען אין שרייב־שטוב.

— איהר וועט נאָך אויף מאָרגען געדרופֿען ווערען צו דער זיצונג, וועגען פֿערקלענערען אייער שטייער, מען וועט מסתּמא אויסוועהלען אַ קאָמיסיע אויף אויסצופֿאָרשען אייער לאַגע, קיין סך בעטגעוואַנט זאָל ניט ליגען אין די בעטען — האָט יחיאל שטיל געפֿרעדט מישענדיג דעם צוקער אין טהיי און איינקומענדיג זיך, ווי עס צעגעהט — זאָלען די בעטען זיין צעוואָרפֿען, וועט מען מיינען, אַז איהר אַרבייט אַזוי שווער, אייער ווייב האָט אַפֿילו ניט קיין צייט צוצורוימען. נאָך: די טהירען פֿון שאַנק זאָלען זיין אָפֿען, ביידע טהירען, און זאָל העגגען אייער שבת'דיגע אַטלאַסענע קאַפּאָטע, וזי האָט געגוג צוויטען, זיי מעגען זי זעהען, און אין אייער ווייבס זשאַקעט זאָל דער מאַניקעט זיין אָבגעטרענט, ער זאָל נאָכהענגען אויף איין פֿאָדעם.

— אין אַז מען וועט מיך פֿרעגען — האָט בערל אָנגעהויבען און זיך בעהענטער צוגערוקט מיט'ן שטוהל.

— יאָ, יאָ — האָט יחיאל איבערגעריסען, ניט געלאָזט איהם קומען צום וואָרט — עס איז גאָרנישט קיין וואונדער, וואָס אַזוי פֿיעל בימעס וועגען פֿערקלענערן, האָב איך געהערט, אַז מיינער אַ שכן אַ אייזען־קרעמער האָט צונעגעהמען ביי אַ אידען געלד און עגטפֿערט נישט קיין גוט וואָרט, גרייט זיך אַוועק פֿון פּוילען.

בערל האָט געכאַפּט דעם טלית אונטער'ן אָרעם, זיך געקנאַקט די פֿינגער. יחיאלס רייד וועגען אַ שכן אַ אייזען־קרעמער, האָט איהם שווער געטראָפֿען. ער האָט איינגעזעהען בעשיינפערליך, אַז דאָס מיינט ער מנשה'ן — און ער האָט דאָך זיין טאָכטער'ס גדן ליגען ביי איהם, האָט פֿערקויפֿט דאָס חלק ירושה צוליעב

דעם. האָט ער געדרײעט מיט'ן קאָפּ, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט אויף די ווענט. אויסגעשטרעקט די האַנט צום קלאָשעל מיט קיכלעך, וואָס איז געשטאַנען אויף דער בורקע. די קיכלעך זענען געווען אָנגעבערענט פון צוקער, האָט זיך איינס געהאַט געקלעבט אין צווייטע. ווען ער האָט אָנגענומען אַ קיכעל און געוואָלט אַרײַנלעגען אין מויל, האָט זיך איינס אָפּגעריסען, אַראָפּגעפאַלען. רויטע פלעקען האָבען זיך איהם געשטעלט אויף די באַקען.

— נאָך גאָרנישט טועם געווען — האָט ער זיך פערענטפערט און, מיט'ן ביס אין מויל פערלאָזט יחיאלס וואוינונג.

פאַרנאַכט האָט זיך אין הויף אָנגעהויבען צונויפקומען אַ'עדה אידען, פון אַלע זייטען, מחנות=ווייז זענען זיי אָנגעקומען, זיי האָבען געשמועסט צו צוויי, צו דריי, ביסלעכווייז איז פול געוואָרען דער הויף, מען האָט שוין נישט אויפגעכאַפּט אַ וואָרט נאָר אַ זשום=זשום.

צו מנשה'ן איז געהאַט פערפאָהרען אַ רעדנער פון וואַרשא, וועלכער האָט געדאַרפט רעדען אין שול וועגען „קרן=קיימת“. די מחנה האָט זיך צוזאַמענגענומען, ווי די סדום=לייט אַרום לוט'ס הויז אויף אַרויסצוגעבען די מלאכים, מען האָט צווישען זיי נישט אָנגעזעהען קיין פיהרער, עס האָט זיך נישט אַרויסגערוקט קיין ערשטער, אַלע מיט איין קול האָבען געשריגען — זאָל ער אַוועק פון וואַנען ער איז געקומען! אַ גלוח וועט ער ברענגען!

יחיאל האָט זיך אַריבערגעבויגען איבער'ן פענסטער, צוגערופען די פרוי און געלאַכט.

עטליכע טעג האָט מנשה זיך נישט געוויזען אין גאַס, האָט מיט דער טאָכטער, שטיל די מאַמע זאָל נישט וויסען, געשיקט אין מאַגיסטראַט אָנגעבען אויף אַ אויסלענדישען פּאַס, האָט איהר איבערגעגעבען אַ צעטעל, וועמען ער איז שולדיג געלד, זי זאָל פון די ערשטע פדיונים אָנהויבען אָבצאָהלען.

שבת איז ער געגאַנגען דאַווענען אין בית=המדרש, האָט פערנומען זיין שטענדיג אָרט אויפ'ן מזרח אין דער רעכטער זייט פון ארון=קודש, ביידע יונגעלעך זענען געשטאַנען נעבען איהם, ער האָט זיי אויפגעמישט אין די סידורים קדושה, האָט זיך נישט אומגעקוקט מיט'ן פנים צו זעהען ווער עס איז דאָ, נאָר ווי פערטעפּט אין אייגענע געדאַנקען געווען איבער'ן קאָפּ איינגעהילט אין טלית.

ביים אויסנעהמען איז אויפ'ן בעלעמער אַרויף בעריל קאַשע=מאַכער, ווען די ספר=תורה איז געלעגען אויפ'ן שולחן האָט ער אַ קלאַפּ געגעבען אין באַלעמער:

— אידען, — איך בין מעכב הקריאה! מנשה האָט פון מיין האַנד אויף אַ היתר=עיסקא גענומען מיין טאָכטערס גדן, ער שטעהט און רופט זיך אפילו נישט אָב, ווי אַ קאַלטער גזלן, אידען! איך וועל נישט לאָזען לייענען, מאָרגען פאָהרט ער אַוועק פון פוילען — חי וקים!

מנשה האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אַ באַנק, די הענד פערזעצט אין גאַרטעל.

— דיין געלט איז ביי יחיאל האַנגעמאַן, אַ פּאָלטער גזלן איז ער.
— יחיאל, יחיאל? — האָבן זיך געטראָגן שטיל־פאַרוואונדערטע קולות.
— איך, בין ערוב פאַר יחיאל'ן, אַ שטר האָט ער? — האָט דער זייפן־זידער פון דער ליניקע זייט מזרח געפּאַטשט מיט די הענט און חומש, מען זאָל איהם הערען.

מנשה האָט געוואָלט ענטפערן, אָבער דער זייפן־זידער, וועמענס ספר עס איז געלעגען אויפ'ן שולחן, האָט געקלאַפּט אין די לעדערנע טאָוולען: — דו ביזט אַ היץ־קאָפּ, נעהמט איהם צו דעם טלית!

מנשה האָט אַליין אַראָפּגעצויגען דעם טלית, אַוועקגעלעגט אויפ'ן עמוד און איז אַרויס. אויפ'ן וועג זיך אויסגעוויקעלט דעם גאַרטעל, אַרונטערגעשאַרט דאָס קאַפּעל אונטער'ן היטעל און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, ווי אַ שיכור.

אין שטוב איז זיין טאָכטער געזעסען נעבען פענסטער, געפלאָכטען די צעפּ, צוויי חלות זענען געלעגען אויפ'ן טיש איבערגעדעקט מיט אַ ווייס טישטכעל מיט אויסגעהאַפּטענע בלויע אותיות „זכור ליום השבת לקדשו", דערנעבען איז געלעגען אַ מעסער מיט אַ זילבערנע שטיעל און, אַ פלעשעל שנאַפּס, אַ בעכערל זענען געשטאַנען נעבען די ליכטער. די טאָכטער האָט ביי זיין אַריינקומען גרייט געהאַט אַ שמייכעל אויף די ליפּען, אויפצוהעמען די ברידערלעך, ווי זייער טבע אויסצוזינגען מיט אַ ניגון „גוט שבת" און אויף אַ געלעכטער איהר אַוועקגעגעבען די סדורים: — איצט קאָנסטו געהן דאַווענען.

זי איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר, זעהען צי זיי האָבען זיך נישט בעהאַלטען, ווי זיי פלעגען דאָס טהון אויף איבערצושרעקען זי.

מנשה האָט זיך געדרעהט איבער'ן צימער הין און צוריק, די הענט געהאַט פערשטעקט אין די אַרבעל, די ליפּען האָרט פערקלאַפּט, געשפּרייזט, ווי אַ זעלנער אויף דער וואַך.

— וואו איז יצחקל און זלמניקע? הער טאַטע האָט זיי מסתמא געגעבען דעם טלית און זיי רייסען זיך, איבער'ן טראָגען איהם.

— געה, געה, טאָכטערשי, געה זיי אַנטקעגען, דיין מאַמע האָט אַזוי געוואָלט — האָט ער מיט אונטערגעהאַקטען טאָן, ווי ער וואָלט נישט קאָנען שלינגען דאָס שפּייעכץ, אָבגעטפּערט.

ער האָט בעשולדיגט, אַז גיטעל האָט דאָס אויף איהם אָנגעשטעלט די בעלי־חובות, כדי ער זאָל נישט האָבען דעם קאָפּ צו פאָהרען.

ווען גיטעל איז אַריינגעקומען, זענען שוין די קינדער געזעסען ביים טיש. מנשה האָט נאָך אַליין שפּאַצירט, אַ וואָרט נישט גערעדט.

— פערשטער נישט דעם שבת — האָט זי אָנגענומען זלמניקעס קעפּעלע און אַליין אויך בעוועגט מיט'ן קאָפּ, ווי זי וואָלט איהם בעדויערען.

ער האָט זיך געזעצט צום טיש, פון אַלעם גענומען אַ כזית, ווי פון יוצא ווענען, איז אַנטשלאָפען געוואָרען ביים טיש מיט אַ אונטערגעשפּאַרטען פויסט

אונטער'ן שטערן.

זונטאָג, שוין נאָך ציען, מנשה איז נאָך געלעגן אין בעט, — האָט עס גיטלען נישט געאַרט: דאָס געוועלב מוז סיי־ווי זיין פערמאַכט, מען דאַרף זיך דרעהען אין דרויסען; אויב מנשה פיהלט זיך שלעכט — האָט זי זיך אויסגערעדט — איז נישט קיין געוואַלד, זאָל ער זיך טאַקע אויסרוהען. זי האָט געקאָכט פאַר איהם אַ גריץ, אפשר טאָר מען איהם נישט געבען קיין עסען, וואָס איז שווער צו פערדרעהען; איידער אַוועקצוגעבען אַ דאָקטאָר, איז גלייכער אַריינצולעגען אין אייגען בליט — האָט אַלע מאָל אַריינגעקוקט, צי ער איז שוין וואַך.

מנשה האָט זיך אָנגעטהון, איז אַוועק פון שטוב. זי האָט געזעהען, אַז ער נעהמט נישט מיט די שליסלען, האָט זי איבערגעלאָזט די גריץ, געכאַפּט די טוך און אַוועק צום געוועלב, זיך געשטעלט אין אַ שכנות'דיגען הויז, דער פּאָליציאַנט זאָל זי נישט זעהען.

פאַרנאַכט איז זי אַוועק צום שוואָגער. מנשה איז אויך געווען. ווען זי איז אַריינגעקומען, האָט ער זיך אויפגעהויבען און אַוועק.

צוויי טעג נאָכאַנאַנד איז זי געגאַנגען צום שוואָגער, דער שוואָגער איז געקומען צו זיי, האָט גערעדט, געטייטשט, גערעכענט, מנשה האָט אויף אַלע רייד קיין וואָרט נישט געענטפערט.

אויפ'ן דריטען טאָג איז דעם שוואָגער געלונגען. ער האָט אָנגעהויבען מיט מנשה'ן צו שפּאַצירען פאַר'ן געוועלב, געוואָלט מנשה'ן צוגעוועהנען, ער זאָל ביים ערשטען אַריינקומען אין געשעפט זיך נישט פיהלען פרעמד און מיינען, אַז די ווענד זענען אויך אויף איהם אָנגעשטויסען.

ער האָט אַרויסגענומען די הענד פון די קעשענעס, געשטעלט לאַנגע טריט, כדי וואָס שנעלער אָנזאָגען גיטלען אַ גוטע בשורה — מנשה געהט, אָבער ער האָט זיך אין מיטען וועג אַליין אָבגעשטעלט.

פאַר'ן געוועלב איז געשטאַנען אַ פּלאַטפאָרם, אין צוויי געלע פערד געשפּאַנט און אויף איהר געלאָדען שטאַבעס אייזען, קעסטלעך פּאָרקאָוועס, זאַוואָסעס. ער האָט דערקענט די עגלה פון שטייער־אַמט, האָט זיך געוואָלט אומקעהרען, מנשה'ן פערשטעלען דעם וועג, ער זאָל דאָס נישט דערזעהען, איז אָבער מנשה שוין געווען פון איהם מיט עטליכע טריט ווייטער. ער האָט איהם נאָך דערכאַפּט ביים אַרבעל, אָבער מנשה האָט זיך אַרויסגעריסען, צוגעשפּרונגען צום בעאַמטען, אָנגעכאַפּט איהם ביי די קלאַפּעס, ווי ער וואָלט איהם וועלען אויסשאָקלען, איז צוגעפאַלען צו דער פוהר, גענומען שלעפּען אַ קעסטעל, דער בעל־עגלה האָט אַ שמיץ געטהון די פערד, דער וואָגען האָט זיך איהם אַרויסגעגליטשט פון אונטער די הענד.

אַ ווײלע איז ער שטעהן געבליבען מיט אויסגעשטרעקטע הענד. גיטעל האָט פערמאַכט דאָס געשעפט, געוואונקען צום אָנגעשטעלטען, ער זאָל היטען מנשה'ן, שכנים זענען זיך צוזאַמענגעקומען.

— צוגענומען און אוועקגעפֿאָרען? — האָט מיט פֿערוואונדערונג דער הויכער מאיר איבערגעפֿרעגט.

— וואָס האָט ער געקאָנט טהון? — האָט האָדעל, די צווייטע איידען־קרעמערין, איבערגעריסען, נישט געלאָזט רעדען, כּדי די שכנים זאָלען אַמאָל מנשה׳ן נישט צו גוט עצה׳נען. זי איז פּטור געוואָרען פֿון אַ קאָנקורענט — האָט האָד קיין קונה נישט געטאָרט אַרויסלאָזען איבער דער שוועל. אויב אַ קונה איז אַרוים, האָט ער שוין געקויפֿט ביי מנשה׳ן. — הרג׳נען, זיך רייסען מיט עשו׳ן, זיי וואָלטען איהם געמומית׳ט אויפֿ׳ן אָרט, געזעהען אַ זשלאָבעם עס זענען געזעסען אויף דער פֿוהר.

מנשה האָט זיך אַרויסגעשאַרט פֿון צווישען דער מחנה, די רייד האָבען איהם געשטאָכען אין די אויערען, דער גאַנצער קערפּער האָט איהם געביסען. חוץ דעם האָט ער געפֿיהלט אויף זיך בערל קאַשע־מאַכערס אויגען, די פֿערוואַקסענע מיט פּליישיגע קישעלעך, ער טיקעט איהם מיט׳ן פֿינגער:

— נישט קיין קיום אַזאַ געלד, נישט יעקב׳ן, איז עשו׳ן!

ער איז געגאַנגען, ווי אַ נ׳אַבל מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען, אַראָבגעבויגענעם קאָפּ. יוסף זיין אָנגעשטעלטער איז איהם נאָכגעגאַנגען פֿון דער צווייטער זייט טראָטואַר. ער האָט געזעהען, ווי ער איז אַריין אין אַ אַפּטייק־סקלאַד, האָט ער זיך געשטעלט ביי דער טהיר.

מנשה, אַרויסקומענדיג, האָט דערזעהען יוסף׳ן, האָט אויף איהם אַ בייזען בליק געגעבען, יוסף האָט זיך צוגערוקט נעהנטער צו איהם, האָט מנשה איהם אַ שטויס געטהון.

יוסף איז אומגעפֿאַלען.

מנשה איז אַריין אין אַ שענק. יוסף האָט איהם׳ן וועג געטראָפֿען אַ חבר, האָט ער מיט איהם בעפֿוהלען, מנשה׳ס שוואָגער זאָל שוין קומען, אַליין זיך געשטעלט הינטער׳ן פֿענסטער. מנשה איז געזעסען ביי אַ טישעל, דאָס פּנים בעהאַלטען אין די הענד.

דער שוואָגער איז נישט געקומען, יוסף איז איהם אוועק אַקעגען. ווען ער איז צוריקגעקומען, זענען ביים טישעל געזעסען צוויי מאַהן־בעאַמטע. ער האָט געזוכט אין אַ צווייטע שטוב, מנשה זיין שעף איז נישט געווען.

יוסף איז אַהיימגעלאָפֿען. ווען ער האָט געוואָלט אָנגעהמען די קלאַמקע פֿון מנשה׳ס טהיר, האָט ער געהערט אַ שוידערליך יאָמערען, איז ער צוריקגעלאָפֿען.

ביים טויער האָט ער געטראָפֿען דעם שוואָגער, מיט אַ קוויטעל אין די האַנד, אַ קוויטעל פֿון דאָקטאָר, אַז מנשה איז קראַנק געווען, מען זאָל איהם נישט פֿאַלמעסען. יוסף האָט זיך אַריינגעדרוקט אין אַ הויז, זיך בעהאַלטען הינטער אַ טהיר, געציטערט ווי אין פֿיבער.

אויפֿ׳ן בית־הקברות האָט בערל זיך געשטעלט ביי דער עגלה.

— איך האָב אַ דין־תורה.

— אהא — האָבען אידען שטיל אין זיך מיט איין קול אָבגעבאָנקעט; מען האָט צוגעפיהרט די אַלמנה.

גיטעל האָט געוויינט, געפּאַלען אין ספּאַזמעס.

— אַ תקיעת־כּף וויל איך, אַז זי וועט איבערנעהמען זייגע חובות!

— וואו דער שוואָגער, וואו דער שוואָגער? — האָט זיך די עדה איינער אי־בערגעגעבען דעם צווייטען, מען זאָל איהם צוברענגען.

גרויע פלעקען האָבען זיך אַרויסגעשאַרט אויפ'ן הימעל, עס איז קיהלער גע־וואָרען, אַ ווינטעל האָט געשאַרוועט צווישען די צווייגען אויף די ביימער. אויף דער שוואַרצער ענלה האָט מען דערזעהען גאַס־גלאַנציגע טראָפּענס.

— דאָס קבר וועט פול ווערען מיט וואַסער! — האָט הערשעלע דער שמש מיט'ן שטעקען אָנגעהאָנגען אויף די קעשענע ברייט זיך אַרויסגערוקט.

בערל האָט געהאַלטען די האַנד ביי די טהירלעך פון ארון, זי איז איהם גאַנץ געוואָרען פונ'ם רעגען, האָט ער אָבגעלאָזט, די עדה איז צו, איהם אַוועק־געשטופּט.

נאָכ'ן פערלעגען דאָס לעצטע ברעטעל, האָט זיך בערל אָנגעבויגען, אָנגענומען אַ נאַרשע ערד און אַרויפגעוואָרפען.

ה. ט-ט-ם

דער לעצטער פון דער משפּחה „ביזשער“

1

צווישן די הויכע שפּיציגע בערג פון קאַרפּאַטן־רוס האָט זיך שטיל געשלענגלט אַ העל גרין וואַסערל. די אַרומיגע אידען און פּויערים, וואָס האָבן געוואוינט צווישן די אויסגעהאַקטע וועלדער אויסגעשיטע, ווי אָבגעהאַקטע פּניאַקעס, פלעגן זיך בענוצען מיט דעם וואַסערל צו אַלע זייערע דאָרפישע בעדערפענישן. פון דאָרט האָבן זיי געטראָגן וואַסער צום קאָכן אויף אויסגעקרימטע „גאָשעס“, אַרומגעבונדענע מיט זעק. דאָרט אין דעם וואַסערל האָבן זיי געוואַשן וועש און איידער עס איז געשעהן די מעשה מיט די „ביזשער“ זענען דאָרט ווייבער געגאַנגען טבילה אויך.

נאָר זינט דאָס אומגליק איז געשעהן איז אַ מורא אָנגעפאַלן אויף די באַרגמענשן. ביינאַכט איז קיינער נישט אַרויסגעגאַנגען צום וואַסערל. אפילו ביי טאָג פלעגן געהן אהינצו בלויז מענער און אייך זיי נאָר זאַלבעצווייט אָדער זאַלבעדריט. ווייסע אויסגעבלייכטע וועש האָט זיך שוין מעהר נישט געבלאָזן אינם שטראָם פון וואַסערל און ווייבער זענען אַרומגעגאַנגען שטילע שווייגעוודיגע און האָבן געטראָגן אין זייערע אויגן דעם סוד פון די בערג און פון דעם העל־גרינעם וואַסערל.

איז אַ געבערגס־איד געקומען ווען אין שטעדטעל אַריין, האָבן שטאָדטישע בעלי־בתים פאַרשעמדיג אָבגעגעבן דעם „שלום עליכם“, שטום און טיעף האָבן זיי איהם אַריינגעקוקט אין די אויגן און געוואַרט האָבן זיי, יענער זאָל אָנהויבן דערצעהלען אַ שרעקליכע מעשה, וואָס האָט זיך ווידער פאַרלאָפן דאָרט אויבן אין די בערג.

איז אַ קינד ווען געבוירען געוואָרן, זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע געבערג־אידען, נישט אָבגעטרעטן אויף אַ רגע פון דער יולדת. שטום זענען זיי געזעסן און געהיט. וויל געוואוסט האָבן זיי, ווער און וואָס עס לויערט צווישן די שפּיציגע בערג.

אַ מוהל איז אַלע מאָל אַרויסגעפאָהרען אויף אַ ברית אין די בערג מיט אַ טאָג פריהער, כדי אין דער „וואַך־נאַכט“ זאָל ער קאָנען היטן די יולדת און קינד שוין מיט׳ן מוהל־מעסערל אין האַנט.

ביי אַזעלכע סכנות האָבן אידען ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַוועק פון די בערג.

האָבען איבערגעלאָזט אויף גאָט'ס באַראָט די אָרעמע, נידעריגע און מיט שטרוי בעדעקטע הייזלעך, די מאָגערע באַרגיגע זאַמד־פעלדער, וואָס זענען אַזוי טיעף געווען איינגעבאַקען אין זייערע הערצער פון דורות לאַנג און האָבען זיך אַראָב־געצויגען אין שטאָדט אַריין.

געבליבען איז נאָר שמואל אַליין. דער לעצטער שטאַם פון דער משפחה „כיזשער“. דער פאָטער איז שוין לאַנג געווען געשטאָרבען. די מוטער איז ערגיץ פערפאַלען געוואָרען. שוועסטער און ברידער זענען יונגערהייד אַוועק פון דער וועלט און דער פאָטער, וואָס איז געווען אַ פשוטער בערישער געבערגס־איד, האָט פאַר זיין טויט איבערגעלאָזט אַ צוואָה זיין זוהן: — וואָס עס זאָל נישט זיין און וואָס עס זאָל נישט געשעהן, אַוועק פון די בערג זאָל ער נישט. דאָ איז דאָס אומגליק געשעהן, זאָל עס זיך דאָ ענדיגען.

און אַז אידען זענען אַוועק פון די בערג, דאָס דאַווענען שבת האָט אויפגעהערט, מעהר האָבען נישט אָבגעהילכט תפילה־קולות צווישען די אויסגעהאַקטע וועלדער, האָט שמואל'ן אַרומגענומען אַ רחמנות צו דער הייליגקייט, וואָס איז געשטאַנען אין אַ בעזונדער שענקעל אין דער גרעסטער שטוב פון זיין הייזעל. האָט שמואל אָפּער געפיהרט זיין האַר פערדעל, איינגעשפּאַנט עס אין וואָגען, אַרומגעוויקעלט די הייליגקייט מיט'ן אַלטען טלית, וואָס איז איהם געבליבען אַ ירושה פון עלטער־זיידען נאָך, און האָט זיך געלאָזט אין שטאָדט אַריין.

אין שטעדטעל איז ער גלייך פערפאָהרען אין בית־המדרש־געסעל, צוגעגאַנגען צום רב און אויף זיין פראָסט פשוט'ען דאָרפישען שטייגער אַ זאָג געטהון:

— געבראַכט אייך, הייליגער צדיק, די ריינקייט פון די בערג. קיין אידען זענען דאָרט שוין נישטאָ און ווי קום איך, איינער פון „יענע לייט“ צו זיין דער היטער פון דער הייליגער תורה!

ער האָט מיט דרך־ארץ איבערגעגעבען די ספר־תורה דעם רב אין האַנד אַריין. נאָר איידער דער רב האָט נאָך בעוויזען זי אַיינצושטעלען אין ארון הקודש, איז ער מיט זיין שווערען גוף צוגעפאַלען צום רב צו, זיין שוואַרץ האָריג פנים האָט זיך איינגעגראָבען אין דעם איינגעוויקעלטען ספר און אַ שווער בערגיש געשריי האָט זיך אָבגעריסען פון זיין ברוסט.

צער פון דורות האָט פון איהם אַרויסגעשריגען. וואָס זענען זיי שולדיג אין'ם אומגליק, וואָס האָט געטראָפען זייער באָבען? אַ רחמנות האָט איהם אַרומגענומען צו זיך און צו די פערגאַנגענע דורות. ער האָט געדימשעט, ווי אַ פערלוירענער הונד, וואָס בענקט נאָך אַלטע גוטע צייטען פון קיינע געוועזענע בעלי־בתים.

דער רב איז געשטאַנען אַ פערלוירענער. אַן'איידעל רחמנות האָט איהם אַרומגענומען צו דעם פראָסטען מענשען. ער האָט געזוכט ווערטער ווי אַזוי איהם צו טרייסטען. האָט עטליכע מאָל געמליאַסקעט מיט דער צונג, ביז ער האָט זיך ווי צו עפּעס בעשלאָסען; ער האָט צאַרט אַרויפגעלעגט זיינע רבניש אויסגע־איידעלטע לאַנגע פינגער אויף שמואל'ס ברייטע אַקסעל און צו איהם אַ זאָג געטהון:

— ווײַן נישט, שמואל. א גרויסע מצוה האָסטו געטהון. וואָס דו שענקסט אַ ספר־תורה אין שוהל. אַ גרויסע מצוה. זי וועט דיר זיכער בײַשטעהן. — און כדי צו געבען דעם דאָרפסמאַן עפּעס ממשותדיגעס אויך, האָט ער צוגעגעבען: — יעדען שמחת־תורה זאָלסטו דאָ אַהער קומען, וועסטו האָבען אַן עליה און טאַנצען מיט דער תורה.

2

אַ לערקייט האָט זיך צוגאָסען איבער דעם בעדגישען הײַזעל. שמואל האָט געקוקט אין די גרויסע יום־טוב'דיג אויסגעצוואָגענע שטוב, געקוקט אין דעם לעדיגען שענקעל, וואו עס פלעגט שטעהן די ספר־תורה און אַ בענקעניש האָט איהם אַרומגענומען. דאָס לעצטע ביסעל רײַנקייט איז שוין אויך פערשוואונדען פון הויז. עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז דער שד, דער זיידע פון זייער משפּחה, האָט זיך איצט אַרײַנגעקליבען אין דער דירה מיט זײַן גאַנצער ברייטקייט. ער איז געוואָרען וואָס אַמאָל מעהר אָבגעלאָזען. די גרויסע שוואַרצע באָרד, וואָס האָט אַזוי אויך כמעט פערדעקט דאָס גאַנצע פּנים זײַנס, האָט זיך צוזוויפּגעגאָסען מיט זײַנע לאַנגע ברעמען און פון פּנים איז שוין כמעט קיין צייכען נישט געבליבען אַחוץ די אויגען, וואָס האָבען זיך עפּעס ווילד צעפלאַקערט.

דעם לייוועגטעגעם סורדוט האָט ער מעהר נישט געוואַשען און דער שטרויענער „וויעבעטש", מיט וועלכען ער איז געווען אַרומגעגאַרטעלט, האָט בעקומען אַן אויסזעהן פון אַן'אויסגעריבענעם בעזעם.

— שוין גאָרנישט געבליבען פון מענשליכעם — האָט ער צו זיך געמורמעלט.

— דער שד הויבט זיך אָן דערוועקען.

ער האָט פון זיך אַראָבגעוואָרפען די גאַנצע מענשליכע מורא, וואָס האָט אַלעמען אין די בערג בעהערשט. איינער אַליין פלעגט ער אַוועקגעהן צום טייכעל צו און אין די אויסגעשטערנטע נעכט פלעגט ער דאָרט אָבזיצען שעה'ן לאַנג, זיצען און קוקען ווי די שטערן שפּיגלען זיך אין דער טונקעלער גרינקייט פון וואַסער און טראַכטען וועגען דעם סוד און קללה, וואָס הענגט איבער די „כיזשער".

האָבען די געבערגס־פּויערים אָנגעהויבען צווישען זיך צו מורמלען: — זעהט, עס ציהט איהם צוריק. דאָרט אויף דעמזעלבען אָרט ביים טייך, דאָרט איז עס געשעהן. און ער געהט צו „זיי". שמואליק דערווייטערט זיך וואָס אַמאָל מעהר פון מענשען און געהט צוריק צו זײַן שטאַם.

און אַלטע פּויערטעס האָבען צווישען זיך שטיל דערצעהלט אויפ'ן אויער, ווי זיי אַליין האָבען געהערט פון די באָבעס וואָס עס איז אַמאָל געשעהן.

פאַרצייטען שוין זעהר לאַנג, ווען פון אידען האָט נאָך קיינער נישט געוואוינט אין די בערג, אַחוץ דער אַלטער משהעק, שמואליקס עלטער־עלטער זיידע, איז די באָבע זײַנע געגאַנגען זיך רייניגען צום טייך, ווי דער דין איז פאַר זשידעס, האָט זי פּונקט דעמאָלט אָנגעטראָפען אויף דער צייט, ווען די שוואַרצע האָבען די שליטה איבער'ן וואַסער. איינער אַן'עלטסטער פון זיי איז איהר איבערפאַלען

און פון איהם מאַקע קומען דאָס אַרויס די „כיזשער“.

פריהער. ווען די „כיזשער“ האָבען נאָך געהאַלטען די אידישע תורה און שטוב, האָט די ריינקייט זיי בעשיצט. איצט געהען די שוואַרצע זיך אָבנעהמען זייער חלק.

שמואל האָט געהערט דאָס מורמלען פון די פויערטעס אַרום. עס האָט איז איהם געברענט די חרפה פון דורות, צער און בעלייַדיגונג, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען פון דעם ערשטען „כיזשער“ אָן, נאָר זיין פשוטע בערנישקייט האָט איהם נישט ערלויבט אויפצוהויבען זיין שטים מיט אַ פּראָטעסט, זיין שווער דאָרפישע האַנד מיט אַ דראָהונג. ווייל געוואוסט האָט ער דאָך, אַז די פויערים זענען גערעכט: זיי ווייסען נעבעך זיין סוד. איז ער געוואָרען נאָך מעהר שווייגעוודיג און נאָך מעהר אָבגעלאָזען.

איין טאָג אין יאָהר איז שמואל צוריק געקומען צווישען מענשען. דאָס איז געווען שמחת תורה. דער רב האָט געהאַלטען זיין צוזאָג. מען האָט איהם יעדעס יאָהר געגעבען אַנ׳עליה און שמואל האָט געטאַנצט מיט דער תורה.

פאַר דעם יום־טוב האָט זיך שמואל געצוואָגען, צעקעמט זיך די ברייטע קאָלטענעוואַטע באָרד, זיך אַרומגעוואַשען, געוואַשען זיין לייוענטענעם סורדוט און ווי אַ נייער איז ער געקומען אין שטאָדט אַריין.

אָבגעזונדערטקייט, צער און חרפה פון דורות, ערנידערונג און בעלייַדיגונג פון אַ גאַנצען יאָהר איז געלעגען אויסגעגאָסען איבער זיין שווערען, ברייטען גוף, עס האָט איהם געדריקט זיין נשמה און די שווערקייט פון זיין צוועהטאָגט האַרץ האָט זיך צעפלאַקערט אין טאַנץ. ער האָט שטאַרק צוגעטוליעט די ספר־תורה צו זיך און אויסטאַנצענדיג אַלע צרות זיינע, האָט ער זיך מיט דער ריינקייט, מיט זיין איינציגער בעשיצערין זיך צעלאָזט אין רעדעל מיט אַלע שטאָדטישע אידען צוזאַמען.

און איינמאָל אין א שמחת־תורה, ווען שמואל האָט אזוי ווי יעדעס יאָהר געטאַנצט צווישען די שטאָדטישע אידען, זיין בעשיצערין די היילִיגע תורה האָט ער געהאַלטען שטאַרק צוגעטוליעט צו זיך, איז אַנ׳אומגליק געשעהן. ביי שמואלן האָט זיך דער קאָפּ פערדרעהט, זיינע הענד האָבען אַ ציטער געטהון און די ספר־תורה האָט זיך אַראָבגעגליטשט אויף דער ערד.

ווי אויף אַ בעפעהל פון ערגיץ אויבען האָט זיך דער גאַנצער טאַנצענדיגער עולם אויף איינמאָל אָבגעשטעלט. רויטע צעזונגענע און צעטאַנצטע אידען זענען מיט איינמאָל בלייך און שטיל געוואָרען. אַלץ האָט שטאַר און דערשראָקען געקוקט אויף שמואלן און ער האָט זיך אַ לאָז אַראָב געגעבען אויף דער ערד און אַרויסגעלאָזט אַזאַ ווילדען ריטש, וואָס ער אַליין אַפילו האָט איהם אויך נישט פערשטאַנען.

דער ערשטער איז צו זיך געקומען דער רב. די איידעלע חנבישע הענד האָבען זיך געביילט אין אַ פויסט. זיין קול האָט געקלונגען שטאַרק און ווילד, די אויגען זענען איהם פערלאָפען מיט בלוט און ער האָט אַ געשריי געטהון: — רשע, וואָס

האָסטו געטהון? — דערנאָך איז ער געוואָרען בלאַס, האָט צעשפּרייט אַ פּאָר ציטעריגע הענד און מיט אַ וויינענדיגער שטים זיך געווענדעט צום עולם: — אידען, אַן'אומגליק איז אונז געשעהן. אַן'אומגליק אויף דער גאַנצער עדה.

אין בית-המדרש איז געוואָרען אַ טומעל. אידען זענען געשטאַנען און ווי האַלב צעמישטע געקוקט אויף שמואלן, וואָס איז נאָך אַלץ געלעגען אויף דער ערד, צוהדריקענדיג די ספר-תורה מיטביידע הענד און ווילד געוואויעט. ער איז פּלוצלונג שטיל געבליבען, זיך אַ שטעל אויף געטהון, כאַפּענדיג די ספר-תורה איז ער, ווי אַ פערפאָלגטער הונד אַנטלאָפען אַהיים.

ער איז דעם גאַנצען וועג געלאָפען מיט אַ חילדען אימפּעט, מורא געהאַט זיך אומצוקוקען אויף צוריק, ער איז גלייך אַריינגעלאָפען אין גרעסטען צימער, צוריקגעשטעלט די ריינקייט אויף איהר אַמאָליג אָרט און זיך, שטום ווי אַ מיעדער הונד געוואָרפען זיך אויף דער ערד, אַליין נישט וויסענדיג פאַרוואָס.

אַזוי איז ער אָבגעלעגען גאַנצע דריי טאָג.

ווען ער האָט זיך צום ערשטען מאָל אויפגעהויבען, איז דאָס פּנים זיינס געווען וויים אויסגעבלייכט. די אויגען האָבען געגליהט אין צער און די באָרד זיינע איז געווען משונה'דיג אויסגעשפּרייט איבער'ן פּנים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, געשטאַנען און ;עגלאָצט פרעמד איבער'ן צימער. ווי ער וואָלט עם געזעהן צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען. דערנאָך האָט ער שטאַר געקוקט צום שענקעל צו, אין וועלכען עס איז ווידער געשטאַנען די ספר-תורה און א פריידיגער שמייכעל האָט זיך צולענט איבער זיין פּנים. ער האָט זיך פּאַמעלעך געשאַרט ביז צום שענקעל צו, צוגעריהרט צוערשט אַ פינגער צום סאַמעטענעם מענטעלע, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, ער זאָל זיך נישט אָבבריהען. בּיסלעכווייז איז ער געוואָרען דרייסטער. ער האָט שוין צוגעריהרט די גאַנצע האַנד. לסוף איז ער מיט'ן פּנים צוגעפאַלען צום ספר צו, אינגאַנצען זיך צוגעטוליעט דערצו און פאַר זיך געברומט: — כשרע הייליגע ריינקייט. בעשיץ מיך. בעשירם מיך!

ער האָט אָנגעכאַפּט די ספר-תורה מיט ביידע הענד און אָנגעהויבען מיט איהר צו טאַנצען. באַלד אָבער איז איהם בעפאַלען אַ שרעק, ער האָט מורא געהאַט, עס זאָל ווידער נישט געשעהן קיין אומגליק, האָט ער גיך פערמאַכט דאָס שענקעל און קושענדיג די אייגענע הענד, וואָס האָבען נאָך וואָס געהאַלטען די ריינקייט, האָט ער זיך איינער אַליין געלאָזט אין טאַנץ איבער דער שטוב.

אין שטוב האָט איהם אָנגעהויבען ענג צו ווערען, איז ער אַ פריידיגער אַרויס אין גאַס אין אַ טאַנצענדיגער זיך געלאָזט איבער די בערג צום טייכעל צו. די נאַכט איז געווען אַ שטילע, אַ ליבדע, שטערען האָבען זיך געשפּיגעלט אין גרינקייט פון טייכעל. זיי האָבען זיך געשפּיעלט און געטאַנצט מיט זייערע שטערען ספרי-תורהלעך, און צווישען זיי האָט שמואל דערזעהן זיין ספר-תורה איינע אַליין אָהן אַ האַלטער, האָט איהם אַ רחמנות אַרומגענומען צו זיין הייליגקייט, וואָס איז איצט געווען אַזוי עלענד ווי ער. ער איז צוגעשפּרונגען דערצו, עס אַרומגעכאַפּט

און זיך געלאָזט דערמיט אין טאַנץ. — — — — — — — — — — — —

צוזאַמענגעם איבערפריה, ווען פויערים זענען אַרויסגעקומען צום טייכעל, האָבען זיי צוזשען זיך געשושקעט:

— דאָ אויף דעם זעלבען אָרט איז געשעהן דאָס אונגליק מיט שמואעלקס עלטער-עלטער באָבע.

אַזוי האָט געשפּרייט דער לעצטער פון די „כיזשער".

פעברואר 1929.

שבנא הסופר

דער גרוש

1.

שמואל קימעל איז ביי צוועלף יאָהר געוואָרען אַ קיילעכדיגער יתום; ער האָט פערלוירען זיין פאָטער און מוטער אין איין חודש.

ירושה איז איהם נישט געבליבען אפילו מזון סעודה אחת, ער האָט אויך נישט געהאַט אויף דער ברייטער וועלט מעהר ווי איין קרוב — זיין פאָטער'ס אַ ברודער, וואָס האָט געוואוינט אין נאַסטאַשטשינע, אַ דערפעל נעבען ב., אַ פערגרעבטער אָבער אויך אַ פערמעגליכער מענש.

נאָך דער לויה האָבען זיך די שטאָדט בעלי־בתים אַ נעהם געטהון צו איהם, אַז נאָר אויף איהם איז מוטל, דעם יתום צו נעהמען צו זיך, און ער האָט נישט געקאָנט מעיז פנים זיין די „שטאָדט־בעלי־בתים“, און ער האָט שמואל'ן גענומען צו זיך.

שמואל'ס מוהמע איז אויך געווען אַ מגושמ'דיגע אידענע, וואָס האָט געהאַל־טען אין איין שרייען און שעלטען איהרע קינדער, וועלכע זענען אַרומגעלאָפען איבער דער שטוב ווי שדים און אָנגעמאַכט אַ געפילדער, אַז מ'האָט געקאָנט טויב ווערען.

שמואל'ס פעטער איז מעהר געווען „אויפ'ן דאָרף“ ווי אין דער היים, און ער האָט נישט געוואוסט אָדער נישט געוואָלט וויסען, אַז די מוהמע האָט פון שמואל'ן געשינדען די הויט, די שווערסטע אַרבייט האָט ער געמוזט טהון, און צו עסען האָט זי איהם געגעבען — אַ קרענק. אפילו ווען ער איז יאָ געווען אין דערהיים און געזעהען ווי זי טראַקטירט דעם יתום, כאָטש ס'האָט איהם דאָס האַרץ געבלו־טעט, האָט ער זיך גאָרנישט אָנגערופען, ווייל זי האָט געהאַט אַ טבע ביי דעם מינדעסטען שטרייט צווישען איהר און דעם מאַן, איינצופלאַנטערן איהרע הענד אין זיין באָרד און דאָרט אָנאַרבייטען אַ חורבה.

דריי יאָהר האָט שמואל אויסגעהאַלטען ביי זיין מוהמען. ווי אַ שטראָמער סאָלדאַט האָט ער געפאָלגט איהר בעפעהלען. ער האָט פערביסען מי די צייהן און קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

אַז שמואל איז אַלט געוואָרען פופצעהן יאָהר האָט ער זיך בגנבה אַוועק־געכאַפּט פון זיין פעטערס הויז קיין ב... און האָט זיך געשטעלט דיענען ביי אַ סאָדע־וואַסער־פאַבריקאַנט, זיין אַרבייט איז געווען צו פערטיילען די פלעשלעך סאָדע־וואַסער צווישען די קראָמען. און דערפאַר האָט ער בעקומען חיונה.

2

אין סערניק, אַ דאָרף אויך נישט ווייט פון ב... האָט געוואוינט אַ איד מיט'ן נאָמען חיים דער גרויבער, מחמת אין סערניק איז געווען נאָך איין חיים (אַ גנמיענע ביים פריץ), און דער ערשטער פון איהם געווען העכער מיט אַ גאַנצען קאָפּ. ער האָט געהאַט אַ קרעמעל אין דאָרף, ער האָט אויך ביי די פויערים אוועקגעקויפט וואָס עס האָט זיך איהם געטראָפען: צי אַ קעלבעל, אַ קערוצעל תבואה, אַ מאָרדער א. וו. די פויערען פלעגען איהם האַלטען עולם ומלואו. ער האָט אַ בת־יחידה, שרה'לע האָט זי געהייסען. איז זי געווען נאַנץ נישט קשה'דיגע מיידעל. נאָר איין קליינעם פעהלער האָט זי געהאַט: דער רעכטער אַקסעל איז איהר געווען אַ ביסעל העכער, דאַדורך האָט זיך צו איהר קיין ליטווישער יונגערמאַן נישט געוואָלט פּאַסען, כאָטש חיים דער גרויסער האָט גע'שמ'ט אין ב... פאַר אַ „ליט" און מ'האָט אויך געוואוסט, אַז זיין גאַנץ פערמעגען וועט איבערבלייבען פאַר זיין בת־יחידה. ביז ס'איז איינגעפאַלען עפּיס אַ שדכן אָנצוטראָגען שמואל'ן דעם שידוך (ער איז שוין דעמאָלט אַלט געווען נײַנצעהן יאָהר). חיים'ן האָט דער שדכן איינגערעדט, אַז שמואל איז אַ פערהאָרעוועטער בחור, און ער וועט אין דאָרף גאַנץ גוט טויגען. שמואל אָבער האָט לכתחילה גאָרנישט געוואָלט הערען פון דעם שידוך — „למאי זאָל איך מיך פערבונדען מיט אַ „קאַליקע,,"? — האָט ער דעם שדכן געענטפערט — „דאָס שמאַלץ רינט אויס, דער גרוב בלייבט!"— שפּעטער אָבער האָט דער „שכל" געזיגט, גוטע מענשען האָבען אויך צוגעהאָלפען און דער שידוך איז צו מזל געשלאָסען געוואָרען. חיים האָט פאַר שמואל'ן געמוזט מאַכען מלבושי כבוד אַזוי ווי ס'פּאַסט פאַר אַ נגידישען איידעם, און מ'האָט אָבגעלעגט אַ זמן־חתונה אויף שבת־שירה. שמואל האָט פערלאָזט זיין פּאַסטען, ווייל ס'האָט נישט געפּאַסט, אַז אַ נגידישער חתן זאָל זיין אַ משרת, און ער האָט זיך בעקעסטיגט ביי חיים'ס אַ קרוב ביז צו דער חתונה.

אַ חתונה איז געווען כהלכה, מען האָט געבראַכט מוזיק, און די גאַנצע געגענד דאָרפס־אידען, ווי אויך דאַסך שטאָדטישע אידען זענען געקומען אויף דער חתונה. אַ טייל חיים'ן צוליעב, און אַ טייל אויך שמואל'ן צוליעב.

— אַ יתום איז אַ מצוה משמח צו זיין, — האָבען זיי געזאָגט.

ווי מענשען האָבען פאָראויס געזאָגט, איז שמואל געווען ווי געוואונשען צוגעפּאַסט צום דאָרפס־לעבען, ער איז אַרומגעלאָפען אין דאָרף צווישען די פויערען, און אַלין צוזאַמען געקויפט, ער האָט נישט אַדורכגעלאָזט אַ פעדער, און חיים האָט אָנגעקוואָלען פון זיין איידעם. ס'איז אפילו אָפט פאָרגעקומען קליינע סכסוכים צווישען שמואל'ן און זיין יונגער פרוי, חיים אָבער האָט אַלץ פערטושט. מיט אַ גלייך־ווערטעל האָט ער תמיד צווישען זיי שלום געמאַכט. און ס'איז אַלץ צוריק גוט געוואָרען.

חיים האָט דערלעבט נחת ביי זיין „פּאָרפאָלק". שרה'לע האָט צום יאָהר געבוירען אַ זיהנעלע, און דער „זיידע" האָט זיך געשמאָלצען פאַר שמחה.

אַזוי האָט געדויערט אַכט יאָהר, רבקה'לע האָט געהאַט נאָך צוויי קינדער,

א מיידעלע און א יונגעלע, דאס שטיקעל פרנסה האט זיך געדרעהט אין שטוב, עס איז זיי פשוט צוגעשוואומען. אויפ'ן גייעמען יאהר נאך זייער חתונה האט דער טויט אוועקגעריסען חיים'ן. נאכ'ן אלטענס טויט זענען די מחלוקת'ן צווישען מאן און ווייב פארגעקומען עפטער, חיים איז שוין נישט געווען, ער זאל צווישען זיי שלום מאכען, און ס'פלעגט אוועקגעהען וואכען לאנג, אז זיי האבען צווישען זיך קיין וואָרט נישט ארויסגערעדט, ביז — אין א שעהנעם הערבסט=טאג זענען זיי געפאָהרען קיין ב. צום רב און האבען זיך אָבגעג'גט. שרה'לע האט בעקומען דאס הייזעל און דאס גאנצע ביסעל פערמעגען, וואס איז סיי ווי געווען פון איהר פאטער, די קינדערלעך האט זי צוגענומען, און שמואל האט זיך געדונגען אין יענעם עק דארף א שטיבעל ביי א פויער און מיט די ווינציגע פאר גראשען, וואס זענען איהם געבליבען אין קעשענע האט ער אָבגעהאנדעלט ביי די היימישע פויערען, ביי ווען א טאפ תבואה, ביי ווען א היהנדעל, און אזוי ארום האט ער ארויסגעבראכט זיין שטיקעל ברויט.

3

עס איז געווען אין א מוטנעם טבת=טאג, דרויסען איז געווען א שרעקליכער זאווערוכע, אז ס'איז פשוט שווער געווען זיך אדורכצושטופען די גאס. שמואל איז געזעסען אין זיין „כאטקע" אויף דער באנק פאר'ן אויווען. פאר איהם אויף א קליין טישעל איז געשטאנען א גרויסע שיסעל קארטאפעל=זופ, פון וואנען עס האט זיך געהויבען א געדיכטע פארע. שמואל האט אָבער נישט געגעסען, גאר האלטענדיג דעם לעפעל אין האנד האט אין זיין מוח געזשעבערט פערשידענע מחשבות.

— וואס וועט זיין מיין תכלית? — האט ער זיך געפרעגט — שוין העכער פיער חדשים ווי איך זיץ אזוי אליין, כ'האב מיך נישט מיט וועמען צונויפצוקומען, מיט וועמען א וואָרט צו רעדען, ווער איז מיר, און וועמען בין איך? איך מוז מיר אליין אלץ בעזארגען: וועש וואשען, א העמד פערלאטען, באקען, קאכען, איז דאס פאר א מאנסביל?

פלוצלונג איז ער געוואָרען געשטערט אין זיינע מחשבות, ס'האט זיך דערהערט אין שטיל נאהנטע טריט פון א מענשען. שמואל איז נישט געוואוינט געווען, עמיץ זאל צו איהם קומען. ובפרט אין אזא וועטער. ער האט זיך אויפגעהויבען צו כאפען א בליק דורכ'ן פענסטער, ווער עס געהט צו איהם, אָבער שוין האט זיך די טהיר ברייט געעפענט און א געדיכטער פראסט איז אריינגעדרונגען אין ווארימען שטיבעל, און אין דער טהיר האט זיך באוויזען די געשטאלט פון בעריל=שרכן, א דאר אויסגעמאגערט אידעל, מיט א שיטער בערדעל, דער היפוך פון שמואל קימעל, וואס איז געווען א פולער מענש מיט א דיקער קאלטעגוואטער בארד.

בעריל איז געווען שמואל'ס א יונגענד=חבר. זיי האבען ביידע געדיענט ביי דעם זעלבען בעל=הבית. דאס פלעגט בעריל אנפילען די פלעשלעך סאדע=וואסער, וואס שמואל פלעגט צעטראגען.

— אַ גוט מאָרגען דיר, שמואל! — האָט בערל אויסגערופען מיט זיין דין קול'עכל, — זעהט אויס מיר האָבען זיך נישט פיינד; איך האָב דיך געטראָפען גראַד ביים עסען.

— אַ גוט מאָרגען, אַ גוט יאָהר, — האָט שמואל פריינדליך געענטפערט, מיט זיין גראָבע באַס־שטימע, און אויפהויבענדיג זיך פון זיין פּלאַץ ביי דער הרובע האָט ער געבעטען בערלען זיך זעצען.

— זיץ, זיץ. פון פראָסט גלייך צו דער וואַרימער הרובע איז אומגעזונד, מ'קען זיך לייכט צוציהען אַ פערקיהלונג, ובפרט אין דיין צימערעל איז גוט וואַרים, דיר קאָכט זיכער נישט אַזוי טייער קיין האָלץ ווי אונז שטאָדט־בעלי־בתים. איך צאָהל 5 זלאָטעס אַ קילאָ.

— אודאי קאָסט מיך אַ ביסעל ביליגער, נאָר ס'קאָסט גענוג, ס'קומט אָן מיט חריין ביז מ'דערלעבט צו זעהן דאָס שטיקעל האָלץ אויפ'ן „פּאָדוויראַ". נאָר דערצעהל מיר בערל סערדצע, וואָס פיהרט דיך אין דעם ברענענדיגען פראָסט אין דאָרף אריין? נישט פאַר אומגוט — האָט שמואל צוגעגעבען — דו ביזט ביי מיר זעהר אַ חשוב'ער גאַסט. איך זעה פאַר מיר נישט קיין היימישען מענש זייט פיער חדשים, ובפרט אַזאַ היימישען מענש ווי דו האָב איך מיך נישט גערעכט צו זעהען היינט ביי מיר.

— אַלע גוטע זאַכען קומען אומגעריכט — האָט בערל לאַכענדיג זיך אָב־גערופען — כ'האָב ערשט די וואָך געהערט פון דיין אומגליק, אָדער גליק, כ'וויים נישט ווי אַזוי עס אָנצורופען. האָב איך מיר געטראַכט: — אַ גוטער ברודער, פאַרוואָס זאָל איך מיך נישט אַריבערכאַפּען הערען, ווער, וואָס און ווען? טאַקי באמת כ'מיין אַז איך שטעה דיר אָם נאָהנטסטען, ווען מען מ'שטייגס געזאָגט האָסטו? אַ טאַטען, אַ ברודער, אַ שוועסטער? ווער זאָל דיר שטעהען נעהנטער פון מיר? טאַקי באמת זאָג!

בערל'ס ווערטער האָבען שמואל'ן גערירט ביז טרעהרען.

— זאָג נאָר, שמואל סערדצע, וואָס איז צווישען אייך, עפּיס אַזוינס געשעהען? אַ פּאָרפאָלק לעבען אָב צוזאַמען אַכט יאָהר, האָבען ברוך השם פיינע קינדערלעך, און פּלוצים מיר נישט דיר נישט נעהמען און אָבגט'ען זיך.

— בערל ברודער! אָט ווילסטו מיר קיין עגמת־נפש נישט פערשאַפען, פרעג מיך ליבער נישט — האָט שמואל זיפצענדיג אָבגעענטפערט — ווי דערציעהלט מען? אַ פּאָרפאָלק זענען אַמאָל געקומען צום רב זיך גט'ן, האָט דער רב געפרעגט דעם מאַן: — יונגערמאַן! וואָס אייגענטליך, האָט איהר אקעגען דעם ווייבעל? „— רבי! — האָט זיך דער יונגערמאַן אָבגערופען — לעת־עתה ווז דאָס מיין פרוי, בעדאַרף איך אויף איהר נישט רעדען. גט אונז אָב וועל איך אייך נאָכדעם אַלץ דערציעהלען". — דער רב האָט באַין ברירה דורכגעפיהרט די גט־צערעמאָניע.

— איצט, יונגערמאַן, זאָגט, וואָס האָט איהר געהאַט צו דעם ווייבעל? — „רבי לעבען! — האָט דער מאַן געענטפערט, — איצט איז זי מיר אַ פרעמדע, בעדאַרף איך אויף איהר נישט רעדען". — דאָס געמליכע איז אויך ביי מיר, ... איז

צינד מיר אַ פּרעמדע, צו וואָס זאָל איך אויף איהר רעדען?

— גוט געשפּראָכען. — האָט בערל פּאַטאַקעוועט — אויב דיר איז פּיינליך דערפון צו רעדען. וויל איך דיך נישט צווינגען. נור, שמואל ברודער. זאָג מיר, ווי אַזוי ביסטו אומשטאַנד דיר אַלץ צו פערזאָרגען, וועש וואַשען, באַקען, קאָכען, ווי אַזוי שטעהט געשריבען: „אין חכם כבעל נסיון“. ווען מיין זלאַטע עליה השלום איז מיר אָבגעשטאָרבען, איז מיר געווען שווער איבערצוואַרטען שלושים... און כ'האָב טאַקי באַלד נאָך שלושים חתונה געהאַט, און כ'האָב חלילה נישט קיין חרטה. הלוואי ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר.

— דו האָסט צוגעטראָפען מיינע מחשבות, פונקט איידער דו ביזט געקומען האָב איך דעריבער נאָכגעדאַכט. נאָר וואָס קען איך מיר העלפען? פונ'ם בוידעם לאָזט זיך נישט אַראָבברייסען.....

— שייך צו זאָגען אַראָבברייסען פונ'ם בוידעם, איך האָב פון דיינעט וועגען אַ שידוך — אַ גאָלד! פון כריזדאָוויץ אַ יונג ווייבעל, אַן אַלמנה, איהר פּאָטער איז אַ קירזשנער, אַ גאַנץ בעל־הבתישער מענש, זי פיהרט פאַר זיך אַ שניט־קראָם, מ'זאָגט זי פערמאָגט ממון־קרח. זי האָט קיין קינד, קיין ריגר, פון דער שניט־קראָם קאָנסטו עסען ברויט מיט פּוטער, און אַ בעל־הבית'טע איז זי, טרעפט מען נישט אַזעלכע אויף אַ האַלבע וועלט, טאַקי אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען...

שמואל איז געזעסען און אויסגעהערט בערל'ס דיבורים אַ פערקאָכטער. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער שוין געזעהען אין דער לוידינער דרום־וואַנד אַ שאַפע פול מיט שניט־סחורה, און אין שטוב זענען פול פויערען און פויערטעס, וואָס רייסען פון די הענד, וועלכע אויף אַ „ספּאָדניצע“ און וועלכע אויף אַפּאָר פלי־־ דערען, און ער האָט פּשוט נישט די הענד אַלע צו דערפּאָרען, און ביים אויווען שטעהט זיין יונגע פרוי, אַ שעהן ווייבעל מיט אַ ברייטען קלאָרען קיך־פאַרטוך און קאָכט אַ גוטע יויך מיט לאָקשען, און...

— נו, שמואל, וואָס ענטפערסטו מיר דערויף? — האָט איהם בערל אי־ בערגעהאַקט זיינע מחשבות

— וואָס זאָל איך ענטפערען: אויב ס'איז אַלץ, ווי דו זאָגסט, בין איך מסכים.

— אויב ס'איז ווי איך זאָג? — איז בעריל אַריין אין התפעלות. — נאָך מיט הונדערט פּראָצענט מעהר, אַ ווייבעל, אַ גאָלד און ממון קורח.

די חברים זענען נאָך געזעסען עטליכע שעה צוזאַמען און געפּלוידערט. פאַר בערל'ס אַוועקגעהן האָבען זיי נאָך בעשפּראָכען ווען שמואל זאָל פאָהרען קיין בריזדאָוויש צום „בעשוי“. — דאָרט — האָט בערל געזאָגט — וועט מען מיר גלויבען, אַז איך וועל זאָגען יאָ וועט זיין יאָ, דו ביזט אמת'דיג געבוירען אין אַ „הייבעל“, ס'הייסט אַזאַ גליק.

פיער וואָכען שפּעטער איז שוין פייגע, אַן אויסגעדאַרטע אידענע ביי די פופ־ ציגער יאָהרען, געווען די עקרת הבית ביי שמואל'ן. אין דער לוידינער דרום־וואַנד

איז געווען אַ פּאַליצע מיט עטליכע „רעשטלעך" פון שניט־סחורה, און שמואל האָט זיך אַרומגעדרעהט אין שטוב אַנ'אָנגעברוגז'טער, אַ פערכמורעטער, — אַט דאָס מ'שטיינס געזאָגט, הייסט ביי בערלען ממון קרח. עטליכע פערשטאָרעטע רעשטלעך, וואָס זענען סך־הכל ווערט עובר־לסוחר אפשר הונדערט זלאָטעס, און די גאַנצע פייגע ווער ס'קוקט גישט אָן (כ'זאָל נישט האָבען געזינדיגט מיט די רייד) אַ טאָרבע מיט ביינער. — אַט אַזעלכע מחשבות זענען דורך זיין קאָפּ דורכגעפלויגען בעת ער האָט זיך געדרעהט אין שטוב.

— וואָס דרעהסטו דיך אַרום איבער דער שטוב ווי אַ ליימענער גולם — האָט זיך פייגע צעשריגען אויף איהר הייזעריג קול — עס וועט דיר קיינער אין שטוב אריין גאָרנישט אַריינברענגען, איז דאָס אַ תכלית, זיך דרעהען אַ גאַנצען טאָג אין שטוב ווי א שטן? נישט אומזיסט האָט דיך יענע אַוועקגעטריבען.

שמואל האָט איהר גאָרנישט געענטפערט, נור ער איז שנעל אַרויס פון שטוב און צוגעהאַקט די טהיר.

.4

שרה'לע האָט נאָכ'ן אָב'גט'ען זיך נאָך פערווייל אין שטאָדט אַ פּאָר שעה ביי איהר'ס אַ קרובה און איז אהיים געקומען קיין סערניק אַקעגען עלף ביינאַכט. אַריינקומענדיג אין שטוב אַריין צו די ליידיגע פיער ווענד (די קינדער האָט זי איבערגעלאָזט ביי אַ שכנה אַ פויערטע, און רעכנענדיג אַז זיי שלאָפען שוין, זיי נישט געוואָלט וועקען) האָט זי זיך אין איהרע קליידער געוואָרפען אין בעט אריין און זיך שטאַרק פונאַנדערגעוויינט.

עס איז איהר אין מוח דורכגעלאָפען די גאַנצע פּאָר יאָהר, וואָס זי האָט געוואוינט מיט שמואל'ן — קיין ערנסטע קריגערייען איז צווישען זיי נישט פּאָר־געקומען, כמעט אלץ אַזעלכע נישטיגע וואָס איהר פּאָטער עליו השלום פלעגט מיט אַ גלייכווערטעל אויסטראָגען, און אַצונד אַז זי האָט איהר פּאָטער פערלוירען האָט זי אַלץ פערלוירען... די קינדערלעך וועלען נעבעך זיין לעבעדיגע יתומים. וואָס וועלען זיי נעבעך זאָגען די כשר'ע נשמה'לעך בעת זיי וועלען זיך דערוויסען, אַז זייער פּאָטער וועט מעהר נישט קומען? כאָטש ער פלעגט מיט זיי וועניג מאַכען מענות, זענען זיי אָבער פאָרט אין איהם געהאַנגען. ניין, זיי בעדאַרפען דאָס נישט צו ערפאַהרען! זי וועט זיי זאָגען, אַז זייער פּאָטער איז ערגיץ וויים אַוועקגעפאָה־רען... זיי האָבען צייט זיך צו דערוויסען פון זייער אומגליק. אַיי טאָמער בעגעגע־נען זיי איהם ערגיץ אין דאָרף? אַציגד געהט צום ווינטער, און חי וועט זיי פשוט נישט אַרויסלאָזען פון שטוב, און זומער? יאָ, און זומער? — ביז זומער... זי האָט נישט געוואָגט צו ענדיגען דעם געדאַנק, ערשט אַציגד צוריקגעקומען פונ'ם גט און שוין טראַכטען וועגען אַזאַ זאַך? ניין, זי קלערט נישט וועגען דעם — דער געדאַנק האָט זיך איהר אַלץ געשטופּט אין קאָפּ אַריין — ביז זומער... און אַזוי טראַכטענדיג איז זי איינגעשלאָפען.

שרה'לע האָט פערבראַכט אַ זעהר אומרוהיגע נאַכט. און זי האָט שוין גע־דאַנקט גאָט, אַז דער האָהן האָט אָנגעהויבען צו קריהען, האָט זי זיך שטיל אָנ־

געטהון, און געגאנגען אין שטאל אריין מעלקען די קוה. און ווי ס'האָט נור אָנ־געהויבען צו טאָגען, איז זי אַריינגעגאנגען צו דער שכנה, אויפגעוועקט די קינדער און זיי אהיימגענומען. דאָס עלטסטע יונגעל האָט באלד געפרעגט אויפ'ן פאָטער, וואָס פלעגט איהם תמיד ברענגען צוקערקעס בעת ער איז געקומען פון שטאָדט, די מוטער האָט איהם געענטפערט, אז דער פאָטער איז ערגיץ ווייט אוועקגעפאָהרען און וועט זיך לאנג זוימען. אַלע דריי קינדער האָבען הערענדיג די תשובה פון דער מוטער זיך צעוויינט אויפ'ן קול און די מוטער האָט מיט זיי מיטגעוויינט.

די ערשטע פאָר וואָכען האָט שרה'לע נאָך אַלץ געהאָפט, אז שמואל וועט זי צוריקנעהמען און ס'וועט אַלץ גוט ווערען. ביז די שכנה האָט איהר דערצעהלט, אַז שמואל האָט זיך שוין אראָבגעברענגט אַ „זשינקע". ערשט דעמאָלט האָט זי שוין די גאנצע האָפנונג אויפגעגעבען, און זי האָט אַ מאָל געגעבען מיט דער האַנד — פערפאלען, מיינע קינדער האָבען שוין אויף אייביג פערלוירען זייער פאָטער; נור איין פאָטער איז הימעל זאָל זיי בייזשטעהן.

.5

עס איז געווען צוויי וואָכען פאר פסח, די הויפען'ס שנעע, וואָס האָבען זיך בעת'ן לאנגען ווינטער צונויפגעקליבען, האָבען פערלוירען זייער ווייסען קאָליר און זענען פון שעה צו שעה נידריגער געוואָרען. שמואל איז געזעסען נעבען זיין שטיבעל אויף; אַ פריזבע, זיינע אויגען האָבען געגלאָצט אין דער אומענדליכקייט. אין זיין מוח האָבען זיך צוזאמענגעקליבען פיעל טרויעריגע מחשבות, וועלכע האָבען איהם געפלאָגט אָהן אויפהער.

— ענדליך איינמאָל! גע'פטר'ט די צרה, אָבער וואָס טהוט מען אצינד? אז איך האָב איהר געמוזט אוועקגעבען פאר'ן גט די לעצטע פאָר גראָשען, וואָס זענען מיר געבליבען אין קעשענע. עס גערט אַ פסח אַזאַ הייליגער יום־טוב. און ביי מיר אין שטוב איז נישטאָ קיין אייגציכעניש, נישט קיין שמאלץ, נישט קיין אייער, אפילו קיין קארטאָפעל האָב איך נישט אין שטוב. איך מוז געהן עפעס זוכען, איך האָב דאָך פאָרט היימישע פויערען. איך וועל צו זיי געהן אהיים אפשר וועט זיך מאכען עפעס אַ פערדיענסטעל... נור צו וועמען געהט מען פריהער? — איך וועל געהן צו מיכאַל סאַרגעצקי, ער איז אַ בעווילינטער יונגל, ביי איהם פלעג איך תמיד פערדיענען. אַיי ער וואוינט אין שרה'לעס גאס, איז וואָס? אויב איך וועל זי בעגעגענען וועל איך זאָגען „גוט מאָרגען" און וועל מיר געהן מיין וועג. וואָס האָב איך צו איהר? זי איז מיר אַ פרעמדע, אָבער איך בין איהר נישט קיין שונא. זי האָט מיר קיין שלעכט'ס נישט געטהון, פיינע מיט בערל ישרכן ומענו פאר איהר זיין צעהן מאָל די כפרה.

שמואל האָט זיך אויפגעהויבען פון דער פריזבע און איז אריין אין שטוב זיך אָנגעטהון דעם איבערציהער, צוגעשלאָסען און איז געגאנגען צו מיכאַל סאַרנעצקי.

יענער האָט שמואל'ן אויפגענומען מיט אַ ברייטען ברוך הבא און האָט

איהם געפרעגט, פארוואס ער האט איהם אזא לאנגע צייט נישט געזעהען. ער האט ווירקליך, א קעלבעל, וואס איז היינט אלט געוואָרען אכט טאָג, שמואל האט עס ביי איהם אָבגעהאַנדעלט פאר דרייסיג זלאָטעס. אז דער פויער האט איהם געפרעגט אויף געלד, האט שמואל געזאָגט, אז ער האט נישט קיין קליין געלד, ער בעדארף אויסוועקסלען א הונדערטער, דער פויער האט איינגעשטימט אז ווען ער וועט קומען פון שטאָדט וועט ער איהם צאָהלען. ער האט נאָך אביסעל געפלוידערט מיט'ן פויער און האט זיך אָבגעזעגנט, פערזיכערענדיג איהם, אז באַמיטאָג וועט ער קומען מיט א פוהר אוועקנעהמען דאָס קעלבעל.

אַרויסקומענדיג אין דרויסען האט שמואל בעגעגענט משה'לען זיין עלטסטען איינגעלע. ער איז אַרויסגעגאנגען פון א שכנה און געטראָגען א קריגעלע מיט מילך. דערזעהענדיג זיין פאָטער האט ער פאַר שרעק שיער נישט ארויסגעלאָזט דאָס קריגעלע פון דער האַנד, שמואל איז אויך געבליבען שטעהן א צעטומעלטער און נישט געוואוסט וואָס צו טהון.

— טאטע! — האט משה'לע אויסגעשריען. — וואו ביסטו געווען אזא לאנגע צייט, איך, און שיינדעלע און דוד'ל האלטען אין איין וויינען און מיר בענקען אזוי נאָך דיר און דו דרעהסט דיך ארום און קומסט נישט צו אונז... די מאמע צעוויינט זיך אויך א מאָל, ווען מיר פרעגען אויף דיר. וואָס האט דאָס צו בעדייטען?

שמואל איז געשטאנען ווי דערשלאָגען און האט קיין וואָרט נישט ארויסגערעדט.

— נו, טאטע, שנעל קום שוין אהיים, מיר וועלען זיך אַלע אזוי פרעהען.

שמואל איז נישט אימשטאנד געווען א וואָרט ארויסצורעדען. ער האט קוים אַרויסגעשעפטשעט: — לאָז מיך, משה'לע, איך וועל שפעטער קומען. כ'האָב אצינד נישט קיין צייט.

— ניין, טאטע, איך וועל דיך נישט לאָזען פון פלעצ, די מוזט שוין איצט מיט מיר געהן. — האט דאָס קינד אויסגעשריען, און האט דעם פאָטער אָנגעכאפט פאר א פאָלע און איהם געצויגען צו זיי אין שטוב אריין, וואָס איז געווען אין גאנצען א פאָר שריט ווייטער. שמואל איז דעם קינד נאָכגעלאָפען ווי א געפאנגענער ביז אין שטוב אריין.

שרה'לע איז געשטאנען ביים לאָקשען-ברעט און געוואלגערט לאָקשען בעת משה'לע מיט שמואל'ן זענען אריינגעקומען אין שטוב אריין. אז זי האט אויסגעדרעהט דאָס פנים און דערזעהן איהר געוועזענעם מאן, האט זי אונטערדריקט א געשריי, און איז א פערשעמטע אריינגעלאָפען אין צווייטען צימער.

דערווייל האט משה'לע די צוויי קלענערע געשוויסטער דערציילט, ווי אזוי ער האט געפונען דעם פאָטער, און ווי אזוי ער האט זיך פון זיינע הענד געוואָלט ארויסדרעהען. — אָבער איך האָב דיך פעסט געהאלטען, דו האסט דיך ביי מיר נישט געקאָנט ארויסרייסען — האט ער געזאָגט צום פאָטער.

שרה'לע איז געשטאנען ביים לאָקשען ברעט און געוואלגערט לאָקשען בעת

די צוויי קלענערע האָבען זיך איהם אַרויפגעכאַפּט אויף די קניען און האָבען איהם געהאַלטען אין איין קלעמען. — טאַטע, וואו ביסטו אַזוי לאַנג געווען? — האָבען זיי געהאַלטען אין איין פרעגען.

שמואל איז געזעסען ווי געפּלעפט און קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. דערווייל האָט משה'לע דערזעהן, אַז די מוטער איז נישטאָ, זי איז אַריינגעלאָפען אין אַנדערען צימער, דאָס קינד איז באַלד נאָך איהר אַריינגעלאָפען, און זעהענדיג אַז די מוטער זיצט און וויינט און פערדעקט איהר פּנים מיט די הענד, האָט דאָס קינד זי פערוואונדערט אָנגעקוקט.

— מאַמע, וואָס האָט דאָס צו בעדייטען, מיר פרעהען זיך אַזוי מיט'ן טאַטען און דו וויינסט גאָר, דו ווייכסט איהם גאָר אויס?!

שרה'לע האָט געזעהן, אַז זי האָט קיין ברירה נישט, זי מוז דעם קינד אַלץ דערצעהלען, אַז זי האָט זיך מיט'ן טאַטען געג'גט און ער איז שוין נישט מעהר איהר מאַן.

דאָס קינד האָט קודם נישט תופס געווען וואָס די מאַמע דערצעהלט. ער האָט אָבער באַלד פערשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַטיג און ער מוז מאַכען שלום צווישען טאַטען און דער מאַמען. ער איז באַלד אַריין אין שטוב אַריין צום פאָטער.

— טאַטע — האָט ער געזאָגט — טהו אונז צוליעב, נעהם צוריק די מאַמען, טהו אונז נישט אָן קיין יסורים.

די צוויי קליינע זענען נאָך אַלץ געזעסען אויף זיין שוים, און האָבען מיט טרעהרען אין די אויגען נאָכגעפּלאַפּעלט דעם עלטערן ברודער: — טאַטע נעהם צוריק די מאַמען. — שמואל האָט אַ פערשעמטער אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

די קינדערלעך האָבען איהם דעם קאָפּ אויפגעהויבען. — נו, טאַטע, וועסט צוריקנעהמען די מאַמען? — האָבען זיי נאָכאַמאָל געפרעגט.

— איך וועל זי צוריקנעהמען. — האָט שמואל קוים הערבאַר געענטפערט.

בעוויטש

פליכט

1.

ווען לייבקע בערע־מושעס איז נאָך נישט אַלט געווען קיין פולע דרייצען יאָהר איז ער שוין געגאַנגען צו ברוך־לייב בעל־עגלה פאַר אַ פוהרמאַן.

נאָך אַלס יונגעל פון עלף יאָהר, האָט ער שוין לאַנג געהאַט פערגעסען ווען ער האָט אין חדר אַריינגעשמעקט. דאָס הייסט, אַ רבי'ן האָט ער זיך געהאַט יעדען זמן אַ בעשטעלט, נאָר פאַר איהם איז געווען גענוג, קומען די ערשטע דריי טעג אין חדר, נאָך אַ טאָג, אין דער אַנדערער וואָך אַ טאָג, און דערנאָך איז שוין געווען רעכט נישט אויך.

אַז עס האָט זיך געמאַכט, אַז דער רבי האָט איהם שיער נישט אָבגעריסען דעם אויער ביים אַרויסשלעפען פון טיש, — האָט ער דעם רבי'ן דערלאַנגט מיט'ן פוס אַ קאָפּע, וואו מען דאַרף... און פון דאַן אָן האָבען זיך שוין פערענדיגט זיינע חדר־יאָהרען.

לייבקען האָט בעסער געצויגען אין גאַס אַריין, לייבקען האָט זיך שוין געוואָלט פערדינען געלד, ער האָט נישט געקענט די טבע פון זיין טאַטען דעם אָרעמען קארבעלניק; אין אַ מאַרק־טאָג האָט ער דורכגעשטאָפּט אַלע וועגענער, געקראָגען בעצאָהלט פאַר צוהיטען וועלוועל קאַניוכ'ס פערד, און דערצו נישט דורכגעלאָזט אַריינכאַפּען זיך אין וואָגען, ווען מען פרובט־אויס וועלוועל'ס אַ פערד.

נאָך זיצענדיג אין חדר ביים לערנען, פלעגט ער אַלץ לאָזען הינטער זיך, זיך פערריקען צום פענסטער, וואָס געהט אַרויס אין גאַס און נאָכפאָלגען מיט די אויגען יעדע פויערישע פוהרעלע, וואָס ציהט זיך אין מאַרק אַריין, אַוועקציהען זיך אין געדאַנקען מיט זיי צוזאַמען. ביז עס פלעגט זיך דערהערען אַ ווילד פערקייכטער צעצויגענער געשריי פון רבי'ן: לייבקע! ל־יי־ב־ק־ע! פלעגט ער זיך אַ צאַפּעל טהון איבערגעשראָקען, ווי עס גיט זיך אַ צאַפּעל דאָס הילפלאָזע קעלבעל אויף זייער קויטיגער ערדיגער פאַרלאָגע, וואָס זיין טאַטע ברענגט אַמאָל פון מאַרק, ווען ער דערפיהלט זיך, אַז עס איז געבונדען...

זיין טאַטע, אַן אָרימער קארבעלניק, אַ פוילער דערצו, האָט נאָך קיין מאָל נישט פערדיענט אויף ברויט צו זאַט פאַר זיין ווייב און קינדער, שטענדיג האָט ער געהאַלטען אין קייען זיין געלע געדיכטע באָרד, וואָס פלעגט זיך צעוואַקסען אין דער בריים און געכאַפּט דעם גרעסטען טייל פון זיין פנים און געמאַכט דעם

איינדרוק, אַז זײַן פּנים איז אַרײַנגעוואַקסן אין באָרד, און נישט די באָרד אין פּנים. אויך זײַנע אָבגעבליאַקעװעטע בגדים, וואָס ער טראָגט סײַ וואָך סײַ שבת, זענען געווען גאָל, אַזוי ווי זײַן באָרד, האָט ער אויסגעזעהן אינגאַנצען אַ געלער ווי פֿון וואַקס געקנאָטען.

ווענען תכלית פֿון זײַנע קינדער האָט ער זיך קיינמאָל נישט געזאָרגט. זיך קיינמאָל נישט צוגעקוקט ווי עס וואַקסען־אויף זײַנע קינדער.

לייבקעס פֿערלאָזען דעם חדר האָט איהם ווינציג וואָס געאַהרט, ווײַל לייבקע איז שוין נישט איינמאָל גאַנץ גוט צוגויץ געקומען צו זײַן קאַרבעלעווען אין מאַרק. אין מאַרק האָט שוין לייבקע גיכער ווי דער טאַטע דערטאַפּט, וואו אַ שטיקעל „חזיר־האָר“, אַ שטיקעל עק, אַ האָזען־פֿעלכעל און נאָך אַזעלכע עהנליכע „מינים“, וואָס דער טאַטע פֿלעגט ברענגען פֿון מאַרק. דערפֿאַר אָבער פֿלעגט שוין לייבקע מוזען קריגען בעצאָהלט. דורך פֿערשיעדענע „קאָמבינאַציעס“ און דריידלען האָט ער אַרויסבעקימען עטליכע גראָשען. און אַז לייבקע האָט שוין וואו דערשנאַפּט עטליכע גראָשען פֿלעגט ער דאָס שוין פֿערטאַכלעווען אין פֿעשע יענטעס קרעמעל, איינגעקויפֿט זיך וואָס פֿון די זיסע זאַכען, און פֿאַר'ן איבעריגען — עטליכע פּאַפּיראָכען, דאַן אויפֿגעזוכט ערגעץ־וואו אַ אויסגעלעדיגטען פּעקעל, אַרײַנגעשטעקט אַהין די פּאָר פּאַפּיראָסען, און אין „בית־מדרש“ נאָך „מעריב“, הינטער די „בימה“, אַרומגעריגעלט פֿון זײַנע חברים, האָט ער זיך געהאַט מיט וואָס צו ווײַזען. מיט קנאה פֿלעגען אויף איהם קוקען די איבעריגע, ווײַל זיי האָבען שוין געוואוסט, אַז לייבקע זאָל נאָר וועלען, קאָן ער שוין פֿערדינען געלד.

.2

לייבקע איז זיך איין מאָל מיישב, ער וועט אַוועקגעהן אינגאַנצען פֿון שטוב. עס האָט איהם דערעסען דאָס אַרומלויפֿען. אין שטוב איז שלעכט, דער טאַטע בעררדיענט קאַרג, און קומט נאָך שטענדיג מיט טענות צו דער מאַמען, און די מאַמע פֿון צרות לאָזט אויס איהר כעס צו איהם, ער איז צעלאָזען, דעם חדר אַוועקגעוואָרפֿען און וואַקסט־אויף אַ גוי. — — —

ער וועט געהן צו ברוך־לייב'ן בעל־עגלה, וואָס דינגט שטענדיג אַ מענשען צו זײַנע פֿוהרען אויף צו פֿיהרען די סחורה, וואָס ער זאַמעלט צונויף צו פֿיהרען אין שטאָדט אַרײַן, בעטען ער זאָל איהם נעהמען פֿאַר אַ שטענדיגען פֿוהרמאַן, און אַזוי ווי בײַ ברוך־לייב'ן איז ער געווען אַ אָפֿטער אַרײַנגעהער, ברוך לייב איז געווען דער אָבקויפֿער פֿון דעם טאַטענס סחורה, וואָס ער קויפֿט איין אין מאַרק און וואָס ער ברענגט פֿון דאָרף, נישט איין מאָל האָט ער שוין געלאָפֿירט אויף ברוך־לייב'ס סיבירואַק, טיילמאָל פֿיהרענדיג צום טייך, אָדער צום שמיד, איז וועט ער איהם זיכער נעהמען.

שווער האָט לייבקע געהאָרעוועט ווערענדיג אַ בעל־עגלה, פּשוט צוליעב זײַנע יונגע יאָהרען. פֿון אָנפֿאַנג געאַרבייט אַרום שטוב, געפּויעט, געפּאַשעט, געדרויטט. נאָכהער האָט ער שוין געדאַרפֿט מיט זײַנע פֿולע דרייצעהן יאָהר שלעפּען, שמירען

און פּאַקען די וועגן א. אַז. וו.

אָבער פאַר זיין שטענדיג בעוועגליכען קערפּער, פאַר זיינע נאָר וואָס ענטוויקעלטע גלידער, וואָס האָבען געפאָדערט אַרבייט, איז איהם קיין זאַך שווער געווען.

דערפאַר אָבער האָט ער זעהר ליעב געהאַט, ווען די זומערדיגע פריהמאָרגענס פלעגען זיך שוין אָנהויבען בלייבען. און ער האָט געדאַרפט לאָזען זיך, מיט די דויך-געפּאַקטע וועגענער — פון נאָך אַנדערע פוהרמאַנעס אין וועג אַריין. פלעגט ער זיך זעצען אויפ'ן בריג וואָגען, וואָס איז איהם פערבליבען, די פיס אַראָבגעהאָנגען, די ליצעס שטייף אין די הענד, פלעגט ער ברחבות'דיג דורכפאָהרען דאָס שטעדטעל, דאַן פלעגט ער אַנקוועלען אין געדאַנק, אַז ער איז איצטער דער איינציגער בעל-הבית איבער'ן פערד און וואָגען, אַזוי ווי אַלע איבעריגע בעלי-עגלות. און פון גרויס ליעבשאַפט האָט ער דאַן דערפיהלט אויף זיך אַ שטאַרקע פעראַנטוואָרטליכקייט, אַ פרייד.

אויך האָט ער ליעב געהאַט, ווען דער טוי האָט זיך געלעגט פאַר דער זומערדיגער פריהמאָרגען-זון, וואָס פלעגט זיך גאַנץ פריה צעוואַרעמען געשמאַק. פלעגט ער זיך דאַן אויסציהען איבער דעם הויך-געפּאַקטען וואָגען, אַזוי ווי די אַלטע, זאַטע קאַץ געבען „פריזבע", און אַזוי וויגענדיג זיך, איינדרימלען נאָך אַ נישט-דערשלאָפענער נאַכט, ווייל ביינאַכט איז ער געווען מיט'ן פערד אויף דער לאָנקע, ביז דאָס פערד פלעגט זיך אָנשטופּען איבער אַ נישט-אויסגעמיטענעם שטיין. דער וואָגען פלעגט אַ טרייסע טהון אונטער דער שווערער משא, אַז זיין קערפּערל אויפ'ן וואָגען פלעגט אונטערשפּרינגען.

זיין גאַנצע יונגלערישקייט האָט זיך אין איהם דערוועקט, ווען ער פלעגט צוקומען צום וועלדעל, וואָס האָט זיך געצויגען האַרט פאַזע דעם וועג.

דאַן, האָט ער שוין נאָכגעלאָזט זיין פוהר נאָך די איבעריגע, ציהענדיגע פוהרען, וואָס האָבען זיך לאַנגזאַם געצויגען איבער'ן שליאַך, און אַליין איז ער שוין געלאָפען ווי אַ גוטער יאַגד-הינטעל, נישט מיט'ן גלייכען וועג, נאָר דורכ'ן וועלדעל. דאָרט האָט ער זיך דערפיהלט פריי, געטהון וואָס דאָס האַרץ גלוסט, נאָכגעמאַכט דאָס זינגען און טשווישטשען פון די פויגעלעך, געוואָרפען שטיינער נאָך זיי, אַז זיי פלעגען פערשווינדען אין דער טיפער געדיכטעניש.

.3

די צייט איז זיך געגאַנגען און לייבקע איז זיך אַזוי וואָך-איין וואָך-אויס געפאָהרען, געקומען, געשפּאַנט, אויסגעשפּאַנט, געפיהרט סחורה אין שטאָדט און צוריק. נישט איין מאָל האָט ער דורכגעמאַכט פערשיעדענע וועטערען: רעגענס, דונערן, בליצען. מען האָט צו איהם געקראָגען פיעל צוטרוי און מען האָט זיך גענומען מיט איהם רעכענען. ער האָט געקראָגען דאָס עסען צו זאַט און דערצו נאָך געצאָהלט עטליכע גילדען די וואָך.

פון זיין היים האָט ער שוין באַלד פערגעסען, ביסלעכווייז אָבגעוועהנט, און שטוב איז געווען אַ שרעקליכע אָרעמקייט. די מאַמע האָט געדאַרפט אויסשטופּע-

ווען פון דעם טאַטענס פערדיענסט, דאָס לעבען, דורך אַליין פערדינגען זיך, אויך אַרבייט, דורך פערקנעטען ווענענס א דייזע ברויט, אַרומרוימען די אָנגעזעהענע בעלי־בית'טעס, און פאַר פסח אין „פאָדראַט" פאַר א וועלגערין.

איין מאָל איז זי זיך מיישב, זי וועט אַבהיטען איהר לייבקען און פרובען בעטען ביי איהם עטליכע גראָשען געלד. געזעהען האָט זי, אַז פאַר דער צייט איז ער גאָר געוואָרען אַנ'אַנדערער, די אַרבייט האָט איהם פאַר א מענש געמאַכט, געוואוסט, אַז ער פערדיענט שוין געלד און גיט נישט אויס קיין גראָשען, ער האָט שוין נישט די פריהערדיגע נאַטור. און עס האָט איהר נאָך ווער דערצעהלט, אַז איהר לייבקע האָט גאָר פלענער צו קויפען אַנ'אייגען פערד.

עטליכע מאָל האָט זיך לייבקעס מאַמע אַרומגעדרעהט, איינגעהילט אין איהר אַלטער פאַטשיילע איבער'ן קאָפּ מיט א געפיהל פון ערנידרונג, פאַרביי ברוך־לייב'ס שטוב. אפשר וועט זי איהם דערהיטען, נאָר זי האָט דערזעהען, אַז די שטאָל שטעהט אָפען, האָט זי זיך בגנבה אַריינגעכאַפּט, אפשר וועט זי איהם דאָרט טרעפען.

געטראָפען האָט זי איהם ביים פאַקען דעם וואָגען. ער האָט זיך געאיילט, געווען שטאַרק פערנומען. די מאַמע איז צו איהם צוגעקומען און געבעטען, איז ער בערוישט געוואָרען פון דער מאַמעס פלוצלינגען קומען, האָט ער אַרויסגענומען נישט קוקענדיג עטליכע גילדען און עס איהר אָוועקגעגעבען.

נאָך אַזעלכע אָפטע בעזוכען האָט זיך לייבקע גענומען בעהאַכטען, וואָס ער טהוט. די מאַמע צעשטערט איהם זיינע שענע פלענער. שוין לאַנג אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט'ן געדאַנק, אַז ער מוז דורכאויס, אַליין פאַר־זיך, קויפען א פערד, אין דער צייט איז דאָס פאַר איהם געווען זיין גאַנצע עקזיסטענץ, פאַר איהם איז דאָס געווען די העכסטע שטופע פון דערגרייכונג. ער וויל נישט פערבלייבען, ווי זיין טאַטע, אַנ'אָרימער פוסגעהער אין דאָרף, האָט ער בעשלאָסען, אַז ער קאָן איהר אויף ווייטער נישט געבען. האָט ער זיך גענומען אַרויסדרעהען, אויסבעהאַלטען זיך פון איהר, און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט איהר אָנגעזאָגט, זי זאָל צו איהם מעהר נישט קומען.

אין שטוב איז פאַר דער צייט געוואָרען נאָך שרעקליכער. די אָרעמקייט איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. די מאַמע האָט זיך דערפיהלט זעהר קראַנק און נישט איין מאָל האָט זי געמוזט אָבזאָגען, ווען עמיץ האָט איהר פאָרגעשלאָגען וואַסער־נישט־איז אַרבייט.

און אין א געוויסען טאָג, ווען לייבקע איז מיט שמחה געקומען צו פאָהרען, צוגעשפאַנט ביי דער זייט צו זייער וואָגען מיט א אייגען פערד, וואָס ער האָט זיך איינגעקויפט, האָט ער שוין נישט דערווישט זיין מאַמען... מען האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז ער איז שוין א יתום. — — — —

נאָך זיין מאַמעס טויט איז ער נאָך מעהר דערווייטערט געוואָרען פון זיין היים. די ערשטע צייט איז ער געווען אַביסעל צעטומעלט. נאָך די צייטווייליגע זאָרג און

פרייד, וואָס עס האָט איהם מיטגעבראַכט דאָס האָבען אַ אייגען פערד, האָט איהם בּיסלעכווייז געמאַכט פערגעסען פון זיין מאַמעס טויט, און זיין מוח איז אַפּילו נישט געווען בכוח איבערצוטראַכטען דאָס געשעהעניש...

.4

איין מאָל, אין איינעם פון די סוף זומערדיגע טעג, איז לייבקען אויסגעקומען צו לאָזען זיך אין וועג אַריין נישט מיט'ן, ווי מיט דעם אַלטען ליפע בעל־עגלה.

די לעצטע טעג האָט זעהר געגאָסען, דער חושך'דיגער וועג איז געווען נאַס, בּלאָטיג, די רעדער האָבען אַ גאַנצען וועג געשניטען די בלאָטע אין די קאָלעעס — די פערד זענען געווען אָנגעמאַטערט, קוים גצויגען די שווער געפּאַקטע וועגענער, דער טאָג האָט זיך גיך אַראָבגעלאָזען און עס איז צוגעפאַלען די פינסטערע נאַכט, זענען זיי געבּליבען נעכטיגען אין דער אַכסניא נאָך ווייט פון שטאָדט, וואו זיי פלעגען זיך אונטערוועגס אָבשטעלען.

ליפען האָט זיך פערוואָלט אַריינכאַפּען בגנבה אויספּאַשען דאָס פערד, האָט ער געראָטען, אַז זיי זאָלען געהן נעכטיגען מיט די פערד אויפ'ן פריצ'ס לאָנקע, וואָס געפינט זיך הינטער'ן דאָרף.

די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, הערבסטיגע, סוף־חודש'דיגע, פינסטערע נאַכט, דער הימעל איז אַפּילו געווען ביז דער טיעפער ווייטקייט אויסגעשטערענט און דאָך איז געווען אַ אונהיימליכע פינסטערניש. אויך דער גראָז איז געווען דורכגענעצט פון נעבעל.

געפּענטעט די פערד און אַוועקגעלאָזען, האָט ליפע אויסגעשפּרייט זיין פעלץ, וואָס ער פלעגט מיטנעהמען סיי זומער סיי ווינטער, און פערגעסענדיג, וואו ער געפינט זיך איז ער באַלד כראָפּענדיג איינגעשלאָפען, ווי ביי זיך אין דער היים.

לייבקע האָט זיך אויך צוגערוקט צו ליפעס זייט מיט'ן געדאַנק, נישט איינצושלאָפען, עס איז איהם געווען אונהיימליך און ער האָט געהאַט אין זינען דאָס פערד.

יעדע מינוט האָט ער אונטערגעשפּיצט איין אויער און נאָכגעפאָלגט דאָס רייזען מיט די ציינער פון פערד פון קלאַנג: פון דער אייזערנע פענטע, ווען דאָס פערד ריהרט מיט אַ פוס, נאָר פון דעם צעמאַטערטען וועג האָבען זיך זיינע אויגען צוגעמאַכט, געפּענט — ביז ער איז נישט־ווילענדיג איינגעשלאָפען. — — —

וויפיעל ער איז אָבגעשלאָפען, האָט ער נישט געוואוסט, נאָר אינסטינקטיוו האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהון דערשראָקען, און באַלד האָט ער דערזעהען, אַז דאָס פערד האָט זיך דערווייטערט פון איהם. אַ צומישטקייט האָט איהם אַרומגעכאַפּט און ער האָט גענומען ליפען אַליין נישט וויסענדיג וואוהין.

נישט איינמאָל איז ביי איהם אין דערהיים דאָס פערד פערקראָכען אין דער גרעסטער ווייטעניש, אויף ווייטע און טיעפע זומפּען. דאָרט האָט ער שוין געוואוסט יעדעם שטעגעלע, יעדעם טייכעלע און קוסטעלע. אָבער דאָ איז איהם אַלץ פרעמד, אונבעקאַנט, און נאָך די מורא, מען זאָל איהם דאָ נישט דערווישען.

ער איז אַרומגעלאָפען אַ היבשע ווילע און זיך געפּרובט אומקעהרען, אָבער

דאָס פערד האָט ער אַליין נישט געטראָפען אַרום, ליפּע'ן האָט ער נישט געוואָלט וועקען, ווייל ער האָט געוואוסט, ער וועט איהם סיי־ווי נישט דערוועקען.

ליגקס פון דאָרף האָט ער דערזעהען פונדערווייטענס געדיכטערע, דונקעלע שאָמינגס, האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז דאָרט זעהט ער זיין פערד, און זיך געלאָזט לויפען אין יענער ריכטונג, מיט אַ קלאַפּעדיג האַרץ איז ער געלאָפען נישט איין מאָל אומפאַלענדיג, און וואָס ווייטער אַ שטיקעל, דערפיהלט ער, אַז ער פליהט מעהר ווי ער לויפט, עס טראָגט איהם אַליין נידעריגער און נידעריגער. און אַרומקוקענדיג זיך האָט ער דערזעהען, אַז ער געפינט זיך שוין אין גאָר אַ פלאַכען טאָל, דער באָדען אונטער זיינע פיס ווערט אַלץ נאַסער און ווייכער, טראָץ די געדיכטע ווילדע, זומפּיגע גראָזען, וואָס האָבען דאָ געוואקסען, הויפּט ער אָן צו זינקען. ער שלעפּט אַרויס איין פוס, זינקט ער איין מיט'ן צווייטען, אַז ער מוז זיך אָנכאַפּען אָן די געדיכטע גראָזען, וואָס דערגרייכען איהם ביז זיינע קניע, און נאָך יעדען טריט ווערט פול דאָס גריבעל מיט וואַסער.

איבער אַ פלוצלונגען שרעק האָט ער זיך אַ צאַפּעל געטהון און געבליבען שטעהן אָהן אָטעם. אַ קאַלטער ציטער איז איהם דורכגעלאָפען דורך זיינע ביינער.

ער האָט דערזעהען זיין מאַמען — — — אין מיטען טיעפען זומפּ — — — איינגעהילט אין איהר אַלטער פאַטשיילע... נאָך מיט די דריי לאַטעס אַרום די אַקסלען...

זיין קאָפּ האָט זיך גענומען דרעהען, אַ ליאַדע מינוט ער פאַלט אום — — — — ער זעהט, צווישען די דונקעלע שאָטענס לעגט זיך זיין פערד... יאָגענדיג — — דורך אַ כאַפּטע ווי־סטע סטעפּע־טייוולאָנים אָנגעטריבען... דורך נישט קיין אַנדערע, ווי דורך זיין אייגענער מאַמען — — — — — — — —

פון אומה'דיגקייט איז ער בענאָסען געוואָרען מיט אַ קאַלטען שווייס, און ער האָט אָנגעהויבען לויפען גיכער און שטאַרקער, ווי נישט מיט זיין כוח. נאָר וואָס ווייטער ער לויפט אַלץ ווייטער פערשווינדט — — — עס דערווייטערען זיך פון איהם די שאָטענס — — די מאַמע — — — מיט אַלעם ביזאַמען — — — — עס האָט זיך איהם פערוואָלט אַ געשריי טהון: מאַמע!... נאָר דאָס וואָרט איז ביי איהם פערגליווערט געוואָרען אויף זיינע קאַלטע ליפּען פון זיין האַלב־צעעפענטען מויל.

ער האָט זיך געוואָלט נישט איין מאָל אומקעהרען נאָר פאַר'ן געהאַנק, אַז ער פערלירט דאָס פערד אויך, איז ער געלאָפען ווייטער.

פלוצלינג איז ער אַ פערצווייפעלטער געבליבען שטעהן און דערזעהען פאַר זיך, אַז ער האָט דערגרייכט די שאָטענס, וואָס ער האָט זיך נאָך זיי אַזוי היציג געיאָגט, אַז דאָס זענען נישט מעהר ווי צעוואָרפענע קוסטעס, וואָס זענען זיך געוואקסען לענג־אויס אַ שטיל טייכעלע, וואָס האָט זיך רוהיג געשלענגעלט אין טאָל.

פאַר גרוים מיעדקייט האָט ער זיך דאָ געוואָלט צוזעצען, אַליין נישט וויסענדיג וואָס ער טהוט, אין האַרצען האָט געדריקט, עס האָט געקוועטשט ביז'ן האַלז אַריין, און די וואַרימע טרעהרען האָבען זיך גענומען גיסען די אָבגעקיהלטע באַקען.

די אויגען האָט ער געוואָלט אויפהויבען, אַרומקוקען זיך, וואו ער געפינט זיך, נאָר „אַ קאַראַהאָר" פון טייוולאָנים און אויך די מאַ... לויערן אויף איהם פון אַלע זייטען.

אַ געדאַנק האָט איהם גענומען טרייבען, וואָס גיכער אַרויסבעקומען זיך פון דאַנען, פון דעם שרעקליכען תהום. אין „זכרון" האָט איהם גענומען שוועבען זינד... כען פאָרערט פון איהם אַ זינד — די מאַמע... האָט איהם פערשלעפט אַהער אין די טיעפע זומפען... זי וויל איהם דאָ אומברענגען — — —

קוים האָט ער זיך אַרויסבעקומען צוריק אין דער הויך, איז ער נישט געווען זיכער, אַז ער געפינט זיך אויפ'ן ריכטיגען וועג, עס האָט זיך איהם ווידער פערוואָלט שרייען אין דער וועלט אַריין נאָר ער האָט ווידער מורא געהאַט, מען זאָל איהם נישט דערהערען פון דאָרף. און ער האָט זיך געשלעפט ווייטער.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט, אַז עס דערנעהנטערען זיך צו איהם פון ערגעץ קלאַנגען פון אַנ'אייזערנער פענטע, דאָס האַרץ האָט איהם שטאַרק גענומען קלאַבען, בעת ער האָט זיך צוגעהערט, פון וועלכער זייט דאָס קומט. אַ פרישער קוואַל פון טרעהרען האָט זיך איהם געעפענט. ער האָט זיך נאָך שטאַרקער צעווייגט און גענומען לויפען מיט זיין גאַנצען כוח, וואָס איז איהם נאָך פערבליבען. מיט גרויס איבעראַשונג האָט ער דערזעהען רעכטס הינטער זייער געלעגער צום דאָרף, שפּרינגט זיין פערד קלינגענדיג, שטעלט זיך אָב, און שפּרינגט ווייטער. — — —

צושלעפענדיג זיך קוים מיט'ן פערד צו ליפע'ן, האָט ער שוין אויף זיינע פיס נישט געקאָנט איינשטעהן, זיי האָבען זיך געטרייסעלט, געבויגען פון מיעדקייט און נאַסקייט. שוידערנדיג פון קעלט, האָט ער זיך גערנדיג ווידער צוגערוקט צו ליפעס זייט, וואָס איז נאָך געלעגען און געכראָפּעט. פון און שרעק האָט איהם אַרומגענומען אַ ליעבליכער שלאָף, און ער איז באַלד איינגעשלאָפען. — — —

פאַרטאָג, ווען די העהנער פון דאָרף האָבען זיך צעקרעהט פון אַלע עקען, און די הינד האָבען זיך צעבילט, האָט זיך ליפע אויפגעכאַפּט.

לייבקע פיהלט פון שלאָף אַ ממשותדיגע שרעקליכע זאַך, אַ גאַנצע כאַפּטע הינד, אַפילו זייער אייגענער הונטעל פון דער היים, אויך אין דער מיט, זענען איהם בעפאַלען, און מען רייסט איהם שטיקערווייז פון זיינע פיס — — — מען רייסט איהם אַרום דאָס גאַנצע פלייש... עס בלייבען נאָר די הוילע האַרטע טרעשצענדיגע ביינער — — — מען שלעפּט איהם, מען וואַרפט איהם הין און צוריק — — — עס ווילט זיך איהם שרייען — נאָר עפּעס אַ געהיימע האַנד לאָזט נישט — — —

אַז ער האָט זיך שוין דערוועקט, דערזעהט ער, ווי דורכ'ן חלום, ליפע שטעהט איבער איהם איבערגעבויגען, הויבט איהם אויף זיינע קנאָכנדיגע קרעפטיגע הענד, און טראָגט איהם אַוועק. — — — — — — — — — —

.5

אַ דערשראָקענע, אַ צעקלעמטע איז געשטאַנען לייבקעס עלטערע שוועסטער, עלטער פאַר איהם מיט אַ יאָהר, און איבערדערצעהלט פאַר גוטע פריינד און

נייגעריגע, זייער אומגליק מיט לייבקע'ן. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ס'איז איבעריג זיין ליגען אין שפּיטאָל... נעהמט איהם בעסער אַהיים. ער האָט געקראָגן אַ „פּאַראַליטש“ אויף זיינע ביידע פיס, און דאָס מוז נעהמען אַ היבשע צייט, דאָס וועט זיך אויסשטעהן — — — נאָר עס דאַרף געדויערן, — — — און דאָ האָט שוין דאָס שוועסטערל ווייטער נישט געקאָנט רעדען אַ וואָרט, זיך אָבגעקעהרט אָן אַ זייט, ווייל מיט טרעהרען זענען פול געוואָרען איהרע רויט-געוואָרענע אויגעלעך.

אָט דורך, אַזאַ צופאַל איז לייבקע'ן אויסגעקומען אומצוקעהרען זיך צוריק צו זייער איינגעהויקערטער שטיבעל. ער איז געלעגען אין בעט און זיך געפיהלט אַזוי ווי אַ פויגעל מיט אָבגעהאַקטע פליגעל. גאַנצע נעכט איז ער געלעגען אַקעגען דעם פינסטערען נאַכט-לעמפעל, מיט זיינע גרויס-געוואָרענע אויגען געקוקט אַרויף צו דער סטעליע און געטראַכט — געטראַכט... אָבגעריסענע געדאַנקען — — — ערשט האָט ער דערפיהלט, אַז ער דאַרף האָבען אַ מאַמען, דערהויפּט איצטער, צו זיין לאַנג פערצויגענער קרענק... ער ווייס פון פיעל קרענק... ער אַליין איז נישט איין מאָל קראַנק געווען, זיינע שוועסטערלעך, ברידערלעך, די מאַמע קומט צו, גלעט אָפּט דעם שטערן, רוקט די פינגער טיעפער אין די האָר אַריין.... און עס ווערט אַזוי גוט — דאַכט זיך, אַז די וועהטאָגען פערשווינדען, זיי געהען אַוועק. אויך דער דאָקטאָר קומט, טאַפּט דעם קאָפּ, האַלט פאַר'ן האַנד, פערשרייבט רפואות, און טרעפט וועלכען טאָג מען וועט געזונד ווערען און אַראָבגעהן. אָבער דאָ ציהט זיך אַזוי לאַנג, לאַנג, עס נעהמט קיין סוף נישט. ער קען שוין נישט פערטראָגען דעם צער פון די איבעריגע קינדער, און אויך די פרומע גוטע ווייבער... עס ווילט זיך שוין בעפרייען, אויפזעצען, בעוועגען זיך, נאָר — די קייטען, די אייזערנע קייטען, וואָס זענען איינגעשלאָסען אין זיינע פיס.

און אַז עס איז געקומען דער פריהלינג, די זון האָט שוין אַביסעל צוגעוואַרעמט אין דרויסען, די וועהטאָגען האָבען זיך שוין אַ ביסעל איינגעשטילט, האָט ער זיך גענומען בעטען, מען זאָל איהם אַרויספיהרען אין דרויסען.

עס האָט איהם זעהר געפרעהט, וואָס ער זעהט ווידער די גאַס מיט די מענשען, אָבער אין אַ קורצער וויילע האָט ער זיך גענומען בעטען, מען זאָל איהם פיהרען צוריק, ער האָט זיך דערפיהלט זעהר שלעכט, קינדער זענען אָנגעלאָפען, נייגעריגע פערבייגעהער פלעגען זיך אָבשטעלען קוקען, און דאָס האָט איהם זעהר בעאומרוהיגט, עס האָט איהם געשטאָכען ווי מיט שפּיזען. אַ רויטקייט פון שאַנדע האָט איהם געברענט, נישט וויסענדיג אַליין פאַרוואָס...

און אַז לייבקע האָט זיך דערפיהלט שטייפער אויף זיינע האַלב-אָבגעשטאָרבענע פיס האָט איהם שטאַרקער געפייניגט דער „זכרון“, די זינד געגען דער מאַמען, און עס האָט אין איהם גענומען רופען: גענוג — — — דו האָסט זיך פערזינדיגט אַקעגען דער מאַמען, טאָ ערפיל אַ פליכט! און געה וואָס פערדיענען פאַר די איבערגעבליבענע קינדער.

און אַז לייבקע איז אַרומגעגאַנגען איין מאַרק זוכען וואָס פערדיענען, האָט ער זיך דאָך קיין מאָל ניט בעוויזען אין גאַס אָהן זיינע שטענדיגע בעגלייטערס — די קוליעס.

בן-אהרן

ביי דער ווייסעל

איינער אַקעגען צווייטען אויפ'ן רעכטען ווייסעל-ברעג שטעהען פון קדמונים צוויי בנינים. איינער אַ הויכער, אַ פעסטער, מיט גרינליך-גלאַנציגען מאַרמאָר-בעשלאָגען, מיט טהורעמלעך און קופּאָלען, מיט שמאָלע, קאַנטיגע און קרומע פענסטערלעך, מיט געדרעהטע דעכלעך, וואָס פון צווישען זיי, אין דער מיט, דערהויבט זיך אַ טורם מיט אַ גרויסען מעטאַלענעם צלם אין דער שפּיץ, וואָס שפּיזט מיט גאָלדענעם גלאַנץ צו די אָנגעגליהטע הימלען; דער צווייטער — אַ הילצערנער, אָרעמער, פלאַכער בנין, מיט אַ דאָפּעלטען שינדעל-דאַך, מיט האַלב איינגעזונקענע ווענד אין דער ערד און מיט טריבע, ערטערווייז קאָלירטע שויבען, וואָס קוקען מיט בעהאַלטענעם פּחד אויף גאָט'ס וועלט.

אַ קאַשציאָל און אַ שוהל.

דער קאַשציאָל שטעהט שוין קרוב טויזענד יאָהר. ער איז איינער פון די ערשטע ביין קירכען, וואָס זענען געבויט געוואָרען אויף דער פּוילישער ערד, בעת דאָס פאָלק האָט אָנגענומען די קריסטליכע אמונה. צום ערשט איז דאָס געווען אַ הילצערנער בנין, וואָס איז געבויט געוואָרען אויף די חורבות פון אַן אַלט געצענדינעריש געבעט-הויז, און מיט דער צייט איז עס געוואָרען פיעל מאָל איבערגעבויט, ביז ס'איז דערגאַנגען צו דער הייניטיגער מדרגה פון אַ ריזיגער קאַטעדרע, מיט פּרעכטיגע קאָלומנעס, בעשלאָגען מיט מאַרמאָר און בעציהרט מיט גאָלד.. נאָר דער פונדאַמענט און אַ צעהנדליג שטיינער און פיגורען, וואָס זענען איינגעמויערט אין דער פראָנט-וואַנד, זענען געבליבען פון דער ערשטער אור-אַלטער געביידע.

די שוהל שטעהט שוין אַ סך הונדערטער יאָהרען. קיינער קען נישט זאָגען גענוי, ווען זי איז געבויט געוואָרען. זקנים זאָגען, אַז זיי האָבען בקבלה, אַז זי שטעהט שוין קרוב טויזענד יאָהר. בעת אידען האָבען זיך נאָר אָנגעהויבען בעזעצען אין פּוילען. אַנדערע מיינען, אַז זי איז געשטעלט געוואָרען אין די צייטען פון קעניג קאַזימירז דעם גרויסען. אויף איינער פון די אינערליכע ווענד זעהט מען נאָך אַ לפ"ק, אָבער די אותיות זענען שוין האַלב פערמעקט און מען קען נישט איבערלייענען דאָס יאָהר. אַלטע לייט דערצעהלען, אַז אַמאָל איז געווען אַן אַלטער פּאַרמעטענער פּנקס, וואו ס'איז געווען אַלעס פערשריבען, אָבער מיט דער צייט איז

ער ערגעץ פארלוירען געוואָרען.. אויך די שוהל איז שוין אַ סך מאָל אויפגעפרישט און איבערגעבויט געוואָרען. נאָך היינט זענען צוגעשטעלט צו די מויער=ווינקלען שטיינערנע און ציגעלנע אַנלעהן=זיילען, וואָס האַלטען צו די ווענד, זיי זאָלען נישט אומפאַלען. די פונדאַמענטען און דאָס גאַנצע אויסזעהן איז געבליבען פון פאַרצייטענס נישט געענדערט. או סערליך איז זי אָרעם, אָבער אינווייניג איז זי געמאָלט מיט איידעלע פאַרבען, וואָס איהרע שפורען זענען נאָך עד=היום נישט אָבגעריבען. דער הילצערנער ארון=קודש איז איינגאַנצען געשניצט פון אַ פיין פאַרצייטיש האָלץ, וואָס מען זעהט עס היינט נאָרנישט, מיט פערשיעדענע פיגורען, חיות און כלי=זמרים. דער באַלקען איז אויסגעמאָלט ווי אַ בלויער הימעל מיט שטערן. אויף די ווענד — די צוועלף מזלות, פון סופיט הענגען אַראָב מעשענע, מאַסיווע הענגלייכטער, פערבונדען מיט קליינע פוילישע אָדלערלעך, די ווענד זענען באַציהרט מיט קיילעכדיגע, ווי מצות, מעשענע און קופערנע טאַצען און בעקענס. דער בעלעמער אַנ'אייזערנער, מיט פיער זיילען, וואָס פערנעהמען זיך אין דער הויך אין געשטאַלט פון אַ חופה. אין פאַליש ביי דעם ביישטידעל פון דער אייזערנער מאַסיווער טהיר, הענגען צוויי האַלבע רינגען און אויף דער פאָדלאָגע אויך אַזאַ רינג, איינצושליסען דעם האַלז און פוס פון די אַמאָליגע פערזינדיגטע, די אַלטע קונע. אויפ'ן דאַך איז פאַראַן אַ שטיבעל אָהן אַנ'אַרויפגאַנג, וואָס האָט אַמאָל געדיענט אַלס תפיסה פאַר די עבריינים פון קהל. פאַר דער טהיר ביים אַריינגאַנג ליגט נאָך אַ ברייטער גלאַטיגער שטיין, אויף וועלכען לאַנגע דורות אידען האָבען זיך געלאָזט שמייסען מלקות יעדען ערב=יום=כפור. אין ביידע זייטען פאַליש זענען פאַראַן צוויי בתי=מדרשים פאַר חברות, וואו עד היום זיצען בחורים און לערנען. דער אַריינגאַנג אין שוהל איז אַראָב אויף טרעפען, ווי אין אַ קעלער, און עס הערשט תמיד אינווייניג אַ פייכטע, קיהלע און דעמפיגע לופט.

צווישען די דאָזיגע צוויי בנינים, ליגען אויסגעשיט די הייזלעך פון שטעדטעל. די ווייסעל=וועלען לעקען זייערע ווענד. קינדער שפיעלען זיך מיט די מושלעס און אויסגעצוואָגענע גלאַטיגע שטיינדעלעך, וואָס ליגען אין קלאָרען זאַמד פון ברעג. קאַזעס שפּאַצירען און גריזען, שאָקלענדיג מיט די בערדלעך, די קרזשאַקעס, וואָס וואַקסען דאָרט, הויבען אַלע מאָל אויף די קעפּלעך, קוקען תמימות'דיג אויף גאָט'ס וועלט און לאָזען אַרויס אַ געשווינדען מע, מע מע. אַנ'אַלטע גוי'ע זיצט אויף דער שוועל פון אַ הויז, וואַרעמט זיך אין דער הייסער זון, איהרע אַלטע ביינער קריגען אין זיך אַריין אַ חיות, ביז זי דרעמעלט איין פאַר תענוג. ביים ברעג שטעהט אַ שיפעצ'ל, לאָזט אַריין אין וואַסער אַ לאַנגע ווענדקע און וואַרט מיט געדולד, כ'זאָל זיך אָנשטעכען אַ פישעל. אַביסעל ווייטער באָדען זיך אידישע קינדער, שרייען און געוואַלדעווען, שאַרען מיט די פיסלעך און פלעסקען מיט די הענטלעך. אַ מייל לערנט זיך שווימען אָדער ליגען אויס געלעגט מיט די נאַקעטע פעמפּעקלעך אויפ'ן אָנגעוואַרעמטען זאַמד; אַנדערע זענען אויסגעלעגט אויף די בייכער. קוקען אין וואַסער אַריין, וואו קליינע פישלעך מיט די בויגיגע ווידעלעך לויפען אַהין און צוריק אין קלאָרען אָבגרונד. פון דערווייטענס בלישצען שויבען, ווי איינגעטונקען

איז הײם=צעלאָזענעם קרישטאָל. װײט זעהען זיך שװאַרצע פּינטעלעך, צעװאָרפען איבער'ן װאַסער=שפּיגעל, װאָס בעװעגען זיך קוים קוים, און װען איין פּינטעלע דערנעהנטערט זיך, דערזעהט מען אַ לאָדקע, װאָס פון איהר שטאַרט אַרױס אַ קעפּעל. אויף דער גאַנצער לענג ציהען זיך טראָטוארעס, װי לײטערלעך, אױסגעלײגט איבער'ן װאַסער, און אויף זײ שפּרײזען פּליסאַקעס מיט ברײט=ראַנדיגע קאַפּעלושען. פײגעל פליהען איבער דער װאַסער=פלעך, לאָזען זיך אַראָב, גיבען אַ לעק דאָס װאַסער, צושפּרײטען װײטער די פליגלען און מאַכען הקפות. פון דאָ און דאָרט הערען זיך װײטע טעמפּע און אָבגעהאַקטע קולות, װאָס װערען פערלױרען אין הײסען מרחק. קאָלירטע שמעטערלינגען, װײסע װי שנײ, געשפּרענקעלטע און פּאַמס=סאַמעטענע, פליהען צװישען די קרזשאַקעס, שטעלען זיך אויף אַ בלעטעל, אױף אַ בלימעל, בלײבען קלעבען װי פערגליװערט, שאָקלען זיך מיט מיט'ן צװײגעל און איז אַ פּאָר מינוט אַרום פערשפּרײטען זײ װײטער די פליגעלעך, װאָס גלאַנצען אין דער זון, און פלאַטערען אַװעק אין דער קלאָרער לופט. אַרום און אַרום, װי װײט דאָס אויג דערגרײכט, זעהט זיך נאָר איין הימעל, איין זון, איין ערד און איין און די זעלבע מענשען נאָר די צװײ געבײדעס, װאָס שטעהען פון רעכטס און פון לינקס. דאָס ערשטע מיט'ן מעטאַלענעם צלם און דאָס צװײטע מיט'ן דאָפּעלטען שינדעל=דאַך, װײזען, אַז בײ די מענשען איז עפּעס פאָרגעקומען און אַז זײ בעטען מיט צװײ בעזונדערע לשונות צו איין און דעמזעלבען גאָט.

אַ גאַנצען טאָג שטעהען די דאָזיגע צװײ הײזער אָפען. אויף די מאַרמאָרענע, ברײטע טרעפּ פון דער קאַטעדרע, פאַר'ן אַרײנגאַנג, זיצען זקנים און זקנות, קאַליקעס און חולאים, שעפּטשען מיט די טרוקענע ליפּען און בעטלען אַ נדבה. אַ יונגע שיקסע מיט פלאַקס=האָר און בלױע אויגען, װאָס האָט זיך פערזינדיגט מיט איהר לײב, קומט צולױפען, פאַלט אויף די קניהען פאַר דעם בילד פון דער הײליגער מאַגדאַלענאַ און איז זיך מתודה; אַ קינד, װאָס לױפט אין שקאָלע און קען נישט די לעקציע, פאַלט אַרײן, קניהט אַנידער אויף אַ פּאָר מינוט און געהט אַרױס פול מיט בטחון; אַ פרױ, װאָס האָט אין דער הײם אַ קראַנק קינד, קומט אַ דערשראָקענע מיט רױטע אויגען, פאַלט פאַר'ן בילד פון געקרײציגטען און בעט בײ איהם הילף. אַ גאַנצען טאָג ליגען אויף דער שטײנערנער פּאָדלאָגע מענשען, אַממײסטען פּױערן, מיט צונױפגעלײגטע הענד און פערגלײזטע אויגען, צלמ'ן זיך און שעפּטשען שטיל אין דעם דונקעלען גאָטספאָרכטיגען חלל, װאָס איז אַדורכגעזאַפּט מיט אַ העמפּען װײרױך. פון צײט צו צײט טראָגען זיך פון דאַנען זיס=טרױעריגע טענער פון אַנ'אָרגעל, װאָס שלאָגען זיך אָב מיט אַ װידער=קול װײט, װײט איבער דער װײסעל.

אױך דאָס צװײטע הױז איז תמיד אָפען. אַ גאַנצען טאָג הערט דאָרט נישט אויף דער קול פון תורה און תפילה. אין פּאָליש זיצען בחורים מיט שװאַרץ=געקרײזעלטע פאות, אָבגעשײדט פון דער װעלט, און גיסען אויס זײערע יונגע הערצער אין די אותיות פון דער גמרא. פאַרטאָג זאָגט מען תהלים און בײנאַכט נאָך חצות זיצט בײ אַ נר תמיד אַנ'אַלטער איד, װאָס רעכט אָב תקון חצות. טײלמאָל

פֿאַלן דאָרט אַרײַן װײַבער, משפּחה פֿון אַ חולה, פֿאַלן־אױף דעם ארון־קודש מיט אַ יאָמערדיק געװײן און בעטן אױף געזונט. און די קולות פֿון תּורה און געבעט טראָגן זיך אין דער לופֿט, איבער דעם װאַסער און דערגרײכן אַזש ביז׳ן צװײטן האַרץ. אורחים קומען פֿון װײַט, מידע און הונגעריקע, װאַרפֿן פֿון זיך דעם שטױב פֿון װעג און לײגן זיך אױף דער האַרטער באַנק אױסצורוען די מידע בײנער. אין די רעכער פֿון בײדע געבעט־הײזער האָבן זיך טױבן געמאַכט נעסטן און זײ פֿליִען פֿון אײן דאַך צום צװײטן, פֿון אײן נעסט צו דער צװײטער, ליבן זיך, פּאָרן זיך און פֿילן אָן די לופֿט מיט זײער אײדעלן װאָרקען.

צװײ שילקעס זיצן דאָ אין שכנות אױף דעם שמאָלן װײַסל־ברעג שױן אַ קנאַפּע טױזנט יאָהר. אײנס, װאָס איז אַרױס פֿון די יאָדלע און טאַפּאָלן־װעלדער, װאָס זענען דאָ אַמאָל געװען, און דאָס צװײטע, װאָס האָט מיט טױזנדער יאָהרן צוריק געװאַנדערט אױף די ברעגן פֿון נילוס, ירדן און פּרת, ביז ס׳איז דאָ אָהערגעקומען און געלאָזט אין דער דאָזיקער ערד טיפֿע װאָרצלען. אין זײַנע אױגן ברענט נאָך די זון פֿון מדבר און אין זײַן בלוט רױשן די כװאַליעס פֿון ירדן. דער אַלטגעזעסענער שטאַם האָט איבערגענומען פֿון דעם אָנקומענדיקן זײַנע מזמורי תּהלים, די תּפֿילה במקום קרבנות, די כּלי־שיר, די קטורת, די ימים־טובים און אַנדערע מנהגים. און אַזױ זיצן זײ צוזאַמען לאַנגע דורות עד היום.

און בעת דער אָרגל שפּילט און מען מאַכט הקפֿות מיט די הײליקע בילדער און פֿענער און מיט די מזמורי־תּהלים פֿון דער צװײטער זײַט, גיסן־אױס, דאָ בײַם װײַט, יונגע הערצער זײערע נשמות און יונגער־פֿײַער אין אותיות פֿון אַלטע ספֿרים. און דער האַרציקער גמרא־ניגון מיט דעם טרױעריקן תּהלים־זאָגן טראָגן זיך איבער דער װײַסל און מישן זיך אױס מיט די ברומענדיקע טענער פֿון אָרגל און טראָגן זיך צוזאַמען אַװעק, װײַט װײַט און פֿערװישן אינגאַנצן די שפּורן פֿון געװײן, װאָס איז נאָך געבליבן אין דער לופֿט פֿון די אַמאָליקע יאָדלע־װעלדער, װאָס זענען הענטמאָל דאָ געװאַקסן.

נעבן די געבעט־הײזער געפֿינט זיך פֿון אײן זײַט אַ נ׳אַלטער צמענטאַריש מיט מעטאַלענע און שטײנערנע מצבֿות, מיט צלמים און הײליקע בילדער, און פֿון דער צװײטער זײַט — אַנ׳אַלט בית־עולם מיט אוהל׳ס און בעשײדענע מצבֿות און אױף זײ זענען אױסגעקריצט מגן־דוד׳ס און אױסגעהײבענע הענט צום דוכנ׳ען. די בײנער פֿון בײדע שכנים קוילן די זעלבע ערד און זײערע קערפּער מאַכן זי פֿעט און פֿרוכטבאַר.

אין אַ פֿינסטערער זומער־נאַכט גנבֿ׳עט זיך אַרױס פֿון אײן זײַט אַ יונגער בחור מיט ברענענדיקע אױגן און געקרײזלטע שװאַרצע האָר און פֿון דער צװײטער זײַט אַ העל מײדל מיט װײַכע, לאַנגע פֿלאַקס־האָר, לאָזן זיך צום ברעג, צװישן די קרױזאַקעס, ביזן אָב די לאַדקע, זעצן זיך אַרײַן, לאָזן זיך אין מיטן װאַסער, געטראָגן אױף די לײַכטע, טונקעלע װעלן, און עס װיגן זיך אײן

פֿלאַקסענע, דויטשע ליפּען, עם בריענע שוואַרצע און בלויע אויגען, עם פּלאָנטערן זיך, דער זייער און שוואַרצע האָר און עם וואַרפֿען זיך, די לייבער אין הייסען תאוה־פֿיבער און די שטערען פֿון הימעל מיט די שטערען פֿון וואַסער וואונקען צו און פֿינקלען אין דער פֿייכט־שמעקעדיגער נאַכט...

מערקורי

אַ הונדערטער

איך און באַץ זענען מיר מיטגליעדער פון איין פעראיין; מיר זיינען גוטע פריינד פון לאַנגע יאָהרען, נישטאָ דער טאָג, אַז מיר זאָלען זיך נישט בעגעגענען, וועקסלען אַ פּאָר פריינדליכע ווערטער, אויספרעגען איינער ביים אַנדערען, וואָס מען מאַכט און ווי עס געהט עפּיס אויף דער וועלט.

איינמאָל, זיצענדיג אין פעראיין און עסענדיג מיטאָג (פאַרהאַן אין אונזער פעראיין אויך אַ רעסטאָראַציע), האָב איך בעמערקט, אַז מיין פריינד אַברהם באַץ דרעהט זיך עפּעס אַרום מיין טישעל, קלייבט זיך צוצוגעהן צו מיר און געהט פאָרט נישט צו, וויל עפּעס זאָגען און זאָגט נישט. וואַרפט מיר צייטענווייז צו אַ בליק און קעהרט באַלד אָב די אויגען, און געפינט זיך בכלל אין עפּיס אַ צושטאַנד פון קווענקלעניש און אומענטשלאָסענקייט.

איך האָב פערשטאַנען, אַז ער מוז האָבען צו מיר עפּיס אַ ענין, און האָב בעשלאָסען אַרויסצוהעלפען איהם אין זיין נישט־דרייסטקייט.

— זיצט, באַץ — האָב איך געזאָגט, אָנווייזענדיג אויפ'ן לעדיגען שטוהל נעבען מיין טישעל — וואָס הערט זיך עפּיס? וואָס מאַכט מען?

— אַזוי, וואָס זאָל מען מאַכען... — האָט ער געזאָגט אין עפּיס אַ פערלעגענהייט — עס לעבט זיך...

עס איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז דעם מענשען ליגט עפּיס אויפ'ן האַרצען. וואָס־זשע קווילט ער זיך ווי אַ שלאַנג און זאָגט נישט אַרויס קלאָר און דייטליך, וואָס ער וויל?

— איהר מוזט האָבען צו מיר, באַץ, עפּיס... אַ ענין, נישט אמת? — האָב איך איהם אונטערגעשטופּט און אַרויסגעהאָלפען, אַזוי ווי אַ רבי העלפט אַרויס רעדען חדר־יונגעל, וועלכער האָט גראָד אַ וואויל קעפּעל, נאָר צוליעב פערשעמטקייט און פערלוירענקייט געדענקט ער נישט נאָכצוזאָגען דאָס לערנען.

— יאָ, טאַקי! — האָט ער זיך געכאַפּט, ווי עס וואָלט איהם אינגאַנצען אַרויס פון זכרון, נאָר טאַקי איצט האָט ער זיך דערמאָהנט — אפשר קאָנט איהר מיר, איך בעט אייך... אַ קליינע חבר'ישע טובה... און נישט מעהר, ווי ביז היינט אָווענד...

— אָבער וואָס ביז היינט אָווענד?

— אפשר קאָנט איהר מיר אויסלייהען ביז היינט אָווענד אַ... הונדערטער?

גלויבט מיר, עס קומט מיר אָבצוגעהמען אין שטאָדט גענוג געלד, נאָר וואָס-דען — איהר ווייסט דאָך, ווי דער עולם האָט ליעב צו צאָהלען. די פּיס ווערען איינגעדאַרט פון לויפעניש און די אויגען קריכען אַרויס פון די לעכער, איידער מען קוקט אַרויס ביי יעמיצען אַ גראָשען.

דאָס איז עס אַלזאָ, ער האָט עס ענדליך אַרויסגעשטאַמעלט, מיט גרויס שוועריגקייט און פּיין. ווי וועניג צוטרוי און אויפריכטיגקייט איז פאַרהאַן, אין גרונד, צווישען חברים פון איין פעראיין, אַז אויב איינער וויל בעטען ביי'ם צווייטען אַ גמילות-חסד, מוז ער פריהער אַרומקרייזען אַרום איהם מיט פער'חלש'טע אויגען, אַזוי ווי אַ פוקס קרייזט אַרום דעם וויינגאָרטען, אין וועלכען ער וויל זיך אַריינכאַפּען.

— אַ הונדערטער? — האָב איך אויסגערופען מיט אַ געפיהל פון דערלייכטערונג — פּאַרוואָס נישט, אַדרבא ואדרבא, חבר באַץ, מיט'ן שענסטען בזיון! (דאָס איז אַזאַ מין וואוילערישער, גוט-ברודערישער אויסדרוק, אָנשטאָט מיט'ן שענסטען פערגניגען).

די פינגער האָבען ביי איהם לייכט געציטערט, ווען ער האָט אָבגענומען פון מיין האַנד דעם הונדערטער. ער האָט איהם נאָך געהאַלטען אַ ווײַלע אָט אַזוי, אין דער לופטען, און געזאָגט, מיט אַ מין פייערליכקייט און ערנסט, ווי ער וואָלט אָבגעגעבען אַ שבועה:

— אָבער איהר הערט? נישט מעהר, ווי ביז היינט אָוועגד! מיר טרעפען זיך אויף דער נאַכט אין פעראיין, האָט איהר צוריק אייער הונדערטער. כ'האָב פיינד ווי דעם טויט לאַנגע הלואות. ביי מיר געהט דאָס נישט.

— גוט, גוט, חבר באַץ, אַדרבא, אַדרבא — האָב איך גענומען צו קענטיש זיינע רייד און מסכים געווען אויף אַלץ, זייענדיג אַ ביסעל אונאַנגענעהם בעריהרט פון דעם קאַלטען, אָפיציעלען, צו-פייערליכען און אַ ביסעל שקלאַפישען טאָן, מיט וועלכען ער האָט אָבגעשלאָסען די דאָזיגע קליינע טראַנזאַקציע.

אין אָוועגד בין איך געווען אין פעראיין, אָבער באַץ איז נישט געקומען. עס איז מיר געווען אַ חידוש, וואָרום עס פלעגט פּאַסירען זעהר זעלטען, אַז ער זאָל אַדורכלאָזען אַמאָל אַ אָוועגד און נישט קומען אין פעראיין אַריין. עס איז מיר אַדורכגעלאָפען דער פיינליכער געדאַנק, אַז דער אָרעמער מוז נישט האָבען צוגעגרייט דעם הונדערטער און דעריבער אפשר האַלט ער זיך אָב פון צו קומען אין פעראיין. ער לאַנגווײַליגט זיך מסתמא ערגיץ, אָדער בלאָנקעט אַרום אָהן אַ ציעל איבער די גאַסען. יעדעס מאָל, ווען ס'האָט זיך אַנ'עפען געטהון די טהיר, האָב איך אַ קוק געטהון מיט אונרוה, צי דאָס קומט נישט אַריין באַץ. אַ ביסעל בין איך געווען צופרידען, וואָס ער קומט נישט, וואָרום דערזעהענדיג מיך, וואָלט ער נאָך געקאָנט מיינען אַז דאָס זיץ איך דאָ עקסטרא און וואַרט, כדי איהם צו מאָהנען...

פון דער צווייטער זייט אָבער האָב איך זיך געפיהלט אין אַ שלעכטער ראָלע, און דער אָוועגד איז מיר אַדורך קאַלאַמוטנע.

צומאָרגענס בייטאָג געה איך אין גאַס און טראַכט פון קיין זאַך נישט, לויפט

פּלוצלונג צו צו מיר אַברהם באַץ מיט אַזאַ אימפּעט, ווי מען וואָלט איהם אויס־געשאָסען פון אַ ביקס, און זאָגט צו מיר אין איין אָטעם:

— ענטשולדיגט, פריינד, איהר האָט מסתמא נעכטען לאַנג געוואַרט אויף מיר אין פעראיין און זיך געוואונדערט, פאַרוואָס איך קום נישט, האַ? אַך, ווען איהר זאָלט וויסען, וואָס פאַר אַ פּעקעל איך האָב געהאַט, וואָלט איהר זיך גאָר נישט געוואונדערט. שטעלט אייך פאָר: עס קומט צו פאָהרען מיינער אַ ברודער, ציהט מען איהם אַרויס אויפ'ן טראַמוואַי פון דער וועסטעל־קעשענע דעם בייטעל מיט געלד, פאַלט ער אַריין צו מיר, נעהמט מיר צו די לעצטע פאָר גראָשען און איך מוז נאָך לויפען מיט איהם איבער די קאָמיסאַריאַטען. פרעגט שוין נישט! די מעשה האָט מיך אָבגעקאָסט אַ שטיק געזונד. אַלע אָנשיקענישען מוזען טרעפען גראָד מיר. עס איז מיר נישט בעשערט צו האָבען אַ רוהיגען טאָג. אָבער — נישט געזאָרגט, מאָרגען־איבערמאָרגען האָט איהר צוריק אייער הונדערטער. איהר קענט דאָך מיר און איהר דאַרפט שוין וויסען, אַז ביי מיר אַ חוב — איז אַנ'עהרען־זאַך!

ער האָט אַרויסגעוואָרפען פון זיך די ווערטער מיט אַזאַ בהלה'דיגער האַסטיג־קייט, אַז אין דער ערשטער רגע בין איך געבליבען שטעהן ווי בעטויבט. דערנאָך ערשט האָב איך זיך אָריענטירט, אין וואָס דאָ האַנדעלט זיך, און איך האָב אַ היבשע ווייל געקוקט אויף איהם מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. גאָט אין הימעל, ווי צעיאַכמערט ער איז געווען, ווי צוקאָכט און פערסאַפּעט! עס איז נישט געווען קיין שום ספק, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגענד, אַז קיין שום ברודער איז נישט געקומען צו פאָהרען און קיין שום גנבה איז נישט געשעהען, נאָר דאָס האָט ער אימפּראָוויזירט די גאַנצע געשיכטע אָט דאָ אויפ'ן אָרט, אין מיטען גאַס, כדי זיך צו רעכטפערטיגען פאַר מיר, פאַרוואָס ער האָט מיר נישט נעכטען אין אָוענד אָבגעבראַכט דעם חוב, ווי ער האָט מיך אַזוי הייליג פערזיכערט. אָ, דער מאַניעווער איז געווען זעהר אַ דורכזיכטיגער. דאָס האָט ער מיר געוואָלט בעצייטענס פער־לויפען דעם וועג און מיך, אַזוי צו זאָגען, פערהילכען, איידער נאָך איך וועל איהם פערטשעפּען און אַ פרעג טהון, וואָס עס הערט זיך עפּיס מכח דעם הונדערטער...
עס איז מיר אַזש געווען אַ רחמנות אויף דעם האָזיגען, אין גרונד, עהרליכען און גוטען מענשען, וועלכער איז פּלוצלונג געוואָרען אַזוי נאַאיוו, אַז ער האָט זיך אַזש גענומען צו אַזעלכע קינדישע הינטערגענג.

— זייט רוהיג, באַין — האָב איך געזאָגט, מיט דער סאַמע מעגליכסטער אויפריכטיגקייט — ס'איז מיר נישט אפילו געלעגען אין זין אייך צו מאָהנען. ס'האַנדעלט זיך דאָך סוף כל סוף נישט וועגען מי יודע וואָס פאַר אַ פערמעגען, און מיר זענען דאָך סוף כל סוף גוטע פריינד. גלויבט מיר, כ'האָב צומאָל נישט בעמערקט, אַז איהר געהט גראָד פערביי. איהר ווייסט האָד, איך געה שטענדיג אין גאַס אַ פערטראַכטער. ווען איהר שטעלט מיך נישט אָב, וואָלטען מיר זיך דאָס מאָל אפשר אויסגעמיטען, נישט בעגריסענדיג זיך אפילו.

מיין בערעדעוודיגקייט און מיין אפשר צו־זיסליכער טאָן האָבען איהם נאָך מעהר אַרויסגעשלאָגען פון גלייכגעוויכט, און ער האָט זיך מיט מיר אויף ניך

געזעגנט, מיט׳ן תירוץ, אַז ער האָט צו ערלעדיגען טויזענד דרינגענדע זאַכען.

צוויי טעג נאָכדעם האָב איך באַז׳ן אינגאַנצען נישט געזעהען, און עס זענען מיר געקומען צוליעב דעם אַלערליי געדאַנקען. איך האָב געפיהלט, אַז עס איז עפּיס קאַליע געוואָרען, און האָב געהאַט הערפּון גרויס האַרצוועהטאָג. וואָס האָט ער צו מיר, פאַרוואָס מיידט ער מיך אויס, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך איהם געטהון? וואו איז אַהינגעקומען אונזער אַמאָליגע פריינדשאַפט, פאַרוואָס איז ער געוואָרען צו מיר אַזוי שרעקליך אָבגעקיהלט? אויפ׳ן דריטען טאָג זיץ איך אין פעראַיין און עס מיטאָג, עפענט זיך די טהיר, און אַברהם באַץ קומט אַריין. איך האָב מיך אַזש הערפרעהט און גענומען צווינקען איהם מיט אַ האַנד, — ער האָט עס אָבער נישט בעמערקט. ער איז אַריינגעקומען, אַ בלאַסער, מיט עפּיס אַ גרויסער אָנגעשטרענגטקייט אויפ׳ן פּנים, און געשטעלט די שריט מיט עפּיס אַ פאַרזיכטיגקייט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַריינצופאַלען אין אַ גרוב. אַ געבונדענקייט איז געלעגען אין זיינע בעוועגונגען און אַ גרויסע צוריקגעהאַלטענקייט. די פּלייצעס זענען ביי איהם געווען צונויפגעקאָרטשעט, ווי ער וואָלט זיך וועלען בעהאַלטען אין זיך אַליין אַריין. ער האָט זיך אינגאַנצען נישט אומגעקוקט אין די זייטען, נאָר געגאַנגען גלייך פאַר זיך, מיט עפּיס אַזעלכע בלאָנדזשענדע טריט, אַזוי ווי אַ לונאַטיק. אָ, איך האָב זעהר גוט געזעהען, אַז דער מענש היט זיך פאַר עפּיס, און האָב דערפיהלט מיט דער גאַנצער ביטערניש, אַז די סיבה דערפון בין איך. דער ביסען איז מיר געבליבען שטעקען אין מויל, איך בין געבליבען זיצען אַנ׳איינגעשרומפּענער. דער טומעל, וואָס איז געשטאַנען אין פעראַיין, דער דאָזיגער ליעבער טומעל, אין וועלכען יעדער איינער פיהלט זיך שטענדיג אַזוי הביימיש, ווי די ביהן אין דער זשומעריי פונ׳ם ביהנשטאָק — האָט מיר פּלוצלונג אויסטערליש אַ קלונג געטהון אין די אויערען. איך האָב דערשפּירט אַרום זיך אַנ׳אייזיגע קעלט, ווי עס וואָלטען פּלוצלונג פערלאָשען געוואָרען אַלע פונקען פון וואַרעמקייט אין דער גאַנצער וועלט.

אַז איך האָב אויפגעגעסען מיין מיטאָג, בין איך צוגעגאַנגען צו באַז׳ן, וועלכער איז געזעסען ביי׳ם טיש, פערטיעפט איבער אַ טעלער זופּ, און בין געבליבען שטעהן אַ היבשע ווייל הינטער זיין רוקען. ווי געפעלט אייך דאָס — איך בין נישט דרייסט געווען איהם אָנצורופען ביי׳ם נאָמען, איהם אויפמערקזאַם צו מאַכען, אַז דאָס שטעה איך הינטער איהם. ענדליך אָבער האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און גאַנץ זאַכט איהם אַרויפגעלעגט אַ האַנד אויפ׳ן אַקסעל.

ער מוז האָבען דערפיהלט אינסטינקטיוו, אַז דאָס בין איך, וואָרום די האַנד, אין וועלכער ער האָט געהאַלטען דעם לעפעל, האָט איהם העפטיג אַ ציטער געטהון, און ער האָט זיך געגעבען אַזוי האַסטיג אַ דרעה אוים, ווי מען וואָלט איהם אַ שטאָך געטהון מיט אַ שפּילקע.

— אַ אַ אַ! — האָט ער אויסגערופען מיט אַ געקינסטעלקייט, וואָס האָט מיך געשטאָכען אין אַלע אבריםִ — שוין לאַנג טאַקי נישט געזעהען. איהר ווערט מיר

דאָך צוואָרטן אַ ווײַלע, נישט אמת? איין רגע נאָר, איך בין גלײַך פערטיג מיט דער זופּ!

איך בין געבליבן שטעהן הינטער איהם, אַ שטומער און אַ אָבהענגיגער, אין אַ זעהר אומגעשיקטער, נאַרישער פּאָזע. ער האָט אין גרויס אײַלעניש אויסגעשלוקט די לעצטע פאָר לעפעל זופּ, דערנאָך האָט ער זיך האַסטיג אויפגעשטעלט, אָנגענומען מיך פאַר אַ האַנד און אַוועקגעפיהרט מיך אין אַ זײַט.

— איהר מײנט דאָך דעם... הונדערטער, נישט אמת? — האָט ער געזאָגט גאַנץ שטיל, מיט עפּיס אַ הײזעריג־פערקײכטער שטים — אָך, מענש, איהר טהוט מיר ווירקליך אַנ'עולה, וואָס איהר מאָהנט מיך אַזוי כסדר. איך לעב נאָך, איך בין נאָך, האַכט זיך, אַ מענש אויפ'ן פּלאַץ, איך אַנטלויף נאָך ניט פון דאַנען. גלויבט מיר, איך בין אַליין צו ניך דער שטרענגסטער מאָהנער. וואָס זאָל איך אָבער טהון, פרײַנד, אַז עס פערפאָלגט מיך כסדר אַ שלעכטער גורל? האָרכט אויס, וואָס עס טהוט זיך אָב בײַ אונז אין שטוב, וועט איהר שוין אַלץ פערשטעהן. איהר ווייסט דאָך מסתמא — האָט ער נאָך מעהר אַראָבגעלאָזט די שטים, און די אויגען זענען איהם אַזש געוואָרען רונדיג פון שווערער איבערלעבונג — איהר ווייסט דאָך מסתמא די מעשה מיט מײַן שוועסטער און איהר חתן... אויב איהר ווילט דוקא, וועל איך אײַך דאָס דערצעהלען. גלויבט מיר, איך וואָלט עס קײנעם אין דער וועלט נישט דערצעהלט, אַחוץ אײַך אַליין. עס איז אַ פאַמיליען־טראַגעדיע, וואָס עס איז מיר פשוט אַ בזיון אַרויסצוברענגען איבער'ן מויל. דאָס בלוט ווערט מיר געגליוועט אין די אָדערען, דאָס האַרץ...

— אָבער ליעבער באַץ! — האָב איך אַזש אויסגעשריגען, אָבשטעלענדיג זיך אין מיטען זאַל — וואָס האָט איהר זיך עס אַרײַנגענומען אין קאָפּ פאַר נאַרישע מעשיות? פאָלגט מיך, שפּײַט דערויף, עס לוינט זיך נישט צו פערלירען ווערטער, דעם אַ וואָרט! זאָגט מיר בעסער, וואָס מאַכט איהר גוטעס, וואָס זעהט מען אײַך נישט, וואָס בעהאַלט איהר זיך עס אויס גאַנצע טעג?

— וואָס מען זעהט מיך נישט? — האָט ער איבערגע'חזר'ט און צוגעוואָרפען מיר עפּיס אַ זײַטיגען בליק — האַקט זשע נישט איבער די רעד און לאָזט צו זיך אויסרעדען אַ וואָרט, וועט איהר הערען, פאַרוואָס מען זעהט מיך נישט. כ'האָב דאָך אײַך שוין געזאָגט. אַ דראַמע שפּיעלט זיך אָב בײַ אונז אין שטוב, אַ טראַגיקאָמעדיע, אויב איהר ווילט עס אַזוי אָנרופען. גלויבט מיר, דאָס לעבען איז מיר שוין מיאוס פון די אייביגע צרות, עס איז מיר שוין אַלץ דערווידער, עס וועט קומען איין העלער פריהמאָרגען, וועל איך...

— **העדר באַץ!** אײַער פלײש שטעהט שוין אויפ'ן טיש — האָט אַ רוף געטהון דער קעלנער, פערבײַשוועבענדיג פאַר אונז מיט אַ ריזיגער טאַץ אין דער לופטען.

די שטים פונ'ם קעלנער איז געווען פאַר מיר ווי די שטים פונ'ם דערלייזער. באַץ האָט זיך אומגעקעהרט צו זײַן מיטאָג, און איך האָב, נישט אומקוקענדיג זיך

מענער, גיכער אַרויסגעקריגען זיך פון פון פעראיין און מיט גרויס האַסט און אימפּעט אַראָבגעלאָזט זיך איבער די טרעפּען.

איך בין געווען אינגאַנצען פערצווייפעלט און צובראָכען. פון באַצ'ס אַרט רעדען מיט מיר און פון אַלע זיינע ווערטער האָט זיך געפיהלט אַזאַ שנאה, אַז דאָס האָט מיך געברענט ביז אין דער זיבעטער ריפּ. איך האָב זיך געפיהלט געפאַלען אין מיינע אייגענע אויגען און האָב געשפּירט, ווי די פאַרבען בייטען זיך מיר אין פּנים. איך בין אַריינגעפאַלען אין אַ עלענדער חאַלע, וועלכע איך האָב נישט געוואוסט, ווי אַזוי צו שפּיעלען; איך האָב זיך געפיהלט ווי פערפּלאָנטערט אין שטעכיגע דראָהטען.

און פון יענעם טאָג אָן איז די פריינדשאַפט צווישען אונז געווען אויס, ווי מען וואָלט זי אויסגעברענט מיט אַ גליהענדיג אייזען. די געשעהענישען האָבען זיך געקייקעלט באַרג אַראָב, און איך בין נישט געווען בכח זיי צו פערהאַלטען. איך האָב זיך נישט בעוויזען אַרומצוזעהען און זיך קלאָר אָבצוגעבען אַ חשבון, ווי אַזוי דאָס איז געשעהען — און פון אַ פריינד פון אַלטע יאָהרען איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסען פאַר מיר אַ שונא.

מאגיסטער.

עס מאַכט זיך

גאַנץ פריה איז שמואל דער מעקלער אויפגעשטאַנען, ווי זיין שטייגער איז, געהן דאַוונען דעם ערשטען מנין, כדי שפּעטער זאָל ער האָבען אַ גרויסען טאָג פאַר זיך, אויף אַרומצודרעהען זיך איבער די גאַסען.

ער האָט זיך געוואַשען, צורעכט געמאַכט די שוואַרצע באָרד מיט די גראָבע פּאות, מורמלענדיג דערביי די פריהמאָרגען־ברכות. ער איז געווען רוהיג און פרום געשטימט. עפּליכע טעג שוין ווי ער האָט גאָרנישט פערדיענט, און שטוב איז קיין גראָשען נישטאָ, אָבער עס אַהרט איהם נישט אַזוי שטאַרק. ער איז געוועהנט צו זיין בטחון אין גאָט. אַז גאָט שיקט נאָר צו איין בעסערען טאָג, פערדעקט ער די אַלע פריהערדיגע שלעכטע.

אָבער, אַז ער האָט שוין גענומען דעם טלית־זאַק אין האַנד, צו געהן דאַוונען, האָט איהם דאָס ווייב אַרויסגעשלאָגען פון דער רוהיגער שטימונג.

— שמואל! — האָט זי נאָכגעשריען, ליגענדיג אין בעט — דירה־געלד!

— איך וויים! איך וויים! — האָט ער קורץ געענטפערט.

— און פאַר'ן געוועלבעל! און דער מילך־אידענע!

— איך וועל זיי בעצאָהלען, בעצאָהלען! זאָלען זיי נאָר קיין מורא נישט האָבען.

— און דעם שניידער פאַר שלמה'לעס מאַנטעלע!

— ער מעג וואַרטען אַביסעל! שוין אַזוי גיך? — איז שמואל בייז געוואָרען אויפ'ן שניידער און געלאָזט זיך לויפען צו דער טהיר, כדי נישט צו הערען דעם ווייטערען צעטעל חובות, וואָס זיין ווייב דיקטירט איהם פון בעט אַרויס מיט איהר פערשלאָפענער שטים. ער האָט אַ קוש געטהון די מזוזה און שנעל אַרויסגעכאַפּט זיך פון שטוב.

אין דרויסען איז נאָך גאַנץ פריה געווען. די געשעפטען געשלאָסען, און אויף די גאַסען איז אַ גאַנץ שוואַכע בעוועגונג פון אָנקומענדיגען טאָג. די טראַמוויען געהען עפּעס מיט אַ פערשלאָפענעם גאַנג; זיי קלינגען נישט און פערטויבען נישט, ווייל זיי האָבען דעם וועג פאַר זיך פוסט און פריי. אידען געהען דאָ און דאָרט מיט טליתים אונטער די אָרעמס. בעקער־יונגען שטופּען פאַר זיך וועגעלעך מיט קוישען פריש געבעקס; קליינע שפּיי־געוועלבלעך הויבען זיך אָן פויל צו עפענען. שמואל איז פּאַמעליך און רוהיג געגאַנגען צו זיין בית־מדרש. אין דעם דאָזיגען רוהיגען

גאַנג איז געלעגען עטוואָס שבת'דיגעס; שמואל איז געווען אויסגעטהון פון מסחר און פרנסה=זאָרגען, ער איז געווען אינגאַנצען איד, וואָס געהט דאַוונען. ביים בעגעגענען אַנדערע בעקאַנטע אידען האָט ער זיי אַ ברייטען „גוט=מאָרגען" געזאָגט און אין דעם טאָן „גוט=מאָרגען" איז אויסגעגאָסען געווען אַ וואַרימע פריינדשאַפט און די אידישע הנאה פון טהון אַ מצוה.

גאַנץ אַנדערש אָבער האָט געקלונגען שמואל'ס „גוט=מאָרגען", ווען ער האָט אָבגעדאַוונט, אַרויס פון בית=מדרש און דערשפּירט דעם טומעל פון נייעם טאָג. מיט'ן טלית=זאַק אונטער'ן אָרעם איז ער פאַרביי געגאַנגען פאַר די סוחרים, וואָס זענען געשטאַנען נעבען זייערע געשעפטען, און אויף וועמען ער האָט אַנ'אויג געוואָרפען, דעם האָט ער „גוט=מאָרגען" געזי אונשען אַט אַזוי זיך, פאַרבייגעהענדיג. די אמתע כונה איז אָבער געווען, אויסצונוצען די געלעגענהייט, אָנציהען אַ געשפרעך און טאַפען דעם דופק, טאָמער, אפשר פיקט זיך אויס אַ מעגליכקייט עפּעס צו פערדיענען.

שמואל איז דאַמאָלס פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ רויב=חיה, וואָס קוקט און שמעקט אויף רעכטס און אויף לינקס און זוכט, פון וואַנען וועט אָנקומען דאָס, וואָס וועט שטילען איהר הונגער. אויסערליך האָט מען אויף איהם די דאָזיגע חיה'שקייט נישט בעמערקט. ער האָט אויסגעזעהען דער זעלביגער שענער איד, זיין פנים רוהיג און זיין אַרט רעדען — גאַנץ ליעב און צוגעלאָזען. דאָס איז אָבער נאָר אַ מאַסקע געווען, וואָס האָט פערדעקט די שטאַרקע אָנשטרענגונג פון אַלע זיינע נערווען אין דער איינער ריכטונג, — ווי פערדיענט מען אויף פרנסה. אַלס מיטגליעד פון אַלע, וואָס עס מאַכט זיך און וואָס עס לאָזט זיך, איז שמואל'ס אָנשטרענגונג געווען פון אַ גאַנץ בעזונדערען מין. נישט ווי ביי אַנדערע סוחרים, בעלי=מלאכות, אַרבייטער, אינטעליגענטען, אָדער אפילו מיטגליעדער פון אַ געוויסער בראַנזשע. די אַלע האָבען כאָטש אַ וועלכען עס איז יסוד, אויף וועלכען זיי שטעהען און אַרבייטען. זיי קאָנצענטרירען אַלע געדאַנקען נאָר אַרום זייער אייגענער בעשעפטיגונג. אַנדערע זאַכען, וואָס האָבען קיין שייכות נישט צו זייער בראַנזשע, געהען זיי נישט אָן. שמואל אָבער האָט נישט געטאָרט גלייכגילטיג דורכלאָזען אפילו די קלענסטע בעוועגונג פון דער רוישענדיגער גאַס. ער האָט נישט קיין שטענדיגען יסוד הינטער זיך; ער מוז איהם כסדר בעשאַפען פון דאָס נייע, כדי ער זאָל געפינען כאָטש אויף אַ ווייַלע אַ שטיץ=פונקט, פון וואַנען ער זאָל קענען אויסשטרעקען די האַנד נאָך אַ וועלכען עס איז פערדיענסטעל. געלינגט איהם, איז גוט, ווען נישט, מוז ער אין דער גיך אַ נייעם יסוד בעשאַפען, עפּיס אַ נייעם אויסגאַנגס=פונקט.

און אַזוי געהענדיג פאַמעליך, מיט'ן טלית=זאַק אונטער'ן אָרעם האָט ער אויפגעכאַפּט מיט זיין געהירען אַלץ, וואָס האָט זיך גערעגט און בעוועגט אַרום איהם. אויף דעם גאַנצען הו=האַ אין גאַס, אויף סוחרים, געשעפטען, פוהרען און כתם אייליגע מענשען, האָט שמואל געקוקט ווי אויף זאַכען, וואָס קענען האָבען אַ ווייטערען אָדער נעהנטערען שייכות צו דעם, וואָס ער זוכט. זיין מח האָט שנעל גע=

אַרבייט און קאָמבינירט, ווי אַזוי צו ענטדעקען די דאָזיגע שייכות און אויף וועלכען אופן אָנצוכאַפּען זיך אָן איהר.

ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס פון זיין וועסטעל־טאַש און געוואָלט פעררויכערען. נאָר, דערזעהענדיג פון וויטען דעם לעדער=סוחר לעווין, וואָס איז געשטאַנען נעבען זיין געשעפט, האָט שמואל שנעל צוריק אַריינגערוקט דעם פּאַפּיראָס אין טאַש און צוגעגאַנגען צו איהם.

— גוט מאָרגען, העררר לעווין! אפשר קענט איהר מיר שענקען אַ פּאַפּיראָס? און פעררויכערענדיג, האָט ער געפרעגט?

— וואָס הערט זיך? האָט איהר עפּיס פרישע סחורה?

— איך האָב — האָט דער סוחר קאַלט געענטפערט — נאָר מיט אייערע קונדען וויל איך מעהר קיין געשעפטען נישט מאַכען.

— וואָס רעדט איהר?

— דאָס זענען נישט קיין קונים, נאָר גנבים, רויבער!

— וואָס איך הער? — האָט זיך שמואל געוואונדערט, און שפּעטער צוגעגעבען:

—נו, נו! איצט וועל איך זיך די מיה געבען, איהר זאָלט יאָ צופריעדען זיין.

דעם סוחר איז דאָס גלייכגילטיג געווען. ער האָט געשוויגען, און שמואל איז אַבגעגאַנגען פון איהם. אין זיין קאָפּ האָט גלייך דורכגעבליצט עפּיס אַ געדאַנק וועגען די קאָפּע=הייזער, וואו מען טרעפט די קליינשטעדטעלדיגע לעדער=סוחרים. פון דער וויטען האָט ער בעמערקט געהן דעם מעהל=סוחר, ליכטבערג, מיטן גראָבען ציגאַר אין מויל. שמואל האָט שנעל אַראָבגעוואָרפען דאָס פייער פון זיין פּאַפּיראָס און געאיילט דעם מעהל=סוחר אַנטקעגען.

— גוט מאָרגען, הערר ליכטבערג! זייט מוחל אַ שטיקעלע פייער!

דאַן האָט ער איהם געפרעגט:

— האָט איהר אפשר אַ האַלבען וואַגאָן אונגאַריש מעהל?

— יאָ. וואָס איז?

— עס האָט זיך ווער נאָכגעפרעגט.

— טאָ ברענגט איהם! גראָד נעכטען האָב איך בעקומען דריי וואַגאָן.

— גוט. איך געה איהם אויפזוכען! — האָט שמואל געזאָגט און געזעגענט זיך.

— זאָגט איהם, פיינע סחורה! פּרימאַ!—האָט איהם דער סוחר נאָכגעשריען.

קיינער האָט שמואל'ן נישט געפרעגט וועגען מעהל. ער האָט אָבגעהאַלטען ליכטבערגען, אָט סתם אַזוי, גוט צו וויסען, אפשר מאַכט זיך אַ קונה.

אין איינעם פון די קאָפּע=הייזער האָט ער אָנגעטראָפען אַנ'אַלטען לעדער=סוחר. יענער האָט איהם ערקלערט, אַז ער בעדאַרף שוין נישט קיין סחורה. נעכטען האָט ער איינגעקויפט דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט.

— אַזוי נאָר? — האָט איהם שמואל פאַרגעוואָרפען — און מיר ווילט איהר שוין נישט געבען צו פערדיענען?

— פון היינט אָן וועט מיין זוהן דאָ פערבלייבען און ער וועט מיר שוין ליפערען סחורה — האָט דער אַלטער געענטפערט און אָנגעוויזען אויף אַ יונגען מאַן, וואָס איז געזעסען ביים טישעל און גע׳חשבונ׳ט מיט אַ בליישטיפט אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער.

— דאָס איז אייער זוהן? — האָט שמואל געפרעגט — און וואו פערבלייבט ער דאָ? האָט ער שוין אַ דירה?

— נאָך נישט. מיר פערבלייבען טאַקע דעם היינטיגען טאָג אויף אויסצוזוכען אַ פּאַסיגען צימער.

שמואל איז פרעהליך אויפגעשפּרונגען.

— פאַר וואָס האָט איהר מיר גלייך נישט געזאָגט? איך וועל אייך וויזען צימערען צום אויסוואַהל איינס שענער פון אַנדערען.

דער אַלטער האָט זיך דערפרעהט.

— עס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלען. אַדרבא, זוכט אויס! הערצליך גערן וועל איך אייך געבען צו פערדיענען.

— פערלאָזט זיך אויף מיר! — האָט איהם שמואל איבערגעריסען — איצט זייט אַזוי גוט, עטליכע זלאָטים האַנד־געלד.

— וואָס? איך האָב דאָך נאָך דאָס צימער נישט אָנגעקוקט אפילו!

— וועט איהר שפּעטער אָנקוקען. האָט קיין מורא נישט. איך בעדאַרף גראָד עטליכע זלאָטעס. איך געה אַהיים אָנבייסען און שפּעטער וועט אַלץ זיין אין אָרדנונג. וואָס קלערט איהר? איך וועל אַנטלויפען? איהר מעגט האָבען צו מיר אַבּיסעלע צוטרוי.

שמואל׳ן איז צום סוף געלונגען אַרויסצובעקומען פינף זלאָטעס, און ער איז אַוועק אַהיים.

— וואָס הערט זיך? — האָט איהם דאָס וויב געפרעגט און געוואַרט אומרוהיג אויף זיין ענטפער.

— עס מאַכט זיך! עס מאַכט זיך! -- האָט שמואל רוהיג געענטפערט און אַרויסגענומען די פינף זלאָטעס.

— דאָ האָסטו אויף פלייש! קויף איין אויף מיטאָג.

ער האָט זיך געוואַשען און געמאַכט „המוציא“ איבער צוויי זעמעל.

— לאה! — האָט ער זיך שפּעטער געווענדעט צו זיין וויב, קייענדיג נאָך אין מויל דעם ערשטען ביסען, איינגעטונקט אין זאַלץ — אפשר ווייסטו פון אַ שענעם צימער, וואָס מ׳וויל פערדינגען ?

לאה האָט נישט געוואוסט. זי האָט אָנגעהויבען אויסצורעכענען גאַסען און הייזער, וואו עס שיינט איהר, אַז זי האָט עפּיס געהערט, אַז דאָרטען זענען דאָ צימערען צו פערדינגען.

— גענוג! — האָט שמואל איבערגעהאַקט — איך וועל זיך שוין אַרומקוקען! ער האָט שנעל אויסגעטרונקען די קאַווע, שנעל אַבגעבענשט און איז אַרויס

אין גאַס. נישט לאַנג געהענדיג, האָט ער אָנגעטראָפען אַ בעקאַנטע הויז־אייגענטי־מער.

— גוט מאָרגען, הערר זעקלער! געפינט זיך אפשר אין אייער הויז א צימער צו פערדינגען?

— אַ צימער? ניין! — האָט זעקלער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געלאָזט שמואל'ן אַוועקגעהן. שפּעטער ערשט האָט ער איהם צוגערופען.

— אין אַ חודש אַרום ווערט ביי מיר פריי אַ וואוינונג פון צוויי צימער מיט אַ קיך, מיט אַלע בעקוועמליכקייטען. האָט איהר ווענען?

— וואָס פרעגט איהר קשיות, הערר זעקלער? צעהן פאַר איינעם!

— איך ברויך נאָר איינעם, אָבער אַ פעסטען, אַ זיכערען, אַזאַ וואָס.. .

— אַזאַ האָב איך טאַקע!

— ווענען?

— אַ יונג פּאָר פאָלק, ערשט נאָך דער חתונה. און וויפיעל שטעהט די וואוינונג?

זעקלער האָט אַ רייב געטהון מיט דער האַנד איבער'ן פּנים, געשוויגען אַ ווײַלע און שפּעטער בעמערקט:

— אייגענטליך וואָלט איך די וואוינונג פאַר זיך געהאַלטען, פאַר מיין טאָכטער, אויב עס וועט זיך מאַכען אַ רעכטער שידוך.

שמואל איז אויפגעשפּרונגען.

— אַ שידוך פאַר אייער טאָכטער? ווען איך ווייס עס פריהער!

— וואָס איז?

— איך האָב אַ יונגען מאַן, איך זאָג אייך, אַ פיינס!

זעקלערס אויגען האָבען אויפגעלעבט.

— ווער איז ער?

— אַ גרויסער לעדער־סוחר! זיין פאָטער האָט צוויי הייזער און אַ גרויס לעדער־געשעפט.

— אַ היגער?

— ניין, פון אַ קליין שטעדטעל, צופעליג זענען זיי היינט דאָ. איך לויף כאָטש שוין וועגען דעם ענין!

זעקלער האָט איהם נאָך אַביסעל אויסגעפרעגט וועגען דעם יונגען־מאַן און זיין יחוס, שפּעטער האָט ער צוגעגעבען:

— איהר מעגט וויסען, אַז איך בין גרייט צו געבען מיין טאָכטער אַ דירה פון דריי צימער, און אויף דער וואוינונג פון די צוויי צימער קענט איהר ברענגען אייער אָבנעהמער.

אַ צופּראָגענער פון גוטע האָפנונגען האָט זיך שמואל געלאָזט געהן ווייטער.

— עס מאַכט זיך! עס מאַכט זיך! — האָט זיין האַרץ געקלאַפּט פון שמחה און ער האָט נישט געוואוסט, וואו אייגענטליך ער האָט פריהער צו געהן.

— ריער שידוך! דער שידוך! — האָבען זיך זיינע געדאַנקען צושיפּעלט—אַלע אַנדערע זאַכען מוז איך איצט אָבלאָזען אָן אַ זייט — און ער האָט זיך אַ לאָז געטהון גיין צום האָטעל, וואו דער אַלטער לעדער-סוחר מיט זיין זוהן זענען איינגעשטאַנען. ביים דערנעהנטערען זיך אָבער צום ציעל, האָבען זיך שמואל'ס נערווען אַביסעל בערוהיגט. ער האָט איינגעזעהען, אַז ער טהוט נישט גוט. מיט אַ צו גרויסען ברען קען ער נאָך אַלץ פערדאַרבען.

— קודם כל מוז מען געפינען אַ צימער פאַר'ן יונגען-מאַן — האָט זיך שמואל איבערלעגט — אַ שידוך אויספיהרען מוז געדויערען אַביסעל צייט. דערווייל, ביז וואָס,ווען, דאַרף ער דאָך אַ צימער.

אין עטליכע שעה אַרום, ווען שמואל'ן איז געלונגען נאָך פיעל מאַטערניש צו געפינען אַ צימער, האָט ער זיך ווידער אָבגעשטעלט נישט ווייט פון האָטעל און ווייטער נישט געגאַנגען. ער איז אויפגערעגט געוואָרען אויף זיך אַליין. ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז זעקלערס טאָכטער, דאָס כלה-מיידעל, איז איהם אומבעקאַנט, און ער ווייס נישט, וואָס צו זאָגען וועגען איהר, אַ שענער שדכן איז ער! דעם רעכ-טען עיקר פערגעסען! דער יונגער-מאַן וועט דאָך איהם פרעגען, וואָס פאַר אַ מיידעל? אַ שענע? אַ מיאוסע? אַ הויכע? אַ נידריגע? אַ בלאָנדע? אַ שוואַרצע? וואָס וועט ער ענטפערען?

אנשטאט צום האָטעל, איז שמואל אַוועק אַהיים דערווייל אָבעסען מיטאָג.

דאָס ווייב איז אַרום פון קיך איהם אַנטקעגען און געפרעגט:

— נו?

— מיט'ן אויבערשטענס הילף. עס מאַכט זיך! עס מאַכט זיך! — און נאָך דעם ענטפער האָט ער געפרעגט:

— זאָג מיר, לאה, קענסטו נישט חיים זעקלערס טאָכטער? וואָס איז דאָס פאַר אַ מיידעל?

— חיים זעקלערס טאָכטער? אַ מיידעל? ניין! ער האָט נישט מעהר קיין טאָכטער.

— נאַ דיר! האָסטו! — האָט שמואל אויסגעשריען — אָבגעפּסקענט, אַז זעקלער האָט נישט קיין טאָכטער. טאָ ווי קומט ער בעטען מיך וועגען אַ שידוך פאַר איהר?

— וואַרט אַביסעל! — האָט איהם לאה בערוהיגט — איין טאָכטער האָט דאָך זעקלער, די חתונה-געהאַטע. איין זוהן האָט ער, וואָס האָט אַ געוועלב נעבען פּלאַץ. איין טאָכטער איז די עלטערע, די הויכע, וואָס איהר מאַן האַנדעלט מיט פאַרב. נו? ווי קומט צו איהם נאָך אַ טאָכטער?

— אַ משל דאָס איז! — איז שמואל אויפגערעגט געוואָרען — הערי‌בער איז וואָס? טאָר ער שוין מעהר קיין טאָכטער נישט האָבען?

ער האָט שנעל אָבגעמיטאָגט און אַוועקגעאיילט צו זעקלערן אַהיים. זעקלער האָט איינגעזעהן, אַז שמואל האָט רעכט. אַ שדכן דאַרף אָנקוקען דאָס כלה-מיידעל,

און ער האָט איהם איינגעלאַדען צו זיך אין צימער, ווי אַ חשוב'ען גאַסט, און מכבד געווען מיט אַ טרונק בראָנפען און צובייסען. ביי דער געלעגענהייט האָט שמואל אָנגעקוקט זעקלערס טאָכטער, אַ גאַנץ פיין מיידעל! שפּעטער איז ער אַוועקגעלאָפען אין האָטעל צום לעדער־סוחר און האָט זיך דערוואוסט, אַז דער יונגער־מאַן האָט שוין אַ פרוי מיט אַ קינד. די האָזיגע ידיעה האָט איהם שרעקליך צומישט. אין אָנהויב האָט שמואל געגלויבט, אַז אומישנע זאָגען זיי איהם אַזוי, כדי נישט צו געבען איהם פערדיענען שדכנות־געלד. און שפּעטער ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז עס איז אמת, איז שמואל ווי אויפגערעגט געוואָרען אויפ'ן יונגען־מאַן. וואָס האָט זיך צוגעאיילט מיט זיין חתונה.

— ס'איז אַ גליק־שידוך! — האָט ער ביטער אָראָבגערעדט פון האַרצען — אפשר ביז צעהן טויזענד דאָלאַר נדן!

— וואָס טויג אונז אומזיסטע דבורים? — האָט דער אַלטער לייכט צוגע־שמייכעלט.

— און אַ דירה בעקומט דאָס מיידעל פון פינף צימער מיט אַלע בעקוועמ־ליכקייטען און יאַ חתן וויל איהר פאָטער דוקא אַ לעדער־סוחר — האָט שמואל אַלץ ווייטער גערעדט, כדי אָבצועסען זייערע הערצער. זאָלען זיי וויסען, וואָס פאַר אַ שטות זיי זענען בעגאַנגען, וואָס זיי האָבען זיך אַזוי צוגעאיילט.

— לאָמיך בעסער הערען וועגען צימער! — האָט דער אַלטער איבערגעריסען.

שמואל האָט געמוזט דערשטיקען זיין עגמת־נפש. פערפאַלען! וואָס קאָן זיך מאַכען, אַז עס איז נישטאָ קיין מזל? און ער איז אַוועק מיט די לעדער־סוחרים ווייזען זיי דאָס צימער.

שפּעט אין אָוונט איז שמואל אַ פערמאַטערטער געקומען אַהיים. דער סך־הכל פון טאָג איז נישט געווען קיין שלעכטער. ער האָט איהם איבערגעלאָזט אויף מאָרגען צו אַרבייטען וועגען אַ שידוך, פאַר זעקלער'ס טאָכטער און אַ אָבנעהמער פאַר זעקלער'ס וואוינונג. די צוויי זאַכען וועט ער בשום אופן נישט אַרויסלאָזען פון די הענד. דער ממשות'דיגער פערדיענסט פון טאָג איז געווען: צוואַנציג זלאָטעס מעקלעריי פאַר'ן צימער און... אַ פאַטש פון יונה מעקלער דערפאַר, וואָס ער, שמואל, האָט זיך אַריינגעמישט אין דער פערמיטלונג פון אַ קליינעם שפּייז־געוועלבעל.

— איך וועל איהם רופען צו אַ דין תורה, דעם הולטיי! — איז שמואל אויפ־גערעגט געווען, דערצעהלענדיג וועגען דעם זיין ווייב — אַזאַ חסיד גנב! וואָס באַפּסטו זיך שלאָגען? וואָס האָב איך דיר געטהון? איך האָב זיך דערוואוסט וועגען אַ געוועלבעל, וואָס איז צום פערדינגען, איך האָב אָנגעטראָפען דעם ריכטיגען קונה, וואָס וויל דינגען, קומט ער צו לויפען און שרייט און פאַלט־אָן אויף מיר, ווי אַ משוגענער הונד. וואָס איז? ער האָט שוין פון פריהער פערהאַנדעלט וועגען דעם מיט'ן קונה. גאַנץ גוט! אָבער וואָס גערט עס מיך אָן? איך בין אַזאַ מעקלער ווי דו! איך האָב אויך נישט קיין אַנדער פרנסה!

און שמואל ענדיגט מיט כעס:

— איך וועל איהם אָנלערנען! מעג ער זיך רייסען און צאַפּלען ביז צו דער דרינער גאַל. מיין חלק אין מעקלעריי מוז איך האָבען!

שפּעטער אַביסעל האָט זיך שמואל גענומען גרייטען צום שלאָפען געהן. האַלב אויסגעטהון, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויפן׳ בעט און אָנגעהויבען זאָגען „קריאת שמע“. וואָס ווייטער ער האָט געזאָגט, אַלץ רוהיגער איז ער געוואָרען און געשפּירט זיך אינגאַנצען — איד, וואָס איז צוגעבונדען צו גאָט. צו איהם גיט ער איבער זיין נשמה און אויף איהם זענען אַלע זיינע האָפנונגען.

אין אַ פרומער, רוהיגער שטימונג האָט ער זיך געלעגט שלאָפען. דאָס טאָמטענע קאָפּעלע אויפ׳ן קאָפּ, און אינעווענינ, אין קאָפּ, איז אפילו קיין זכר נישט געבליבען פון זיין גאַנצער מאַטערניש אין משך פון טאָג. ער האָט שוין מעהר וועגען קיין זאַך נישט געדענקט און נישט פעהיג געווען צו געדענקען, ווייל ער איז אינגאַנצען איבערגעגעבען געווען דער לייטזעליגער שטימונג פון „בידך אפקיד רוחי“.

און אין גראָד אַזאַ שטימונג איז ער צומאָרגענס אין דער פריה ווידער אַוועק דאַווענען אין בית־המדרש און אויך אַרויסגעגאַנגען פון דאַווענען, ביז, — ביז עס האָט איהם ווידער אַרומגעכאַפּט דער האַנדלס־טומעל פון גאַס.

סימן: „אנערקענונג נישט פּריז".

פּראָטעסט

.1

משה יוסף פּראָטעסטירט... די ידיעה האָט זיך ווי אַ ווינד צעטראָגן איבער דער שטאָט. געשעהן איז עס אין אַ ווינטערדיגן פריהמאָרגען. איינער פון די בערוזע-מעקלערס, יונה בחור (פאַרוואָס מען האָט איהם גערופען „בחור" האָט קיינער נישט געוואוסט, וואָרום זיין אמת'ער נאָמען איז געווען פוטערמאַן), וואָס פלעגט טאָג-איין טאָג-אויס קומען צו משה יוסף'ן מיט פערשיידענע רעכנונגען פון פּראָצענט, וועקסלען, האָט זיך עס דורך אַ צופאַל דערוואוסט. אַז משה יוסף האָט געלאָזט אַ וועקסעל צום פּראָטעסט. בסוד האָט יונה בחור דערצעהלט אַ „גוטען פריינד" אויך אַ מעקלער, און ווען דער „גוטער פריינד" האָט איהם געענטפערט מיט אַ שמייכעל, אַז ער ווייסט עס שוין פון לאַנג, איז יונה בחור טרויעריג געוואָרען און זיינע אויגען האָבען בעקומען אַ ווילדען אויסדרוק.

אַ צאָרן האָט איהם אַרומגענומען. משה יוסף שוין אויך פּראָטעסט... איז דאָך אַ עק וועלט! וועמען זשע מעג מען געבען אַ פּאָר זלאָטעס אויף פּראָצענט. און מיט'ן גאַנצען אימפּעט, וואָס דער צאָרן האָט ביי איהם געשאַפען, איז ער אַוועק צו משה יוסף'ן. געטריבען פון דעם געדאַנק, אַז משה יוסף באַנקראָטירט, האָט ער געשפרייזט מיט האַסטיגע טריט. איז ער אַריינגעפאַלען צו משה יוסף'ן אין שטוב, גלייך ווי עס וואָלט איהם ווער געיאָגט, און ווי נישט מיט זיין קול אויסגעשריגען:

— וואו איז ר' משה יוסף?

יונה'ן האָט בעגעגענט משה יוסף'ס ווייב. זי האָט דערקענט, אַז מיט יונה'ן קומט עפּיס פאָר, האָט זי אַ רוף געטהון דעם עלטסטען זוהן, וואָס איז נור-וואָס בעקומען פון גאַס.

יואל אָהער יולעק, ווי די חברים האָבען איהם גערופען, איז געווען אַ מאָדערנע יונגערמאַן מיט אַלע „פּיטשיווקעס", ווי יונה בחור פלעגט דרשענען אין חצר בערוזע-קאָוואַרניע וועגען די היינטיגע צייטען... משה יוסף איז אַ איד אַ חסיד, און דאָס זוהנדעל געהט אויף בעלער און קאַבאַרעטען.

דערזעהען יונה בחור האָט יואל — יולעק גלייך דערקענט, וואָס עס געשעהט און אַ זאָג געטהון:

— דער טאַטע איז אין גאַס.

יונה בחור האָט זיך געוואָלט צערעדען, נור פיהלענדיג אויף זיך יואל'ס שאַר-

פען בליק, האָט ער זיך פֿערלוירען. און איז אַ שטילער אַוועק אָהין אַ „גוטען טאָג“.

אַרויסגעגאַנגען פֿון משה יוספ'ס שטוב, איז יונה בחור אַ ווײַלע געבליבען שטעהן. ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, פֿאַרוואָס ער האָט גאָרנישט געהערט. דערפֿאַראיז ער אַוועק אין דער בערזע־קאַוויאַרניע, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף איינער פֿון די אידישע גאַסען.

די טהיר האָט זיך געעפֿענט מיט אַ געדיכטער פּאַרע, וואָס האָט יונה'ן אַ שלאָג געטהון אין פּנים.

די צוויי שטובען, וואָס די קאַוויאַרניע האָט פֿאַרנומען, זענען געווען געדיכט בעזעצט פֿון שטענדיגע איינגעהער. דאָס זענען געווען סוחרים פֿון תבואה און מעקלערס פֿון געלד.

אין דער קאַוויאַרניע האָט „געקיניגט“ יונה בחור. ער איז געווען דער פּאָפּולערסטער פֿון אַלע מעקלערס, און האָט נור ווער געהאַט צו „מאַכען“ אַ פּאָר טויזענד זלאָטעס, האָט ער זיך גלייך געמוזט ווענדען צו יונה'ן, און קוים האָט יונה נור געזאָגט „גיין“, האָט מען שוין געמעגט אויסזוכען אַ מען אין די הרי חושך...

דערפֿאַר האָט זיך יונה געהאַלטען שטאָלץ, געמאַכט זיך ווייצען איבער די מעקלערס, וואָס האָבען געמאַכט נישט קיין הצלחה'דיגע געשעפֿטען.

בײַ אַ טישעל, וואו עס איז געזעסען שלמה דוד מיט'ן ציגאַר (אַזוי האָט מען איהם גערופֿען), געזופּט הייסע טהיי פֿון אַ טעלערעל ווי אַ קינד, האָט זיך יונה אַוועקגעזעצט, נישט אומקוקענדיג זיך אויף קיינעם.

— וואָס הערט מען נײַעס, ר' יונה? — האָט שלמה דוד געפֿרעגט. און דערבײַ נישט אויפֿגעהערט זופּען דעם טהיי.

— נישט גוט, ר' שלמה דוד, נישט גוט, די וועלט ווערט הפקר, — האָט יונה בחור שווער אָפּגעזיפֿצט.

— וואָס איז? אַ שיף מיט זייער־מילך אונטערגעגאַנגען? — האָט זיך שלמה דוד געוויצעלט.

— וואָס אמת, — האָט יונה קאַלט געענטפֿערט, נישט קוקענדיג אויף שלמה דוד'ן, — אַ שיף מיט זייער־מילך איז נישט אונטערגעגאַנגען, נור אַ פּאָר שעטע טויזענדער בײַ משה יוסף'ן איז יאָ פֿערפֿאַלען.

אַ ערשטוינטער האָט שלמה דוד אַוועקגעשטעלט דאָס טעלערעל און מיט אויסגעשטאַרטע אויגען זיך איינגעגעסען אין יונה'ן.

— וואָס רעדט איהר, ר' יונה?... וואָס?...

און באַלד האָט די גאַנצע קאַוויאַרניע געוואוסט פֿון דער ידיעה, וועגען דעם נײַעם באַנקראָט.

.2

אין אָוועגד, ווען משה יוסף אונגערזאָהן איז אַ מיעדער אַהיימגעקומען, האָבען איהם שוין אָבגעוואַרט יונה בחור מיט נאָך אַ פּאָר מעקלערס. און שטוב איז אַ הויז משה יוספ'ס ווייב קיינער נישט געווען. די קינדער זענען זיך צעלאָפֿען,

ווי פויגעל פאַר אַ שטורם, נישט וועלענדיג זיין דערביי, ווען די מעקלערס וועלען זיך צעשרייען...

מיט שווערקייט, ווי ער וואָלט אויף זיך געטראָגען אַ שווערע משא, האָט זיך משה יוסף געזעצט צום טיש.

ער האָט דערציילט אַ מעשה, אַז די „אַכראָנע" האָט איהם פערמאַכט אַ וואַקד, פונוואַנעט ער האָט לעצטענס געהאַט די גאַנצע הכנסה, און דערווייל כל־זמן... דער וואַלד איז פערמאַכט, קאָן מען נישט אַרבייטען, נאָר עס וועט פערביי... מיט גאָטס הילף וועט ער אָבגעבען אַלע געלדער, וואָס ער איז שולדיג מיט פראַצענט...

שטילע האָבען די מעקלערס אויסגעהערט משה יוסף'ס רייד, ווי בעשולדיגטע זייער אורטייל. זיי האָבען געוואָלט הערען פון משה יוסף'ן וואָס מעהר. זיי האָבען פריהער אויך געוואוסט, אַז מיט משה יוסף'ן איז נאָך נישט אַזוי שלעכט. זיי האָבען אָנגעקוקט יונה'ן, פון וועמען זיי האָבען זיך דערוואוסט וועגען משה יוסף'ס פראָטעסט...

און יונה'לע בחור האָט זיך טאַקי נישט געוואָלט בערוהיגען. ער האָט אָנגעשמעלט זיינע גריינע אויגען אויף משה יוסף'ן און אַ פרעג געטהון:

— ר' משה יוסף, דאָס איז שענע רייד, אָבער געלד?... הערביי האָט ער געמאַכט מיט די פינגער, ווי ער וואָלט געציילט געלד.

משה יוסף האָט געוואוסט, אַז יונה בחור וועט זיין די האַרטסטע ניס צום איינבייסען, האָט ער זיך געמאַכט גלייך, ווי ער וואָלט נישט געענטפערט יונה'ן, נאָר אַלע מיט אַמאָל:

— ס'וועט זיין געלד מיט גאָטס הילף..

בערוהיגטע, אַזוי האָט זיך אויסגעהאַכט משה יוסף'ן, זענען זיך די מעקלערס צעגאַנגען. נור יונה בחור האָט זיך געזעגענט מיט משה יוסף'ן אויף זיין שטייגער.

— מיינט נישט, ר' משה יוסף, אַז עס איז אַ הפקר־וועלט...

משה יוסף האָט איהם געוואָלט עפּעס ענטפערען, נאָר יונה האָט שוין הינטער זיך פערקלאַפּט די טהיר.

פון דאַמאָלס אָן איז שוין אַוועק אַ פּאָר חדשים. איבער דער צייט האָט שוין משה יוסף געלאָזט צום פּראָטעסט אַ היבש ביסעל וועקסלען, וואָס האָט גורם געווען. עס זאָל אַרויסברעכען פון געדולד די בעלי־חובות, און אנשטאַט די מעקלערס האָבען זיך אָנגעהויבען בעווייזען נייע פּנים'ער, וואָס משה יוסף האָט ביז איצט נישט געקענט.

די נייע פּנים'ער האָבען דאָס איבערצייגט משה יוסף'ן, אַז עס איז נישט קיין „הפקר וועלט". פערביטערטע געשרייען און געוואַלדען האָט זיך געהערט אין משה יוסף'ס שטוב. עס האָבען נישט געהאָלפען דאָס בערוהיגען פון די שטוביגע מענשען. פון די אַלע געשרייען האָט זיך אויסגעשיילט איין גרויס געשריי:

— געלד...

פון די געשרייען און געוואַלדען איז משה יוסף געוואויר געוואָרען אַ גרויסען סוד, וואָס ער האָט פריהער נישט געוואוסט:

די געלדער, וואָס ער איז געווען שולדיג, האָבען אָנגעהערט צו אַלמנות און יתומים, נדנים, וואָס עלטערע מיידלעך, האָפענדיג אויף אַ חתן, האָבען אָבגעגעבען, כדי דערפון צו האָבען פּראָצענט. אַ גאַלעריע פון חתנים, עלטערע מיידלעך, יתומים, אַלמנות, אַלע מענשען, זענען פערביי פאַר משה יוסף'ס אויגען. אַלע שטרעקען זיי אויס די הענד צו משה יוסף'ן נאָך הילף. משה יוסף פערשטעהט מיט'ן געדאַנק זייער ביטערע פערצווייפעלטע לאַגע.

— אָה, ווי שרעקליך...

די זאָרג און פיין פון די אַלע מענשען קאָן מען לעזען אויף משה יוסף'ס פנים, וואָס ווערט פון טאָג צו טאָג בלייכער. מיט איינגעפאַלענע אויגען, וואָס וואַרפען אַ שרעק מיט זייער בליק.

אָה ווי שרעקליך...

אַנ'אַלטע אידענע פון אַ יאָהר זעכציג, וואָס איהר מאַן איז פערפאַלען געוואָרען אויף'ן רוסישען פראָנט, און וויפיעל מיה האָט איהר געקאָסט דאָס ביסעל פערמעגען, משטיינס געזאָגט. אַ פּאָר טויזענד... אינגאַנצען. און דאָס איז געווען די איינציגע האָפנונג, זי זאָל קאָנען התונה מאַכען איהר עלטסטע טאָכטער, וואָס איז שוין אַלט זיבען און צוואַנציג יאָהר. משה יוסף זעהט דער טאָכטערס פנים מיט די גרינגע באַקען, מיט די מאַטע ביער-אויגען.

אָה ווי שרעקליך...

אַ מיידעל שטעהט נעבען איהם און ווייזט איהרע מענערישע רויטע הענד. זי איז אַ איידעל קינד געווען, געהאָדעוועט אויף האָניג און מילך. ווען טאַטע-מאַמע זענען אָבגעשטאָרבען, איז זי געוואָרען די פרנסה געבעריין פאַר די יונגערע צוויי ברידערלעך און אַ שוועסטערל פון קוים זיבען יאָהר. זי איז אַ דיענסט געוואָרען און מיט איהר שווערע אַרבייט האָט זי אָבגעשפּאָרט אַ פּאָר איבעריגע זלאָטעס.

און איצט?

אָה ווי שרעקליך...

און אָט רוקט זיך צו אַנ'אַלטער אויסגעהאָרעוועטער אַרבייטער, מיט בלאָהע אָדערדיגע הענד. ער שטרעקט זיי אויס צו משה יוסף'ן, די הענד, מיט וועלכע ער האָט אָבגעשפּאָרט די פּאָר גראָשען, פאַר דער איין און איינציגער טאָכטערס וועגען, צו האָבען אַביסעל נחת אויף דער עלטער:

— נעהם-צו מיין לעבען, — זאָגט ער מיט אַ בעטענדער שטים צו משה יוסף'ן. — ניהם-צו מיין לעבען, אַז איך קען נישט זעהען אַ נחת פון מיין טאָכטער, צו-וואָס טויג מיר מיין לעבען?

אָה ווי שרעקליך...

פו די נייע פנים'ער האָבען זיך אויסגעשיילט פרישע בעלי-חובות, וואָס משה יוסף האָט זיי ביז איצט נישט געקענט. דאָס זענען געווען אויפמאָהנערס פון

שטייערן. איבער דער צייט וואָס מען האָט משה יוספ'ן „פערמאַכט“ דעם וואַלד, האָבן זיך אָנגעזאַמעלט אַ היבש ביסעל שטייערן, וואָס די אויפמאָהנער האָבן נישט געבעטען מיט אויסגעשטרעקטע הענד. בייזע אָנגעכמורעטע זענען זיי געקומען, געפרעגט מיר אַ פּאָר ווערטער, פערשריבען די זאַכען פון שטוב און שטילע זענען זיי אַוועק.

דערנאָך האָבן זיך געשלעפּט טעג און וואָכען איינס נאָכ'ן אַנדערן. און דאָס ערגסטע, אויף וואָס מען האָט זיך געריכט מיט שרעק, איז געקומען.

עס זענען געקומען סעקוועסטראַטאָרן, קאָמאָרניקעס, מיט זיי אידען מיט קאַפּאָטעס און קאָלטענעוואַטע בערד, טראָגענדיג לעדיגע זעק. אלטע גויעס מיט שאַלען, וואָס האָבן מיט דורשטיגע בליקען בעטראַכט די זאַכען, וואָס זענען צום קויפען. זיי האָבן זיך געהאַלטען היימיש, ווי אַלטע בעקאַנטע און גערעדט מעהר אויפ'ן וואונק ווי מיט רייד.

משה יוסף האָט זיך אַרומגעדרעהט איבער די שטובען, די קינדער מיט'ן ווייב זענען אַוועק. ווער אין גאַס ווער צו אַ קרוב.

מיט טרויעריגע ליקען און מיט אַ מאָדנער ליעבשאַפט, וואָס משה יוסף האָט קיינמאָל נישט געפיהלט, האָט ער בעטראַכט די זאַכען, ווי ער וואָלט זיך מיט זיי געזעגענט.

און דאָס, וואָס עס האָט בעדאַרפט געשעהען, וואָס עס געשעהט אויף אַלע ליציטאַציעס, האָט זיך דאָ איבערגעחזרט. צוערשט האָט מען אַרויסגעטראָגען די קלענערע זאַכען, שטוהלען, טישלעך, צוויי שפּיגלען, אַ זייגער, דערנאָך די אַלטע דעמבאָווע שענק, וואָס משה יוסף האָט זיי פון דער חתונה אָן...

דערנאָך האָט געהערשט אין שטוב אַ פּוסטקייט, וואָס האָט אָנגעוואָרפען אַ מרה-שחורה.

דערנאָך איז נאַכט געקומען, דאַכט זיך פריהער ווי אַלע פריהעריגע טעג. אַ שטילער איז יולעק אַריין אין די שטובען, ער האָט זיך אומגעקוקט, ווי איינער וואָס קומט זעהן אַ נייע דירה. און אַ שווערקייט האָט זיך איהם צעלעגט אויפ'ן האַרץ...

די צוויי טעכטער זענען געקומען מיט דער מוטער. איבערטרעטענדיג די שוועל פון איהר שטוב, האָט זיך, דאָס ווייב נישט געקאָנט איינהאַלטען, מיט אַ שליכצענדיג קול האָט זי געוויינט, און דערביי נישט אויפגעהערט פרעגען: „פאַר-וואָס קומט איהר אַזוי פיעל צרות?“

משה יוסף, אַ פערטראַכטער, מיט פערלאָפענע אויגען, שטעהט ביי אַ פענס-טער און קוקט אין דער פינסטערער נאַכט אַריין.

געדאַנקען, בילדער פון דער פערגאַנגענער צייט, אָבגעהאַקטע, צעוואָרפענע, ווי שפּיגער אייז אויף אַ טייך, וואָס גיהט פלוצלונג אייז אין פריהלינג. יעדעס בילד איז שאַרף העל און ליכטיג. און ווען משה יוסף שטעהט איצט ביי אַ שפּיגעל, וואָלט ער זיכער בעמערקט אַ פייערל, וואָס האָט זיך אָנגעצונדען אין זיינע

אי זען, דערמאָהנענדיג זיך זיינע פע־גאַנגענע יאָהרען...

.. אַלס בחור, ווען ער געפינט זיך ביי זיינע עלטערען אין היים, ליכטיגע טאָטע־מאַמע דרעהען זיך אַרום זייער איינציגען זוהן, וואָס גרייט זיך התונה האָבען מיט אַ גרויסען גביר'ס אַ טאָכטער.

ווי גליקליך איז ער דאַמאָלס געווען? גאַנצע וועלטען מיט פאַנטאַזיעס האָט ער אויסגעחלומט וועגען זיין צוקונפטיגער כלה, וועגען זיין צוקונפטיג לעבען...

דערנאָך שוין א חתונה געהאַטער. ער עסט „קעסט" ביי זיינע שוויגער־עלטערן. עטליכע זעקס יאָהר זענען ־אַס געווען. אַ זוהן מיט צוויי טעכטער האָבען איהם זייערע חלומות געבראַכט. מעהר קאָן זיך משה יוסף נישט דערמאָהנען וועגען די זעקס יאָהר, וואָס ער האָט פערבראַכט ביי די שוויגער־עלטערן.

... דערנאָך שוין אַ מענש פאַר זיך, דער שווער גיט איהם דעם נדן (אייגענטליך נישט די גאַנצע סומע, וואָס ער האָט צוגעזאָגט). ער ווערט אַ סוחר פאַר זיך און האַנדעלט מיט'ן שווערס געשעפטען און מען פערדינט געלד ער ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי עס איז געשעהען, ביז וואַנעט מען האָט אָנגעהויבען שמיעכען אין שטאָדט: משה יוסף פערמאָגט הינדערט טויזענד קאַרבען...

...פלוצלונג פערהילט זיך אויף זיינע געדאַנקען אַ שוואַרצער וואָלקען. די וועלט־מלחמה ברעכט אויס.

אָה, וואָס פאַר אַ שרעקליכע טעג ער לעבט דאַמאָלס אַדורך...

קוים מיט צורות בעפרייט זיך פון מיליטער, שוואַך געווען... ווערט ער געוואויר. אַז מען האָט רעקווירירט דעם וואַלד.

דאַמאָלס ווערט ער אַ קיילעכיגער אָרימאַן, אַ חוץ דעם וואַלד האָט משה יוסף גאָרנישט געהאַט...

נאָר משה יוסף איז אַ מענש, וואָס נעהמט זיך נישט צום האַרצען. ער ווייסט, אַז דער מענש איז בעשאַפען געוואָרען צו צוויי הויפט־זאַכען: דאָס איז ריינען גאָט און האַנדלען. דאָס ערשטע האָט ער די מעגליכקייט שטענדיג צו טהון, און ער טהוט טאַקי. דערפאַר קומט מיט דעם צווייטען אָן אַביסעל שווערליך. נאָר וואָס? מען האַנדעלט...

אַלס געוועזענער וואַלד־סוחר ווערט ער טאַקי אַ מעקלער ביי וואַלד־מסחרים, און מען האָט זיך ווייטער אַרויסגעכאַפט אויף'ן פערדעל... אַזוי האָט זיך משה יוסף בעריהמט פאַר זיין ווייב.

פון דאַמאָלס אָן האָט שוין משה יוסף אָנגעהויבען האַנדלען אויף אייגענער האַנד און אַ פאָר מסחרים האָבען געגעבען אַזויפיעל ריווח, אַז מען פעררעכענט משה יוסף'ן צו די ערשטע פון שטאָדט.

משה יוסף ציהט זיך איבער אין אַ נייער דירה. און אַ קורצע צייט דערנאָך ווערט ער אויסגעקליבען אַלס דאַזאָר.

אַזוי איז אַוועק אַ פאָר גליקליכע און צופרידענע יאָהר. משה יוסף קאָן שוין נישט ווייטער טראַכטען. ער געדענקט שוין נישט מעהר, גלייך ווי דער געדאַנק

וואָלט זיך פלוצלינג אָבגעשטעלט.

א שוואַרצער חלל, וואָס האָט אין זיך געטראָגען די נאַכט, האָט אַריינגעקוקט פון דרויסען. ווי אין אַ חלום הערט משה יוסף, ווי דאָס ווייב רופט איהם, ער זאָל מאַכען נאַכט... נאָך אַזאַ טאָג מעג מען זיך שוין אויסרוהען.

.3

אין דער האָזיגער נאַכט, ליעגענדיג אין בעט מיט אָפענע אויסגעשטאַרטע אויגען אין דער פינסטערניש אַריין, איז משה יוסף צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען געקומען דער געדאַנק פון בעפרייאונג...

אין אַזאַ לאַגע ווי ער געפינט זיך איצט האָט ער זיך נאָך נישט געפונען, און דערפאַר, פיהלענדיג זיך אונבעהאָלפען, איז איהם געקומען דער געדאַנק פון בעפרייאונג.

ער האָט זיך לעצטענס אַ סך אָנגעלייענט אין דער פרעסע וועגען זעלבסטמאָרד און אָט דערמאָהנט ער זיך וועגען אַ זעלבסטמאָרד פון אַ פריינד. יאָ — זיין פריינד איז בעגאַנגען אַ שרעקליכען זעלבסטמאָרד, ער האָט זיך געהאָנגען. ווי שרעקליך דאָס קלינגט אין די אויערען?

און דאָך?

און דאָך, טראַכט איצט משה יוסף, אַז זיין פריינד איז גערעכט געווען. ער האָט שוין נישט געקענט לעבען און האָט אַקעגען געטראָגען דער וועלט זיין פראָטעסט...

און מיט זיין זעלבסטמאָרד האָט ער בעוויזען דער וועלט, אַז ער בעצאָהלט זיינע חובות, וואָס האָבען זיך אָנגעזעצט אויף זיינע יאָהרען אין לעבען — מיט'ן לעבען...

אָט אַזוי בעצאָהלען — טראַכט משה יוסף — דאַרף מען קאָנען. אַזוי בעצאָהלט מען נישט איין וועקסעל, אַזוי בעצאָהלט מען נישט צוויי וועקסלען. אַזוי בעצאָהלט מען אַ היבשע צאָהל וועקסלען. און אין איין מינוט און אין איין רגע און אַלע בעלי־חובות זענען זיך מייאש אָבצונעהמען זייער געלד.

אַ שוידער געהט איהם דורך דעם לייב.

און וואָס וועט זיין מיט די קינדער, מיט'ן ווייב?...

זיין פריינד איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, נישט אַזוי צוליעב די חובות, ווי דאָס, וואָס אַ זוהן האָט זיך גע'שמד'ט. אין שטוב האָט ער געהאַט אַ מלחמה מיט זיין פאַמיליע...

אָבער ער?...

וואָס פאַר אַ טייער קינד ער האָט. יולעק פיהרט זיך נישט ווי ער וויל; יולעק איז אַ מאָדערנער יונגערמאַן, אָבער דאָס איז נאָך נישט חס ושלום אַזוי שלעכט. און זיינע צוויי געראָטענע טעכטער?...

וויפיעל חן ליעגט אויסגעגאָסען אויף זייערע בלאַסע פנים'ער מיט די שוואַרצע אויגען? בלויז זיי מאַכען ־־אַד דאָס לעבען אַזוי שען... אַזוי שען... און זיין

ווייב? וויפיעל איידעלקייט און גוטסקייט האָט אין זיך די פרומע עהרליכע פרוי־זיינע?

איצט דערמאָהנט זיך משה יוסף זיינע ערשטע יאָהרען צוזאַמענלעבען מיט דער פרוי און זיין הארץ ווערט פול מיט ליעבשאַפט און דאַנקבאַרקייט צו דער פרוי...

און דאָך?...

דאָך זעהט ער נישט פאַר זיך אַנ'אַנדערען אויסוועג, אַלע וועגען זענען פערשטעלט, נור איין וועג איז פריי פאַר איהם...

איצט קומט אָן אַ שווערער געדאַנק, וואָס מאַכט משה יוסף'ן ציטערען.

ער וויל זיך פאַרשטעלען דעם געדאַנק פון זעלבסטמאָרד, ווי אַזוי וועט עס געשעהען? ווי אַזוי?...

און ער הויבט אָן פּלאַנעווען ווי אַזוי?...

ווידער דערמאָהנט ער זיך אָן זיין פריינד. דאַכט זיך ער האָט עס געמאַכט אין אָרדנונג... געהאַנגען!

יאָ, הענגען זיך איז די לייכטסטע זאַך, די צוגרייטונג איז נור אַ שווערע, אָבער וואָס? מענשען גרייטען זיך דאָס גאַנצע לעבען און קאָנען נישט צוקומען צו דעם, וואָס ער גרייט זיך איצט צו טהון, און דערווייל געשעהט דאָס, אויף וואָס מען האָט זיך גאָרנישט גערעכנט...

די צוגרייטונג? די הענד וועלען אָנבינדען דעם שטריק אויפ'ן האָק, וואָס קוקט צו איהם איצט אַראָב פון סופיט...

און אָט האַכט זיך משה יוסף'ן, אַז די הענד ווערען איהם אָנגעגאָסען מיט בליי. ווי שווער זיי זענען דאָס געוואָרען פּלוצלונג, ווי זיי וואָלטען זיך צעבונטעוועט און זאָגען אָב צו פאָלגען.

מעכאַניש וויל זיך משה יוסף אויפהויבען פון בעט, נאָר ראָ דערפיהלט ער די זעלבע שווערקייט, וואָס ער האָט פריהער געפיהלט אין די הענד. אַ שטאַרקע קראַמפ האַלט איהם פעסט און לאָזט איהם נישט אויפהויבען...

— — — — — — — — — — —

עס זאַמלען זיך מענשען פון אַלע זייטען. ווער זענען זיי?

אַה, משה יוסף דערקענט זיי. דאָס זענען די בעלי־חובות. זיי רייסען זיך צו איהם, אָבער קיינער קאָן נישט צוקומען...

ער שטעהט אויף אַ ריעזיג הויכען באַרג, און די בעלי־חובות ארום איהם טראָגען אַנטקעגען זייערע פּראָטעסטירטע וועקסלען.

אַ שטומער מיט צוגעקלאַפּטע ליפּען פון זיין מויל שטעהט משה יוסף און ענטפערט נישט. ער האָט נישט וואָס צו ענטפערען, שווייגט ער...

נאָר ווען די קולות פון די בעלי־חובות ווערען וואָס אַמאָל שאַרפער, דאַכט זיך משה יוסף'ן, אַז די גאַנצע וועלט אַרום איהם האָט זיך צעשריען. ראַמאַלס עפענט משה יוסף זיין מויל און צעשרייט זיך ווילד.

— איך פּראָטעסטיר אויך...

ער ווערט פּלוצלונג שטיל, גלייך ווי אַלע בעלי-חובות וואָלטען זיך דערשראָקען פאַר די דאָזיגע ווערטער. קיינער רעדט קיין וואָרט נישט אויס. מיט שטאַרע אויגען קוקען זיי אַרויף צו משה יוספ'ן, ווי ער שטעהט מיט אַ אויפגעריסען מויל:

— איך שיק מיין וועקסעל אויך צו פּראָטעסט...

פון די אַלע פּראָטעסטען, וואָס מען האָט אַקעגנגעטראָגען משה יוספ'ן, איז געבוירען געוואָרען איין גרויסער פּראָטעסט...

משה יוסף פּראָטעסטירט...

נאָר לאַנג האָט די שטילקייט נישט געהערשט. די בעלי-חובות האָבען זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערען פערוואונדערט. צוערשט שטילערהייד אָנגעהויבען מורמלען צווישען זיך, ביז מען איז זיך ווייטער פערגאַנגען אין געשרייען און געביילט פויסטען אַקעגען משה יוספ'ן.

און איצט, ווען עס האָט זיך דערהערט משה יוספ'ס ווערטער „איך פּראָ-טעסטיר אויך" איז שוין קיינער נישט שטיל געוואָרען.

אַ ווילד ציניש געלעכטער האָט זיך דערטראָגען צו משה יוספ'ס אויער. דאָס האָבען די בעלי-חובות זיך אַזוי שטאַרק צולאַכט...

און ווי אַלע מיילער, וואָס האָבען געלאַכט וואָלטען זיך צוזויפגעגאָסען אין איין גרויס מויל מיט געלע ציינער, לאַכט משה יוספ'ן גלייך אין פּנים אריין.

און באַלד דערפיהלט משה יוסף דאָס לאַכעדיגע פּנים אויף זיין פּנים, אויף זיך אַליין. ער שליסט די אויגען, עס דאַכט זיך איהם, אַז ער וועט נישט קוקען אין דעם פּנים אריין, וועט איהם זיין לייכטער...

און ווירקליך, ווען ער האָט געעפענט צוריק די אויגען, איז שוין קיינער נישט געווען, ער עטעמט אָב און קוקט זיך אום...

איצט דערזעהט ער, אַז אויף דעם אָרט, וואו עס זענען פריהער געשטאַנען די בעלי-חובות, געפינט זיך אַ טיעפער אָבגרונד, און נור איין טריט פון באַרג אַראָב פאַלט ער גלייך אין אָבגרונד...

ווי לאַנג ער איז אַזוי געשטאַנען האָט משה יוסף נישט געוואוסט. נור פּלוצלונג האָט ער דערזעהן פונדערווייטענס, ווי פון דער טיעפער פינסטערניש טיילט זיך אויס אַ ווייס פינטעלע. יעדער רגע ווערט דאָס פינטעלע גרעסער און דערנעהנטערט זיך צו משה יוספ'ן. און פּלוצלונג האָט ער דערזעהן נעבען זיך אַ געשטאַלט. משה יוסף קוקט זיך איין און דערקענט זיין פערשטאָרבענעם פאָטער.

— אַה, טאַטע, ווי שווער איז דאָס לעבען, — קרעכצט משה יוסף.

דער פאָטער צעשמייכעלט זיך און זאָגט מיט אַ מילדער שטים:

— אויף דעם באַרג, וואו די שטעהסט, איז דיין זיידע ירחמיאל (דו האָסט איהם געקענט) אויך געשטאַנען. און נישט איינמאָל האָט ער פאַר זיך געזעהן דעם אָבגרונד. און ער האָט געלעבט צוויי און אכציג יאָהר. אויף דעם

באחט בין איך אויך געשטאנען, און איך האָב געלעבט אכט און זיבעציג יאָהר. און אויך דו משה יוסף וועסט דיינע יאָהרען אויסלעבען...

— אָבער טאטע—רייסט משה יוסף איבער — ווי אזוי — ווי אזוי קריגט מען זיך אראָב פון דעם בארג...

דער פאָטער מאכט מיט דער האנד. און ווען משה יוסף קוקט זיך איין אין דער האנד דערזעהט ער ווי די האנד דערווייטערט זיך און ווערט פערשוואונדען אין דער פינסטערניש. משה יוסף קרעכצט שווער אָב.

— — — — — — — — —

אין דער פריה, ווען משה יוסף האָט זיך אויפגעכאפט, איז אין דרויסען געשטאנען א פריהלינגס פריהמאָרגען-זון, וואָס האָט אויף משה יוספס פנים געלעגט ליכטיגע שטראהלען...

(סימן: 1495

לעבען

אינ'ם זשום פון די מאַשינען האָט זיך שטילערהייד אַריינגעגנב'עט אַ טאָן פון פרייד.

ווי אַ זעלטענער גאַסט האָט דער פרייִדיקער טאָן געטראָפען די אַלע פינף מיידלעך, וואָס זענען געזעסען איינגעבויגען איבער פינף נייה־מאַשינען. די בלאַנקענדיקע ווייסע לייוונט, וואָס איז פאַלדענדיק געפאַלען אויף דער פאָדלאָגע, האָט אין יעדען פאַלד אַריינגעזאַפט שרה'לעס אַ פרעהליכען געדאַנק.

דער געדאַנק האָט זיך געקייקעלט, געפלויגען איבער דעם חלל פון חדר. די שטילע פרייד האָט דאָך איבערשריגען דאָס זשומעריי פון די מאַשינען און כאָטש עס איז נישט אויסגערעדט געוואָרען קיין איינציק וואָרט, האָבען אַלע מיטגעפיהלט די פרייד פון זייער חבר'טע, און געשיקטער האָט זיך אָנגעהויבען טהון די אַרבייט.

שרה'לע האָט געטראַכט פון איהר חתן, וואָס קומט היינט צו זיין צו גאַסט. אַ פרייד אַ שטילע האָט זיך צעגאָסען אין איהרע אויגען און האָט אָנגעצונדען אַ פייערל. אַ פייערל אַ זוינס, וואָס בעווייזט זיך נאָר ביי גרויסע בעגעהרען און גרויסען תענוג.

זי האָט זיך געזעהען שוין אין דער היים. דעם פאָטערס אויגען בלישטשען גרין, דאָס פנים איז רויט, נחת'דיג אויסגעשוויצט, די באָרד איז ברייט צעקעמט און דאָך געפינט זיך נאָר אין איהר אַ היבש ביסעל „שפּילקעס“ פון שוויצבעזעמעל.

די מוטער קאָן נישט איינשטעהן אויף איין אָרט. זי לויפט פון קיך אין פאָדערהויז, פון פאָדערהויז צוריק אין קיך, ברענגט צוטראָגען אַ הויך, אָנגעלאָדענעם לעפעל שמאַלץ ביז איבער די ברעגעס, לאָזט איהם שטעהנדיג שטעקען אין דער צעקנעטענער נאַסער חלה, לויפט ווידער צו צום אַלמער, טראָגט פון דאָרט ראָזשינקעס, צוקער, צעמישט עס אויף גיך. — היינט מוז זיין דער בעסטער קוגעל. שרה'לעס חתן איז ביי זיי צו גאַסט.

פון שוסטער־וואַרשטאַט איז קיין סימן נישטאָ. די בענקעלעך זענען פעררוקט טיעף אין אַ ווינקעל, די מאַשין פערדעקט מיט אַ ווייס בלאַנקענדיג טישטוך, און פון אַלץ פיַנקעלט שוין אַרוים דער שבת.

מיט אַ קוויטש קומט זי אַ היים: — געוואַלד, טאַטע, קוק נאָר אָן דיין באָרד, אַ גאַנצער וואַלד איז דאָך דאָ אויף איהר.

זי כאפט אויף גיך א קליין שוסטער=בענקעלע, איין פוס לעהנט זי אן און זעצט זיך דערויף רייטענדיג. דער פאטער זיצט מעשה פריץ אויף א גלאנציענדיגען שטוהל און א פרעהליכע נעהמט זי זיך אראבקלויבען די שפילקעס פון זיין בארד.

— זעה נאר דא. מיט מיר גאר ברוגז. — בייזערט זיך כלומרשט איהר חתן, וואס האט נאר וואס אריינגעשטעקט זיין קאפ דורך דער האלב אפענער טהיר פון אלקער. דער שווארצער קודלעוואטער קאפ איז נאך פול מיט מעהלשטויב. דאס פנים איז איינגעזייפט, אין איין האנד האלט ער דאס ראזיר=בערשטעל און מיט דער צווייטער שלעפט ער זי אריין אין אלקער. מיט דער איינגעזייפטער מארדע וויל ער איהר געבען א קוש. זי מאכט א געוואלד און די מוטער קומט אריינצולויפען.

— געב נאר א קוק, איצט שפיעלט זי זיך גאר מיט'ן חתן. מארגען וועסטו וועניג צייט האבען? מען דארף מאכען דעם קוגעל און פערדוקען דאס טשאלענט.

זי פיהלט זיך שולדיג פאר דער מוטער, און פול מיט האפנונג אויף מארגען לאזט זי זיך שוועבענדיג צו דער קיך צו.

— שפעט מיידלעך, שפעט! — האט די מייסטערין איבערגעריסען איהר חלום, — שוין צייט אהיים צוגעהן.

אויף גיך איז אבגעשטעלט געווארען די ארבייט. מאשינען זענען שטיל געווארען, דער זשום אבער האט נאך א היבשע ווייל ארומגעבלאנקעט איבער'ן חדר. די מאשינען זענען פערדוקט געווארען אין א זייט און אינ'ם וועש=ווארשטאט האט אנגעהויבען אריינצודרינגען דער שבת.

די פארנאכטיגע זון האט אריינגענומען די מיידלעך אין זיך, און א שטיק פון איהר מיט פינף פאר הענד און פיס האט זיך איצט בעוועגט איבער די גאסען פון שטעדטעל.

* * *

געטראפען האט שרה'לע זייער דירה האלב אפען. די מוטער איז געשטאנען אין קיך ביי א אבגעגאנגען פייער, די הענד שטארק פערלעגט און האט עקשנות'דיג געשוויגען. דער פאטער איז געזעסען אויף איינעם פון די שוסטער=בענקלעך. די בארד צעקנאדערט ווי אנ'אלטע פעדינע. די אויגען האלב פערגליווערט און מיט די האלבע פערגליווערטע אויגען האט ער שטאר געקוקט אין א געוויסען פונקט אין חלל, ווי ער וואלט דארט געזעהען דעם סוד, צו וואס ער גארט שוין יאהרען לאנג, נאר בענעהמען קאן ער איהם נישט.

א שטילקייט, וואס האט אבגעריסען די אויערען, איז געווען אויסגעגאסען איבער'ן גאנצען הויז. די שטילקייט האט געוועהעט און אנגעוויזען צום אלקער צו.

דער כח פון אומגליק האט שרה'לען געשטופט, ווי אנ'אומטערפיהרער. זי צוגעפיהרט ביז צום אלקער צו און דארט האט זי אויפ'ן דיל דערזעהען ליגען עפעס איבערדעקט מיט א שווארצען טוך. צוקאפענס האבען געברענט צוויי ליכט און אנ'אלטער איד האט מעכאניש געמורמעלט עפעס אונטער דער נאז.

שרה'לע האָט נישט מעהר ווי איין געשריי געטהון, אויסגעדרעהט זיך מיט'ן פנים צום פאָטער, אַ קלייגע ווילע האָבען זיי זיך פיינליך איינגעקוקט אין די אויגען, ביז דער פאָטער האָט שוין נישט געקאָנט מעהר אויסהאַלטען איהר בליק און ווי פאַר זיך אַ מורמעל געטהון: — דער דוגייעץ האָט זיך צוגענומען זיין קרבן.

די מוטער האָט שוין משמעות לאַנג געוואַרט, עס זאָל עמיץ אָנהויבען צו רעדען, וויל באַלד ווי זי האָט נאָר געהערט אַ קאַלנג פון איהר מאַנס שטימע, האָט זיך איהר צונג אויפגעבונדען און זי האָט אָנגעהויבען צו רעדען אַזוי שנעל און האַסטיג, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, מען זאָל איהר חלילה נישט אַוועקכאַפּען די רעד, וואָס זי האָט זיך אָנגעגרייט:

— אַזאַ אומגליק! אַזאַ בראָך! ווער האָט זיך געקאָנט אויף דעם ריכטען. געקומען איז ער נאָך באַלד אינדערפריה, תיכף ווען דו ביזט נאָר אַוועק צו דער אַרבייט. ער איז אַוועק זיך באָדען און געה ריכט זיך אויף אַזאַ בראָך. צוועלף אַ זייגער האָט מען איהם אַהיימגעברענגט אין אַזאַ מצב. — די מוטער האָט זיך ערשט געהאַט צעלאָזט. זי האָט געהאַט צו רעדען און צו ריעדען. שרה'לע אָבער האָט עס שוין מעהר נישט אויסגעהאַלטען:

— לאָז שוין זיין גענוג, מאַמע. — האָט זי אַ זאָג געטהון און זיך געוואָרפען מיט'ן פנים אין קישען.

פאָרקעוועס אין שטיוועל האָבען אָנגעזאָגט זיין גאַנג. ער געהט, ער געהט פערענדיגען דאָס לעצטע שטיקעל אַרבייט, וואָס ער האָט אָנגעהויבען נאָך פרייטאַג אין דוגייעץ. זאַמדיגע ערד וועט איהם אַריינגעהמען אין זיך און ווייטער וועט אַלץ זיין שאַ, שטיל, ווי קייגמאָל גאָרנישט.

דערווייל אָבער קלאַפּען פיס. פיס געזונדע פון שניידער, שוסטער און בעקער, געהען זיי מיט געזונדע זיכערע טריט, איבער דעם שטיינערנעם וועג. פיס קלאַפּען צו צום טאַקט און איבער זייערע קעפּ שוועבט דער טויט אין פאָרם פון אַ שוואַרץ קעסטעל און אַזוי גיסט זיך צוזאַמען אונזער לעבעדיגע וועלט מיט'ן אין-סוף פון טויט.

דער קבר איז אָנגעגרייט פון פריהער. גיך, גיך לאָזט מען אַראָב דאָס קעסטעל. אַ איד מיט אַ בייזער קאַלטענגעוואַשטער באָרד ברומט-אָן אַ קדיש און גיך און געשווינד צעלויפט מען זיך אַהיים, ווי מען וואָלט מורא געהאַט דער טויט זאָל נישט אין איינוועגס נאָך עמיצען מיטנעהמען.

אין אַ נעבעל מיט מחשבות איז שרה'לע אַרומגעגאַנגען, זי האָט געשוועבט צווישען לעבען און טויט. קיין אייגציגע רגע האָט זי זיך נישט געקאָנט בעפרייען פון דעם פלאָנטער, וואָס האָט זיך געשוועבט אַרום איהר. די זכרונות זענען נאָך געווען פריש, אָט ערשט נעכטען, ערשט מיט עטליכע טאָג צוריק האָט אַ קוואַל פון לעבען זיך געגאָסען אַרום זיי, אַ הייסער שטראָם איז דורך איהר לייב יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך צוגעריהרט צו איהר מיט זיין גליהענדער האַנד, מיט זיין הייסען אָטעם, און איצט פולט שוין אַלץ אונטער אַ בערגעל קאַלטער ערד.

ווי איז דאָס מעגליך? ווי אַזוי איז דאָס געקומען אַזוי שנעל און אומגעריכט?

און דאָך איז עס אַ פֿאַקט. איהר חתן איז טויט. דער קברן מיט דער בייזער קאַלטענעוואַסער באָרד האָט עס בעשטעטיגט מיט זיין גרילצענדיגען קדיש.

זי געהט ווייטער צו דער אַרבייט. נישטאָ קיין לאַנגע ימים־טובים. דער שרעק־ליכער טויט קאָן אויך נישט לאַנג אויפהאַלטען די וואָכעדיגקייט פון דער אַרבייט.

ווייטער פֿאַלטעט זיך דער בלאַנקעגדיגער ווייסער לייוענט, פֿאַלענדיג פון דער מאַשין אויף דער שרייענדיגער רייגער פֿאַדלאָגע. די מיידלעך, איהרע חבר'טעס זענען געוואָרען שווייגענדיג, קוים וואָס זיי רעדען אַרויס אַ וואָרט.

האָבען זיי דאָס אַזוי פיעל רחמנות אויף איהר? — פֿאַלט איהר טיילמאָל איין אַ געדאַנק. אָבער צו וואָס דאַרף זי זייער רחמנות. צו וואָס דאָס ווייכע נעבעכ־דיגע שווייגענדיגע רחמנות. פֿאַרוואָס לאָזען זיי זיך נישט אַרויס צוזאַמען מיט איהר אין גאַס. שרייען, געוואַלדעווען געגען דער גרויסער עוולה...

און טיילמאָל ווידער ווערט דער גאַנצער פּראָטעסט אויסגעלאָשען ביי איהר.

ווי אַזוי זאָלען פרעמדע פיהלען איהר שמערץ? קאָנען זיי דען דאָס? זענען דען פרעמדע בכח אַזוי טיעף זיך דורכצולעבען, ווי טיעף עס געהט דאָס מענשליכע ליידען. דעמאָלט איז זי געקומען צום בעשלוס: אַ סוף. אַנ'עק מיט דעם גאַנצען טומשעניש.

פּונקט אַזוי פּלוצלונג, ווי דאָס אומגליק האָט געטראָפען, אַזוי פּלוצלונג האָט ביי איהר אויפגעבליצט דער געדאַנק פון זעלבסטמאָרד, און וואָס מעהר זי האָט זיך אין איהם פערטראַכט אַלץ מעהר האָט זי געפונען אין איהם איהר ערלעזונג.

וואָס אַ טאָג הויבט זי אָן מיט מעהר גלאַסענקייט צו פערטראַכטען זיך וועגען איהר אייגענעם טויט. איין קליינע בעוועגונג מיט'ן רעוואָלווער, די איינציגע ירושה פון איהר חתן, און שוין נאָך אַלעם. עס איז דאָך גאָרנישט אַזוי שרעקליך. זי האָט זיך בייגאַכט ביים שלאָפען געהן פֿאַמעליך און מיט ישוב הדעת בעטראַכט איהרע גלידער און אָהן אַ ברעקעל רחמנות געקוקט אויף זיי, ווי אויף אַ שפּייז פון דער גרויסער מאַמע־ערד.

אַ פערגליווערטע גלייכגילטיגקייט האָט איהר בעהערשט. זי איז געווען אַזוי פעסט מיט'ן געדאַנק וועגען טויט, אַז זי האָט צוריק אָנגעהויבען לאַכען מיט אַ קווי־טשענדיג לאַנג געלעכטער, ווי זי וואָלט זיך וועלען רייצען מיט'ן לעבען, וואָס זי געהט מיט'ן פולסטען בעוואוסטזיין אָוועקוואַרפען.

און אַ פייער פון קאַלטער רציחה האָט זיך צעגאָסען אין איהרע אויגען. וואָס מיעפער זי האָט זיך אַריינגעטראַכט אין דעם געדאַנק וועגען זעלבסטמאָרד, אַלץ הילכיגער האָט זי זיך צעלאַכט און אַלץ ווייטער האָט זיך דער סוף, איהר אייגענער סוף, זיך דערווייטערט פון איהר.

אין פון דער שטילער פערחלומטער שרה'לע איז אויסגעוואַקסען אַנ'אַכזריותדיג פרעהליך מיידעל. מיט אַלע שטאָדטישע בהורים איז זי געגאַנגען שפּאַצירען. הויך

און הילכיג מיט זיי געלאַכט, ווי זי וואָלט מיט איהר לאַכען עמיצען להכעיס געטהון.

קאָן מען אָבער משמעות מיט'ן לעבען קיין טראַצען נישט פיהרען. לאַכט מען אַזוי לאַנג מיט רשעות ביז מען פערגעסט דאָס רשעות און מען הויבט־אָן לאַכען מיט אַנ'אמת.

און יונג מיידעלש געלעכטער האָט אַנ'אָבקלאַנג, מעג עס זיין אפילו מיט וואָס פאַר נישט איז בעהאַלטענער כוונה. האָבען בחורים וויטרער אָנגעהויבען צו קומען צו איהר און טאַטע מאַמע זענען געווען צופריעדען. דאָך פערגעסען האָט זייער טאָכטער פון אונגליק.

* *

*

אינם טאָג פון שרה'לעס חופה, ווען די מוטער איז מיט איהר אויף קבר־אבות געגאַנגען, האָט זי נישט דרייסט אַ פרעג געטהון: — שרה'לע, אפשר אָבטרעטען ביי איהם אויך?

שרה'לע האָט זיך אַ ווײלע פערטראַכט און אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד:

— מען דאַרף נישט, מאַמע.

די מוטער, וואָס האָט געקענט עטליכע לשון־הקודש־ווערטער, האָט פאַר זיך אַ זאָג געטהון:

— דור הולך ודור בא!

א. לומאַש

אין אַ העק

אַ פֿאַרטריקנטער דעמב איז געוואַקסן פֿון דער ערד, מיט עקשנות געשפּרייט אַרום זיך האַרטע וואָרצלען. אָבגעצוימט פֿון גראָזיגן שליאַד, איז ער געוואַקסן געקעט, אָהן פּירות — געוואַקסן ווי די פֿאַרזעסנקייט פֿון אַ מויד.

אַרום איז געווען שטיל. בלויז פֿון ווייסן קלעפּיגן הייזעל האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פֿון אַ האַמער. גדליה, אַ איד אין די פֿופֿציגער מיט אַ טרוקן פּנים ווי די קאָרע פֿון אַ בוים, איז אַרויס אויף דער טרעפּ אָהן אַ ראָק, גענומען פֿון הויף אַ האַק, פֿאַראַקטשעט די אַרבעל און זיך געלאָזט צום נאָהנטסטן וועלדעל.

ער איז אָבגעגאַנגען עטליכע טריט, פּלוצים אַ דרעה געטהון דעם קאָפּ אויף צוריק און ס'קול האָט געהילכט אויף אַ הינטער:

— רחל, כ'געה אין וואַלד.

די טריט זענען פֿערשוואונדען. דער אָטעם אַ מיעדער האָט געסאָפּעט אין גאַנג און פֿון הינטער'ן שוויסיגן שטערן האָט אַפּערגעקוקט אַ שווערער, טאַטעדיגער זאָרג.

אין אַ העק וואוינט דער איד. אַנ'אָרט, וואו ס'וויזט זיך זעלטען אַנ'אייגענער. און צווישען גוים איז שווער. כאָטש איינגעלעבט, אָבער פֿרעמד. פֿרעמד איז די געגענד. אין די שבתים בענקט זיך נאָך דער שטאָדטישער שוהל, אין די יום־טובים — נאָכ'ן חזנ'ס קול און נאָך שלש סעודות, אַז ס'ווייב זינגט אויס „גאָט פֿון אַברהם“ — צעגעהט דאָס שוואַכע קול איבער'ן קליינעם שטח פֿון די פּאָר בוימער, געפֿינט אפשר אַנ'אָברוף אין דער אַכט און צוואַנציג יאָהריגער טאָכטער, וואָס געהט אַרום אַ זאָרגלאָזע, לעגט זיך הינטער אַ בוים, הינטער אַ צווייג, פֿיהלט אַוודאי נישט ווי די צייט לויפֿט, די יאָהרען לעגען זיך איבער'ן קאַרק. און זי, אָהן דאגות, ווייסט נישט פֿון אידישקייט, לעבט איינזאַם, מיט זיך, זעהט כמעט קיינמאָל נישט די צורה פֿון אַ אידישען בחור, טאָ וואו איז נחת? אפשר דער זוהן, וואָס דינט שוין יאָהרען ביים מיליטער, לאָזט זיך אַמאָל הערען. אַ גרום — דער טאַטע זאָל נישט זאָרגען, די מאַמע זאָל נישט וויינען.

רחל האָט פֿערמאַכט הינטער זיך די טהיר, בעגלייט מיט די אויגען דעם טאַטען און אויסגעזוכט אַ שאָטען פֿון אַ בוים. זי האָט זיך אַ וואָרף געטהון אויף דער ערד, אַנ'אויפגעלעגטע געגורעט דאָס לייב, געפֿיהלט גוט, און זיך געוואונדערט וועמענס עסק איז אַז זי איז פֿערזעסען.

די דאָרפישע פרישקייט האָט אַראָבגעשמייכעלט פון די פולע באַקען, פון זאַמעטן האַלז. זענען די פלעכטען צעפאַלען איבער'ן אָבגעדעקטען אַקסעל, צעפאַלען און פינסטערער געמאַכט די דונקעלע אויגען.

די שקצים פרעהען זיך מיט איהר ווייבליכקייט. יעדען אָוועגד קומען זיי צו דער באַטע, שפּיעלען אויפ'ן האַרמאָניק, טענה'ן מיט דער מאַמע, גלעטען רחל'ן און זאָגען, אַז גדליה האָט אַ שענע טאָכטער. וואָס ווילען זיי, די שקצים? יעדער איינער, וויל זיך מיט איהר פערקלייבען אין וועלדעל, ווייט פון דער באַטע, וואו מען זעהט נישט קיין מענש. און זי מיט איהר דאָרפישער תמימות וויל געהן, אויס נייגיריגקייט זעהען. אָבער טאַטע-מאַמע פערקרימען זיך, פערקלערען זיך און טראַכטען, אַז די ערלים קענען נאָך פערפיהרען ס'מיידעל, חלילה עפּעס שלעכטס טהון.

מן הסתם ווייסט זי, די מאַמע, וועט דאָך נישט זאָגען, ווען זי וועיס נישט. און דער טאַטע שאַרפט די האַק. יעדען פריהמאָרגען געהט ער אין וואַלד. נאָך אַ גאַנצען טאָג בויגען זיך אין דריי$\mathrm{}$ען, קומט ער צוריק אַ פערסאָפּעטער, נעהמט נאָך מעלקען די קוה — אַלץ זיין דאגה — טרייבען אין שטאַל אריין און די שקצים, וואָס דרעהען זיך אַרום הויז, שטעהען איהם, ווי אַ שפּין אין די אויגען.

זי איז אַלט? ווער זאָגט? אַז מען זיצט צווישען בוימער, פיהלט מען נישט קיין אַלטקייט, יונג לעבען שפּראָצט פון די וואָרצלען, פון די שפּאַלטען, פון די פערגרלעך ערד. מעג מען זיין אַ אידישע טאָכטער, אַ ישובניקס, נישט טראַכטען פון אַ חתן, צעהלען די עלטער אין די הויכע צוואַנציג, פינף און צוואַנציג, אַכט און צוואַנציג — — —

אַ פלאַטער פון אַ פויגעל האָט זיך פאַרבייגעטראָגען, פון אָרט צו אָרט זיך אָבגעשטעלט, איז די לופט געוואָרען דורכגעלעכערט, אַ ווינדטעל האָט זיך אַ הויב געטהון, קעלט געהאָרפען איבער דער אַרומיגקייט, רוישען געמאַכט די שטילקייט.

און פון דער געדיכטעניש איז אָנגעקומען אַ איד, אַ פעסטער מיט אַנ'אָנגעבעלצטען רוקען, אָנגעשטאָפּטען גווידער. די העגד זענען געווען אַריבערגעוואָרפען איבער דער פּלייצע, אָנגעהאַלטען אַ זעקעל. מיט אַנ'אייליגען גאַנג איז ער צו צו דער באַטע, געמיינט צו עפענען די טהיר.

— וועמען זוכט איהר, פעטער? — איז רחל מיט איין שפּרונג צו צו דער טהיר, זיך געשטעלט פאַר'ן איד.

— וועמען כ'זוך? קיינעם נישט. כ'בין אַ דורכגעהער, אַ איד. אויפ'ן וועג מיעד געוואָרען, דערזעהען אַ הייזעל, געטראַכט מסתמא אַ אידיש'ס. והא ראיה, צוקומענדיג נעהנטער, האָב איך זיך טאַקע נישט גענאַרט — — — קען מען ביי אייך קריגען אַ טרונק וואַסער?

רחל האָט געברענגט אַ פולע קוואָרט וואַסער און גערופען די מאַמע. די מאַמע אַ פולע אידענע מיט אַ טיעפען שיימעל ביז'ן האַלבען שטערען, האָט אַריינגעווישט די הענד אין פאַרטוך און מיט חשד בעטראַכט דעם איד, זיין הילוך.

— איהר קומט פון ווייט?

— פון ווייט — האָט דער איד געזיפצט — פון דאָרף צו דאָרף, פון העק צו העק. כ'גײה אין שליחות. די אידישע ישובים זענען אַזוי צעוואָרפען, אַז ס'איז שווער זיי צו געדענקען, און ביי גויים — אַזאַ שפּע.

יער האָט אָבגעבונדען ס'האַלז-טיכעל פון אָנגעקרעפּטען גווידער און זיך געזעצט אויפ'ן זעקעל.

— דאָס איז אייער טאָכטער?

— מיינע.

— קיין עין-הרע, אַ מויד ווי אַ ריעז — איז דער איד נתפּעל געוואָרען.

רחל האָט געזעהן, ווי דער פרעמדער, אַזאַ גייציגער קוועלט פון איהר אָן, איז זי אַזש רויט געוואָרען און געמ'הלט, אַז ס'אַ חוצפּה פון אַנ'אַלטען אַזוי צו קוקען.

— דאָס איז דאָך, מיין טענה — האָט דער איד געהאַלטען אין איין ביגרען ס'האַלז-טיכעל — אַז אַנ'אמת'ע כשר'ע אידישע טאָכטער קען מען נאָר געפינען ערגיץ ווייט, פערוואָרפען, וואו ס'חלומ'ט קיינעם נישט אַ שמעק אַהין צו טהון, פונדעסטוועגען — האָט ער צענומען די מילכיגע הענד — פונדעסטוועגען, אויב נאָך אַ מיידעל, איז צייט אַ קלער צו טהון וועגען אַ שידוך. מיינט איהר, ס'וואָלטען וועניג בעלנים געווען?

— אַז מען וואוינט צווישען גוים, ר' איד, צווישען הוילע גוים, אויסער זיך אַרויסקלייבען.

— נו טאַקע, טאַקע — האָט ער אונטערגעשמייכעלט מיט'ן רעכטען אויג — ווער שמועסט נאָך אַ שטאָדטישער. אַ שניפּס... אַ פראַק.. כי כי כי...

— מיין מאַן זאָגט אויך אַזוי.

— איהר האָט אַ מאַן?

— ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר. איצט איז ער וועלדעל, האַקט האָלץ. ער איז נישט צופריעדען מיט די שכנים, זאָגט אַז מיט איהר וואַרטען כאַפּט זי איבער די מאָס.

אַ פערשעמטע איז רחל אַוועק פון דער מאַמען, אַוועק צו דער קוה.

די געפּלעקעלטע בהמה האָט געמעקעט, געשאָקעלט מיט די הערנער, מיט'ן אייטער, גאָרנישט פערשטאַנען און רחל, אַ רויטע פון בושה האָט געזוכט נאָהענט־קייט.

זי האָט צענומען די האָר, פערפלאָכטען אַ צאָפּ, אַ שפּרינג געטהון אויף דער ערד, זיך איינגענורעט און ווידער אויפגעשפּרונגען.

שטיקער זאָרג האָבען געעגבערט דעם קאָפּ, צום ערשטען מאָל אַריין איז מוח און געמאָהנט. די מאַמע זאָרגט פאַר איהר תכלית, דער טאַטע קוקט קרום. אַ שטאָדטיש מיידעל — זאָגט ער — איז אַזעלכע יאָהרען, שוין לאַנג אַ מענש פאַר זיך. און דאָ קומט אַ איד, אַ פרעמדער, מישט זיך נישט אין זיינס, וויל כלומרשט פערזאָרגען אַ אידישע טאָכטער.

די גוים זענען פרעמד? נישט אמת. אַזעלכע שטאַרקע, געזונדע, ברעכען צוויי־

כען מיט די בלויזע הענד, לאָזען זיך ווינטער באָרוועס איבער׳ן שנעע. און אַז י־
הזר׳ט עס איבער, זאָגט עס אַמאָל פאַר׳ן טאַטען — קאָכט אין איהם אויף ס׳בלוט,
ווערט ער אויפגעבראַכט. ביילט אַ פויסט, וויל דאַכט זיך הויבען אַ האַנד, אָבער
באַלד קריגט ער חרטה, קרעכצט, וואָס אידען זענען אין גלות. די אויגען ווערען
פייכטער און ער בעפעהלט מיט׳ן ווייב:

— שרה, נעהם דעם טייטש־חומש און מיש איהר אויף...

רחל האָט אָבגעבראָכען אַ דין צווייגעל און געפּאָכעט דערמיט אין דער לופט.
צוויי קעץ זענען פון ערגעץ אָנגעלאָפען, זיך געקנוילט, זיך געוואָרפען איינע אויף
דער צווייטער און זיך געביסען אין די העלזער — האָט זי נאָכגעיאָגט די קעץ, גע־
שמיסען מיט׳ן צווייג און געטריבען.

זי איז געגאַנגען צווישען שורות שטאַמען — די שארית פון אַ וואַלד — גע־
גאַנגען אַ שעה, געגאַנגען צוויי שעה און ביז׳ן טיעפען אָוועגד זיך געפרעגט, ווע־
מענס עסק איז, אַז זי איז פערזעסען.

שפּעט איז אַהיים געקומען דער טאַטע, אַראָבגעוואָרפען פון די פּלייצעס אַ
קלאָפּטער האָלץ און שווער געזיפצט. ס׳ווייב, וואָס איז געווען פערטהון אין קיך
האָט פּלוצים בעמערקט זיין אָנגעכמורעטע שטערען, זיך געכאַפּט, אַז ער האָט
פערלוירען אַזויפיעל פון זיין געמיט — און זיך געשראָקען.

גדליה האָט געווישט דאָס טרוקענע פּנים, אַ שטאַמעלדיגער זיך געטראָגען פון
אָרט צו אָרט און יעדעס מאָל ווען אַ וואָרט האָט זיך געגליטשט אויף דער צונג,
עפּעס געוואָלט זאָגען, איז ער אַנ׳אונבעהאָלפענער געבליבען שטעהן אין מיטען
שטוב און נישט געוואוסט פון וואָס אָנצוהויבען.

— שרה, מ׳דאַרף פערלאָזען דעם העק.

— נאָך צייט, גדליה.

— דו פערגעסט, אַז מיר וואויגען צווישען גוים, שרה!

— כ׳פערגעס נישט.

— טאָר מען מעהר נישט זיצען!

ער האָט זיך אַ דרעה געטהון אויף אַ זייט, בעת זיין גאַנצע מגושמדיגקייט איז
פערשוואונדען און די טעמפּע אויגען האָבען געבליצט מיט איבערגעגעבענקייט:

— אַז מען וועט לענגער דאָ בלייבען, וועט זיין שלעכט.

— טאָ וואוהין זאָלען מיר זיך קלייבען?

—אין שטאָדט.

—אין שטאָדט? אַזויפיעל יאָהרען אָבגעלעבט אין דאָרף, און היינט גאָר אין
שטאָדט?

— אַז מיר וועלען לענגער דאָ זיצען, וועלען זיי מאַכען פון קיבר אַ תל.

— וועט מען נישט דערלאָזען!

— נישט דערלאָזען? בריה מיינע! אַזויפיעל ערלים, וועט זי גישט דערלאָזען...
ווער? דו וועסט נישט דערלאָזען?

אַנ'אויפגעבראַכטער האָט ער זיך געקאָכט, זיך גע'כעס'ט און מיט פינף פינגער געגעבען צו פערשטעהן:

— דו מוזט וויסען, שרה, אַז אַ יונג איז נישט קיין בבל, קען זיצען נאָך אַ פּאָר יאָהר, אָבער אַ מויד, שרה, אַ מויד!...

ס'ווייב האָט זיך ווייטער פערטהון אין קיך און מעהר נישט געהערט. און הינטער דער דאָרפישער פלאַכקייט האָט זיך געלעגט אַ בענקעניש, אַ נאָגענדיגע געוועקט, נישט געקענט איינשטימען וואָס ער, דער גראָבער יונג איז אזוי איינגע-לעבט אין מגושמדיגער הוילקייט, זינקט מיט'ן גאַנצען חומר.

ער האָט זיך געפלאָנטערט אין גאַנג, געוואָלט זיך עפּעס קלאָר מאַכען און אַרויסגעשטאַמעלט:

— דער טאַטע מיינער, עליו השלום, האָט געטראָגען אַנ'אַטלעסענע קאַפּאָטע אום שבת, די מאַמע — אַ זיידענע קופקע צום ליכט-בענשען.

ס'איז געוואָרען שטיל. די נאַכט אַנ'אויסגעוועבטע איז צוגעפאַלען, און איבער'ן עגגען הייזעל, צווישען טאָכטער און ווייב איז געשטאַנען דער ישובניק, ווי אַ שטומע בהמות, אונבעהאָלפען געקוקט אויף זיין איינזאַמקייט, אויף דער שלוח, וואָס האָט זיך אויסגעטהון פון רחבות, זיך אָבגעצוימט אין אַרומיגען העק און זיך גע-לעגט אויף מענש, אויף בלאַט, אויף גראָז.

?

רייזעלע

1.

אַ גרויסע ליכטיגע שטוב אין אַ רוהיגען הויף. אַ שטאַל אויף דריי פערד, אַ גערוימטע סטאַדאָלע. דאָ וואוינט שוין זינט דער מלחמה כאַציע דער פוהרמאַן. ער איז אַ געזונדער איד, שטאַרק און גלייך, ווי אַן'אַלטער בוים, און טראָגט נאָר לייכט אויפ'ן קאַרק זיינע זעכציג יאָהר. זיין פנים איז אָבגעברענט און פערהאַרטעוועט פון זון און ווינד. ער איז אַ גאַנצער רעדעל=פיהרער ביי די פוהרמאַנעס און פוילט זיך נישט אַ טובה צו טהון. דער זוהן, דער בן=יחיד, איז זעהר עהנליך צום פאָטער, נאָר דין און שלאַנק איז ער און אין מויל זיינעם בלישטשען ווייסע ציינער, אונטער דונקעלע וואָנסעלעך. נאָך גאָר אַ יונגער בחור איז משה'לע. אַז ער געהט אַרויס פון שטאַל און זעצט זיך אויף דער דראָשקע, אין זיין פיינעם בגד מיט די בלאַנקע קנעפּ. דאָס היטעל איבער די פערטראַכטע אויגען, זעהט ער אויס, ווי אַ יונגער פּריצ'ל. און נאָר פלינק פאָהרט ער אויפ'ן גאַס אַרויס — אויפגעהויבען דעם בייטש און שוין טראָגט דאָס פערדעל דעם לייכטען וואָגען אַרויס דורכ'ן טויער.

קוים נעהמט זיך דער יונגער פוהרמאַן צום שפּאַנען און עס הערט זיך, ווי דאָס פערד ווערט אַרויסגעפיהרט פון שטאַל, ווייזען זיך שוין די שיקסעס אויפ'ן הויף. דוקא דאַמאָלס דאַרף מען לויפען צום קרעמעל, אָדער זיך אַראָבכאַפּען אין קעלער עפּעס אַרויפטראָגען, אָדער ס'פערגליסט זיך, גלאַט אַזוי, צו שטעהן אַביסעל אויפ'ן הויף. אָבער כאַציעס בן=יחיד לעגט נישט קיין אַכט אויף פרויען. בעת זיי פערטשעפּען איהם, רויטעלט ער זיך און קוקט אָן אַ זייט. נישט אומזיסט איז ער ערצויגען ביי דער מאַמעס פאַרטוך — פון פינף קינדער נאָר ער אַליין ביים לעבען געבליבען. אַ ציטעריגער, העלפט דעם פאָטער דעם ערשטען יאָהר. ביז נישט לאַנג האָט כאַציע געהאַלטען אַ יונג. אָבער היי=יאָהר פאָהרט שוין אַרויס, נאָך האַלבען טאָג, דער צוואַנציג=יעהריגער זוהן, שטעהט אויף זיין אָרט, אויפ'ן ראָג גאַס. קעגענאיבער דעם טישעל פון אויבסט און זאָדע=וואַסער, אין דער רייה מיט אַנדערע פוהרמאַנעס — אַ גאַנץ שיינער בחור, אַן'איידעלער. אָפטמאָל פלעגט ער פאַרנאַכט צוגעהן צום טישעל אַ טרונק טהון, הערביי זיך איבערוואַרפען מיט אַ ווערטעל מיט רייזעל'ען, דער קרעמערקע. שטעהט ער פאַר'ן טישעל, דאָס היטעל

אָן אַ זייט און די דונקעלע האָר פאַלען איהם אויפ'ן שטערן. דאָס מיידעל, אַביסעל אַ געשטופּעלטע, אַ פולע, דערלאַנגט איהם דאָס גלאָז קאַלטע שוימענדיגע וואַסער, דערביי איז איהר דערשראָקענער בליק ווי צוגעבונדען צו זיין פנים. אַנ'אַנדערש מאָל קומט אוים כאַציעם זוהן אָבצופיהרען פון וואָקזאַל די קרעמערקע, מיט אַ פּאָר קעכטלעך סחורה. און שפּעטער — ס'איז שוין ווינטער געווען — האָט זיך פון דעם מיידעל דערוואוסט משה'לעם מאַמע. אַ אידענע האָט איהר דערצעהלט אויפ'ן מאַרק: מאַקי אַנ'עהרליך, מיידעל, אַ האָרעפּאַשנע און האָט געלד, אָבער ווי קומט זי צו כאַציעם בן־יחיד? אַ צוגעזעסענע מויד, קען באַלד זיין מאַמע זיין!

די ידיעה, איז אָבער געקומען צו שפּעט...

מיט אַנ'אָווענד פריהער, בעת די קרעמערקע האָט זיך געקליבען אָבצורוימען דאָס טישעל און האָט שוין אַריבערגעטראָגען די סחורה אין בשמים־קראָם דערביי, איז צוגעפאָהרען משה'לעם שליטען. דער יונגער פוהרמאַן איז געווען אַנ'אויפגערוימטער: ער האָט היינט געהאַט אַ גוטען טאָג. אַרומגעפיהרט אַנ'אַמעריקאַנער גאַסט. אַלע ווילע האָט מען זיך אָבגעשטעלט, ביי יעדען אַנשטאַלט. בעזונדערס לאַנג זיך פערהאַלטען ביי דער אַלטער שוהל און ביים דורכגאַנג־הויף. דער יונגער פוהרמאַן קאָן שוין גוט די מנהגים פון אַזעלכע געסט, נישט דעם ערשטען מאָל פיהרט ער זיי אַרום. קוים װעלען זיי זיך בעקענען מיט דער שטאָדט, הייסען זיי זיך פיהרען אין די שמאָלע גהעטאָ־געסלעך, שטעלען זיך דוקא אָב ביי די אַלטע אידישע הייזלעך; דערביי צאָהלען זיי גוט, די פרעמדע געסט. היינט האָט משה'לע גאַנץ געשמאַק פערדיענט.

אַז די קרעמערקע האָט זיך אָבגעשטעלט און געזאָגט „גוטען־אָווענד", האָט ער איהר דערציעהלט פון זיין גאַסט, און אַז ער איז פיעל מעהר געשטאַנען ווי געפאָהרען, זיין פערד איז גאָרנישט פערמאַטערט.

— זעצט זיך אַריין, רייזעל, און פאָהרט זיך אַביסעל דורך, ס'איז אַ טייערער שליטוועגס. — דאָס מיידעל איז געשטאַנען און פערשעמט געשמייכעלט.

— נו זשע, רייזעל, זעצט זיך. —

און אָט זיצט זי שוין אין שליטען, די קניע בעדעקט מיט דער שענער פוטערדעק. דער שליטען האָט זיך אַ גליטש געטהון, באַלד זענען זיי אַריינגעפאָהרען אין אַ ברייטע, לעבעדיגע גאַס. ס'איז ליכטיג געווען, ווי ביי טאָג: רעקלאַמעס, פאַרביגע שילדען פלאַמען אויף, רעסטאָראַציעס, קינאָ'ס וואַרפען סנאָפּעס ליכט, ווי רובינען און שמאַראַגדען פינקלען רויטע און גרינע בוטלען אין די פענסטער פון אַנ'אַפּטייק, אויטאָמאָבילען פליהען פאַרביי. שליטענס קלינגען מיט זייערע גלעקלעך, פערטוליעטע מענשען שטופּען זיך, אויף די טראָטואַרען, פרויען אין קורצינקע מאַנטעלעך בעהאַלטען די אָנגעפודערטע באַקען אין די הויכע פוטערנע קאָלנערס, שמייכלען און רופען מיט די אויגען... רייזעל קומט כמעט קיינמאָל נישט אויף דער דאָזיגער גרויסער גאַס. זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָמיקענעם

פראַנגעלע, בעהאַלטען די הענד אין די אַרבעל און קוקט זיך אַרום; זי איז אַביסעל פערטומעלט פון דעם רויש. אָבער באַלד פאַהרען זיי אַריין אין אַ שמאָל געסעל. זיי זענען שוין ביים בריק איבער'ן פערפרוירענעם טייך. דער פוהרמאַן ציהט אָן די לייצעס, דאָס פערדעל לויפט גיכער, אַלץ גיכער. זיי זענען שוין הינטער'ן שטאָדט. פון איין זייט ציהען זיך לאַנגע פאַרקאַנעס, פון דער צווייטער — ווייסע פעלדער, וואו נישט וואו שטעהט אַ בוים אין אַ שנייאיגען שפּיצען־בגד. די קיילעכ־דיגע פולע לבנה איז בעדעקט מיט אַ דינעם זילבערנעם שלייער, און דאָ, וואו איהר שיין דערגרייכט נישט, ליגען טיעפע בלויליכע שאָטענס איבער דער ווייסער ערד. אויבען אין הימעל פלאַקערען גרויסע בריליאַנטענע שטערען.

דאָס מיידעל זיצט און פאַר איהר זיצט דער יונגער פוהרמאַן; איהר האַרץ קלאַפּט, די באַקען פלאַמען איהר פון פראָסט און אויפרעגונג. ס'דוכט זיך איהר, אַז זי פליהט הויך, איבער דעם ווייסען פעלד און זי איז אין אַ חלום, אָדער בעת אַ מענש געפינט זיך אין טויט־סכנה, פליהט איהר נאָך דאָס גאַנצע לעבען איהרס. פאַר איהרע אויגען וויקעלט זיך פונאַנדער די אָרימע שמאָלע סטעזגע פון איהר אָרימען שמאָלען לעבען, איין בילד נאָך'ן אַנדערען. די קינדער־יאָהרען אין קליי־נעם קרעמעל אויפ'ן מאַרק, דער טויט פון דער מאַמען, פון דער שענער, פריה־ליכער מאַמע, לאַנגע יאָהרען פון נויט און איינזאַמקייט. דער פאָטער, דער קרו־מער שמש, איז דער איינציגער פריינד פון דער יונגער יתומה. דער פאָטער, וואָס האָט אין קורצען נאָך דער מאַמעס טויט חתונה געהאַט — אַן אָרימאַן מיט אַ הויפען קינדער פון דער צווייטער ווייב — דער פאָטער האָט נישט פערגעסען דאָס קליינע מיידעל, דאָס טאָכטער'ל פון זיין ערשטער, געליעבטער, אמת'ער ווייב...

די סטעזגע פון רייזעל'ס פערגאַנגענהייט ציהט זיך ווייטער. ווי אַ בלייכער שאָטען שטעהט פאַר איהרע אויגען דער קליינשטעדטעלדיגער בחור, דער חתן, וועלכען דער מאַמעס אַ פריינד האָט אויסגעשדכנ'ט. פלוצלונג איז אויסגעבראָכען די מלחמה. אָט בעגלייט זי איהם אויפ'ן וואָקזאַל. מחנות סאָלדאַטען שטופּען זיך אין די וואַגאָנעס אַריין, שרייען, זינגען און שפּיעלען אויף האַרמאָניקעס.

מעהר האָט רייזעל דעם חתן נישט געזעהען — פערפאַלען, נעלם געוואָרען אויף אייביג...

די דייטשע אָקופּאַציע: שרעק, הונגער, מענשען פאַלען אויף די גאַסען. אַ חאַד, איבער'ן קאָפּ האָט רייזעל. אַנטלאָפענע שכנים האָבען איהר איבערגעלאָזען אין זייער דירה צו היטען די באַלעבאַטישקייט. אָבער ס'איז נישטאָ וואָס צו עסען. רייזעל שלעפּט אויף די פלייצעס זעקלעך קאַרטאָפעל, אָדער בוראַקעס פון די אַרו־מיגע דערפער, בייט־אויס אַנ'אַלטען טישטוך, אַ קאַפּטעל, אַ בגד אויף אַ לעבעל ברויט, גיעט אָב אַ רוסישע זילבערנע מטבע פאַר אַ ביסעל גרויפּען, אַ מעסטעל מעהל. נישט איינמאָל האָט מען איהר געכאַפּט, נישט איינמאָל איז זי אין תפיסה געזעסען, קוים זיך אויסגעקויפט, אויסגעוויינט, אויסגעקלאָגט, זיך בעפרייט און ווידער געשפּאַנט אויף די וועגען, געשמוגעלט סאַכאַרין, געוואַשען וועש, אויפגע־

רייסט די דירות ביי די אָפּיצערען. געשאַכערט מיט די זעלבינע זעלנער, וואָס האָבען איהר אַריינגעזעצט, פּערדיענט, געקליבען דעם גראָשען, נאָר איינס אין זיבען געהאַט — ווערען אַ מענש. פיהרען אַ לעבען, ווי ביי לייטען. אַזויפיעל ווייבער, יונגע, אַלטע דרעהען זיך אַרום אויף די גאַסען. אַלע האָבען זיי אימיצען, אַ פאָטער, אַ ברודער, אַ מאַן. זי טרעפט זיי שבת נאָך האַלבען טאָג, ווי זיי געהען מיט זייערע מענער, אַ קינד ביי דער זייט. נאָר זי, רייזעל קלויבט כסדר דעם גראָשען. זי האָט האָט שוין אַ קאַפּיטאַל פון אַכט טויזענד רובל, ריכטיגע ניקאָלאַיעווסקע רובלס. זי האָט זיי אויסגעביטען אויף נייאינקע — „קנאַק“=פינפהונדערטער — אַזוי האָט געהייסען טהון דער שמש, ער האָט געזאָגט, אַז אַזוי טהוען די גבאים פון שוהל.

דער שליטען פליהט, און דער קרעמערקעס געהאַנקען פליהען איהם נאָך. די דייטשען זענען אַוועק, אַנדערע זענען געקומען. ס'איז אומרוהיג געוואָרען. שיכורע זעלנער האָבען זיך אַרומגעדרעהט איבער'ן שטאָדט, געראַבירט, געשאָסען... רייזעל האָט איהר אוצר בעגראָבען אין קעלער, אין אַ ווינקעל אונטער אַלטע, צעבראָכענע טונען, און ווייטער געהאָרעוועט, געוואַרט אויף בעסערע צייטען.

איינמאָל האָט איהר דער בעל=עצה, דער שמש, געזאָגט, אַז דאָס רוסישע געלד האַלט אין איין פאַלען, מען דאַרף זעהען אַ תכלית מאַכען פון דעם קאַפּיטאַל, אויסבייטען די פינפהונדערטער אויף דאָלאַרען.

דער שליטען פליהט, פאַר איהר זיצט דער יונגער פּוהרמאַן און היגטער איהר יאָגט זיך נאָך איהר פערגאַנגענהייט. שוואַרצע וואָלקען האָבען צעריסען דעם זילבערנעם שלייער אויף דער לבנה. ס'איז פינסטער געוואָרען. דאָס מיידעל ציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער.

די זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען, בעת רייזיל איז אין קעלער אַראָב. זי רוקט אָב די טון און הויבט אָן צו גראָבען. דאָס שטיקעל ליכט אויף דער ערד וואַרפט לאַנגע אונזיכערע שאָטענס אויף די נאַסע ווענד. רייזיל שטופּט די לאָפּאַטע, זי זוכט, זי זוכט... וואו איז דאָס קעסטעלע? אַ קאַלטער שוויים רינט פון איהר שטערען. צולעצט הערט זיך אַ שוואַכער קלאַנג: די לאָפּאַטע האָט אויף עפּעס אָנגעטראָפען. רייזיל שלעפּט אַרויס דאָס דעקעל פון קעסטעל — דאָס האָלץ צעפאַלט אין איהרע הענד, ס'בלייבט אַ שמאָלער פּאַסיק מיט די שוואַרצע אותיות „האַוואַנאַ=ציגאַרען“, דערביי ליעגט די לאַנגע גאָלדענע קייט, וואָס זי האָט אויסגעביטען פאַר סאַכאַרין. דאָס ברוינע קעסטעלע, וואָס שטאַמט נאָך פון די דייטשען, די „קנאַק“=פינפהונדערטער, דאָס פּאַפּיער — אַלץ איז פערפוילט, נישט מעהר, ווי אַ הייפעלע ווייכע, נאַסליכע מיסט...

רייזיל געדענקט נישט, ווי אַזוי זי איז פון קעלער אַרויס. אין דער היים האָט דאָס מיידעל גע'חלש'ט. זינט יענער פינסטערער שעה איז די שרעק אין איהרע אויגען פערבליבען אויף אַלע מאָל...

דער שליטען גליטשט זיך ווייטער, הייסע טרעהרען פליסען איבער רייזילס פנים, זי קען זיי נישט איינהאַלטען, זיי פליסען און פליסען. דער פּוהרמאַן דרעהט

זיך אוים.

— וואָס איז אייך, רייזיל? — ער קוקט זיך צו — וואָס וויינט איהר?

ער שפּרינגט צו איהר אַריבער. מיט די לייצעס אין דער האַנד זעצט ער זיך נעבען איהר.

— וואָס איז אייך? — דער שליטען גיט זיך אַ בויג, איהר קאָפּ פאַלט אויף זיין פּלייצע. זי פערדעקט דאָס פּנים מיט די הענד און וויינט זיך פאַנאַנדער אויפ'ן קול. דער יונגער פּוהרמאַן נעהמט איהר אַרום.

— וויינט נישט, — זיין מויל קרימט זיך, ווי ביי אַ בע'עולה'ט קינד. דאָס מיידעל דריקט זיך צו צו איהם. ער פיהלט אונטער זיין אָרים איהר וואַרימע ווייכע ברוסט.

— וויין נישט, רייזעלע, וויין נישט... מיר וועלען חתונה האָבען, הערסט, רייזעלע?... — דאָס מיידעל ציטערט.

— מיין מאַמעס זכות, — שעפּטשען איהרע הייסע ליפּען...

כאַציע דעם פּוהרמאַנס קליינע ווייב געהט אַרום איבער'ן שטוב.

— ווי קומען מיר צו אַזאַ שידוך? ווער איז איהר משפּחה? אַנ'אַלטע מויד, זי קאָן דאָך זיין מאַמע זיין — דערביי וואַרפט זי אַריין אַ בליק אין שפּיגעל, וואָס אויפ'ן קאָמאָד.

כאַציע שטעהט ביים גרויסען קאַפּלאָווען אויוועז. ער קלויבט זיך שוין אין שטאָדט אַרויסצופאָהרען. ער טראָגט אַ פעלענעם פעלץ. די לאַנגע טוכענע קאַפּאָטע הענגט ביי דער טהיר — און אויפ'ן קאָפּ אַ ביבערנע היטעל מיט אַ סאַמעטענעם דעק: די גוטע פוטערנע היטעל פון די רוסישע צייטען וויל ער נאָך אַלץ נישט איבערבייטען. ער איז אָקאָרשט געקומען פון שטאַל און וואַרימט זיך די הענד.

— ס'הייסט, זי האָט דאָך האָלאַרען — זאָגט ער און פערטראַכט זיך. — זעה מיין ווייב, דער זוהן זאָל זיך נישט אָבעסען דאָס האַרץ. — ער קוקט אויפ'ן זייגער. ביידע זיפּצען אָב.

דער יונגער פּוהרמאַן איז אַרומגעגאַנגען אַ אומעטיגער, מיט פערטראַכטע אויגען. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען דער פאָטער, דער קרומער שמש, ער האָט גע'טענה'ט, אַז נישט קוקענדיג דערויף, וואָס רייזיל איז אַ יתומה, אָהן אַ מאַמען, האָט זי פינף הונדערט דאָלאַר איינגעלעגט ביים רב, און גאָלד און זילבער און פיינע באַלעבאַטישקייט האָט זיך דאָס מיידעל מיט אייגענער פראַצע איינגעשאַפט. גאָט האָט כאַציען געבענשט מיט אַ זוהן, פון פינף קינדער דערהאַלטען דעם יונגסטען — אַ יתומה טאָר מען נישט פערשעמען...

שבת נאָכמיטאָג איז צו כאַציען אין שטוב געקומען די געסט, די כלה מיט איהר פאָטער. די כלה האָט געטראָגען אַ פיינעם פּליושענעם מאַנטעל און אַ לאַנגע גאָלדענע קייט, ביז צו די קניע.

.2

ס'איז געווען פּסח־צייט. דער טאָג איז גרעסער געוואָרן און די זון האָט צאַרט און פֿריינדלעך אַראָבגעקוקט פֿון דער הויך, גאָר פֿון דער הויך. זוניקע העלע פֿלעקן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די שטיבער, זענען אַרומגעלאָפֿן איבער'ן באָדלאָגע, געקלעטערט אויף די ווענט. אויפֿ'ן הויף איז דער שניי דונקל געוואָרן און מ'האָט איהם צונויפגעשאַרט אין ווייכע גראָהליכע קופּעס. וואַרימע זוניקע שטראַהלען האָבן זיך געשפּיגעלט אין קליינע, דינע וואַסער־שטראָמעלעך.

ביים פֿוהרמאַנס דירה איז איבער'ן הויף, פֿון וואַנד צו וואַנד, אַריבערגעצויגן אַ שטריק: רייזיל לופֿטערט איהרע זאַכען — אַ פּאָר רויטע געשטעפּטע קאָלדרעס, אַ פּליושענעם סערוועט. דעם מאַנס יום־טוב'דיגע בגדים. דאָס ווייבעל שטעהט ביי דער טהיר און פּאַסט זיי אויף. איהר פּנים איז ווייסער געוואָרן און דער שרעק איז איהרע אויגען איז פֿערשוואונדען. דאָס ערשטע וואַרימע ווינטעלע שאָקעלט לאַנגזאַם די געשטעפּטע דעקעס און שפּיעלט זיך מיט רייזילס געדיכטע ברוינע האָר.

פֿון אויבען געהט־אַראָב מיט אַ פּעקעל אונטער'ן אָרים פֿאַניע די העפּטעריין, אַ אַלטע מיידעל, אַ שכנ'טע. זי פֿערזשמורעט די אויגען, גלייכט פֿאַנאַנדער דעם קרומען רוקען און בלייבט שטעהן אין מיטען הויף. דאָס ערשטע וואַרימע ווינטעלע בלאָזט אויך איבער איהר בלייכען פּנים און וועקט חלומות פֿון דעם, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען, אויף וואָס עס וואַרט אָבער לאַנגע יאָהרען איהר איינזאַם האַרץ, איהר אויסגעהונגערטער גוף. אָט קומט אַנ'אַמעריקאַנער, אַנ'אַלמן, ער זוכט אַ מאַמע פֿאַר זיין קליין קינד, אַנ'עהרליך מיידעל, נישט קיין יונגע, נישט קיין לויפֿערקע, קיין פּוצערקע, מיט אַ איידעלען פּאַך אין האַנד. מען טרעפֿט זיך... פֿאַרוואָס נישט? אַזויגס פּאַסירט דאָך גאַנץ אָפֿט...

רייזיל די קרעמערקע קומט פֿון גאַס. קוים וואָס זי געהט, פֿאַמעליך, פֿאַר־זיכטיג, מיט אַ אויפגעהויבענעם קאָפּ, טראָגט זי פֿאַר זיך איהר גרויסען לייב. פֿאַני די העפּטערקע שטעהט ביים פֿענסטער, מיט פֿערטראַכטע אויגען קוקט זי נאָך דעם מעוברת'ען ווייבעל.

כאַציע דעם פֿוהרמאַנס שנור האָט געבאָרען אַ מיידעל. רייזעלע איז גאָר שווער צו קינד געגאַנגען. מ'האָט איהר געמוזט אַוועקפֿיהרען אין שפּיטאָל. נישט שלעכטע דעריוף, וואָס די דאָקטוירים הייסען איהר נאָך בלייבען דאָרט, וויל די קינפּעטאָרין גלייך אַ היים. פֿאַני מיינט, אַז רייזעלע בענקט נאָכ'ן מאַן. פֿאַני איז אַנ'אַלטע מויד, זי איז מקנא...

רייזעלע איז שוין אין דער היים. זי איז בלייך און אָפּגעמאָגערט און קאָן דאָס קינד אַליין נישט זייגען. מ'האָט דאָך ניי־געבוירענע מיידעלע אָבגעגעבען צו אַנ'אַם. הייגט זיצט רייזעלע ביים פֿענסטער און נישט ווייט, ביים שטאַל, שטעהט דער יונגער פֿוהרמאַן. ער רעדט מיט אַ סטודענטין. אַ סטודענט שטעהט דערביי און שפּיעלט זיך מיט אַ דיגיגקען שטעקעלע, דרעהט אום אין דער האַנד און

שיקאַט אַראָב די גרעזעלעך ביי דער וואַנד. זיי דינגען די דראָשקע אויף אַ אויספלוג אונטער׳ן שטאָט; אין וואָגן וועלן ליגען בגדים און פּראָוויאַנט, די היפּשע חבֿרה יונגע לייט וועט געהן צו־פוס די סטודענטסקע חכמה׳ט זיך און לאַכט. איבער׳ן הויף לויפט די נייע שיקסע, וואָס איז נישט לאַנג אָנגעקומען צו אַ שכן פון גאַס. זי בלייבט שטעהן און קוקט זיך צו, זי טראָגט נייע טופלעס אויף באָרוועסע פים און פינקעלט מיט די אויגלעך. דאָס קראַנקע ווייבעל ביים פענסטער ווערט נאָך בלייכער, זי לאָזט נישט אַראָב פון מאַן די דערשראָקענע אויגען איהרע...

רייזיל די קרעמערקע איז קראַנק. מ׳האָט איהר ווידער אָבגעפיהרט אין שפּיטאָל. זי איז געזעסען אויף דער נייער לאַקירטער דראָשקע, אָנגעשפּאַרט אויף די שוויגער און פאַר איהר איז געזעסען דער יונגער פוהרמאַן, איהר מאַן.

רייזעלע האָט זיך אומגעקעהרט פון שפּיטאָל. זי האָט דאָרט מעהר נישט געוואָלט בלייבען און מ׳האָט איהר געמוזט אָבנעהמען. פאַני׳ס שוועסטער, אַ פעלשערקע, אַנ׳עלטערע אַלמנה, איז געקומען זי צו בעזוכען. זי איז געזעסען ביי רייזילס בעט און איהר געמוסרט, פאַרוואָס זי וויל אין שפּיטאָל נישט בלייבען. אין דער היים קאָן מען זיך דאָך אַזוי נישט קורירען. דאָס ווייבעל האָט געשוויגען און אַראָבגעלאָזען די דערשראָקענע אויגען איהרע. אָבער די פעלשערקע האָט געזעהען, ווי קראַנק זי איז, האָט זי נישט נאָכגעלאָזען און איהר איינגערעדט צו פאָלגען די דאָקטוירים.

— איך קאָן מיין מאַן נישט לאָזען אַליין, איך מוז מיין אוצר היטען, — האָט זיך דאָס ווייבעל צום סוף אָבגערופען און זיך אָבגעדרעהט צו דער וואַנד.

פאַנים שוועסטער האָט אָבגעזיפצט, אויף איהרע פערוועלקטע ליפּען האָט זיך געוויזען אַ שמייכעל, דער האַלב־אומעטיקער, האַלב־איראָנישער שמייכעל פון אַ פרוי, וואָס האָט שוין אָבגעשפּיעלט דעם ביטער־זיסען שפּיעל פון ליעבע און פרייד...

רייזיל איז געשטאָרבען. ס׳איז געווען אַ גאַנץ גרויסע לויה. ביי דער וואַנד האָט זיך צונויפגעשפּאַרט אַ הייפעלע קינדער. מיט פערוואונדערונג האָבען זיי נאָכגעקוקט נאָך דער עגלה, וואָס פיהרט אַרויס דאָס ווייבעל, די רייזעלע, וועלכע איז גאָרנישט לאַנג, פול גליק און האָפנונג, אין הויף אַריין. איצט ליגט זי אונטער דער שוואַרצער דעקע און הינטער איהר געהט דער יונגער פוהרמאַן, וועלכער האָט איהר אַהער געבראַכט.

ס׳רעגענט, די אויסגעבריקעלטע רויטע ציגעל אויפ׳ן וואַנד זעהען אויס ווי פערטריקענטע וואונדען. דער בעל־הבית׳ל געהט הינטער דער עגלה. ער האַלט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און זיינע פולע ליפּען קרימען זיך ווי ביי אַ בע׳עולה׳ס קינד. דער קליינער שמש הינקט איהם נאָך.

ס׳איז סוכות־צייט, ביי כאַציעס שטוב זיצט אויף אַ שטוהל זיין קליינע קאַלעבדיגע ווייב. זי האָטשקעט אויף די הענד דאָס אייניקעל. דאָס מיידעלע איז איינגעוויקעלט אין רייזעלעס פיינעם שאַל. זי שפּרינגט אויף די באָבעס קניע און

ציהט זיך צו דער אַם, וואָס האָט איהר אַהער געבראַכט און שטעהט ביים שטוהל מיט פאַנאַנדערגענומענע העגד. די אַם איז אַ געזונדע אידענע, אין אַ ווייסען קאָפּ־טיכעל, פערלעגט הינטער די רויטע פליישיגע אויערען. ביידע ווייבער לאַכען און שפּיעלען זיך מיט דעם עופה'לע.

פון שטוב געהען אַרוים כאַציע מיט'ן זוהן און אַ פרעמדער איד, משה'לע איז ברייטער און שטאַרקער געוואָרען, ער איז נאָך שענער. ס'הערט זיך, אַז כאַציע מאַכט שותפות מיט'ן קליינשטעדטעלדיגען אידען אַבצופיהרען סחורה פון באַהן. כאַציע וויל פאַר'ן זוהן אַ געשעפט מאַכען. זיי קויפען צו אַ פּאָר טייערע לאַסט־פערד און דינגען אַ גרויסען שפּייכלער — רייזעלעם דאָלאַרען זענען צונויף גע־קומען...

די קרקע

אויף דער צעראַטע קוילערט זיך אַ שטיקעל זעמעל פון אָבגערויטעטן מיטאָג־פישטוד, בלויע באַוועל פון ניי געצייג, און דער שאָטען פון בלאַסע פרויענהענד, וואָס בעוועגען זיך נערוועז איבער אַ לאַנגען סוועטער. פון דעם דאָזיגען דאַרף ווערען אַ קורצע יאַקע און אַ קינדער־קליידעל.

די שטוב ־ ווינקלען זענען אויפגערוימט, עס שטעקט אין זיי די לאַנג־יעהריגע בעמיהונגען פון אַ גוטער ווירטין. אין דער אַנדערער שטוב, אַרום טיש, אין עלעקטרישען לאַמפען־שיין זיצען די קינדער און מאַכען די לעקציעס מיט ישוב ־ הדעת, צוזינגענדיג. פאַרוואָס יאָגט עוואַ'ן דער געדאַנק פון דער היים אַוועק?

נעכטען פאַרן מאַנס אַוועקפאָהרען האָבען זיי אַלץ אָבגערעדט: טאָמער קומט מען פון דער ליכווע, זאָל מען אַזוי זאָגען, טאָמער קומט מען פון סקאַרב, זאָל מען אַזוי טהון. אָבער וואָס טהוט מען מיטן אויפגעוואַכטען פרויענהאַרץ?

זי איז שוין איבער די דרייסיגער, און וועט זיך מוזען געזעגענען מיט דער יוגענד. און זי קאָן עס נישט טהון. עפּיס איז זי זיך שולדיג געבליבען. עפּיס האָט איהר יוגענד נישט איהר חוב ערפילט. דאָס, וואָס זי האָט געבוירען און ערצויגען קינדער, און דעם מאַן מיטגעהאָלפען אין געשעפט, האָט ביי איהר קיין שום בעדייטונג נישט. זי ווייס, זי איז שוין מעהר נישט יונג. זי איז יעצט נישט מיאוסער, ווי פריהער; די פיגור איז שלאַנקער, דאָס געזיכט אייד־עלער, און אַרום מויל האָט זיך געלעגט אַ אויסדרוק פון אַדורכגעליטענקייט און רוה. נאָר היינט, מאָרגען דאַרף זיך עפּיס אין איהר אָרגאַניזם ענדערן, עס דאַרף אָנקומען די אַלטקייט און אַלע איהרע פערלאַנגען אַדורכשניידען ווי מיט אַ חלף, און דאָס אָבוואַרטענדיג, פיהלט זי זיך שוין אַלט.

זי ווייס נאָך אפילו נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס זינד. די פּורפּורנע פלאַם, ביי וועלכער פרויען בריהען זיך אָב דעם נאַקען און אָרעם, אויף מאָרדערן צו זיין, נאָך וועלכער איהר האַרץ געהט אויס אין פּיין און אין בענקשאַפט. זי קען זי נישט, אויף אַ טעם וועגען!

האָט זי דאָך אַליין צעשלאָגען יעדע געלעגענהייט צו ווערען בעקאַנט מיט אַ פרעמדען מאַנספּערשוין. דאָך ליידט זי דערפון, אי פון הונגער צו זינד, אי פון איהר אייגענער אונגעשיקטקייט, וואָס האָט נישט בעוויזען, טועם צו זיין פון

אַ געדעקטען טיש. און אַזוי וועט שוין זיין. זי וועט שוין גאָר נישט מעהר האָבען אין לעבען.

זי טראַכט אַדורך דעם גאַנצען וועג פון איהרע פינף און דרייסיג יאָהרען. וואָס וועט נאָך איהר בלייבען? קינדערלעך? אוי וועה, וויפיעל וועלען זיי האָבען אויסצושטעהן אויף דער וועלט, אַזוי ווי זי, און וואָס וועלען זיי טהון, ווען, אין איהרע יאָהרען, עס וועט זיי בעפאַלען אַזאַ מין דערשלאָגענהייט?

זי שטעלט זיך אָב: ווי אַזוי קאָן זי זיך גריבלען אין איהרע ליידען, ווען איהר יונג קינד, דאָס יונגסטע, איז שוין פיער יאָהר טויט? ווי אַזוי קען זי בענקען צו די לעבענס-ווערטען, וואָס זי האָט נישט געהאַט, אַז איהר יונג קינד האָט אַלץ פערלוירען? איהר איז שווער צו לעבען אָהן אינהאַלט, אָהן ליעבע, אָהן גערויש, און דאָרט ביים קינדס קבר איז אַזוי שטיל, אַז מען קאָן הערען דעם קרעכץ פון וואָרעם אונטער דער ערד.

און עס פאַלט איהר איין, אַז גאָר נישט מעהר האָט זי אויף דער וועלט, נאָר דאָס קליינע, טייערע קבר. און אַז גאָר נישט מעהר דאַרף זי אויף דער וועלט האָבען, נאָר אַ קרקע נעבען דעם דאָזיגען הייליגען אָרט, וואו עס רוהען איהר קינדס צאַרטע איברים.

לעבט דאָס קינד דאָרט ערגיץ-וואו, וויל זי אויך הערמיט פעראייניגט זיין, און אויב פון דעם ליכטיגען קינד, איז געבליבען נאָר דאָס בלויזע ביסעל ערד, וויל זי אויך נעבען איהם איהר רוה געפינען. און מען זאָגט, אַז דאָס בית עולם, וואו איהר קינד רוהט, איז שוין פול, און מען וועט שוין מעהר דאָ קיין קרקעות נישט בעקומען, סיידען דער, וואָס וועט ביים לעבען זיך האָבען איינגעקויפט זיין אָרט. און וועט איהר שעה אויסשלאָגען, וועט זי זיין אָבגעשיידט פון איהר געליעבט קינד, וואָס איז איהר מאַמע-האַרץ אַמנאָהנטסטען.

אוי, קינדלעבען טרויריגס, קרעכצט זי, אינגאַנצען שוין פערגעסענדיג אָן זיך.

עס קלאַפט ווער. וויעדער קומט דער סוחר פון די טעכנישע אַרטיקלען, וואָס פאַר זיין פירמא פאַהרט איהר מאַן מאַכען געשעפטען. אַ הערר אין די מיטעלע יאָהרען, מיט אַ בליק, וואָס מישט זיך מיט גאָלדגלאַנץ פון זיינע ברילען.

— און איהר, פרוי קליינווילען, זיצט שטענדיג אליין?

— איהר ווייסט דאָך, מיין מאַן איז אַוועקגעפאָהרען. — זי שטעהט אויף, דעקט צו דעם טיש מיט אַ לאַנג קרעם נאָכמיטאָג-טישטוך, לעגט גלייך א ן מיטען די רישעלעי-סערוועטקע און שטעלט אַרויף דעם בראָנזענעם קלאַש.

ער בעטראַכט זי. איהרע בעוועגונגען זענען יונגער, ווי דאָס אויסזעהן. אַרום די אויגען שוועבט דער אויסדרוק פון אונצופרידענהייט פון לעבען, און די האָר זענען שוואַרץ, מיט דער שוואַרצקייט, צווישען וועלכער עס דאַרפען זיך אָנהויבען צו בעווייזען די ערשטע גראָהע.

— און איהר, ווען קומט קיין וואַרשא נאָך סחורה?

— דערווייל האָבען מיר דאָך קריסטליכע ימים טובים.

— אפשר וואָלט איהר אייך אַביסעל איבערגעגאַנגען, מען שפּיעלט היינט אַ טייער שטיק.

— כ׳בין נישט געשטימט דערצו.

— ווען זענט איהר יאָ געשטימט? — ער רוקט זיך צו נעהנטער. פרוי קליינווילען, איך רעד מיט אייך נישט דאָס ערשטע מאָל. זייט דאָך נישט קיין נאַר, איהר ווייסט דאָך, מיין פרוי איז דאָך שוועבער פון אייך. און אין וואַרשא פעהלען נישט קיין פרויען, וואָס ווילען מאַכען בעקאַנטשאַפטען, און איך משוגענער, מיך ציהט עס צו אייך. צוליעב אייך קום איך אַהער צו פאָהרען, און צוליעב אייך האָב איך מיר אין אייער שטאָדט געמאַכט דעם לאַגער. איך זאָל אַזוי לעבען, איהר וואָלט געקאָנט ביי מיר אַלץ נעהמען.

— איך וויל ביי אייך גאָר נישט נעהמען.

— פאַרוואָס, זאָגט פאַרוואָס, — רעדט ער, ווי צו זיך אַרייננעהענדיג צו די קינדער.

— אפשר מיינט איהר, עס זאָל קומען צו עפענטליכע זאַכען. אַלץ וואָלט איך געקאָנט אַרורכפיהרען. זיך גטען מיט מיין פרוי, אייך אָבגטען פון אייערן, און אויך זיין אַ פאָטער צו אייערע קינדער.

זי פערטראַכט זיך, ווי אונגליקליך זענען עס די גאַסענמיידלעך, וואָס זענען געצוואונגען צוליעב געלד צו פערקויפען זיך צו אַזאַ מין פאַרשוין, וואָס איז מיט זיין ווענען פרעמד און לעסטיג. עס ווערט איהר שוואַך ביים האַרצען, און עס שלאָגט איהר אין קאָפּ אַריין.

— מיין מאַן האָט דאָס געדאַרפט צו הערען, טראַכט זי הויך, רוקט זי זיך אָב פון איהם.

זיין שטים ווערט וואָס אַמאָל טיעפער: און מיר דאַכט זיך, זאָגט ער שטיל, אַז איהר האָט מיך אויך ליעב.

— פאַרוואָס דאַכט זיך אייך אַזוי? — פרעגט שווא איראָניש.

— ווייל איהר ווילט קיינמאָל גאָר נישט נעהמען פון מיר.

שווא קען זיך נישט צוריקהאַלטען, נישט צו צעלאַכען זיך, נאָר פּלוצלינג ווערט איהר שטים געענדערט און זי פערלירט איהר געדולד.

— וואָס ווילט איהר האָבען פון מיר, רעדט זי האַסטיג מיט כעס, נאָר איינגעהאַלטען, אַז אין דער אַנדערער שטוב זאָל מען נישט הערען, — אויב מ׳האָט אייך געזאָגט, אַז מיט מיר וועט איהר קאָנען פערקעהרען, האָט מען אייך שלעכט אינפאָרמירט. עס זענען דאָך דאָ גענוג פרויען אַנדערע, וואָס האָט איהר זיך אָנגעהאַפט אָן מיין געמיט. פאַר מיר זענט איהר גאָר נישט מעהר, ווי מיין מאַנס שעף. לאָזט מיך צו רוה, ווייל איך בין אַלט און מיאוס און בין אַ אומגליקליך בעשעפעניש.

וואָס אַמאָל מעהר ווערט זי אויפגערעגט, זי מאַכט צו די טהיר פון דעך

צווייטער שטוב, רעדענדיג, אליין שוין נישט וויסענדיג וואָס, וועלענדיג, ער זאָל שוין ווייט זיין פון איהר, זי זאָל איהם שוין נישט זעהן.

ער נעהמט די טעקע און זאָגט: פרוי קליינווילען, איהר וועט מיך שוין מעהר דאָ נישט זעהן! בערוהיגט אייך.

ווען די טהיר האָט זיך הינטער איהם פערמאַכט, האָט זי זיך דערפיהלט בעפרייט פון אַ לאַסט און אַביסעל פעראייגזאַמט. נאָר אַ בלאָטער מוז ווערען אויפגעשטאָכען.

*

העדר שנעלער האָט נישט וואָרט געהאַלטען. ער האָט ווידער צו איהר אַ געשעפט. ער לעגט איהר פאַר מתנות. איז דען נישט איהר גוטער נאָמען דאָס שענסטע פון די אַלע זאַכען, וואָס ער קאָן איהר געבען. ער האָט ליעגען, זאָגט ער, אַוועקצובאָרגען געלד. וואָס טויג איהר זיין געלד? איהרע קינדער צו קאָגען מיט וואָס דערפרעהען? ווען זיי וואָלטען אָבער געוואוסט, אַז זיי נעניסען פון דער מאַמעס לייכטזיניגקייט, וואָלטען זיי די מאַמען פערשאָלטען, אָדער וואָלטען עס איהר גאָכגעטהון, נישט דערלעבען זאָל זי עס. איהר מאַן אלי זאָל זיך ווענינער קוועלען אין געלד = מאַנגעל? וואָלט דען אָבער דער מאָראַלער חוב, וואָס זי וואָלט טראָגען אויף זיך, נישט זיין שווערער? און זי אַליין, צו וואָס דאַרף זי זיך צוגעוועהנען האָבען דאָס, וואָס איהרע אומשטענדען ערלויבען נישט? כדי זאָל זי איהר גאַנצקייט פערלירען און נישט מעהר זיך צוריקגעפינען? אָדער, כדי זיך בעסער צו קליידען, בעסער אויסצוזעהן, געפעלען צו ווערען אַזעלכע שנעלערס, און מוזען נעהמען פון זיי? און מוזען פאַלען?

זי פייניגט זיך, אַריינטראַכטענדיג אין דעם אַלעם, און שלאָפט נישט גוט ביינאַכט. אויפוואַכענדיג, טראַכט זי ווידער אין דעם אַלעם אַריין: וואָס וועט דער סוף דערפון ווערען? און ער, אלי איהר מאַן פאָהרט אַרום פאַר דער פירמא שנעלער עט קאָמפ. און ער, דער העדר, האָט זיך אָנגעזעצט אויף איהר שטיל געמיט און קומט אַזוי אָפט און פרעגט אַזוי אָפט, אויב זי דאַרף נישט געלד. ווי אומפערשעהמט איז דער מענש!

צי וואָס טויג איהר געלד, מיט וועלכע זי קען איהר קינד נישט אויפשטעלען.

אַ קרקע, שטעלט זי זיך אָב אין מיטען טראַכטען, אַ קרקע וואָלט זי געקאָנט קויפען פאַר זיין געלד. —

און איינמאָל אין אַ ליכטיגען פריהלינגסטאָג איז זי געגאַנגען און זיך נאָכגעפרעגט ביי'ם אויפזעהער פון בית=הקברות וועגען אַ קרקע. צוזאַמען זענען זיי אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן בית=חיים, און צוזאַמען מיט'ן קברות=מאַן נאָכגעקוקט דאָס אָרט. אויב דאָרט, נעבען איהר קינדס קבר, וואָלט זיך געלאָזט גראָבען אַ קבר פאַר איהר. נאָך דעם אַרומגעהן די קליינע מצבה פון אַלע זייטען און נאָך דעם אויסמעסטען דאָס אָרט, איז ביי ביידען געבליבען, אַז עס איז דאָ פאַר איהר

אנ'אָרט, נאָר דאָס מוז קאָסטען דריי הונדערט זלאָטעס.

צופיעל זענען דאָ זאָרג אַגדערע, באַלדיגע, אַז זי זאָל קענען טראַכטען דערפון, און זי האָט עס אָבגעלעגט.

— וואָס זענט איהר אַזוי פערטראַכט? — ווידער שטעהט ער פאַר איהר, דער וואַרשאווער. אַ שעלמישער אויסדרוק איז צוגעקומען דעם פּנים זיינעם. פרוי קליינווילען, איך האָב צו אייך אַ ביטע. זי זעצט זיך אַנידער מיט איהם ביים טיש: וואָס פאַר אַ ביטע.

— הערט אוים, פרוי עווא, איך וויל מיך רעוואַנשירען פאַר די טיי, וואָס איך טרינק ביי אייך יעדעס מאָל, ווען איך קום צו אייך, און איך וויל אייך עפּיס קויפען. זאָגט מיר, וואָס דאַרפט איהר האָבען?

— איהר דאַרפט אייך פאַר גאָר נישט צו רעוואַנשירען, און איך דאַרף גאָר נישט האָבען.

— ניין, זאָגט, פרוי עווא, וואָס דאַרפט איהר האָבען?

— איך דאַרף נאָר בלויז אַ קרקע, זאָגט זי, ווי צו זיך, וועלענדיג איינמאָל אַ סוף מאַכען מיט אַזעלכע געשפּרעכען, וואָס זענען וויים פון איהר אינטימער פאַנטאַזיע וועגען דער קרקע.

— וואָס, אַ קרקע? — פערשטעהט ער קוים וואָס זי זאָגט, — אַז איהר הויבט אָן צו רעדען וועגען נאַרישקייטען, בין איך שוין נישטאָ. — לויפט ער צו דער טהיר און קומט צוריק.

— ניין, פרוי עווא, וואָס פאַלט אייך איין, אַזאַ יונג מענש, טראַכט וועגען אַ קרקע. איך מיין נישט אויף קיין געלעכטער, וואָס דאַרפט איהר?

— איך מיין אויך נישט אויף קיין געלעכטער.

— מיינט איהר עס ערנסט? — זעצט ער זיך. — האָט וואָלט אייך קענען בערוהיגען? — און ער ציצט שטיל און איבערלעגט זיך: אייגענטליך קאָן מען דאָך לעבען הונדערט און צוואַנציג יאָהר און האָבען אַ קרקע.

— אויב אייך, פרוי קליינווילען, קאָן דאָס אינטערעסירען, — זאָגט ער, — און בערוהיגען, טאָ פרעגט אייך נאָך, און איך וועל בעצאָהלען.

פרוי עווא קאָן גאָר נישט גלייבען, אַז דאָס, וואָס איהר האָט אויסגעוויזען אַזוי אונמעגליך צו דערגרייכען, איז יעצט אַזוי נאָהנט צו איהר. קען זי קומען צו אַ קרקע און זיין בערוהיגט און האָבען איהר לעבענסזאַך אָבגעטהון? האָבען געטהון עפּיס פאַר איהר טויטען קינדס נשמה. איז דאָס מעגליך, אַז איהר טיעפסטער פערלאַנג וועט ערפילט ווערען?

מאָרגען פריה, ווען קיין שום מענש קומט נאָך נישט אין זיין לאָגער אַריין, זאָל זי עווא קומען צו איהם, וועט ער איהר געבען די דריי הונדערט זלאָטעס אויף די קרקע. אַזוי איז געערדט געוואָרען.

און גרוים זענען די שווערקייטען, וואָס זענען געפאַלען אויף איהר האַרץ. וואָס האָט בעשטימט אין דער צייט צו בעזוכען שנעלערם ביורא, אפשר נאָך גרעסער, ווי די ערלייכטערונג פון דעם געדאַנק, אַז זי וועט טהון עפּיס פאַר איהר אוועקגעגאַנגענעם קינד. און אפשר וויל זי זיך אויך איינמאָל נוקם זיין אַן איהר לעדיג לעבען, וואָס פּייניגט זי, און אפשר איז נאָך דאָ אין איהר די נייגיריגקייט צו דער פּורפּורפּלאַם, אָהן וועלכער איהר יוגענד איז פערשוואונדען אַזוי אָהן איגהאַלט, געגנוג איז, אז עווא געהמט זיך צוגרייטען צו דעם געהן אַהין.

ערשטענס מוז זי בעקעמפען איהר עקעל דערצו, זי, וואָס וויל גאַנץ זיין מיט איהר הייליג קינד? דערנאָך דעם שרעק: ווי אַזוי אַהינגעהן, אַז מענשען זאָלען נישט דערגעהן און נישט בעמערקען. ער האָט איהר פיעל מאָל געזאָגט, אַז אין יענער צייט איז קיין שום מענש נישטאָ אין יענער געגענד.

ס'האַרץ קלאַפּט, די נערווען ווערען וואָס אַמאָל מעהר אָבגעשוואַכט און געשטייגערט, זיך פאַרשטעלענדיג דעם פאַקט מיט זיינע קאָנסעקווענצען. און אַלע געפּהלען קאָנצענטרירען זיך אויף איין אייגציג געבעט. רבונו של עולם. גיעב מיר כח דאָס איבערצוקומען.

האָט זי דאָך די ברירה זיך אָבצוזאָגען פון דער קרקע און איהם אָבזאָגען. ער וועט זי דאָך נישט קומען רייסען ביי דער האַנד, אַזוי זאָגט זי צו זיך, אָבער. ווי עמיץ וואָלט רעגירען איבער איהר, קאָן זי זיך נישט בעפרייען פון עמיצענס איבערמאַכט.

אין דער פריה, אלי איז אויף דער רייזע, די קינדער שלאָפען נאָך, דעם מיידעל האָט זי נאָך נעכטען געזאָגט, אַז זי דאַרף אַזוי פריה געהן צו איהרם אַ בעקאַנטער, וואָס פאָהרט יעצט אַוועק. זי איז שוין געקליידט, זי עפענט די אויסגאַנגסטהיר, און דערשרעקט זיך פאַר דעם הויכען סקריפּ פון דער טהיר. וועט זי נאָך צוריקקומען צו איהרע קינדער?

— — — — — — — — — —

אָט איז דאָס הויז, אָט די טהיר פון זיין לאַגער, האַלב געעפענט און אָט בעווייזט זיך ער. — קיין שום מענש אין דער וועלט, זאָגט ער, קאָן דאָ נישט אַריינקומען. אַלע מאָל אין דער צייט איז דאָ געשלאָסען. דאָ האָט מען איבערהויפּט צו מיר קיין שום געשעפטען נישט, וואָס זשע זענט איהר אַזוי דערשראָקען, אַזוי טרויעריג, פרוי קליינוווילען? און אַליין ווערט ער געפאַלען ביי זיך פון איהר האַלטען זיך, און שטיל פיהרט ער זי פערביי פערשיעדענע געפעק צו אַ אָרט, וואו עס געפינט זיך זיין סאָפע. ער העלפט איהר אַראָבנעהמען דעם מאַנטעל און רעדט צו איהר אַזוי העפליך: טייער קינד, ווען איך קאָן דיך אַזוי נעהמען מיט זיך אויף אייביג, אויף אייביג, חתונה האָבען מיט דיר און אַנטלויפען. ס'גאַנצע לעבען, ס'גאַנצע לעבען, איך זאָל אַזוי לעבען. —

ביי איהר ציטערן הענד און פיס, אַלע נערווען, זי קאָן זיך נישט האַלטען. און

געביכנדיג זיך אין זיינע אָרעמס ציטערט זי און בעט גאָט: קינד מייערס, צוליעב דער קרקע, צוליעב דער קרקע...

אַ וויטער, שניידיגעד קלונג אין דער פאַרטעמהיר חרויסען שניידט פּלוצלינג אַדורך די שטילקייט פון זייער אַליין זין.

זי גיעט זיך אַ ריס ארויס פון זיינע אָרעמס, זיי זעגען צוואַנגען: וואָס ווילסטו טהון, קינד, האַלט ער זיך פעסט, דאָ קומט קיינער נישט, מען קען דאָ זיין ביז מאָרגען, וועט קיינער נישט קומען.

איהר דאַכט זיך, אָבער, אַז זי שטעהט אַ נאַקעטע פאַר גאָט און פאַר מענשען, זי מוז אַרויס פון דאַנען שוין. זי פיהלט, אַז טאָמער לאָזט ער זי נישט אָב, וועט זי מיט דער פויסט אַ פאָהר אַריינגעבען צווישען זיינע אויגען, וואָס קוקען אויף איהר מיט ענטציקטער ליעבע. דער שרעק איז שטאַרקער פון איהר פערשטאַנד.

איהר בליק האָט געמוזט זיין אַ ווילדער, וויל, ווי ער וואַלט זיך פאַר דעמזעלבען דערשראָקען, לייענענדיג אין איהרע געדאַנקען, זענען זיינע הענד לויז געוואָרען.

— איהר ווילט אַרויסגעהן, פרוי קליינווילען? זאָגט ער מיט אַ פערענדערטער שטים, אַ געקרענקטער, — טאָ קומט.

שוין זייענדיג אין דרויסען, פרעגט ער: איצט זאָגט מיר, פרוי קליינווילען, פאַרוואָס האָט איהר אייך אַזוי דערשראָקען?

— מען האָט דאָך געקלונגען.

— קומט, וועל איך אייך ווייזען, אַז דאָ איז גאָר קיין גלאָק נישט פאַרהאַן. איהר זענט דענערווירט.

גאָטירליך איז גאָרנישט געוואָרען פון דער קרקע נעבען סינד.

בן־פרחה.

מיינע פרנסות

הומאָרעסקע

כ'האָב שטאַרק חשק צו דערצעהלען אייך פון אַלע מיינע פרנסות, נאָר ווענען אַלע אויף איין מאָל וועל איך נישט דערצעהלען. ס'איז פאַר מיר שווער און פאַר אייך אויך. כ'וועל דעריבער דערצעהלען איינציגווייז, אָנהויבענדיג פון „א“.

„א“ מאַכט „אוגערקעס“

אחר הדברים האלה, ס'איז געווען נאָכדעם, ווי אַלע קוואַלען פון מיינע פרנסות האָבען אויסגעטריקענט און איך האָב מיט מיין מח געגומען גראָבען אַ נייעם קוואַל פון פרנסה. וואשא עיני, האָב איך אויפגעהויבען מיינע אויגען און געזעהען, ווי אידען טרייבען מסחר מיט אוגערקעס. איז מיר די זאַך זעהר געפעלען און אויך מיין ווייב האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם; איינמאָל, זאָגט זי, איז דאָך אוגערקעס נישט קיין אייער (כ'האָב אַ צייט געהאַנדעלט מיט אייער. איינמאָל איז אַ גאַנצער טראַנספּאָרט אייער אַראָבגעפלויגען פון אויטאָ אין אַ טיפען ראָווריין — אפשר איז געווען אין זיין היהנדעלער, וואָס האָבען שוין געקענט פליהען. „ליגען זיי אין ד'ערד“, האָב איך געזאָגט, און כ'האָב אָבגעהאַקט פון מסחר) און צווייטענס, זאָגט מיין ווייב, אַז דער הימעל העלפט און דער זומער איז נישט קיין הייסער און נישט קיין קאַלטער, און ס'איז דאָ נישט ווינציג רעגען, נישט צופיעל רעגען, און ס'מאַכט זיך נישט קיין שום מכשול, געראָטען אוגערקעס. און אַז אוגערקעס געראָטען שעפט מען קיין ע"ה. בקיצור מ'האָט געדונגען אַ שטיקעל ערד און למזל געזייהעט אוגערקעס. און געזייהעט האָט מען נישט איין מאָל און נישט צוויי מאָל נאָר פון פסח ביז שבועות, ווייל ס'איז געשטאַנען אַ קאַלט וועטער און אוגערקעס האָבען דאָס פיינט. נאָך שבועות איז געוואָרען וואַרעם און די גאַנצע זריעה איז קיין ע"ה אויפגעגאַנגען. איז דאָך אין פלוג גוט, זאָגט אָבער מיין ווייב, אַז ס'איז נישט גוט (זי האָט אַ ידיעה אין אַ גאָרטען). מ'דאַרף 2 חלקים, געוועהנליך, די שלעכטע, אויסרייסען און 1 חלק איבערלאָזען. האָט מען גערייסען אַזוי לאַנג, ביז מ'האָט שוין געדאַרפט פיעליען, האָט מען געפיעליעט איין מאָל און נאָך אַמאָל און געהאַלטען אין איין קיצלען די ערד, ביז ס'האָבען זיך בעוויזען געלע בלימעלעך און גלייכצייטיג פיטשעטשקעלעך אוגערקעלעך.

ווינדל הגער, און צוזאַמען מיט די אוגערקעס האָט געוואַקסען מיין גאַריש

איינרעדעניש, אַז איך בין שוין געהאָלפֿן. בקיצור ס'איז געקומען די צײַט פֿון שניטן. אַלע שטוב־מענטשן האָבן זיך אָנגעגורט מיט פֿאַרטיכער, געקומען זיך יעדער אַ זאַנגען און געשניטן. ביים ערשטן פֿאַרטוך אַרויסטראָגן, האָט מײַן פּאָס, וואָס פֿערהאַלט מיר דעם ברוך, געפּלאַצט. מײַן ווײַב און די קינדער האָבן גיבעך געקרעכצט אונטער די שווער אָנגעלאָדענע פֿאַרטיכער, און פֿונדעסטוועגן איז יעדער צופֿרידן געווען. יעדע אוגערקע איז דאָך געלד, זאָל זײַן אַ גראָשן, אַ האַלבער גראָשן, און וועלכער מענש וועט זיך אָפּזאָגן פֿון טראָגן פֿאַרטיכער מיט געלד, זיי זאָלן אַפֿילו זײַן ווי שווער. ויהי לעת ערב איז געלעגן אַ באַרג אוגערקעס ווי דער מגדל בבל. איז מײַן ווײַב געלאָפֿן זעהן אַ סוחר און איך בין געבליבן היטן דעם בר־מינן. אַך, ווען דאָס איז אתרוגים, האָב איך זיך געטראַכט, וואָלט איך דאָך געוואָרן ראָטשילד. און נישט לאַנג טראַכטנדיק, בין איך שוין ראָטשילד, איך ליג אויף אַ ווייכע קאַנאַפּע און סוחרים רײַסן מײַנע אתרוגים און צאָהלען אין טאָג אַרײַן.

אַ מזל! אַ מזל! — האָט מײַן ווײַב'ס קול מיך אויפֿגעוועקט, — חזירים בריִשען די אוגערקעס און ער שלאָפֿט! מ'עט מוזן, — זאָגט זי, — די אוגערקעס אוועקפֿיהרען ערגעץ־וואו פֿערקויפֿען. אַ שטאָדט מיט אוגערקעס, — זאָגט זי. — אַ ביין געדעטעניש.

און זי איז שטאַרק אין כעס, כ'וויים נישט אויף וועמען. בקיצור מײַן שותף האָט צוגעפֿיהרט זײַן פֿערדעל. וואָס איז דאָ נישט לאַנג אויפֿגעשטאַנען תחית המתים (ווײַנטער איז עס געפּגר'ט פֿון הונגער) און מען האָט אָנגעלאָדען אַ וואָגען אוגערקעס כנהוג. ביי יעדן זאַק, וואָס מ'האָט אַרויפֿגעלעגט, האָט דאָס פֿערדעל אַרויסגעלאָזט אַ טיעפֿען זיפֿץ, ווי איינער רעדט: קיין פֿיצעל רחמנות האָבען זיי נישט. אַרומגעוויבנדען די זעק מיט שטריק און דער וואָגען האָט געריהרט. ויסעו, ויבאו... כ'מיין די אוגערקעס, אַזוי ווי זיי זענען אוועקגעצויגען, אַזוי זענען זיי בשלום צוריקגעקומען. וואָס איז די סיבה?

— ס'רעגנט אומעטום מיט אוגערקעס, — זאָגט מײַן שותף, — אַ מפּלה זאָל קומען, — זאָגט ער, — אויף אַלע אוגערקעס פֿון דער גאַנצער וועלט מיט דיר צוזאַמען (דעם פֿערדעל מיינט ער).

— וואָס זשע וועט מען טהון מיט די אוגערקעס? — פֿרעג איך און כ'וויל כמעט וויינען.

זאָגט מײַן ווײַב:

— מ'וועט זיי איינזויערען און אַרײַנלעגען אין קעלער. און פּאַר אונזער צער, — זאָגט זי, — וועלען מיר נאָך האָבען נחת.

אויב איהר ווייסט, ווי אַזוי מען זויערט איין אוגערקעס, איז מה טוב, און אויב נישט, בין איך נישט מחויב אייך אויסצולערנען. נאָר דאָס איינע וועל איך אייך זאָגען, אַז מײַן ווײַב האָט אין זיי אַרײַנגעלעגט, ווי זי זאָגט, פּיתום און רעמסס, עשר 10 מינים בלעטער: קערשען־בלעטער, רעמבענע בלעטער, כריין־בלעטער, —

ווער קען עס געדענקען? און אַלע סאָרטען פעפער און קנאָבעל און סאַליטרע, און ס'האָט אַלץ נישט געהאָלפען, די אוגערקעס זענען, צום סעדזיערען, נישט געראָטען, ווי איהר וועט ווייטער הערען. בקיצור די פעסער ליגען שוין אין קעלער און שאַפען דאָרט פאַמעליך אַ טייכעל פון ראָסעל...

ס'איז שוין נאָהנט פון פסח, ס'איז שוין די העכסטע צייט צו דינגען אַ גאָרטען אויף אוגערקעס, און קיין סוחר זעהט מען נישט. וואָס איז די סיבה? אַנדערע זאָגען, אַז מען ברענגט אוגערקעס פון ארץ־ישראל, — דאָס האָט מיך נישט געאַרט, די ארץ־ישראל־אידען דאַרפען אויך לעבען. אַנדערע זאָגען אָבער, אַז מע ברענגט אוגערקעס פון מצרים. דאָס, זעהט איהר, האָט מיך דער'הרג'עט. פון מצרים! די אמת'ע קשואים! אידען, זאָג איך, שאַפט בעצייטענס ערטער, וואו אַרויסצוגיסען אייערע אוגערקעס, זאָלען אייך כאָטש בלייבען די פעסער. איך האָב עס געמיינט גאַנץ ערנסט, ווייל איך ווייס, אַז מיט איין מצרים־אוגערקע בעטיילט מען אַ האַלבע שטאָדט. ווען איך בין ראָטשילד, זאָג איך, גיב איך זיך אַן עצה. איך פאָהר אַריין אַהין, קויף־אויף אַלע אוגערקעס און שיט זיי אַלע גלייך אין נילוס אַריין. און אַזוי, זאָג איך, איז שלעכט, גיה פערשטעל פאַר עמיצען דעם וועג. נאָר, געלויבט השי"ת, ס'איז געווען אַ ליגען. אַ סימן, ס'האָט זיך אומגעריכט בעוויזען אַ סוחר און מיין שותף איז געלונגען אַריינצושלעפען איהם אין קעלער צו ווייזען איהם די סחורה.

מ'האָט געעפענט אַ פאַס, דער איד האָט בנעימות, ווי אַ מומחה, גענומען אַ אוגערקעלע און האָט עס געטהון אַ קוועטש ביים בייכעל. דאָס אוגערקעלע האָט געבען, אַרויסגעלאָזט אַ שטיקעל קרעכץ און — אויסגעשאָסען. איהר זעהט, מאַכט ער, אייערע אוגערקעס האָבען שלשול. און כדי צו פערשטאַרקען זיין בעהויפטונג, האָט ער געמאַכט דעמזעלבען עקספערימענט מיט עטליכע אַזעלכע אוגערקעס. צווישען אונז זאָל עס בלייבען, זענען אַלע געווען אַזעלכע. דאָס שוואַרץ יאָ'ר ווייס זיי פאַר וואָס. איך האָב געכאַפט אַ קוק אויף מיין שותף, האָב איך געזעהען, אַז ער איז מלא רציחה: דאָס פנים רויט ווי ביי אַ אינדיק. די אויגען האָט ער אָנגעשטעלט אויף דעם איד ווי שפּיזען און איך האָב געציטערט ער זאָל איהם ניט דער'הרג'ענען. איך, דאַגעגען, בלאַס ווי קרייד, האָב זיך אָהנמעכטיג אַנידערגעזעצט אויף אַ פעסיל, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט די הענד און געזאָגט קינות: אשר טפחתי ורביתי אויבי כלם. יעדעס אוגערקעלע האָב איך 6 מאָל געהאַלטען אין האַנד, געוואַשען, געבאָדען און געדיקעלט (אין בלעטער), איז געקומען אַ גזלן און האָט פונזיי די געדערים אַרויסגעקוועטשט.

דעם אמת וועל איך זאָגען, אַז נאָכדעם ווי דער איד האָט שוין די סחורה געהאַט צוגענומען, האָט מיר שטאַרק באַנג געטהון, וואָס איך האָב איהם געהאַלטען פאַר אַ גזלן. דאָס איז נישט געווען קיין איד, האָב איך געזאָגט, נאָר אליהו הנביא, אָדער אַ מלאך, און איך האָב איהם געוואונשען דאָס אייביגע לעבען דער־

פאר, וואָס ער האָט מיר פּאַק גענומען אויף זיינע פּלייצעס.

און אחרי ככלות הכל בין איך, מיט די עטליכע גולדען אָװעקגעלאָפען צו מיין גוי און בין געווען העכסט גליקליך, אַז ער האָט זיי צוגענומען און געגעבען מיר דאָס אייגענע שטיקעל ערד. וואָס דען זאָל מען טהון? כ'בעט אייך, וואו געהמט מען ביי היינטיגע צייטען בעסערס?

ביים צווייטען מאָל, אויב ס'וועט אויסקומען, וועל איך אייך דערצעהלען פון „ב", ווי איך בין געווען אַ בעקער און געמאַכט בראָנפען; אפשר וועט איהר פון בולקעס מיט בראָנפען מעהר הנאה ווי פון אוגערקעס.

▼ ▼
▼

נאָך דער מוטערס טויט

אַנדזשאַ איז אַלט צוועלף יאָהר. לויט'ן וואוקס אַ קינד, אָבער לויט'ן גאַנצן אויסזעהן — אַ דערוואַקסענער מענש.

דאָס קערפּערל איינגעדאַרט. דאָס פּנים'על בלאַס און פאַרוויינט. די גרויע, גראָסע אויגן האַלב פאַרמאַכט: גרייט זיך צוצודריקען און אַרויסצוקוועטשען טרעהרען. דער העכערער שטערן שיפּעלט. די נאָז אַ לאַנגע, אינדערהויך אַ בערגעלע. די אויסגעטערישטע רייהע ווייסע ציינדעלעך שטעהען אַרויס צוזאַמען מיט דער ליפּ און גאָמבע אויך, אַז עס פליסען טרעהרען פון די אויגען רינען אַביסעל אין מויל אַריין.

צו דעם אויסזעהן און שטימונג איז זי געקומען זינט איהר מוטער איז געשטאָרבען. דאָס איז געשעהן תשעה־באב פאַרמיטאָג. ווען אַנדזשאַס פאָטער איז צוריקגעקומען פון דער לוויה האָט ער זיך צוריקגעזעצט אויף דעם נידעריגען בענקעלע אויף גאַנצע זיבען טאָג. די פיער געבליבענע מיידעלעך האָט מען אַזוי איינגעאָרדענט: אַנדזשאַן, די עלטסטע, און זיסעלען, די יונגסטע, האָבען די שכנות אַוועקגעשיקט אויף פיער וואָכען נאָך אָזאָרקאָוו צו דער מומע כעבעד, און טאָבציאַן מיט שיינדעלען, די מיטעלסטע — נאָך זשיראַרדאָוו צו דעם פעטער שלמה, כדי זיי זאָלען דערווייל נישט דערקענען, אַז אין שטוב איז געוואָרען אויסגעטווישט די מוטער אויף טרויעריגען אומעט.

נאָר איצט איז שוין נאָך אַלעם. די קינדער זענען שוין צוריק געקומען צו פאָהרען. דער פאָטער איז ביי דער אַרבייט. טאָבציאַ און שיינדעלע זענען ביים שכן אויפ'ן צווייטען שטאָק. זיסעלע שלאָפט. בלויז אַנדזשאַ זיצט אַליין אין דעם טרויערגען צימערל און ווייגט און טראַכט.

ווען זי קאָן זיך כאָטש אַ קלייניגע ווײַלע איינהאַלטען פון וויינען! נאָר אַנדערש וואָלט זי דאָך אויפגעלעבט! זי פּרוּווט מיט אַלע כּחות צו דערשטיקען דאָס געוויין, נאָר עס געהט נישט. די טרעהרען רייסען זיך, מיט געוואַלד פון די אויגען אַרויס, פערבאָדען איהר דאָס פּנים און דער קאָפּ טהוט איהר שרעקליך וועה.

זי וועט דאָך דערמיט אומברענגען דאָס גאַנצע הויזגעזינד און ווירטשאַפט! בלויז אויף איהר האָט דאָך די מוטער איבערגעלאָזט דאָס אַלץ צו פאַרזעהן! זי געדענקט נאָך גוט ווי אַזוי דאָס איז געווען. אַ טאָג פאַר'ן טויט. די מוטער ליגט אַ בלאַסע, כמעט געל מיט אַן איינגעצויגען פּנים. דער טאַטע און אַלע קינדער

דרעהען זיך אַרום און שטוב. יעדער האָט מורא אויף איהר אַ קוק צו טהון, זי גישט מיט עפּיס צו קרענקען. פּלוצלונג הערט זיך אַ שוואַך קול, אַ ציטערדיגעס: „אַנדזיאַ, אַנדזיאַ“. אַלע קעהרען אום צו איהר די פּנימער און אין די אויגען שטעלען זיך טרעהרען, אַז מען זעהט ווי זיי גלאַנצען. זי, אַנדזיאַ, ווערט פערציטערט. עפּיס אַ אומעטיגער טרויער צוזאַמען מיט רחמנות און שרעק נעהמט זי אַרום. „וואָס, וואָס מאַמעשי?“ פרעגט זי מיט געוויין. די מוטער גיעט זיך אַ ריהר אויפ'ן קישען און לאָזט אַרויס אַ שטילען קרעכץ. „געדענק, אַנדזיאַ, געדענק... אויף דיינע הענד לאָז איך דאָס אַלץ איבער... דעם טאַטען... די ווירטשאַפט... די קינדערלעך... דער טאַטע וועט ברענגען געלד און דו וועסט זיי צוגרייטען צו עסען... אויף דיר פאַלט דאָס אַלץ... קיין אַנדערער איז נישטאָ“... און זאָגענדיג דאָס קוקט זי מיט אַזאַ בעטענדען, אומבעהאָלפענעם, רחמנות'דיגען בליק.

זי, אַנדזיאַ, וויל זי בערוהיגען, אַז זי וועט נאָך ווייטער לעבען און זיין מיט זיי צוזאַמען — נאָר זי קאָן נישט. טרעהרען ווערען פערגליווערט, אין האַלז שטיקט און דאָס מויל עפענט זיך נישט... דער קערפּער ווערט איהר שוואַך. די פיס הינטער איהר ציטערן. זי קאָן מעהר נישט איינשטעהן און גיט אַ פאַל אויף דער מאַמעס בעט. די מוטער נעהמט זי אָן ביי דער האַנד — זי ווערט דערציטערט: עפּיס נישט קיין מענשליכע האַנד, נאָר עפּיס אַ האַרטעס, אַ טרוקענעס... ניין, די האַנד לעבט נישט מעהר!

„נו, אַנדזיאַ, זאָגסט מיר צו?... שוויג נישט... זאָג מיר כאָטש איין וואָרט“... רעדט זי ווייטער מיט אַ קוים דערהערבאַר קרעכצענד קול. „יאָ, מאַמעשי“, רייסט זיך איהר אַרויס און אין האַלז הויבט אָן ווייטער צו שטיקען, אַז זי קאָן מעהר עפּיס אַנדערש נישט רעדען — — —

אַנדזיאַ קאָן זיך מעהר נישט פאַסען. די ערינערונג האָט זי צו שאַרף אָנגעגריפען. ווי אַ גליהענדיג אייזען האָט זי זיך איין איהר קראַנקער, נאָך נישט פערהיילטער נשמה אַריינגעבראָכט. זי ווערט היסטעריש. אַלץ ווערט אויף איהר ענג. זי פיהלט, ווי די ברוסטען ציהען זיך איהר איין און קוועטשען צוזאַמען דאָס האַרץ. אַרום האַלז — ווי אַ לעדערנער פאַס וואָלט איהם צוזאַמען געצויגען זי צו דערהערגען. אויך די הויט אויפ'ן שטערן דריקט פעסט איהר קאָפּ... זי קאָן מעהר נישט איינשטעהן. אין קאָפּ רוישט איהר. אַלץ טאַנצט פאַר איהרע אויגען. זי גיט אַ פאַל מיט'ן קאָפּ אויפ'ן טיש און שרייט היסטעריש אויס: „מאַמע, מאַמעשי“...

אַביסעל שפּעטער קומט זי צו זיך. מיט'ן אַדורכגעווייקטען טיכעל ווי אַ שטיק לייס ווישט זי זיך אויס די אויגען. זי קוקט זיך אַרום, ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. „געדענק אַנדזיאַ, געדענק... הויבט איהר אָן צו קלינגען אַ קרעכצענדע, אומעטיגע שטים אין די אויערען.

זי פערטראַכט זיך ווענען פאָטער: איז דאָס דער זעלביגער פרעהליכער טאַטע פון אַ פאָר וואָכען צוריק? יעדען אָוונד איז ער אַהיימגעקומען מיט אַזאַ היימליכען „גוטען אָוונד“; אַז ער איז אַריינגעקומען איז געוואָרען ליכטיג און אַלע ווינקעלעך

ער האָט די קינדער געטיילט ביינעל און צעהנערלעך און האָט זיך מיט זיי געשפּיעלט ווי מיט זיינסגלייכען, אַז אַלץ האָט זיך צעלאַכט און אויפגעלעבט... איז דאָס דער זעלבער טאַטעשי? ווי ער זעהט היינט אויס! אַזוי בלאַס, אַזוי ציטערדיג און אָבגעלאָזען. די באַקען בלאַס און איינגעפאַלען. איינגאַנצען אַזוי אָבגעצעהרט. די אויגען פערלאָשען און אונטערגעשלאָגען. דער שטערען צעקנייטשט. די ליפּען אויסגעטריקענט. דאָס שוואַרצע בערדעל, וואָס האָט אַמאָל אַזוי בעשיינט זיין פּנים, האָט ער שוין באַלד איינגאַנצען אויסגעצופּט. די פּאָר הערעלעך, וואָס זענען נאָך פערבליבען, וואַרפען נאָך אָן אַ מרה־שחורה'דיגערען און טויטערען אויסזעהן אויף זיין געזיכט.

אַ גאַנצען טאָג איז ער נישטאָ אין דער היים. אין דער פריה געהט ער אוועק ווען קיינער הערט נישט. אין אָוועגט, אַהיימקומענדיג, רעדט ער נישט קיין וואָרט, זעצט זיך צום טיש און קוקט אינ'ם גילה פון קליינעם עלעקטרישען לעמפּעל. שפּעטער הויבט ער זיך אויף און געהט אַהין אין ווינקעל, וואו שטענדיג האָט ער געדאַווענט מעריב. עטליכע מינוט שטעהט ער האַרט אָהן בעוועגונג. נישט ער דאַווענט, נישט ער מאַכט צומאָל מיט'ן מויל, נישט ער האַלט צו די אויגען און נישט ער קוקט. דערנאָך זעצט ער זיך צוריק צום טיש. זי, אַגאַזיאַ, דערלאַנגט איהם צו עסען. ער עסט אָהן דעם מינדעסטען גערויש. יעדעס מאָל ביים עפענען דאָס מויל בעוויזט זיך אַ שוואַרצער תהום ווי ביינאַכט אין אַ פינסטערען קעהלער. די באַקען קנייטשען זיך און פאַלען נאָך מעהר איין. די קין־באַקען ווערען שפּיציגער און שטאַרען שאַרף אַרויס. די שלייפען אַרבייטען. די אָדערען צוקען. זיי שפּרינגען פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען. הויבען זיך און פאַלען צוריק איין. די אויגען קוקען אָהן אַ בליק און גיבען צומאָל נישט קיין פינטעל.

אַגאַזיאַן דערוועקט זיך עפּיס פלוצלונג אין געדאַנק. עס ווערט איהר קלאָר עפּיס אַזעלכעס וואָס ברענגט ערנידריגונג און געפאַלענקייט זייער הויז־געזינד אין יחוס: איהר פאָטער אַרבייט ביי זיין שוואָגער, איהר מוטערס ברודער, אין גאַלאַנטעריע־געשעפט. נעכטען איז זי האַרט געווען אין געשעפט, האָט זי איהם נישט געטראָפען פאָרנט אין געוועלב, נאָר אין דער צווייטער שטוב, וואו ער האָט צוזאַמענגעקליבען די פּאַפּירען פון דער ערד, אַרייגעלעגט קוילען אינ'ם אויווען און פערפּאַקט עטליכע פּעקלעך. איצט פערשטעהט זי אַלץ. צוליעב זיין צעחושטקייט און אָבגעלאָזענקייט איז ער מעהר נישט פעהיג צום האַנדעל. איהר פעטער האָט איהם נישט געקאָנט אָבזאָגען פון פּאָסטען, האָט ער איהם צוגענומען אַלס זייטען־בעדינער, אַלס סטרוזש אין געשעפט. אַגאַזיאַ פערשטעהט זיך. זי ווערט רויט און פערציטערט פאַר שאַנד און כעס: איהר פאָטער אַלס סטרוזש ביי איהר אייגענעם פעטער!

יאָ, דאָס געהאַלט בעקומט ער נאָך דאָס גאַנצע. יעדע וואָך ברענגט ער אַהיים פונפציג גילדען און לעגט זיי אין שענקעל אַריין. זינט די לעצטע וואָכען האָט זיך שוין דאָרט אָנגעזאַמעלט שען געלד. נו געווים, אַז קיין ווירטשאַפט פיהרט מען

נישט, קיין מיטאָג קאָכט מען נישט. יעדעס מאָל ווען עס פעהלט אויס קויפט מען אַ טרוקען ברויט, דאָס איז דאָס גאַנצע!

אַנדזשאַ ווערט אויפמערקזאַם, וואָס דאָס קינד האָט זיך שוין לאַנג נישט איבערגעוועקט פון שלאָף. זי געהט צו צום בעט. קוקענדיג אויף דעם פערלאָזטען קינד, נעהמט זי אָן אַ רחמנות און זי הויבט אָן צו וויינען. מיט אַמאָל עפענט זיך האַסטיג די טהיר. טאָבציאַ קומט היימליך אַריינצולויפען, אַז דאָס זיידענע, גראַנאַטענע קליידעל צעפליהט זיך אַרום איהר. זי שרייט אויס:

— אַנדזשאַ, אַנדזשאַ, אוי האָבען זיך אונז אויבען שעהן געשפּיעלט... — זי גיט אַ קוקו אויף אַנדזשאַן און ווערט שטיל. זי פערשעמט זיך, וואָס אין אַ צייט פון אַזאַ טרויער איז זי אַזוי פרעהליך און האָט אין זינען שפּילערייען. זי פיהלט זיך פערשולדיגט געגען אַנדזשאַן און קוקענדיג אויף איהר פעראַבגעלאָזטען קאָפּ און פערוויינטע אויגען וויל זי אויך אָנהויבען צו וויינען.

אין אַנדזשאַס האַרץ האָט זיך עפּיס אַ ריהר געטהון. עס איז געווען די ענטשיידענדע מינוט אין איהר לעבען — די מינוט פון קריזיס ביי אַ חולה מסוכן. אָדער די קרענק וועט גובר זיין און ער איז פערלאָרען, אָדער עס וועט זיגען זיין געזונדע נאַטור און ער וועט גענעזען ווערען.

אין אַנדזשאַן האָט געזיעגט איהר יוגענד... טאָבציאַס פרעהליכער אַריינקום האָט זי אויפגעוועקט ווי צו אַ נייַ לעבען. זי האָט זיך דערפיהלט מונטער און פרעהליך ווי נאָך קיינמאָל פון זינט איהר מוטערס טויט. אַלץ, וואָס איז אין איהר ביז אַהער געווען פערשטיקט אונטער דעם שווערען פּרעס פון טרויער, האָט זיך מיט אַמאָל אַ הויב געטהון און זיך מיט דער גאַנצער קראַפט גענומען רייסען צום לעבען.

טאָבציאַ שטעהט נאָך אַלץ פערטרויערט. אַנדזשאַ גלייכט זיך מיטאַמאָל אויס:

— שיינדעלע האָט זיך אויך אַזוי שען געשפּיעלט? — פרעגט זי פרעהליך.

טאָבציאַ מיינט, אַז די שוועסטער זאָגט דאָס מיט פּאַרוואורף, לאָזט זי נאָך מעהר אַראָב דעם קאָפּ. נאָר אַנדזשאַ קאָן שוין בייקומען די טרעהרען און רעדט ווייטער היימליך, ביז טאָבציאַ איבערצייגט זיך, אַז זי מיינט עס ערנסט.

— נו, ענטפער מיר, טאָבציאַ. זיי נישט אַזוי. — טאָבציאַ ווערט אויפגעמונטערט פון די ווערטער. זי דערצעהלט: אויבען זענען געווען נאָך קינדער. עס איז געווען אַ וועטשערע, זענען זיי אַרומגעפאָהרען אַרום דעם טיש. דערנאָך האָבען זיי געטאַנצט און געזונגען ליעדלעך.

— כאַ, כאַ, כאַ, אַזוי שען איז געווען? טאָ גיב מיר אַ קוש. — טאָבציאַ איז נישט דרייסט און גיט איהר אַ לייכטען קוש אין באַק. אַנדזשאַ בעשטעהט נישט און וויל אַ פעסטערען קוש. ביידע שוועסטערלעך נעהמען זיך אַרום און דריקען זיך פעסט צו זיך.

דערנאָך נעהמט אַנדזשאַ אַרויס אַ פּאָר גילדען פון שענקעל און געהט אַראָב ברענגען עפּעס צו עסען. זי הייסט, טאָבציאַ זאָל דערוויל אויפוועקען זיסעלען און

אָנטהון זי. אַנדזיאַ קומט באַלד צוריק און ברענגט אַ ברויט, עטליכע בייגעל, אַ שטיקעל פּוטער, קאַווע, ציקאָריע, אַ ליטער מילך און דערצעהלט, אַז זי האָט בעשטעלט די וועשין אויף איבערמאָרגען צו וואַשען.

אַביסעל שפּעטער קומט שייגדעלע אויך אַריין — אַ שיינענדגע, אַ פרעהליכע און זעהענדיג די היימליכקייט אין דער שטוב בלייבט זי אויך ווייטער מונטער. אַלע זעצען זיך צום טיש און אַנדזיאַ דערלאַנגט צום עסען. נאָכ'ן עסען לעגט אַנדזיאַ פאָר, מען זאָל מאַכען היימליך, ווי פריהער ביים שכן. אַלע קינדער שפּרינגען אויף און רוקען דעם טיש אין מיטען צימערל אַריין. אין דער זייט שטעהט אַ טישעל פון אַ נייה־מאַשין אונטען מיט רעדלעך. זיי פיהרען דאָס צו צום טיש, יעדעס מאָל זעצט מען אַרויף אַנ'אַנדער קינד און מען פאָהרט דערמיט אַרום דעם טיש. דערנאָך נעהמען זיי זיך אָן אין אַ ראָד און הויבען אָן צו טאַנצען און צו זינגען ליעדלעך. אינמיטען קומט אַריין דער פאָטער טרויעריג און נידערגעשלאָגען ווי שטענדיג. אַנדזיאַ בעמערקט דאָס, נאָר זי זינגט ווייטער. דער פאָטער געהט צו צום טיש, נעהמט זיך אָן אין ראָד און רופט אויס מיט פּלוצלונגדיגער נעריהרטקייט:

— זאָל שוין זיין היימליך ביי אונז אין שטוב! טאַנצט קינדערלעך! זאָל זיין פרעהליך!

ז—ד.

עזריאל

דער טאָג האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אויפגעפעדערט און מיט אַ געניץ אין ברייט צעשטראַלטען מויל, ווי אַ גרויסער בער, וואָס קריכט־אַרויס פון זיין נאָרע, האָט ער זיך אויסגעשטרעקט אויף אַלע פיער און אַזוי שוין פערבליבען ליגען. אויפ'ן הימעל זענען אומגעקראָכען שטיקלעך גרויליכע כמאַרעס, לענגליכע ווי שלאַנגען, און אַנדערע, וועלכע האָבען גאָר הויך, זיך געוויעגט אין טיפען הימעל־געוועלב, האָבען אויסגעזעהן, ווי קלייגע חיה'לעך, וואָס לעבען נישט לאַנג.

עזריאל, אַ איד אין די זעכציגער, מיט ברייטע פלייצעס, מיט אַלטע, אָבגע־ריבענע פערפעצטע מלבושים, מיט אַ קויטיגער באָרד, וועלכע האָט ווי געגעבען אַ פערשווערונג קיינמאָל נישט אינגאַנצען גרוי צו ווערען, — געהט מיט אַ זאַק אויף די פלייצעס אויפ'ן וועג, וואָס פיהרט אין דאָרף. ברייטע פעלדער ציהען זיך אַרום, שליסען זיך מיט וואַלד, דרעהען זיך זיגזאַגיש און אָטעמען מיט לעבען פון וואַקסענדע תבואות. די דאָזיגע וועגען זענען עזריאל'ן שוין גוט בעקאַנט. ער קען יעדע סטעזשקע אויסגעבונדען, ווי אַ מענש, מיט וועלכען מען לעבט־אָב אַ פאָר צענדליג יאָהר, וויל יאָהרען־לאַנג שפּרייזט ער שוין מיט'ן זעקעל אויף די פלייצעס, אַמאָל גלייך אָהן שום לאַסט און אַמאָל געבויגען ביז צו די לענדען און מיט שוויס אויפ'ן גאַנצען לייב. ער קויפט־אויף שמאַטעס, פלאַקס, אַלט אייזענוואַרג ביי די פויערים און זאָגט די בוימער פון וואַלד אַ „גוט־מאָרגען“ צוזאַמען מיט די פויגעל און מיט דער אויפגעהענדער זון.

ביי יעדעם מאָל, ווען ער קומט אויף דעם וועג, פערפלאָנטערען איהם אומ־בעוואוסטזיניגע געדאַנקען, וועלכע צופּען איהם ביי די נערווען, און שטעלען איהם אָב דעם גאַנג. ער קאָן קיינמאָל נישט פערשטעהן דעם פלאָנטער פון זיינע גע־דאַנקען, וויל צוזאַמען מיט דעם אָבפלוס פון זיינע יאָהרען זענען אין איהם פערוויקעלט געוואָרען די געדאַנקען און מיער געוואָרען אָנצונעהמען אַ בולטקייט פון דעם אייביגען געהן און טראָגען דאָס זעקעל אויף די פלייצעס.

דאָ נישט ווייט, אויף אַ מעזשע, וואָס דרעהט זיך אוים לינקס צום וואַלד צו, בלייבט זיך אַ ווייס הייזעל, וואָס שטעהט אַרומגענומען מיט געדיכטע צווייגען פון בוימער און קוקט זיך אַזוי יאָהרען־לאַנג אין דער פרייקייט פון ברייטע רוימען און ווייטע פעלדער. דאָס הייזעל איז דעם גאַאָווערס פון וואַלד. עפּיס ציהט עס זיין אויג, לאָקט איהם, און מאַכט איהם אומעטיג דאָס האַרץ, ווי אַ פאַסקודנער חלום.

שטעהט עזריאל מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, האַלט-צו מיט איין האַנד אַ בוים, אויף וועלכען די בלעטלעך ציטערען מיט שטומען געמורמעל, און צעהלט די גראָזען פון דער ערד. ער הערט זיך צו צו זיך, הערט דאָס האַסטיגע פּלאַטערן פון זיין פערגאַנגענהייט, יאָהרען געהען-אויף און עטרינען צוריק, געהען-אויף ווי בליצען אין הער נאַכט און ווערען אויפגעפרעסען פון עפּיס אַ דיקען נעפּעל, וואָס האַלט אין קלעם זיין נשמה; עס קנייטשט זיך איין זיין שטערען, דיקע פאַלדען לעגען זיך אָב, ווי אויף אַ געקנייטשטען מלבוש; ס'איז קענטיג, אַז ער וויל עפּיס אינערליך אויפכאַפּען, עפּיס פערגעצען, נאָר אויך היינט, ווי אַלע מאָל, איז ער שוואַך אין כחות, טהוט ער אַ האַסטיגען דאַפּקע מיט'ן פוס און לאָזט זיך ווייטער געהן. איבער זיין קאָפּ פליהט דורך, אַ מתנה ווילדע גענז, גוגערן איהם אין אויער אַזוי גרילצענדיג, ווי קאָרט אינדערהויך וואָלט עמיץ געשטאַנען און געקראַצט מיט בלעכען. ער טהוט אַ קוק אויף דער פליהענדער מתנה מיט אַ טעמפּען בליק, טהוט אַ שפּיי און שפּרייזט ווייטער.

געקומען איז ער אין דאָרף אַריין, האָט מען נאָר וואָס געהאַט אַרויסגעטריבען די בהמות, וועלכע ער האָט בעגעגענט ביי'ם וואַלד-אַרויסגאַנג מיט דריי שקצימלעך מיט לאַנגע בייטשען, מיט גרויע, לאַנגע סוקמאַנעס און מיט גרויסע, הילצערנע פייפעלעך אין; די פאַזוכעס צוזאַמען מיט האַלבע דאָזעווע ברויטלעך. די שטאַלען זענען געווען אויפגעפּראַלט, אַ געמעקעריי פון יונגע קעלבלעך האָט זיך געריסען דורך די שטאַל-טהירען אינ'ם ווייסען דאָרף אַריין; פויערים אין ווייסע לייווענטענע הויזען האָבען זיך אַרומגעדרעהט אין די גערטנער, בעגאָסען די ציבעלע און באָקון-ביימען, אַנדערע זענען געשטאַנען אָנגעבויגען מיט העק אין די העגד און געשפּאָלטען האָלץ-קלעצער, זיך געווישט דעם שוויים מיט די אַרבעל און אַנדערע האָבען זיך גלאַט אַזוי אַרומגעדרעהט, בעקוקט די פורטקעס פון די טהירלעך און בעגעגענט עזריאל'ן מיט אַ ברייטען „גוט-מאָרגען".

— וואָס הערט זיך אין שטאָדט, עזרילקו?

— אַ האַנק. אַלץ ביים אַלטען. עפּיס פאַרהאַנגען פאַר מיר?

— אָ, אַ שאָד. נישטאָ. שלעכטע צייטען.

עזריאל איז אַזוי אַרומגעגאַנגען פון הויף צו הויף, אויסגעזונגען זיין טאָג-טעגליכען „שמאַטע-לאַמע"-פזמון און גאָרנישט געפועלט. די פויערים האָבען לייהער היינט נישט וואָס צו פערקויפען, שלעכטע צייטען, פאַראַיאָהרען געווען אַ שלעכט גערעטעניש, איז מען אַליין אַרומגעגאַנגען מיט פערלאַטעטע הויזען, די ווייבעלעך האָבען שוין אפילו געהאַט צעבראַכענע רייפען, נאָר אויף קיין נייע רייפען איז קיין געלד נישט געווען.

אַזוי האָבען זיך בעקלאָגט פאַר עזריאל'ן די פויערים, זיי האָבען זיך פערענטפערט פאַר איהם, ווייל זיי האָבען איהם ליעב געהאַט, ווי אַ לייבליכען ברודער. זיי האָבען איהם געקאָנט פון יאָהרען-לאַנג. ער איז מיט טייל פון די עלטערע פויערים איינאיינעם אויפגעוואַקסען אויף זיין ישוב און איהם כבוד אָבגעגעבען

פּאַר אַמאָליגע זכרונות. יאָ, נאָך אַלעם, איז עזריאל נישט אַבי אַ „ושיר“, זיי האָבן נאָך געקוקט דעם אַלטען יאַנקעל קרעמשעמער און אויף איהם רחמנות געהאַט פאַר זיינע אינערליכע ליידען. זיי האָבן וועגען איהם אַ סך געוואוסט, אפשר פיעל מעהר, וויפיעל ער האָט אַליין געדענקט; עזריאל האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און שווער אָבגעזיפצט. ער האָט דערפיהלט, אַז זיין לעבען ווערט פון טאָג צו טאָג שווערער, די עלטער שפּרייט זיך אויס איבער זיין לעבען, ווי אַ געדיכטע כמאַרע קראָהען, און ער ווערט שוואַכער. קינדער האָט ער געהאַט דריי, זענען זיי צעזייהט איבער דער וועלט, וויים, אין אַזעלכע לענדער, וואו ער וועט קיינמאָל נישט זיין. דער עלטסטער זוהן, מענדיל, איז אין וויטען אַמעריקא, דאָרט חתונה געהאַט און חי ס׳דערצעהלען אַמאָל אַזעלכע מענשען פון דאָרט, גערהט איהם נישט שלעכט, אָבער צום טאַטען לאָזט ער זיך נישט קאָנען. אַך, שוין איינמאָל אַ זוהנדעל! ס׳מאַכט זיך אַמאָל ער שיקט אַ פערזיגעלטען קאָנווערט מיט אַ פּאָר טאָלער, אָבער קיין פּאָר ווערטער האָט ער נאָך קיינמאָל נישט צוגעשריבען. ער מיינט אַפּנים דאָרט, אָט דער מענדיל זיינער, אַז דער טאַטע, דער פּראָסטער איד, לאָזט זיך בעגנוגען בלויז מיט אַ פּערמאַליעוועט שטיקעל פּאַפּיר, וואָס האָט נישט מעהר די ווערט, ווי צעהן אָדער צוואַנציג טאָלער, און טראַכט נישט אַמאָל, אַז ווען ער שרייבט־צו עטליכע ווערטער, אַ שטייגער, אַז ער איז געזונד, וואָס מאַכט דער טאַטע, די מאַמע, וואָלט ער דעם טאַטען דערוואַרימט די בלוטען און וואָלטען געטרייסט די אַלטע ביינער זיינע. גאָט מיינער, ווי פערשאָלטען דאָס אַמעריקא איז! ברייגע, זיין ווייב, דריקט אַמאָל צו העם קאָנווערט צו די ליפּען, וויינט און קושט דאָס לעדיגע פּאַפּיר, אָבער עזריאל דרעהט זיך דאַן אום איבער דער שטוב פערמרה׳שחורה׳ט און ברומט: „עך, אידענע... כדאי קינדער צו האָבען“...

אָבער אויך די איבעריגע קינדער זענען נישט בעסער. ביילייטענס מיידלעך האַלטען זיך ביי דער היים, העלפען־צו אויף דער עלטער און זיין רחל׳ע האָט זיך איינמאָל אין אַ טאָג צעזעגענט מיט טאַטע־מאַמע און איז אויך אַוועק. זי איז אַוועק מיט עפּיס אַ חברה בחורים, וועלכע האָבען מיט עטליכע יאָהר צוריק געאַרבייט אין די אַרומיגע דערפער ביי פעלד־אַרבייט, זי האָט זיך אין איינעם פון זיי פערליעבט און אַוועק קיין ארץ־ישראל. יאָ, אַוודאי האָט עס איהם קיין נחת נישט פערשאַפט, אָבער ביזט דאָך שוין געפאָהרען, שרייבט־זשע דו אַמאָל צו אַ בריעף צו טאַטע־מאַמע! אַ פרוי האָט דאָך אַ ווייך האַרץ, אָבער זי לאָזט זיך נישט הערען און געדענקען, ווי טאַטע־מאַמע וואָלט איהר ס׳ערגסטע געטהון. אָ, הייגטיגע קינדער! און משה? מילא... איהם איז שוין גאָרנישט צו פערשטעהן! אַזאַ יונג, ווי ער, אַ סאָכנע, האָט גענומען לייענען אין די ביכער, און גאָט ווייסט, וואָס דאָרט שטעהט, און אָנגעהויבען ליי קעגען אין גאָט, אין אַלץ און אויך ערגיץ וואו אַוועק איבערדרעהען אַ וועלט. ווער ווייסט איהם, וואו ער איז ערגיץ הייגט...

אַזוי איז עזריאל אויך איצט אומגעגאַנגען מיט זיינע שווערע שטימע איבער

שמאָלע זאַמדיגע סטעזשקעס פון דאָרף און געטראַכט זיין טאָג־טעגליך טראַכטע: פון זיין לעבען. אַ הייסע וואַרעמקייט פון דער זון האָט איהם אַרומגענומען מיט שווייסיגע לאַפּעס און איהם גענעבען צו פערשטעהן, אַז דער טאָג רוקט זיך. ער איז געווען הונגעריג און אַ טראַכט געטהון: „מען דאַרף עפּיס טועם זיין“. ער איז אַרייננעגאַנגען אין אַ ניעדעריגער כאַטע מיט אַ שטרוי־בעדעקטען דאַך, צום אַלטען קאָוואַל באַרטאָן הוליאַן. אין כאַטע האָט זיך געפיהלט אַנ׳אַלטע היימישקייט. דער אַלטער באַרטאָן איז געזעסען רייטענדיג אויף אַ ניעדריג לענגליך בענקעל, וואָס איז געווען פערקאָוועט מיט אייזען און מיט אַ גרויסען קיילעכדיגען האַמער האָט ער אויסגעקלאַפּט טשוועקעס. דערזעהענדיג עזריאל׳ן האָט דער אַלטער אַוועקגעלעגט דעם האַמער, אַ וויש געטהון מיט׳ן אַרבעל דעם שוויים פון שטערן און איהם דערלאַנגט שלום־עליכם.

— כיכי, עזרילקו, ברוגז געוואָרען מיט דיין אַלטען חבר, אַ, עזרילקו. — דער אַלטער האָט זיך געקראַצט זיין רונד פערהאַרטעוועט בערדעל, זיך געוואַקעלט אויף די דאַרע פיס און מיט ציטערדיגע אָהערדיגע הענד דערלאַנגט עזריאל׳ן אַ בענקעל.

— זעץ דיך, זוהנעלע, זעץ דיך טאַטעלע. כיכיכי. ביזט ביי מיר אַנ׳אָנגע־לעגטער גאַסט.

עזריאל האָט אַרויסגענומען אַ טאָרבע פון זאַק, אויפגעבונדען ס׳שטריקעל, אַרויסגענומען אַ האַלב ברייטעל מיט אַ ציבעלע און זיך געוואַשען צו ברויט. אַ ריח פון געפּרעגעלטען חזיר־שמאַלץ, איינגעוויקעלט און אַ פּאַרע האָט זיך אַרומגעטראָ־גען איבער דער כאַטע און אונטער דער הרובע האָט געקנאַקט דאָס פייער, ווי טרי־קענע ביינער, דער אַלטער קאָוואַל שלעפּט אַפער פון בעט אַ לאַנגע ליולקע, שטאָפּט זי אָן מיט באַקון־בלעטער, צעשמייכעלט זיך ברייט מיט די פערכלינעטע ליפּען, פערהוסט זיך, און נעהמט רעדען:

— ס׳פייער קנאַקט, טראַכט איך, ווער קאָן היינט זיין דער גאַסט? הע, עזריאל׳קע, שען זעהען מיר אוים אויף דער וועלט... פרע־פרע־פרעע־עלטער, שען, האָם שרייבען דיינע קינד... פכי־פככרי... קינדער.

עזריאל קייעט דאָס ברויט, מאַכט אַוועק מיט דער האַנד און ענטפערט:

— עי, פרעגט שוין נישט, טאַטעלע.

דער אַלטער רוקט זיך צו נעהנטער, צינדט אָן איין שוועבעלע נאָכ׳ן צווייטען און אַלע לעשען זיך, אוים דורך דעם ציטערען פון זיינע הענד.

— עך, אויף דער עלטער, קיין שוועבעלע וויל זיך שוין נישט אָנצינדען. אַלץ פאַסט טייערער, אַז מ׳איז אַלט. די זון וואַרעמט שוין נישט אַזוי, עך־עך־עך...

עזריאל צינדט איהם אָן אַ שוועבעלע, פערדרויכערט איהם די ליולקע און דער אַלטער זעצט זיך אַוועק און נעהמט רעדען הוסטענדיג און בלאָזענדיג פון זיך דעם רויך.

— ווייסט, עזריאל'קו, זי איז דאָ געווען, די בעסטיע, דיין שוועסטערל, מיין איך, געווען דאָ, מיט אַ הוט, מיט אַ שען קרעמסקע פוטערל. פון פּאַריז זאָגט מען איז זי געקומען. געווען דאָ אויך, ביי מיר זיך נאָכגעפרעגט אויף אַלץ און אויף אַלעמען און אויף דיר אויך. האָב איך געזאָגט, האָב איך, ער וויל דיך נישט הערן און געדענקען. האָסט זיי אַלעמען צרות אָנגעטהון, אַזוי ווי ביי אונז, אַזוי אויך, דאָכ־אַ, ביי אייך. יאָ, יאָ...

דער אַלטער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, געשאָקעלט אַזוי לאַנג ביז דער קאָפּ איז געבליבען הענגען אויטאָמאַטיש און אומבעוועגליך. עזריאל'ן איז אַרויס־געפאַלען ס'ברויט פון די הענד, ס'האָט זיך אין איהם אַ הויב געטהון אַ גרויסע, שווערע מאַסע, ווי יענע דערשטיקטע כוואַליעס אין פריהלינג, בעת די זון נעהמט צעלאָזען דאָס אייז פונ'ם טייך; דאָס האָט זיך אין איהם אַ הויב געטהון אַ גרויסע שווערע דערמאָהנונג פון יענע שווערע יאָהרען, וועלכע האָבען אין איהם איבערגעלאָזען אַ טעמפּען שניידיגען וועהטאָג, די שוועסטער... די דאָזיגע קליפּה, וועלכע האָט געבראַכט אויף דער גאַנצער משפחה די לאַנגע כמאַרע פון עלענד און צרות, צייט יענעם אונגליקליכען טאָג, ווען זי האָט אַלעמען און אויף צולהכעיס התונה געהאַט מיט דעם וואַלד־גאַיאָווער פונ'ם ווייסען שטיבעל, וואָס נעבען וואַלד. זי האָט זיי רואינירט. דעם טאַטען זיינעם געטריבען פון דער קרעטשמע, אויפגערעגט דאָס בלוט פון די פויערים און מיט פיין אונטער דער ברוסט איהם געטריבען צום טויט. אָבער די בושה איז נישט אָבגעשטאָרבען, עזריאל טראָגט זי נאָך ביז היינט און ווען ער זעצט זיך אַוועק אין קליינעם בית־המדרש'ל תהלים זאָגען, דוכט זיך איהם, אַז פון זיין אייגען קול שרייט גאָט אַרויס: „מהו תשובה, תשובה“. אַך, זי, צו דעם האָט זי נאָך אַקינד געהאַט מיט'ן גוי, איהם עס צוגעוואָרפען און זיך צוקריגט מיט'ן מאַן און אַוועק... ער, די בעסטיע. זי איז אין דאָרף געווען, די פער־שאָלטענע...

עזריאל'ן דוכט זיך אויס, אַז דורך איהר זענען זיך צולאָפען זיינע קינדער, און אַלע זאָרגען, וואָס ליגען בעהאַלטען צווישען די האָר פון זיין באָרד און פער־פאַלגען איהם טריט און שריט — אַלץ דורך איהר. איהם איז נישט־גוט געוואָרען, ער האָט געכאַפּט אַ טרונק וואַסער, אַרויסגעוואָרפען פון זיך דאָס אויפגעגעסענע און געשפירט אַ ביטערניש אין מויל.

— ניין. גאָרנישט... עפּעס נישט־גוט געוואָרען...

ווען עזריאל איז אַרויסגעגאַנגען פון דער כאַטע זענען די בהמות שוין צוריק־געגאַנגען פון דער פּאַשע מיט פאַמעליכע טריט, געהענדיג געריסען מיט די צייהן ס'גראָז, געקלונגען מיט די גלעקלעך און זיך געשראָקען פאַר די פאַסטוכערס בייטשען, וועלכע האָבען געלויערט הינטער זיי מיט שוואָכשענדיגע קנאַלען. אויפ'ן טיעפען מערב־האָריזאָנט, אונטער דעם גרין־בעגראָזטען באַרג, איז די זון געווען צעהאַנגען, ווי אַ רויט, זיידען געוואַנד. ס'האָט אָנגענומען ס'געפיהל, ווי ערגיץ וואָלט אַ יום־טוב זיין און די מענשען פון מערב האָבען אַרויסגעהאַנגען

זייער פאָהן. דער באַרג האָט, ווי אָוועקגעווייגט זיין קאָפּ, געבוקט זיך צו דער אונטערגעהענגטער זון און געדאַנקט איהר פאַר איהר ליעבער מילדלעכקייט פון טאָג.

דערזעהענדיג דאָס ווייסע הייזעל, וואָס איז שוין איצט געלעגען איינגעטונקען אין נעבעלדיגער ראָסע און אויסגעזעהען פיעל ווייסער און ניעדריגער, ווי ביי טאָג, האָט עזריאל'ן אַ קלאַפּ געטהון דאָס הארץ און ער האָט אַ טראַכט געטהון: „פאַרט אַ שוועסטער... אפשר אַריינגעהן“... ער האָט זיך געלאָזט געהן אַהין, אַ ווייס הונד'ל איז איהם אַקעגען געלאָפען מיט אַ פערדריסענער מאָרדע, געדרעהט מיט'ן ווידעל און קווייטשענדיג זיך צעהאַווקעט; אַ שניצ'ל מיט אַ ווייסען קאָפּ, ווי פון פלאַקסענע האָר, איז אַרויסגעקומען.

— וועמען זוכט איהר? דעם טאַטען... זיי זענען אָוועקגעפאָהרען אין שטאָדט אַריין, דער טאַטע מיט עפּעס אַ פּריצה'טע.

עזריאל האָט זיך געלאָזט צוריק מיט דעם וועג אין שטאָדט אַריין. אַ פּריצה'טע — האָט ער געטראַכט — ס'שוועסטער'ל, ס'גוטע שוועסטער'ל איז עס געווען די פּריצה'טע. און דאָס קינד מיט דעם פלאַקסענעם קעפּעל ווייסט פון גאָרנישט און שפּעטער, שפּעטער וואָס וועט זיין? דאָס קינד וועט אויסוואַקסען, ס'וועט לעבען גלייך, ווי אַלע פּויערים און אַז ס'וועט קומען צו אַ שידוך, וועט מען זיך שושקען הינטער זיינע פּלייצעס: „זיין מאַמע ז'געווען אַ אידישקע“... ס'האָט איהם אַרומגענומען אַ רחמנות אויף דעם קינד. אַלע קינדער האָבען מאַמעס און זיין מאַמע איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין עפּעס אַ פּריצה'טע...

עזריאל האָט אַ קוק געטהון אין דער הויך, זיך אָנגעבויגען צו דר'ערד, איינגענעצט די הענד אין טוי פון גראָז, געריבען איין דלאָניע אָן דער צווייטער, אַראָבגעלעגט דאָס זעקעל, זיך אַרומגעגאַרטעלט די לענדען מיט אַ שטריק און אין מיטען פעלד זיך אָוועקגעשטעלט מנחה דאַווענען. אַ לינד ווינדטעל האָט מיט זיידענע פינגער געגלעט זיין באָרד, וואו=נישט=וואו האָט זיך געלאָזט הערען אַ נעבעלדיגע געביל פון ווייטען ישוב און עטליכע קיילעכיגע שטערען האָבען זיך באַוויזען, ווי ליכטיגע אויגען, אויפ'ן הימעל.

אָבגעדאַווענט, האָט עזריאל דערזעהען, אַז ר'איז איין מענש אַליין אין פרייען פעלד, די לופט איז געווען דונקעל און שרעקעוודיג, טיילוויז האָבען נאָך אָוועקגעבלאָנדזשעט שטיקלעך געלע פלאַמען אויפ'ן הימעל, ווי פלעקען אויף אַ גוף, נאָך אַ פלעקען=טיפוס; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער יום=טוב אין מערב האָט זיך שלעכט געענדיגט און עפּעס אַ שטער=גייסט האָט די פאָהן צעפליקט...

עזריאל האָט געשפּרייזט איבער נאַכטיגע פעלדער מיט אַ פלאָנטער אויף דער נשמה, זיך געשראָקען פאַר זיין אייגענעם שאָטען, וואָס האָט זיך אויסגעצויגען, ווי אַ נגמען געשטאַלט אַקעגען איהם; ער האָט געהערט די שווערע טריט פון זיינע שטיוועל און פון מאָל צו מאָל זיך פערפלאָנטערט איין פוס אָן צווייטען, — ס'האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז דאָס הינדטעל מיט נאָך אַ מחנה גרויסע הינט לויפען איהם נאָך פונ'ם ווייסען הייזעל אָן.

געקומען אַ היים מיט אַ פֿערכאַפּטען אָטעם האָט די שטילקייט פֿון שטוב איהם צוגעפּרעסט צו זיך, איהם געוואָרגען דעם האַלז, ווי מיט הונדערטער געהיימע הענד. אויפ'ן טיש איז געשטאַנען דאָס אַלטע לעמפּעל, געשווינדעלט עזריאל'ן אין די אויגען, מיט די טאַנצענדיגע פֿלעמלעך און איהם דעם קאָפּ פֿערדרעהט. בריינע זיין ווייב, האָט זיצענדיג מיט'ן קאָפּ אויף די הענד געדרימעלט, דערנאָך האָט זי זיך אויפֿגעכאַפּט און מיט אַ גרויסען גענעץ בעגריסט עזריאל'ן:

— אַה... איינגעדרימעלט...

בריינע האָט איהם דערצעהלט נייעס פֿון טאָג, איהם אויסגעפֿרעגט וועגען זיינע געשעפֿטען און צום סוף איהם דערצעהלט, אַז די שוועסטער זיינע איז געווען און זיך נאָכגעפֿרעגט אויף איהם. עזריאל איז געשטאַנען מיט'ן זעקעל אויף די פּלייצעס, אַרויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען אויף איהר און אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד.

עך, אידענע... לאָז זי געהן צו אַלדי רוחות!

אינדערפֿריה, ווען בריינע איז פֿונ'ם בעט אַראָב, זיך גענומען אָבגיסען די הענד מיט נעגעל-וואַסער, האָט זי זיך דערשראָקען פֿאַר עזריאל'ס קאַלטען פּנים, וועלכער איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צום פֿענסטער, שטאַר, ווי פֿון גראַניט געשניטען. די קוואָרט איז איהר אַרויסגעפֿאַלען פֿון די הענד, די פּאַטשיילע אויפ'ן קאָפּ האָט זיך פֿערדרוקט און אַנ'אַלטער, פֿלעקיגער שייטעל האָט אַרויסגעקוקט; ס'האָט זי אַרומגענומען אַ פּחד און מיט אַ געוואַלד איז זי אַרויס אַריינרופֿען שכנים.

אויף דער פּאָדלאָגע האָבען אומגעשפּרייט עטליכע עופֿות, געקליבען זערנעס, די היהנער האָבען זיך געזאָרגט מיט אַ גרילצענדיג היהנעריש לשון און דער רויטער האָן האָט אַלעמאָל אַ קלאַפּ געטהון מיט די פֿליגעל, אַרויסגעפֿלויגען אויפ'ן טיש און אויסגעגאָרגעלט פֿון לאַנגען אויסגעצויגענעם האַלז אַ טרוקענעם קוקוריקו. עזריאל האָט זיך לאַנגזאַם צוריקגעשאַרט פֿון פֿענסטער זיך אַ וואָרף געטהון צום האָן, אומגעשטויסען דעם טיש און דעם האָן אָנגעכאַפּט ביי די פֿליגעל, איהם אַ שטאַרקען שלייודער געטהון צו דער ערד און אַ זיגזאַגישער רויטער בלוטיגער שנור האָט זיך גענומען לעבעדיג שלענגלען איבער דער פּאָדלאָגע.

▼ ▼
▼

מלכיאל

אין ביבליאָטעק

אין זייער לאַנגען צימער פון לעזע-זאַל איז געווען מאָדנע שטיל. די לעזער זיינען געזעסן רוהיג, מיט די קעפּ אַראָבגעלאָזענע צו די ביכער אויפ'ן טיש, אָבער בעהאַלטענע אין די גרויסע בלעטער פון די צייטונגען, וואָס זענען געווען אָנגעטהון אויף לאַנגע און שמאָלע שטעקענס, פערשטייפט מיט אַ דראָהט.

די שטילקייט איז געווען אַזאַ, אַז עס האָט זיך דייטליך געהערט דאָס מאָנאָטאָנע ריטמישע קלאַפּען פון רונדען וואַנד-זייגער, וואָס איז געהאַנגען אין דער הויך אויפ'ן וואַנד, אַנטקעגען טהיר. דאָס צו האַסטיגע איבערמישען די בלעטער פון אַ בוך איז אין דער שטילקייט פון לעזע-זאַל אויסגעקומען ווי אַ אויסערגעוועהנליכער טומעל. אַז דער הויכער בעברילטער ביבליאָטעקאַר — וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אַרויף-צו נעבען טהיר ביים ספּעציעל פאַר איהם צוגעגרייטען, קליינעם און רונדען טישעל, און פערטראַכט געקוקט אויפ'ן האַלב אָבגעריבענעם ציפער-בלאַט, פון אַנטקעגען איהם הענגענדיגען זייגער — האָט שוין שטאַרק אָנגעשטרענגט געקוקט דורך די געשליפענע גלעזלעך פון די אַמעריקאַנער ברילען אין יענעם ווינקעל, פון וואַנען ס'האָט זיך געהערט דער גערויש און זיך איבערציינגט, אַז ס'איז גאָרנישט געשעהן, האָט ער זיך צוריק איינגעאָרדענט אויפ'ן שטוהל אין דער בעקוועמסטער פּאָזע, און ווידער אויפגעהאָנגען זיינע אויגען אויף דעם אָבגעמעקטען ציפער-בלאַט פון אין דער הויך הענגענדיגען זייגער, און געלויערט אויף אַ שטיקעל גערויש, ווי אַ קאַץ ביים נאָרע פון אַ מייזעל.

די טהיר פון לייען-זאַל האָט זיך האַסטיג געטהון אַ עפען, און ס'איז אַריין אַ נידעריגע פרוי, אָרעם אָנגעטהון, מיט אַ זעהר ברייט אָבער בלאַס פנים. די האָר אויפ'ן קאָפּ איז געווען נישט אין גאַנצען אין אָרדנונג. צעשאָטען און צעוואָרפען אויף אַלע זייטען, איהרע אויגען גרויסע און צושראָקענע, האָבען גענומען אַרומבלאָנדזשען אויף די לעזער פון זאַל.

דער ביבליאָטעקאַר איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, און אַוועקשטעלענדיג זיך אַנטקעגען דער פרוי מיט זיין גאַנצער לענג און מיט דער גאַנצער זיכערקייט אין זיך, האָט ער שטיל אָבער אַביסעל זיך בייזערענדיג אַ פרעג געטהון:

„וואָס דאַרף זי דאָ?“

די פרוי בעמערקענדיג אַנטקעגען זיך דעם הויכען ברייט-פּלייצעדיגען יונגעמאַן, וואָס האָט איהר פערשטעלט דעם גאַנצען לעזע-זאַל, האָט זיך אין דער

ערשטער רגע צעטומעלט, און ס'האָט איהר אַ שפּאַר געטהון דאָס גאַנצע ביסעל בלוט, וואָס זי האָט פערמאָגט אין איהר שוואַכען גוף, צום פּנים. זי האָט גאָרנישט געענטפערט. דערנאָך, ווען ס'איז דאָס ערשטע צעטומלעניש אַריבער, האָט זי לאַנג-זאַם געטהון איין שפּאַן אַן אַ זייט, און ווייטער פאַרשעמדיג גענומען קוקען אויף די לענער, און בעמערקענדיג ווען זי האָט געהאַפּט, האָט אין איהרע גרויסע דער-שראָקענע אויגען אַ פלעמעל געטהון אַ ווילד כעס'דיג פייערל, און הילכיג מיט פערביסענער רציחה, האָט זי אַ געשריי געטהון:

„דור!"

אַלע אין זאַל האָבען אַ צאַפּעל געטהון. דער צוויי זילביגער קלאַנג, וואָס האָט האַסטיג אַ קלונג געטהון אין לענען-זאַל, האָט די רוהיג-פערטראַכטע מענשען אַריינ-געשטהויסען אין די ביכער מאָדנע איבערגעשראָקען, פּונקט ווי מען וואָלט דאָ איצט אויסגעשאָסען.

דער ביבליאָטעקאַר איז געווען איצט אויף דער העכסטער מדרגה פון אויפ-רעגונג, ער איז גרייט געווען זיך אַרויפוואַרפען שלאָגען, זיינע אויגען האָבען גע-פינקעלט שאַרף און כעס'דיג דורך די געשליפענע גלעזלעך פון די ברילען.

אין זאַל איז דער טומעל געוואַקסען פון מינוט צו מינוט, שטוהלען האָבען זיך גערוקט פון די ערטער, און אַלע האָבען אויסגעדרעהט די קעפּ צום זייט פון טהיר, צו זעהען ווי אַזוי דער ביבליאָטעקאַר וועט רעאַגירען אויף דעם טומעל, וואָס די פרוי האָט אַרויסגערופען.

נאָר די נידעריגע פרוי האָט נישט געוואַרט, אַז דער ברייט-פלייצעדיגער בחור זאָל זי אַרויסוואַרפען, און אפשר האָט זי איהם איצט אינגאַנצען נישט בעמערקט, זי איז גיך צוגעלאָפען צום צווייטען ברעג פון לאַנגען טיש, אין סאַמע ווינקעל, וואו ס'איז געזעסען אַ בלאַסער יונגערמאַן מיט אַ פערוואַקסען פּנים, וואָס האָט געמאַכט נאָך שוואַרצער און אָרימער זיין אויסזעהן. זיין קין איז געווען שפּיציג, אַזוי ווי פערשניצט, און דאַר.

די נידעריגע פרוי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגען איהם און גענומען זיך שאָקלען און טענה'ן מיט פערבראָכענע הענד און מיט אַ שטים, ווי מען בעקלאָגט אַ בר-מנן:

—„לייענט ט'זיך איהם פערגלוסט! קיין בעסער'ס האָט ער שוין נישט וואָס צו טהון, אַרבייט געה בעסער זוכען... די קינדער שטאַרבען דאָך פון הונגער אַוועק, דער צווייטער טאָג... קיין ביסען ברויט אין שטוב נישטאָ!"

איהרע אָבגעריסענע ווערטער און נישט פערענדיגטע זאַצען האָבען טעמפּ אין טרעמפּ אָבגעהילכט אין זאַל. דער דאַרער יונגערמאַן איז געבליבען זיצען רוהיג ווי אין היהנערפּלעט. מיט קיין אבר זיך נישט געגעבען קיין ריהר, בלויז אַ געדיכטער שווייס האָט אַרויסגעשלאָגען אויף זיין צעקנייטשטען און בלאַסען שטערען, און אין גרויסע טראָפּענס ווי פּרעהרען זיך געקייקעלט איבער'ן נאָז און די באַקען, זיינע אויגען אומעטיגע אין בעטריבטע ווי ביי אַ געשלאָגענעם הונט, האָט ער אַנגע-

שטעלט אויף די פרוי, און ווי זיי וואָלטען זיך געבעטען אויף שטום-לשון.

„וואָס בין איך שולדיג?“

דער ביבליאָטעקאַר איז געבליבען שטעהן ביים טהיר אין אַ אונבעהאָלפענער פּאָזע. זיינע לאַנגע הענד האָבען איהם אומגעלומפּערט אַראָבגעהאָנגען פון ביידע זייטען, ווי צוויי שמיקלעך האָלץ. אין די אויערען, האָט איהם ווי שווערע קלעפּ געהילכט די הויכע געשרייען פון דער ניעדריגער פרוי.

דער עולם אין זאַל איז געזעסען מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס און געקוקט, אַז אויף דער הויך-שרייענדיגער פרוי, און סיי אויפ'ן בלאַסען יונגען-מאַן.

נאָר פּלוצלונג איז אָט-וואָס געשעהען:

דער בלאַסער מענש. איבער וועמען די פרוי האָט זיך היסטעריש געטרייסעלט מיט צעוואָרפענע הענד, געשריען, גע'טענה'ט, איז פון מינוט צו מינוט געוואָרען בלאַסער, זיין נאָז האָט זיך אויסגעצויגען, געוואָרען לאַנג, און די נאָז-פליגלען האָבען זיך געפלאַטערט, ווי די פליגלען ביי אַ געקוילעט עוף. די אויגען האָבען זיך ביי איהם פערצויגען מיט אַ דין דורכזיכטיג הייטעל, ווי אַ גלאָז מיט פּאַרע, די בלאַסקייט פון פנים האָט זיך איהם געביטען אויף געל. ער האָט פּלוצלונג פערוואָרפען דעם קאָפּ אויפ'ן ברוסט, און מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ אומגעפאַלען צוזאַמען מיט'ן שטוהל.

די פרוי האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, געבליבען שטעהן די ערשטע רגע צעטומעלט, און באַלד האָט זי זיך געכאַפּט וואָס דאָ איז געשעהן און גענומען ליאַרמען שלאָגענדיג זיך מיט די פויסטען איבער'ן קאָפּ.

„ראַטעוועט! ער שטאַרבט פון הונגער, שוין דעם צווייטען טאָג, אַ נישט געגעסענעד!“

אין לעזע-זאַל איז געוואָרען אַ מהומה, איילענדיג זיך צום אויפשטעהן פון די ערטער האָט מען אומגעוואָרפען די שטוהלען, אַראָבגעשליידערט די ביכער, און געטראָטען אויף די צייטונגען.

אַרום גע'חלש'טען איז געוואָרען אַ גרויסער רעדעל פון מענשען. יעדער האָט געליאַרמט, געשריען, געגעבען עצות.

עטליכע האָבען איהם אויפגעהויבען פון דער ערד, און אַרויפגעלעגט אויף איינעם פון די לאַנגע טישען, עמיצער האָט אַריינגעטראָגען אַ עמער וואַסער און עס אַרויפגעגאָסען אויפ'ן גע'חלש'טען.

דער הויכער ביבליאָטעקאַר, בעזאָטעלט אין די אַמעריקאַנער ברילען, איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביים טהיר, פערצווייפעלט געקוקט אויפ'ן חורבן, וואָס מען האָט דאָ אָנגעמאַכט, אויף די ביכער און בלעטער, וואָס האָבען זיך געוויקט אין וואַסער, און כמעט מיט טרעהרען אין די אויגען געמורמעלט:

„אַ אָנשיקעניש אויף מיין קאָפּ!“

די ניעדעריגע פרוי איז געשטאַנען אַ דערשראָקענע אין אַ ווינקעל פון זאַל, מיט'ן פנים אַ בעהאַלטענעם אין די הענד, און געיאָמערט הויך אויף אַ קול.

סימן: 1—7

זיין שוואַנען=ליד

דער אַקטיאָר און זינגער בייקין איז נאָך קיין פולע זעכציג יאָהר נישט אַלט געווען, ווי דער שטערען זיינער, דער קינסטלערישער שטערען, האָט זיך אָנגעהויבען לעשען מיט אַ בהלה'דיגער גיכקייט. זיינע ווייכע אָפּערעטען=ליעדלעך, וועלכע פלעגען אַזוי צונעהמען דעם עולם, אַז מ'פלעגט מיט די פּאַטשערייען שיער נישט צוטראָגען דעם טעאַטער, — האָבען פּלוצים פערלוירען זייער גאַנצען חן נישט בלויז ביים יחסנות'דיגען פּאַרטער, נאָר אַפילו ביי דער גאַלעריע, וועלכע פלעגט שוין גאַנץ אָפט מכבד זיין איהר אַקאָרשטיגען ליעבלינג מיט אַ שנייריגען פייף אין דער שבת'דיג=געדעמפטער לופט אַריין...

וואָס איז דער חידוש? אַז דער לירישער באַריטאָנדל זיינער האָט זיך עפּעס מיטאַמאָל פערהאַקט, אויסגעשטשירבעט... און, ווי דער טעאַטער=דירעקטאָר בריטמאַן האָט אָבגעפּסק'ענט, האָט זי שוין מעהר נישט געטויגט, די שטימע, ווי נאָר אַרומצופאָהרען מיט איהר איבער די קליינע שטעדטלעך און זינגען פאַר 50=גראָשעדיגע בילעטען.

האָט טאַקי בייקין אַזוי געטהון... אַזאַ טבע האָט ער שוין געהאַט: נישט מאַכען קיין לאַנגע שהיות מיט'ן גורל, אונטערגעגעבען זיך און — אַ סוף!... אַזוי איז, אַגב, אויך געווען פאַר עטליכע יאָהרען, בעת מאַלי, די צווייטע ווייב זיינע, האָט איינמאָל, נאָך אַ פאַרשטעלונג, זיך אויפגעהויבען און אַנטלאָפען מיט הערציגע קאָמיקער קיין ווילנאַ, ביין אויף הייגטיגען טאָג; נישט ער איז געפאָהרען איהר דאַמאָלס איבערערען, חי ס'האָט איהם גע'עצה'ט חברה אַקטיאָרען, נישט ער האָט געפּרובט אַנדערע וועגען, — שטיל אַראָבגעדרוקט דאָס היטעל און בעגראָבען דעם ווייטאָג אין זיך... ווער ווייס, צי די דאָזיגע פערלוימעניש האָט עס נישט געווירקט אַזוי קאַטאַסטראָפאַל אויף זיין באַריטאָנדל, ער זאָל שוין מעהר קיין תחית המתים נישט אויפשטעהן?..

— אַליין לעבט מען דאָך נאָך אָבער — האָט בייקין ביטערליך איראָניזירט — און ווענינ זענען פאַרהאַן זינגערס מיט אַלטע, אָבגעשוואַכטע שטימען?... נישט קיין בייז!... יונגערהייד האָבען מ י ר געדיענט דער קונסט, מעג ז י איצט, אין אַ עת צרה, אונז אויך צודיענען אַביסעל!... אָט אַזוי האָט ער אויף זיך מלמד זכות געווען, אַרויסלאָזענדיג זיך אויף דער פּראָווינץ מיט אַ בינטעל פאָלקס=ליעדער אין זיין אָהנגצייהגעדריגען טויל...

וואָס עפּעס פֿאָלקס=ליעדער? איז, ראשית, נישט אַזוי וויכטיג הערביי די שטימע, דער עיקר איז דאָ, כידוע, דער קנייטשעל, דער קרעכץ, און דאָס האָט כייקינ'ען דוקא נישט געפעהלט... שנית, האָט ער סתם ליעב געהאַט ס'חיות האָט אידישע פֿאָלקס=ליעד, און בעת זיינע אַמאָליגע רוהמפולע נסיעות מיט דער טרופּע איבער די אידישע ישובים איז ער אַפילו געווען אַ ליידענשאַפטליכער זאַמלער פון אַט די מיני ליעדער, פלעגט זיי איבערגעבען נאָכדעם פערשיעדענע פֿאָלקס=זינגער און בעקומען הערפאַר אָהן אַ שעור דאַנקען, סיי שריפטליך, סיי מינדליך...

איצט האָט עס איהם שוין באַנג געטהון אַביסעל... ניכיי וואָלט ער די ליעדלעך בעסער געהאַלטען פאַר זיך, וואָלט ער ערשט אויף זיין טורנע געהאַט מיט וואָס צו „קלאַפּען". וואָרום די אַלטע פֿאָלקס=ליעדער, מערקט ער, קריכען שוין דעם עולם פון האַלז, מ'פאָדערט נייעס און אַמאָל איז רעכט אַפילו אין אַ שטעדטעל, מ'זאָל דיר אינמיטען „נומער" פערשרייען בקולי=קולות: „שוין געהערט, מוחל!"... אויוואָס, אייגענאַרטיגע אויספיהרונג, אינטערפּרעטאַציע, — פרעגט זיי בהרם!...

די ערשטע צייט פלעגט זיך נאָך כייקין טרייסטען: מילא, מ'פאָדערט דאָך איבער דער וועלט, וועט מען „פּאַטשאַפּען" נאָך ליעדלעך! שפּעטער האָט ער זיך אָבער אַרומגעזעהן, אַז ס'איז אַ שווערע הלכה. די כלערליי זאַמלערס האָבען לעצטענס, ממש ווי אַ ליימענע, אויסגעזויגען דאָס שטעדטעל, נישט בלויז די ליעדלעך, נאָר אַפילו די קללות... אין פלוג האָט איהם אַפילו הנאה געטהון, וואָס דאָס אידישע פֿאָלקס=ליעד האָט געפונען אַ תיקון, „אָבער געדאַרפט עפּעס, חברה, פאַר מיר אויך לאָזען!" — פלעגט ער שמייכלען אין זיך, פערקריימענדיג בעת=מעשה דעם נאַקעטען, אַקטיאָרישען פנים, ווי ער וואָלט זיך גאָר געקליבען אויספּלאַצען אין אַ געוויין...

אַ יאָהר צייט אַנ'ערך האָט זיך אַזוי כייקין געפּלאָגט, יאָגענדיג זיך בחינם נאָך אַ נייע פֿאָלקס=ליעדעל, ביז ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז „חברה" האָט פּאָרט געהאַט מיט איהם איינזעהעניש און עפּעס יאָ געלאָזען. שוין לאַחר יאוש, איז איהם פּלוצים ערגעץ אין אַ וואָהלינער העק, ווי פון הימעל, אַראָבגעפאַלען אַ ליעדעל, אָבער שוין איינמאָל אַ ליעדעל. וועגען אַ מיידעל, וואָס הער געליעבטער האָט אומגליקליך געמאַכט, די מאַמע שלאָגט איהר, טרייבט פון שטוב אַרויס, און דאָס מיידעל וויינט פאַר איהר אין אַזעלכע האַרצרייסענדיגע פערזלעך, אַז ס'קען ממש ריהרען אַ שטיין.

כייקינ'ען איז ליכטיג געוואָרען אין די אויגען... גענומען עס אַביסעל אין די הענד אַריין, צוגעפיילט (קיין סך, חלילה, נישט...) און ס'איז אַרויסגעקומען אַ ליעדעל — אַ פּראַכט. די מעלאָדיע האָט זיך נאָך צום גליק אויך איינגעגעבען אַ ווייכע, אַ נשמה=צופּענדיגע, פלעגט טאַקי דער עולם צום סוף קאָנצערט, ווען ער פלעגט געבען דאָס דאָזיגע ליעדעל, זיצען מיט צונומענע חושים, ווייבער און מיידלעך — מיט פולע אויגען טרעהרען. מ'האָט איהם שוין פון גאַנצען האַרצען מוחל געווען די אַלטע ליעדלעך ביז איצט און זיך געריסען מיט אַלע כחות:

— בּיס, נאָך, בּיס!...

אָבער אומזיסט. בּיסורען דאָס ליעדעל — פֿאַר כּל הגעלד נישט. אין דעם פֿאַל איז דער ווייך=גאָכגיביגער כּייקין געווען האַרט ווי אַ שטיין. וואָרעם? ער וועט אייג'חזר'ן מיט'ן עולם דאָס ליעדעל, אויסלערנען זיי, און שפּעטער זאָל מען עס איהם צוריקוואַרפֿען אין פּנים אַריין, ווי אַן'אָבגעריבענע מטבע? ניין!... ער מוז עס היטען, דאָס ליעדעל, ווי אַן'אויג אין קאָפּ! און נישט בּלויז צוליעב מאָטעריעלע טעמים. עס איז איהם כּתם עפּעס, ווי אַ לעבעדיג בּעשעפֿעניש, איינגעבאַקען אין האַרצען... אַ געטריי ליעדעל... אויף ז יי נ ע ליפּען בּלויז, — טאָר עס נישט ווערען קיין רשות הרבים!...

אויך, ווען ער פּלעגט זיך אַראָבכאַפּען פֿון צייט צו צייט אין שטאָדט צו זיין צעהן=גילדענדיגען הדר'ל, ריהמען זיך פֿאַר חברה אַקטיאָרען מיט זיינע ערפֿאָלגען, און דער קורצגאָזיגער קליין, אויך אַ שטיקעל זאַמלער, פּלעגט זיך איהם איינעסען אין די בּיינער: ער מוז איהם געבען דאָס ליעדעל, — פּלעגט ער, כּייקין, אָנשטעלען אויף איהם רחמנות'דיג אַ פּאָר אויסגעלאָשענע אויגען:

— אַלץ אין דער וועלט, בּרודער, נאָר נישט דאָס!... אַז דו ווייסט נישט, וואָס דאָס דאָזיגע ליעדעל איז פֿאַר מיר... און מ'קען עס גאָרנישט אַרויסגעבען אויך!...

דאָס שטיקעל שעמעוודיגע רויטקייט, וואָס פּלעגט בּעת=מעשה אַ שפּראָץ טהון אויף זיינע חרוב'ע בּאַקען, האָט בּעשטעטיגט, אַז אַזוי איז עס טאַקי... מ'קען נישט אַרויסגעבען, מ'קען נישט!...

אָבער פּערפֿאַלען... אַז ס'געהט נישט — געהט נישט! אינמיטען „טריאומף=צוג“ האָט גאָר כּייקין זיך אָנגעהויבען פֿיהלען פּלוצים נישט מיט אַלעמען. אַ=פּנים, די נאָכאַנאַנדיגע שלעפּעניש פֿון שטעדטעל צו שטעדטעל, די אָבקומעניש'ען אין דער פּרעמד און די שברת=הלב מיט ערלויבעגישען האָבען זיך דערווייל געטהון זייערס, געטאָטשעט כּייקינ'ען, געטאָטשעט. און אַ גרויסע קונץ בּייצוקומען אַ צו=טרענצעלט אַקטיאָריש גופֿ'ל?!...

אַ שטאָך דאָ, אַ שטאָך דאָרטען... אַלץ אָפֿטער טאַנצענדיגע רעדער פֿאַר די אויגען... אַזוי לאַנג, אַזוי בּרייט, בּיז ער האָט איינמאָל, אין אַ תחילת=ווינטערדיגען אָווענד, בּעוויזען אַזאַ מין „אַטראַקציע“ אויף אַן'אימפּראָוויזירט=שטעדטעלשער סצענע: זיך אַ וואַקעל געטהון אינמיטען זינגען, ווי אַ שכור, אַוועקגעפֿאַלען און געבּליבען אַזוי ליגען מיט צעוואָרפֿענע קאָמישע פּיס.

ווען די מיטגליעדער פֿון דער „קונסט=גזעלשאַפֿט א. ג. פֿון י. ל. פּרץ“ האָבען איהם געבּראַכט צו זיך, זענען זיינע ערשטע אָבגעריסענע ווערטער געווען: פֿיהרט מיך... אַהיים... אויב שטאַרבען... איז כאָטש אויף מיין אייגען בּעט...

גראָד האָט עס פּאַסירט אין אַ נאָהנט שטעדטעל, און צומאָרגענס האָט זיך שוין כּייקין בּעטוליעט אין די בּרודיגע בּעטגעוואַנד פֿון זיין א יי ג ע נ ע ם, צוי=

פּאַרעטעם בעטעל: זיך געפּיהלט בעסער און געטראַכט פונדעסטוועגען, אַז שוין... דאָס איז דאָס!... בגוואַלד געריסען די בליקען פון מאָלי'ס בערעהמטעס בילד אויפ'ן וואַנד און אָבגעווענדעט זיי אַלץ צום פערסאָזשעטען „פּריימוס“ אַנטקעגען, ווי ער וואָלט געזעהען הערין דעם סימבאָל פון אַ צו'פּטר'טען, אייביגצימערדיגען אַקטיאָרען־לעבען...

אַזוי אָבער איז ער געלעגען שטיל־הכנעה'דיג, ווי זיין שטייגער... מיט'ן מ'בּ־העסטען נערוו זיך נישט געקלאָגט אויף זיין עלענדקייט, דערויף. וואָס ער האָט נישט אפילו, ווער ס'זאָל איהם אַ לעפעל וואַסער דערלאַנגען, פונקט ווי אַזוי וואָלט עס געדאַרפט זיין... פון צייט צו צייט בלויז האָט זיך דער פּיבּליבער שטערען ווער־טאָגדיג געפאַלדעוועט צוליעב אַנ'אַנדער זאָרג: פאַרוואָס קומט נישט קליין, פאַר־וואָס?... נאָך, איינדערפריה האָט ער איהם געלאָזען ווי זען, אַז ער ליעגט, אַז ער דאַרף איהם אַזוי נויטיג האָבען, און ער ווייזט זיך נישט... מ'האָט מורא, משמעות, פאַר אַ קראַנקען חבר!

ערשט פאַרנאַכטליך האָט זיך קוים דערהערט אין פאָדער־הויז קליינ'ס אָנזאָ־געריש סצענע־הוסטעל און אין אַ ווייל'ע אַרום — זיין בקור־חולים'דיג קול אויפ'ן שוועל:

— זעהט נאָר, זעהט נאָר, ווי דאָס האָט זיך צולעגט, ווי ביים טאַטען אין ווייגאָרטען!... די מינוט זאָלסטו מיר שוין פון בעט אַרויסגעהן! דו הערסט, צי ניין?...

ער האָט אָבער באַלד חרטה געהאַט פאַר זיין אומגעלומפּערטער לצנות; אַ צו־קנאָדערטע פּנים, געל ווי אַ מעער, האָט איהם אַ ליכט געטהון פון האַלב־חושך אַרויס, און רעד — פערציג גראַד אפשר, אויב נישט מעהר!... מיט אַ פערענדערט, נישט־האָאיג קול האָט כייקין אַלץ געשעפּטשעט:

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען, קליין, זעהר גוט... קריגסטו טאַקי ביי מיר ס'ליעדעל... ווייסט האָך, דאָס וואָהלינער ליעדעל, וואָס כ'האָב קיינעם אין דער וועלט נישט געוואָלט געבען... אַפילו דיר, אַלס זאַמלער... איצט אָבער — אַדרבה ואדרבה!... פערצייכען עס ברודער. איך וועל זינגען און דו וועסט צייכענען!...

קליין איז געשטאַנען מיט אַ צובלייכט נעזעל, געפּיהלט, ווי דאָס האַרץ קאַר־טשעט זיך אין איהם אי פון שרעק, אי פון רחמנות.

— נו, בערוהיג זיך, קאָלעגאָ — האָט ער איהם איינגעהמענדיג געגלעט די וואַקסענע הענד אויפ'ן קאָלדרע — טהו מיר צוליעב, בערוהיג זיך!...

— נאַרעלע, כ'רעד נישט פון היץ — האָט כייקין געוואָלט שמייכלען און נישט געקענט — דערווייל בין איך נאָך ביים זינען... נאָר ס'איז מיר אַ שאָד ס'ליעדעל, איז מיר אַ שאָד... אַזאַ וואויל ליעדעל, און קען נאָך אַמאָל פערלוירען געהן פאַר'ן פאָלקס־אוצר... פערשטעהסט?... פערשרייב־זשע עס, קליין, אַזוי צי אַזוי — פער־שרייב!...

און ער האָט גענומען אויסקרעכצען זיין „שוואַנען־ליעדעל“...

דער אָנהויב

אויפ'ן בעטעל ביים פענצטער זיצט האַלב-ליגענדיג חוה; אַ האַנד אונטער'ן קאָפּ, לייענט זי אַ ביכעל, וואָס אַ חבר'טע האָט איהר געבאָרגט. און צוזאַמען מיט די שווערע — ווי רויהער אַרבעס צום צעקייען — לידעל-ווערטער, קוועלט איהר דאָס איין-זינען-האָבען, אַז די ווייזערס פון געשניצטע וואַנד-זייגער רוקען זיך אַזוי פּאַמעליך און ס'ווערט אַלץ נישט דריי.

שוין צוויי מאָל לייענט זי דאָסזעלבע „זייטעל" אינ'ם בוך און קאָן נישט פערשטעהן די ווערטער. זי קריגט אויף זיך רחמנות: — ס'איז אַ שווערען קאָפּ איך האָב. נאָר דער זייגער לאָזט נישט טראַכטען. אַלע איהרע געדאַנקען זענען אויפגעשטאַנען אויף די אָנגערט-האַלבען ווייזערס, וואָס רוקען זיך אונטער', פער-שטויבטען גלאָז ווי פערשלאָפענע.

ביים היינקעריגען טישעל, אין מיטען שטוב, זיצט דער טאַטע מיט די דריי יונגלעך, וואָס דער עלטסטער פערדיענט שוין געלד און די יונגערע לערנען שוין אויך, נישט אין חדר. שאָקעלט זיך דער טאַטע — אין צוזשפּילטען העמד, פון וואַנען ס'קוקט אַרויס האָריג שיטערליך-בעוואַקסען לייב — ביי'ם לערנען מיט זיי די סדרה און קוועלט אַזש אָן פון די זיסע ווערטער...

די יונגען כאַפּען בגנבה פליגען, ווייזען זיך די ציינגער, פערקרימען זיך איינער פאַר'ן צווייטען. און אַז אויפ'ן הויף, טאַקע אונטער'ן פענסטער, „שיסט" קאַלמע קישקע אַ גאָל, אַזש ס'קלינגט אין שטוב אָב, הויבען די פיס אונטער'ן טיש אָן שפּיעלען פוטבאָל, ביז דער טאַטע קריעגט דעם ערשטען פערבלאָנדזשעטען קאָפּע, און נאָך דעם, ווי ער טיילט איין רעכטס און לינקס, וואונדערט ער זיך:

— יונגען זאָלען לערנען חומש און גאָר אין זינען האָבען אַ באַלעם!? האָט הייסט אַ ביסעל פערשטאָפּטע קעפּ!

און די „פערשטאָפּטע קעפּ" קוקען-אויס עפּעס אַ נס: אַ געוואַלד פון אַ שכנ'טע, אַז איהר קינד חלשט. אַ „כאַפּט אַ גנב!" אָדער כאָטש אַ „ס'ברענט", מען זאָל הערען איבערלאָזען ס'אָפּענע ספר און קאָנען פריי אַראָבלויפען.

נאָר אין מיטען פערטייטשען אַ פסוק, ווי בלעם שעכט קרבנות, גיט דער טאַטע אַ רוף:

— חוה! גיב אַ ביסעל קערשלעך! — וואָס דאָס הייסט: מען הויבט איצט אָן לערנען.

לאָזען די יונגלעך אַראָב די קעפּ און מרוטשען עפּעס נאָך, ווי נאָכגעשפּעט

האַלבע נישט-קלאָרע ווערטער.

אויפ'ן וועג, געהעט צום וואָקזאַל, טראַכט אַלץ חוה, אַז זי טהוט נישט גוט, וואָס זי געהט פאָהרען: — אין דערהיים דער מאַמע זאָל זיך דערוויסען, אַז... זי איז נישט בכח ווייטער צו קלערען, וואָס ס'וואָלט געווען זיין, ווען איהר אויסטערליש פרומער מאַמע זאָל זיך דערוויסען. זי שטעלט גיך געצווימטע טריט, שרעקט זיך צו קוקען פערבייגעהער אין די אויגען, יענע זאָלען נישט אַראָבלייענען פון איהר איצט זיך רויטעלדיג פנים — וואָס זי געהט טהון, וויל אין מיטען וועג צוריקגעהן, עפּעס טיקט אין האַרץ האַסטיגער, די פּיס-מוסקולען ציטערען שטאַרקער ביים געהן. איז אָבער דער טאָג אַ שבת'דיג הייסער, לענג-אויס דער גאַס הענגט אַ קרומער זון-שטויב, וואָס קלעבט העמד צו לייב; און די הימעל-בלויקייט רעדט פון איידעלע ווינטעלעך, פון פרישע פעלד-ריחות, וואָס זענען אפשר הוה'ן פרעמד, אָבער רייצען ווי פייער דאָס זומער-פויגעלע...

דערמאָהנט זי זיך, אַז בלאָס, דער פון זון-אָבגעברענטער, היימליכער בלאָס, וואָס לאַכט אַזוי האַרציג און פון זיין קוק ווערט מאָדנע וואַרעם, האָט זי געבעטען, זי זאָל היינט, שבת, אַרויסקומען אויף דער דאַטשע. פערגעסט זי דעם טאַטען, די שרעק און ווען נאָכ'ן פייף גיעט זיך דער צוג אַ טרייסעל און פון די וואַגאָן-פענסטער הויבען-אָן פערשווינדען געביידעס, טראַכט זי ביי זיך: — אָט דאָס איז עס אין גאַנצען ס'פאָהרען אום שבת? ניין, זי האָט געמיינט און געוואַרט, ס'זאָל זיין אַ ביסעל אַנדערש, מעהר, שטאַרקער, שרעקעוודיגער...

ביי דער סטאַציע, וואו זי האָרף אַראָבגעהן, וואַרט אויף איהר בלאָס און נאָך אַ בחור אַ שוואַרצער.

בלאָס אין אַ סלאָוואַצקע העמדעל דערלאַנגט איהר אַ האַנד אַלס אָנלעהן צוליעבן הויכען וואַגאָן-שטיגעל ביים אַראָבגעהן פון וואַגאָן. געדענקט זי נאָך, אַז ס'קאָן אַמאָל אַ בעקאַנטער אַ שטוב-היימ'שער זי יעצט זעהן און דערצעהלען דעם טאַטען, נאָר דערפיהלענדיג בלאָסעס פעסטען האַנד-דרוק, גיעט אַלץ אַרום אַ שלאָג אויף איהר מיט אַזוי פיעל וואַרעמקייט, פרייד, פרעמדע, געבענקטע, אַז די רעדער פון די לעצטע אַוועקפאָהרענדיגע וואַגאָנען ווינקען צו איהר מאָדנע לאַכענדיג, אַז ס'גליסט איהר מיטלויפען, מיטטאַנצען. ציטערט זי, אַז סוף-כל-סוף וועט זי זיך נישט קאָנען צוימען און ווי קליינערהייד וועט זי איצט זיך געבען אַ דרעה-איבער אויפ'ן קאָפּ, מאַכען אַ „קאָזשעליק“...

אין פויערישען הייזעל, וואו דעם שוואַרצענס שוועסטער וואוינט, איז קיינער נישטאָ. אַלע זענען, ווייזט-אויס, אין וואַלד. מיט גרינגע שוועבענדיגע טריט, געהען זיי אונטערטאַנצענדיג פון רחבות'דיגקייט אויפ'ן ווענ'ג-אויסגעטראָטענעם וועג, אין מיטען פון ביידע זייטען הויך און געדיכט בעקאָרענטען פעלד, וואָס פיהרט צום וואַלד.

אויף „לעזשאַקעס“ און אויף איבער'ן מעד אויסגעשפּרייטע דעקען ליעגט מען צעלעגט מיעדע פון היץ — פויל אַנ'אויג צו עהרזען.

דורך די שיטערע בוימער פֿאַלן פּיטע זון־פֿלעקן, וואָס טרייבן די הרע־מעלדיק־שלאָפֿעדיקע פֿון איין אָרט אויפֿ׳ן צווייטן און וואָס ביים איבערטראָגן זיך ביוזערן זיי זיך ווי אויף אַ בעטלער אַ צוטשעפּעניש:

— נאַ, זעהסט! די זון איז שוין דאָ אויך דאָ!

חוה בענריסט זיך מיט אַלעמען און בעמערקט מיט אַ לייכטן ווערהטאַג, אַז בלאָס לענט זיך נעבן מאַניע׳ן — הוהם „שונא“ פֿון דער ערשטער מינוט, וואָס זי אַרבייט צוזאַמען מיט איהר אין פֿאַבריק.

מאַניע, אַ דיקע מיט קורצע קלעצעלדיגע פֿיס, איז אַ בריה אויף אָבלאַכען, חוזק־מאַכען, צוליעב וואָס קיינער וויל נישט מיט איהר אָנהויבען זיך קריגען.

חוה׳ן האָט זי נישט ליעב, ווייל יענע שווייגט אַ סך, ווייל חוה איז יונגער, שענער פֿון איהר, און ווייסט, אַז צווישען זיך רעדען יונגלעך וועגן אַזאַ מיידעל ווי חוה:

— זי איז אַ וואויל „קינד“ — וואָ איך בין...

חוה לענט זיך אַוועק נעבען אַ מיידעל, וואָס לאָזט פֿאַר איהר פֿריי אַ שטיקעל דעק. זי וויל אָביסעל אָפּרוהען זיך, נאָר פֿון דעם אָרט, וואו בלאָס ליעגט מיט מאַניען, הערט זיך אַ פֿערשטיקט שעפּטשען אַנ׳איינגעהאַלטענעם געלעכטער און אַנ׳איבערבויגען זיך, פֿון מאַניעס קאָפּ אין איהר זייט. דאָס דערצעהלט זי איצט בלאָס׳ן אַלע וויצען, חכמות׳ן, וואָס זי האָט אויף איהר אויסגעטראַכט אַ גאַנצע וואָך. קלערט חוה און פֿיהלט אַ הייסקייט, אַ בריה פֿון חרפּה, נישט פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר בלאָס׳ן, וואָס זעהט נישט אויס אַזוי ווי ער זאָל איהר נישט פֿערשטעהן, וואָס פֿון דער מינוט אָן, ווען זי האָט צוגעזאָגט אַרויסצוקומען, האָט זי כסדר פֿון איהם געטראַכט... אַנדערש זיך צוגעקוקט, אויפֿמערקזאַמער זיך צוגעקוקט אַיי שפּיגעל ביים אָנטהון און געשוידערט זיך ביים דערמאָהנען זיך יעדעס מאָל, אַז זי פֿאָהרט... אַז בלאָס וועט דאָרט אויך זיין...

— דו ביזט דאָך געקומען?... — פֿרעגט ווער ביי איהר דאָרט... און אַ שטיל געלעכטער הערט זיך איבער׳ן וואַלד, אַ שטיל נאָכמיטאָגדיג געלעכטער, וואָס בלייבט ווי העגגען אויף די נידעריגע צווייגען־שפּיצען.

חוה איז דאָס ערשטע מאָל אין אַ וואַלד, און די מעשיות, וואָס קינדער־הערען פֿון זייערע מאַמעס און פֿאַרנאַכטען צום געדענקען אויפ׳ן גאַנצען לעבען, און די מעשיות איז קיין וואַלד נישט געווען. איז נאָר די מאַמע געשטאָרבען און ביים בלייבען אַליין אין אַ פֿאַרנאַכט, האָט זי טיילמאָל געטראַכט אויך וועגען וואַלד, נאָר דענסטמאָל איז אַ וואַלד געווען אַ מכשפה, און די מכשפה ווי גיטעל שליאַפּ די אידענע, וואָס וואוינט אויפ׳ן בוידעם און שעלט די גאַנצע וועלט צופֿייפֿענדיג מיט׳ן איינציגען שפּיציג־אַרויסשטאַרצענדיגען צאָהן.

איצונד דערפֿיהלט זי, אַז דער וואַלד איז עפּיס אַזוינס, וואָס איז פֿאַר איהר ניי, אומבעקאַנט, די אַרומיגע — ווי אין אַנ׳אויער — רוהיגע שטילקייט קיהלט בעסער ווי אייז. די שטילקייט איז פֿערשפּרייט ווי אַ גאַזע... חוה׳ן דוכט זיך, זי וואָלט געקאָנט די שטילקייט אָנטאַפּען, זיך בעהאַלטען דערין און אַזוי פֿערזונקען

אין געבענקטער ערװאַרטונג, װאָס צעשפּרײט זיך אױף איהר מיט גיבע װײכע טריט. זי פערשעהמט זיך פאַר די אײגענע געדאַנקען, פערקוקט זיך אין היבער טיפער הימעל-בלױקײט, גישט זעהענדיג, אַז שפּילערהײד װי פערשעהמט צעגעהען זיך, פאַרלער אין פערשידענע זײטען אין װאַלד, איבערלאָזענדיג הוה'ן אַ פערטראַכטע אין זיך, געבען דעם שװאַרצען בחור. דער לעצטער, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אױף בײדע הענד, קוקט אױף אַ מרװוקע. װאָס נאָכשלעפּענדיג דעם אונטערשטען האַלבען קערפּער, לױפט זי גיך, האַסטיג אַרום אױף חוה'ס װײסע באַטיסטען בלוזקעלע

פון װײטען דערטראָגט זיך אַ חים-פערבענקטע פײפען; אַ פּאַסטוך טרײבט אהײם די סטאַדע. די ערד גיט-איבער טרוקענע קלעפּ, פערלאָשענע, װאָס מאַכען שאַרפער די ערב-פאַרנאַכטיגע שטילקײט. חוה דערפיהלט אױף זיך אַ פּאָר אױגען, װאָס קוקען אױף איהר אַנדערש װי ביז יעצט אָנגעטראָפּ'ענע — פינקעלדיגע, האַלב-פערמאַכטע; איהר װערט לײכט אין קאָפּ. דער אומרוה, װאָס געפינט זיך בײ יונגע מײדלעך צװישען האַרץ און מוח, צושאָקעלט זיך, און װען דער שװאַרצער רוקט זיך פּאַמעליך, װי אַ זעלגער אױפ'ן שלאַכט-פעלד, אַלץ נעהנטער צום װײס-באַטיסטען בלוזקעלע — שװײגט זי... אין די אָהרען הערט זי פליסען ס'בלוט, װאָס זינגט מיט פרעמדע, קאָפּ-שװינדלערישע ניגונים... דער קערפּער גיסט זיך אָן מיט ביז יעצט נישט באַקאַנטען תענוג, װאָס קיצלט אַזש ביז װעהטאָג און שרעקט פאַר די צופיעל אָנגעזאַמעלטע פערלאַנגען, װאָס װעלען אָהן אײגענעם װיסען זיך געבען אַזאַ האַסטיגען כאַפּ-אױף, אַז טױזענד געהערטע מעשיות װעגען מײדלעך, װאָס האָבען געהאַט „אַ שלעכטען סוף" צוליב זײער נישט-בערעכענט אױפפיהרען זיך — װעט נישט אָבשרעקען דעם פּאָרער, װאָס מאָהנט שױן דורך לאַנגע הײס-זומערדיגע נעכט...

— דער שװאַרצער בחור איז כאָטש אַ שעהנער? — װיל זי װיסען און בױגט אױס דעם קאָפּ איהם צו בעטראַכטען, נאָר טרעפט זיך אָן מיט אַ פּאָר צעפלאַמטע אױגען, װאָס דערציעהלען פון שיגעון, פיבער...

אײן שמײכעל איהר'ס גיט איהם דאָס ביסעל געפעהלטע דרײסטקײט און צװײ פּאָר ליפּען טרעפען זיך צונױף אין אַ הײסען אױף לאַנגע יאָהרען געדענקענדיגען קוש.....

— ח-ו-ה !.... ח ו ה!..

אײן אײנציג װאָרט הערט זי, אַ שװער-ברומענדיג פערװײכט װאָרט, איבער איהר אײגען פּנים און פּאָר צװאַרימט-הײסע ליפּען גלעטען איהר האַלז. די אױגען, און זוכען אױפסגײ זיך אָנצוטרעפען מיט איהר מױל:

אַרום איז שטיל, בױמער-שפּיצען בױגען זיך פולע — פון גרינעם מעד, פון די צובראָכענע פערטריקענטע ריטלעך, פון אומעטום הערט זי דעם זיעלבען, שטילען שטענדיגען. במעט-פערצװײפעלטען קלאַנג:

— ח-ו-ה!...

און זי האָט נישט אַרױסגערעדט; זי איז נישט דער, נאָך װעמען זי האָט געבענקט,

האַלט איהר האַלז אַרומגענומען, פּרעסט זיך צו איהר און רעדט האַלבע נישט פערשטענדליכע ווערטער. זי פיהלט זיך איצט געגען בלאַסן שולדיג, וואָס ער האָט זי דאָ איבערגעלאָזען... און זי לאָזט נישט אָבקנעפּלען ס'בלוזקעלע דעם שוואַרצענס ציטערנדיגע הענט.

דעם שוואַרצענס צעקאָכטקייט מאַכט זי רוהיגער, אַליין נישט וויסענדיג פאַר וואָס, גלוסט זיך איהר אַ ביסעל רייצען מיט איהם, רייסט זיך אַרויס פון זיינע הענט און בעהאַלט זיך אונטער אַ בוים. ער לויפט איהר נאָך, כאַפּט זי פעסט אַרום מיט'ן גאַנצען קערפּער און אַ געפּאַנגענע אין זיינע פעסטע אָרעמס פיהלט זי, אַז דער שטאַרקערער אין דער רגע איז פאַרט זי און נישט ער.

נאָך דערפיהלענדיג אויף זיך די גאַנצע שווערקייט פון זיין משא, וואָס וויל זיך ווי צוזאַמענגיסען מיט איהר, דערמאָהנט זיך איהר די שטילע שמועסען, האַלב־אין־געלעכטער פערשעמטע, וואָס איהרע חבר'טעס רעדען אַמאָל צווישען זיך, ווענען די יונגלעך, וואָס „נוצען" אויס מיידלעך, פּרובט זי זיך אָפּערקריגען פון שוואַרצענס הענט. נאָר אַז יענער, אַ בערוישטער, לאָזט זי נישט אָב, ווערט זי שוין אין כעס און שטויסט איהם פון זיך, שטופּט איהם מיט'ן גאַנצען כוח פון זיך און לאָזט איהם ליגען אַ פערמאַטערטען אומבעוועגליך ווי אַ בערגעל ביינער.

אַ פּאָר טריט גערט זי אָב און קוקט זיך אום, וואַרטענדיג, ער זאָל זי ווי פריהער נאָכיאָגען, אָבער כאָטש צוריקרופען. דער שוואַרצער פערהאַלט אָבער צונויף די דעקען, און פייפענדיג אַ ליעדעל גערט ער מיט'ן פּעקעל דעקען אין דער זייט וואו ס'געפינט זיך זיין שוועסטערס דירה.

זי בלייבט אַליין. דער נאָך נישט בערוהיגטער קערפּער זידט. איבער'ן פּנים גליהען נאָך די צום ערשטען מאָל בעקומענע קושען. וואָס העלפען חרטה, מאַטערען און פרעגען: — פאַרוואָס איז דאָס נישט געווען אַ צווייטער? כאָטש בלאַס, וואָס פּרובט אפשר יעצט דאָס זעלבע מיט מאַניען?... זי וואַשט זיך אָב דערהיים, כאַפּט, ווי שטענדיג ביים נישט קאָנען זיך אָבזאָגען פון אייגענע מחשבות'ן, — [illegible] פון איהר פרעמדען דאָך נאָהנטען [illegible], ווייל ווי אַ סך מאָל מיט איהם יעצט שפּאַצירען אין ווייטע וועלדער, נאָר דער [illegible] „בעקאַנטער" איז יעצט ווייט. ער [illegible] זי אָרעם, קושט זי און רופט צו איהם ווי די סטודענטלער [illegible]:

— פּאַניעטשקאַ! [illegible] ? איך פונדעווע...

די פאַרנאַכטיגע „רוהיגע" הילט זי איין, כאַפּט זי זיך אויף מיט אַ שוידער פון אַריינגעדרונגענער פייכטקייט און לאָזט זיך צום וואָקזאַלכעל.

— „זי זאָל זיי אפילו [illegible], ווערט זי אויך מיט קיינעם אַ וואָרט נישט רעדען" — בעשליסט זי. נאָר זי טרעפט נישט קיינעם. אויפ'ן שטיינערנעם וועגעל לענג־אויס דער הילצערנער געביידע איז אַ געמיטלעך געהעריי פון פּאָרלעך, וואָס רעדען בעגלייט מיט אַ הויך געלעכטער. פון איבער'ן באַהן־פּלאַץ שווימען אַן גראַמאָפאָן־טענער, טיקענדיג רוימען און איין שטיפערישע סודות און שווימען ווייטער.

קעגען חוה'ן שטעלט זיך אַנידער אייגער, וואָס ביים קויפען אַ בילעט האָט

צי איהם בעמערקט. ער האָט זיך געזעגנט מיט זיין ווייבעל, וואָס איז געווען עהנליך צו מאַגיע'ן. ער קוקט איהר אין די אויגען. הוסט ווי צו זיין זיכער, אַז דאָס קול וועט איהם דינען. נאָר אַזוי שטעהענדיג נעבען חוה'ן גרייט עפּיס צו פרעגען, פאָהרט אומגעריכט אָן דער צוג מיט געפילדער און ווינד, וואָס הויבט אונ־טער חוה'ס ברייט געפאַלבט קליידעל. זי בויגט זיך איין, האַלט מיט איין האַנד צו דעם ברעג קלייד. פאַלדעוועט זיך איהר ס'בלוזקעלע אָב פון הויכען ביוסט. ווייס בעהאַלטען לייב שרייט אַרויס צום יונגעמאַנ'ס אויג. ער דערמאָהנט זיך, אַז זיין ווייב איז, נאָך זייענדיג אַ כלה, געווען ווי אַ „צעגאָסען" טייג. און דאָ צעטומלען איהם צוויי יונג־אויסגעשפּראָצטע מיידעל־ברוסטען, וואָס גיסען פייער אויף שוין האַלב־פערשלאָפענע יונגעל־חלומות און זינגען כשופ'דיג מיט'ן קול פון אַ הייסער זומער־נאַכט.

אין קופּע, וואו ער שטייגט נאָך איהר איין, איז קיינער אויסער זיי ביידען נישטאָ.

— אַה, ענטשולדיגט;... — הויבט ער אָן פיהרען מיט איהר אַ זיסען שמועס, אַזאַ נארעדעריי, וואָס איז בעצוועקט עס זאָל וואָס קורצער דויערען. בליקען דער־זאָגען האַלבע ווערטער, וואָס סיקען זיך פערשפּאַרטע צווישען קוים פאַנאַנדער־געגומענע צייהן... חוה ענטפערט נישט. בלאָס — טראַכט זי — וואָלט אויך אַזוי געטהון....

נאָכ'ן אָפענעם וואַגאָן־פענסטער לויפט נאָך אַ בלאַסע לבנה, וואָס בוימער רייסען פון איהר שטיקער... גרינער אויגען־בליאַסק מישט זיך צונויף מיט רעדער־קלאַפּעריי, מיט פרישער וואַגאָן־פאַרב, מיט נאַכט, ווערט דערפון אַ לאַפּע אַ גרויסע, וואָס קאָן רייסען בעזיג, ווערטען קעהרען און שפּיעלען אויף די שטילסטע נשמה־פעדעם פון שטענדיגען טרויער....

פון דערווייטען דורך אַ פריי און נעבעל־טוי־פערהויכט פעלד, זעהען זיך צאַפּ־פּעלדיג־טיקענדיגע, מאַט־ראָזע פייערלעך פון דער גרויסער זיך־דערנעהנטערענדער שטאָדט.

אויף אַ קליינער סטאַציע שטייגט איין אַנ'עלטער פּאַר־פאָלק. דער יונגערמאַן רוקט זיך פון חוה'ן גלייך אָב, זעצט זיך אויף דער באַנק, פערדרוכערט אַ פּאַפּיראָס, זי ער וואָלט חרטה געהאַט אויפ'ן גאַנצען עסק און בכדי צו פערגעסען זיך לאָזט ער געדיכטע קנוילען רויך, וואָס פערנעבלען דעם אַזוי אויך שוואַך־בעלויכטענעם קופּע.

חוה שטעהט יעצט ביים אָפענעם פענסטער און אַרויסקוקענדיג אינ'ם מיט נאַכטיגער שוואַרצקייט אַרומגעקלעבטען דרויסען — געדענקט זי, אַז זי פאָהרט אַהיים. וואַרעם־ווינדיגער פעלד־ריח צעשפּרייט איהר די גאָז־לעפעלעך, גלעט איהר ס'פּנים. די שאַרפע, זיס־נודזשעדיגע לופט דערמאָהנט איהר, אַז זי פאָהרט אַהיים. אַהיים, וואו מען נעכטיגט אויף הייף, וואו מען קרעכצט מיט פולע בייכער וואַסער:

— אוי אַ ווינטעל!...

אַ כעס צענערהט זיך איבער איהר געמיט, אַ שאַרפער, אַ גאַליגער געגען אַלע.

וואָס ס'איז זיי בעסער פון איהר. אין מאַרך-קנופּ קלאַפּט ווער ווערטער, וואָס ברענען:

און ס'איז דאָך דאָ מענשען, וואָס זענען פריי שטענדיג; וואָס דאַרפען נישט פּאָג-איין טאָג-אויס נייהען וועש... וועמענס ברידערלעך ס'שלינגען נישט אָבפאַלעכץ אויפ'ן הויף געפונען..- וועמענס מאַמעס ס'שטאַרבען נישט פון אויסדאַרונג יונגער-הייד, וועמענס טאַטעס.:.

— אָה ווי שווער! ווי שווער!

בילדער רייסען בילדער און פערגיסען אין הייסען בלוט-לויף. טראַסקען זיך אַנידער דערמאָהנונגען פון ביז איצטיגען געליטענעם לעבען. אַ שטיל נקמה-בענ-קעניש פראַהלט אויף, אַליין נישט וויסענדיג געגען וועמען. און דער חשק צו ברעכען, פליקען, איבערקעהרען ווערט אַזוי שאַרף, אַז די אויבערשטע ציין שניידען זיך אַהן וויסען אין דער רויטער קרעלען-ליפּ און לאָזען איבער טיפע צייכענס.

און ס'קוועלט איבער אין רחמנות דער וועהטאָג, ס'לאָזט אָב.

זי וועהט:

אין שטיבעל אין ענגען בייַ אַ חלב'ען ליכטעל זיצט דער טאַטע, אַ'אויסגעמאַ-טערטער און לערנט פערוועהטאָגט שטיל. אַלע שלאָפען שוין. ער איינער איז אויף. ער לערנט, ער בעט פאַר זיי.. זי פערשטעהט גוט זיין בעטען, דאָס וויל ער דאָך פאַר זיי גוטס. ער וויל דאָך, אַז זיי, די קינדער, זאָלען זיין צופרידען, „גליקליך“, כאָטש ער איז אָרעם, אַ שוואַכער, ער קאָן נישט... בעט ער... ער איז דאָך אַזוי גוט און שוואַך....

און צי איז זי נישט געגען איהם זינדיג? ווי אויף די קני מיט פאָראויסגע-שטרעקטע הענד, קריכט זי ערגיץ מאָהנענדיג, רופענדיג צו דעם. וואָס זי זוכט און וויל געפינען: דאָס געשריי, דאָס רוה'דיגע. וואָס איז פאַר יענעם אָנגעגרייט, און דאַרף דערציהלען פון יאָהרען, כאַפּט איהר פאַר'ן האַלז, שטיקט זי, און אין האַרצען פערפעהלט אָטעם.

מישט זיך אויס אַ העשען פון יונג-צאַפּעלדיגע גלידער מיט'ן רעגעלמעסיגען רעדער-קלאַפּעריי. דורך די קלאָרע פליסענדיגע טרעהרען זעהט זי כסדר פאַלענדיגע שטערען און דערבייַ דערפיהלט זי צו'ליעב'ן פלוצלונגדיגען הוילען אָבהילך פון די רעדער, אַז דער צוג איז שוין אויף דער באַהן-בריק...

ר. קולאַמאַם

אַ נייַ לעבען

שוין עטליכע וואָכען נאָכאַנאַנד, ווי ביי הערמאַן גרינפעלד רוהט די טהיר־בישט איין פון די אַקציז־בעאַמטע מיט די לעדערנע טעקעס אונטערן אָרעם, וועלכע רעדען צו איהם שטרענג, שוין נישט מיט די אַמאָליגע סאָליהקייט און איינכע ווערטער, זיי יאָגען איהם, אַז ער זאָל וואָס שנעלער צואיילען די ליקווידאַציע פון ווייַן און בראַנפען־פערקויף, ווייל די קאָנצעסיע, וועלכע ער האָט פינף און דרייסיג יאָהר געהאַלטען איינגעראַהמט אין אַ רעהמעל פון העמאַן, איז פון איהם דורך דער העכסטער מאַכט צוגענומען געוואָרען. ווי אַ שווינדזיכטיגער, וואָס פיהלט פאָראויס די מאָרגענדיגע טעמפעראַטור אין זיינע קראַנקע ביינער, האָט ער די לעצטע יאָהרען געהאַט אַ שלעכטען פאָרגעפיהל, אַז זיין פרנסה איז איינגעשטעלט אין קאָן. אַ ליאַדע טאָג קאָן וואָס געשעהען, וואָס וועט איהם שטעלען פאַר אַ שווערע אויפגאַבע, ווי אַזוי זאָל ער בכבוד אויסלעבען דאָס רעשטעל יאָהרען, וואָס איז איהם צוזאַמען מיט'ן ווייב בעשערט.

דער רעזולטאַט פון דער הייניגער נסיעה קיין וואַרשא האָט פאַר איהם אויס־געהעקט די קאַרטען: די גאַנצע מיה, וואָס ער האָט אָנגעווענדט אָבצוטרייבען די גזירה, איז געווען אַרויסגעוואָרפען. עס האָבען נישט געהאָלפען די „פּראָשעניעס" מיט די שטעמפעל־מאַרקען, די פּראָטעקציע האָט איהם נאָר אויסגעמאַרכט דעם ביטעל און גאַרנישט אויפגעטהון. אַמאָל האָט ער אַליין זיך געקאָנט אַן עצה געבען, נאָר היינט איז ער אוים קנאַקער.

אויפ'ן באַהנהויף האָט ער זיך קינסטליך אָוועקגענאַרט פונ'ם דראָזשקאַרזש, וואָס איז געשטאַנען נעבען דער קאַרעטע, איינגעהילט אין אַ רויהען פוטער מיט אַ באַשליק איבער די אויערען און מיט פערגלייזטע אויגען, און אַ פלעשעל, מיט וועלכען ער האָט זיך דערוואַרימט, האָט ער אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט געזוכט אַ פאַסאַזשיר. ווי אַ פער'משפט'ער, וואָס געהט נישט מיט זיין אייגענעם ווילען, איז הערמאַן גרינפעלד געגאַנגען צוזאַמען מיט עטליכע היימישע בעקאַנטע, בעלאָהדענטע מיט פעק און טשעמאָדאַנעס, צו־פוס אַ היים. ער האָט זיך נאָכגע־שלעפט נאָך זיי אויף דער שמאָלער סטעזשקע, וואָס האָט זיך געצויגען צווישען די אָרלאָנעס און געטראַכט: זאָלען זיך די פיס אַ וויאָרסט ווען איבערגעהן, עס ווערט געזונד זיין פאַר'ן גוף און פאַר דער קעשענע...

— וואו איהר, פאַניע גרינפעלד? — האָט איהם איינער מיט אַ נישט־רעגע

זאַנפטעם געפרעגט

— שלעכטע צייטען. — האָט ער זיך נישט גערן פערטיידיגט.

— און דער ווייטער האָט שוין נישט... — האָט יענער איהם נישט אָבגעלאָזט און געוואָלט מיט איהם פערפיהרען אַ שמועס, כדי צו מאַכען היימליכער דעם וועג.

צוליעב אַמביציע, וואָס ער האָט נאָך בירושה פון די גוטע צייטען, ווען זיינע סקלאַדעס זענען געווען פערזעהען מיט דעם גרעסטען אויסוואַהל פון פערשיידענע ווייגען און ליקערען, געשטאַנען אין פערבינדונגען מיט די ערשטקלאַסיגע פירמעס, האָט ער אָנגענומען אַ פול מויל און געשוויגען.

אַ קאַלטער ווינד האָט ווי אויף להכעיס זיך צעבלאָזען און ווי אַ וואַקלענדיגען שיכור איהם געטריבען אויף דער שמאָלער סטעזשקע. ער האָט זיך געבייזערט אויף זיך אַליין, וואָס אין אַזאַ חושך איז איהם איינגעפאַלען צו קאַרגען אַ גילדען, ער וועט פון דעם שוין קיין מאַיאָנטקעס נישט אָנמאַכען. אויסגעלאָזט זיך די צייטען, ווען גאַטשאַלאָסטוואַ איז געווען זיינע, מיט די „יעקים" אויסגעקאָכט און מיט דעם קריין-שעף — ממש קאַמעראַדען, דער לעצטער האָט ביי איהם פערבראַכט יעדען אָווענד און ביי אַ גלעזעל טיי האָט ער אויסגעפועלט ביי איהם אומזיסטע „בע-שיינונגען". אַנ'אומגליק איז אויף איהם, וואָס אין שטעדטעל האַלט מען איהם נאָך פאַר אַ גרויסען עשיר. וואָלטען מענשען זיך אָבער איינגעקוקט אין זיינע גרויע וואָנסעס און אין ליסעוואַטען קאָפּ, וואָלטען זיי דעם אמת דערגאַנגען. אויף דער עלטער האָט מען איהם אָבגעשאַכטען און די פרנסה צוגענומען...

ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ האָבען פאַר זיינע אויגען געשוועבט שטיקער לעבען: דער יעקאַנאָב פון בראָביעס הויף פערפאָהרט מיט אַ פיאַקער פאַר זיין געוועלב, קומט צו איהם אַריין און הייסט פערפאַקען אַ קעסטעל ווייז; די דינסטאָג און פרייטאָג'דיגע טערגער: האָס פויערים פאָלק שטופּט זיך ווי אין דער רייה נאָך שפּירט און בראָנפען. אין געוועלב שטעהען ער, דאָס ווייב און די טעכטער און פער קויפען און הענד פעהלען אויס; די חתונה פון זיין אַ יונגסטער טאָכטער: דער קריין-שעף מיט'ן גלעזערען אויג דרעהט זיך אַרום צווישען די פערבעטענע געסט און בעוואונדערט איהם, וואָס ער זעהט אויס אַזוי פריש ווי ער וואָלט געווען דער כלה'ס אַ לייבליכער ברודער. פאַר זיינע אויגען ציהט זיך ווי אַ פילם-לענטע די גאַנצע חתונה: ער זעהט זיין פרוי אין דעם שוואַרצען סאַמעט-קלייד, און די פיי-נע קעלדיגע אימיטאַציע-שפּילקעס, וואָס בעשיינען די קאַרבירטע פריזור; ער אַליין — פערשווירענע וואָנסעס אַלאַ-ווילהעלם, אַ נייער פראַק און דאָס ראַזירטע פנים איז פול און גלאַט, קיין איין פאַלד, קיין קנייטש נישט; מאַטילדע די כלה — שוועבט אַרום אין זאַל אויסגעפוצט אין זייד און אַטלאַס...

— דאָברי וויעטשור פאַנו! — האָט דער נאַכט-סטרוזש איהם בעגריסט און מיט די פינגער קוים אָנגעריהרט דעם גלאַנציגען דאַשעק פון היטעל.

— וויעטשור! — האָט ער קאַלט געענטפערט.

ער איז געשטאנען פאר זיין הויז און ווי א פרעמדער געלייענט די גרויסע אויפשריפט פון שילד, וואס איז געהאנגען איבער דעם געוועלב:

ווייך און בראנפען=סקלאד הערמאן גרינפעלד.

אפשר צעהן מאל האט ער איבערגעלייענט די אויפשריפט, ביז ער האט זיך געכאפט, אז דא מוז ער אריינגעהן און א דערשראקענער זיך געווישט מיט דער רעכטער האנד דעם קאלטען שווייס, וואס האט ארויסגעשלאגען אויפ'ן שטערן און זיך בערוהיגט.

ער האט אנגעקליגען און א לייכטער געדויש פונ'ם משרת'ס שטעק=שיך האט אבגעענטפערט. ער האט דייטליך געהערט יעדען קווערטש פונ'ם שליסעל אינ'ם שלאס פון דער טהיר. מיט אנ'איינגעהאלטענעם אטעם איז ער אדורכגעגאנגען דעם קארידאר, אויף א וויל זיך אבגעשטעלט אין עס=צימער, וואו עס איז פאר איהם געווען צוגעגרייט א קאלאציע פון לייכט פערדייענדע שפייזען, ער האט דעם פאלטא אריבערגעלעגט איבער'ן אנלעהן פון שטוהל, אויסגעלאשען די לאמפ און אויף שפיץ=פינגער אריין אין דער שלאפשטוב. עס איז איהם קיין עסען נישט אנגעגאנגען. א מיעדער און א צעבראכענער פונ'ם וועג, האט ער זיך פלעגמאטיש אויסגעטהון, געלעגט זיך אויפ'ן געלעגער און נישט געקאנט איינשלאפען. הונדערטער פלענער האט ער אויף להבא, אבער אלץ וואלט גוט געווען, ווען ער איז א יונגערמאן נאך דער חתונה, פול מיט טעמפעראמענט און יוגענד=ענערגיע. א סך וואסערען זענען שוין אבער אבגעלאפען, קינדער אין פריידען און אין עשירות אויסגעגעבען, און דער'עיקר, א מלחמה איבערגעלעבט, וואס האט דעם שטארקסטען מענש דעם מארך פון די ביינער אויסגעזויגען און א צעהנטעל פון חיות צוגענומען.

— הומע, דו שלאפסט? — וועקט ער לייכט דאס ווייב.

שטיל.

— רוטע! חזרט זיך איבער זיין שטים.

— הערמאן, האסט געפועלט? — ענטפערט איהם ענדליך א פערשלאפענע האלז=שטים פון שכנות'דיגען בעט.

— גארנישט.

— וואס זאגסטו?

— גארנישט — האט ער דורך די צונויפגעפרעסטע צייהן געענטפערט און זיך געריבען מיט ביידע הענד דעם לינקען פוס, וועלכען עס האט א קראמפ אנגעכאפט. נאך מעהר ווי דער וועהטאג פערשאפט איהם צער זיין פעהלער, וואס ער איז פאראיאהרען בעגאנגען, בעת ער איז צוזאמען מיט'ן ווייב געווען אין קורארט. ער האט דאן געדארפט פרעגען דעם דאקטאר אויף דעם קראמף, וואס נעהמט אן א כראנישען כאראקטער: צי איז עס סתם אנ'עלטער=שוואכקייט, אדער א קראנקהייט, וואס מוז געהיילט ווערען? טיילמאל נעהמט עס איהם אן ביים האלז און ער קאן מיט'ן קאפ קיין ריהר נישט טהון. ווי גרעה האלז וואלט געווען פון מערטעל=

שטיין...

— שוין לאַנג איז האָס לעמפּעל אויסגעגאַנגען? — עפּענט רוטע קוים די ברעמען און די פּינסטערגיש שלאָגט איהר אָב ווי אַנ'אייזערנע וואַנד.

— פּאַר עטליכע מינוט.

— ס'מוז שוין זיין שפּעט, האַ?

— אַוודאי איז נישט פריה — ענטפערט ער שוין בייז.

עס פערדריסט איהם, וואָס זי שטערט איהם מיט די פראַגען זייער געדאַנקען און פּלענער, ווען זי זאָל וויסען, ווי זיין קאָפּ ווערט איהם צעבראָכען, וואָלט זי פערשפּאָרט צו מאַטערען איהם מיט אַזעלכע פראַגען. ער האָט שוין בעשלאָסען, אַז מאָרגען פּאַרטאָג, וועט ער אַריינגרופען דעם ציישעלי צו זיך און געוועלב אַריין און לאָזען איבעראַרבייטען די טאַשאָוואַגיע. די פּאָליצעס זענען שוין כמעט אַלע לעדיג, וואָס זאָל זיין אין אַ וואָך אַרום, זאָל תיכף געשעהען. אַ נייע מסחר וועט ער אָנהויבען, ער וועט זיך איבערבעטען מיט די קאָלאָניאַל־סחורות, פון וועלכע ער האָט פּאַר פיגף און דרייסיג יאָהר די ערשטע רווחים געצויגען, און שפּעטער עס איגגאַנצען אָבגעלאָזט (מען האָט איהם דאַן גערופען הענעך דעם שוחט'ס), וואָס אַנ'אמת איז עס אַ שווערע פּרנסה, נאָר נישטאָ קיין חסרון, וואָס האָט נישט קיין מעלה: עס איז אַ טעגליכער גראָשען...

— הערמאַן!

— וואָס ווידער?

— אַז דו בייזערסט זיך, שלאָף בעסער!

— רוטע, זאָג וואָס ווילסטו?

— וואָס האָט דער קיילער־שגיץ געוואָלט פון דיר? — פרעגט זי איבער אַנ'אַלטע זאַך.

— ווייסט דאָך.

— דערצעהל! — וויגט זיך ווי אַ כוואַליע איהר בעטענדיגע שטים.

— ער האָט געוואָלט, כ'זאָל איהם דאָס געוועלב אָבטרעטען. די קאָנצעסיע האָב איך — האָט ער געטענה'ט, און אַזוי ווי ביי אונז איז שוין אַנ'איינגעפיהרטער האַנדעל, טאָ זאָל איך איהם דאָס געוועלב אָהן קלער איבערגעבען, פערשטעהסט, פאַר די מסירות, וואָס ער האָט געשיקט מען זאָל מיר די קאָנצעסיע צונעהמען, כ'געהערט אַ דרייסטקייט פון אַ שגיץ, מעג ער זיין אַנ'איגוואַליד, — רעדט ער זיך אַראָב פון האַרץ.

— ער וועט לאַנג נישט אָנהאַלטען, אַ כאַם, אַ שיכור, ר'וועט פערבראַקען דאָס גאַנצע געשעפט אין קאָרטען, וועסט זעהען — טרייסט זי איהם.

— נו, זענען מיר געהאָלפען?

[illegible] שווייגט.

אויפ'ן געלענער ליגט הערמאַן גריבפעלד און וואַרפט זיך, ווי אין פיבער. ער [illegible] די קישענס, ציהט אַריבער די דעק איבער'ן קאָפּ און קאָן באַין אופן נישט

קײן אויף פֿערמאַכן. ער קוקט שוין אויס ס'זאָל טאָג װערן און ער װעט זיך מיט בריון נעהמען צו זײַן פּלאַן. ער טײלט אײַן בײַ זיך אין הער פֿאַנטאַזיע די װעגד פֿונ'ם געװעלב: בײַ דער מיטעלסטער װאַנד װעט ער אַנידערשטעלן אַ שאַנק מיט גלעזערנע טהירען, אין װעלכע ער װעט האַלטען שאָקאָלאַד און דעליקאַטעסען; בײַ דער צװײטער אױף רעכטס װעלען זײַן די שופלאָדען צו קאַװע, מאַנטשקע, פֿעפער, צימרינג, געװירצען און פֿערשיעדענע קלײניגקײטען, די הרײטע און לעצטע — װעט ער רעזערװירען ספּעציעל פֿאַר מעהל, קאַשע, רײַז, באָב און ערהנליכע פּראָדוקטען. עס פֿעהלט איהם נאָך אַנ'אָרט פֿאַר אַ פֿאַס צו נאַפֿט, נאָר ער ספּק'ט גאָר, צי ער װעט בכלל דאָס האָזיגע מין האַלטען, ער מוז נאָך איבערערעדען מיט'ן װײַב װעגען גאַנצען ענין, צי עס זאָל זײַן אַ הורט־געשעפֿט, אָדער דעטײל, און אויב הורט, װעט ער נאָר עטליכע אַרטיקלען האַלטען.

— רוהע! — רופֿט ער פֿאַמעליך דאָס װײַב.

אַ האַסטיג כראָפּען טראָגט זיך פֿונ'ם צװײטען בעט.

— אַ װײַב מוז מען שטעלען פֿאַר אַ געשעהענעם פֿאַקט! — לויפֿט דורך אַ געדאַנק אין מוח און באַלד קומט אָבער אַ צװײטער: אַ האַנק איהר בריה'שאַפֿט האָט ער זיך ביז הײַנט אױף די פֿיס געהאַלטען...

אַ פֿערזונקענער אין פּלענער, בעמערקט ער ניט די טונקעל־בלויע מאָרגען־ליכט, װאָס גנב'עט זיך אַרײַן דורך די שפּאַרעס פֿונ'ם לאָדען.

אָהן האָפנונג

1.

נאָך דריי טעג כסדר׳דיגע אַרומבלאָנקען, זוכען אַרבייט און בעקומען בלויז דאָ — אַנ׳אָבזאָג, דאָ — אַ כמעט־כמו „צוזאָג“, וואָס האָט איהם נאָך מעהר צע־רייצט און פערביטערט, האָט ער לסוף יאוש׳דיג אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד:

— עט צום טייוועל, זאָל עס שוין געהן.

דיעמאָלט האָט איהם דער הונגער גענומען מאָהנען, און דווקא נישט אויף קיין קאַטאָוועס. אין האַלז האָט איהם אַזוי אונאויפהערליך געטרוקענט און געברענט; ער האָט געהאַלטען אין איין שפּייען, וואָס האָט איהם אָבער לחלוטין נישט גע־ליפערט דעם שמערצליך־ביטערען טעם, וואָס האָט זיך איהם פערקליבען אָנהוי־בענדיג פון דער שפּיץ־צונג, ביז העט האַרט טיעף אין דער קעהל אַריין.

געוועזען איז שוין אָוונט־צייט, דאָ־און־דאָרט האָבען זיך גאַסען־לאָמפּען אָנ־געצונדען, געפלעמעלט אין דער האַלב־פינסטערניש, און אויסגעזעהען האָט עס: ווי גרויסע, אייגאויגיגע ברואים, וואָלטען געפינטעלט מיט די אייניציג־העלע אויגען, און געוואונקען:

— די נאַכט איז דאָ! די נאַכט איז דאָ...

עטליכע טריט ווייטער, וואו ער איז שטעהן געבליבען, האָט אַרויסגעבלייכט אין דער פינסטערניש אַ טונקעל־בעלויכטען פענסטער פון אַ ביער־שענקעל. אינ׳ם פענסטער איז געלעגען אַ צעשניטענער הערינג, אין שכנות מיט עטליכע שוין קענטיג אַלטע זעמעל. צוויי בלעשלעך ביער זענען — ווי שטאָלצע מחותּנים גע־שטאַנען אַרומגערינגעלט מיט מעלערלעך אַרבעס.

שפּעטער שוין איז ער געזעסען אין דעם וואַרים־אָנגערויכערטען שענקעל, גע־ביסען גרויסע שטיקער זעמעל און אַלץ געטראַכט, אַז נאָכ׳ן אָבעסען וועט איהם בלייבען אין טאַש אַ גילדען מיט גראָשענס, אַז קיין אַרבייט וועט ער שוין אַזוי ג״ה נישט בעקומען, און אַז היינטיגע נאַכט וועט ער ווייטער זיך מוזען אַרומוואַלגערן ערגעץ אין אַ גאָרטען אויף אַ האַרטער באַנק.

— צו אַלדע רוחות! — האָט ער געטראַכט — אַ מיאוס לעבען, טפו זאָל עס ווערען.

— נאָך איין ביער! — האָט ער הויך כמעט מיט כעס אָהנגעשריגען צום בופעט.

דאָס מיידעל, וואָס האָט איהם צוגעטראָגען דאָס בעשטעלטע גלאָז ביער, האָט איהם אַ ווײַלע אָנגעקוקט; געריצעלט דעם אָנגעפּודערטען שטערען, און שטיל אַרויסגעשמייכעלט:

— שלמה? איאָ, שלמה?!!

שלמה האָט פערחידושט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. געהאַלטען אַ נישט־אַראָב־געשלונגענעם ביסען אין מויל, געוואָלט עפּעס פרעגען, נאָר דאָרט פון בופעט האָט זיך געלאָזט הערען דאָס הייזעריג־קוויטשענדיגע קול פון דער שענקערקע:

— העי, מאַניע! טראָג נאָר דאָרט צו אַ קיכעל מיט הערינג, מאַניע!

דאָס מיידעל, וואָס דאָט געהייסען מאַניע, האָט נאָך בעוויזען אַ לאַך צו טהון צו איהם. געזאָגט אין איילעניש, אַז זי קען איהם, און געבעטען: אויב ער וואָלט נישט אַזוי גוט געווען און געוואַרט אויף איהר, נאָכ׳ן שליסען די שענק.

שלמה האָט געגאַפט, געמאַטערט זיך צו דערמאָהנען, ווער דאָס מיידעל קאָן זיין, בשום אופן נישט געקאָנט זיך דערמאָהנען, עטליכע מאָל געמורמעלט: מאַניע, מאַניע. און לסוף אַוועקגעשטעלט דאָס אויסגעלעדיגטע גלאָז, אויפגעשטאַנען, אַהין צום בופעט, בעצאָהלט דער גראָבער שענקעריקע, און — מיט׳ן רעשט געלד, וואָס איז געשטאַנען פון 83 גראָשען, אַרויס אין גאַס און גענומען וואַרטען אויפ׳ן מיידעל, וואָס האָט געהייסען מאַניע.

2.

הען ביידע זענען ציגעקומען צום טויער פון דעם גרויסען, אָבגעלאָזענעם הויז, וואָס האָט מיט אויסגעלאָשענע פענסטער, ווי מיט בלינד־אָפענע אויגען, אַרויסגעקוקט אין פוסטען חלל פון דער גאַס, און וואו מאַניעס עלטערען האָבען געוואוינט, האָבען שוין ביידע געהאַט ממש זיך אַלץ אויסדערצעהלט איינער דעם אַנדער׳ען. אָט האָט ער זיך שוין גוט דערמאָהנט, ווער דאָס דאָזיגע מיידעל איז. געדענקט אַ סך אָווענדען, ווען ער פלעגט זי טרעפען פאַר צוויי יאָהר זומער האָרט ביי זיך אינ׳ם קלײנעם פראָווינץ־שטעדטעל, געטראָפען זי אַ סך מאָל אין שבת׳דיגע פאַרנאַכטען או פ׳ן „שפּאַציר". און — האָט ער געמוזט מודה זיין ביי זיך, אין געדאַנק — קיין בעזונדער אַכט אויף איהר נישט געלעגט: „אָט, אַ מיידעל! און פטור". בלויז געוואוסט, אַז זי איז אַ „וואַרשאווערין", און געקומען איז זי אַביסעל אַראָב אין שטעדטעל, צו עפּעס דאָרט אַ ווייטע קרובה.

ביים טויער האָט זיך מאַניע אָבגעשטעלט, אָנגעקלונגען, און אַ זאָג געטהון שיין אַזוי היימיש:

— אָט פאָלגט מיך, קומט אַרויף צו אונז.

דער סטרוזש האָט זיך געשלעפּט מיט שווערע פערשלאָפענע טריט, געקלונגען מיט די שליסלען און אויפשליסענדיג דאָס טויער, האָט ער בייזליך און פערשלאָפען געברומט:

— פּראָשען, ניע סטאַטש. וכאָדזימש.

א ריח פון וואַרימער היימישקייט האָט אַרומגענומען שלמה׳ן, ביים געהאַנק:

אַז אָט נישט לאַנג וועט ער זיך געפינען אין אַ שטוב. וועט בעקומען אַנ׳אָרט צום שלאָפען; וועט נישט דאַרפען אַרומבלאָנקען אין דער פרעמדער, גרויסער שטאָדט אין דער שפּעטער נאַכט־שעה און זוכען ערגיץ אַ האַרטע באַנק צו קאָנען כאַפּען אַ דרימעל.

— אַ דאַנק — האָט ער פערלעגען געשטאַמעלט — מיין בעסטען דאַנק אייך, מאַניע!

ער איז אַריין נאָך איהר אין׳ם טויער, געשלעפּט זיך איבער אַ לאַנגען פינ־טערען הויף, געקראָכען איבער גערדרעהטע, קרומע שטיגען הויך ערגיץ אויף אַ פיערטען שטאָק.

3.

שבת ביינאַכט, ווען דער „טויבער בערעל“, מאַניעס פאָטער, איז נאָך געווען ביים דאַווענען אין דער „חברה־תהלים“, איז אָנגעקומען אַ בריעף פון די קינדער אין אַמעריקאַ.

שוין 14 יאָהר ווי דער עלטסטער זוהן און אַ טאָכטער זענען אַוועק קיין אַמע־ריקאַ. דער זוהן האָט דאָרט חתונה געהאַט, געווען אַ „פרעסער“ אין אַ שאַפּ, שען פערדיענט. געשריבען אַז ס׳איז „אָל־רייט“; און יעדען חודש געשיקט אַ היים פאַר די „ליבע עלטערען“ עטליכע דאָלאַר. די טאָכטער האָט אויך חתונה געהאַט, נאָר אין אַ האַלב יאָהר שפּעטער איז איהר דער מאַן געשטאָרבען, און זי, אַ מעוברת׳ע, האָט ווייטער געמוזט גיהן אין „שאַפּ“ פערדינען אויף פרנסה. איצטער האָט זי שוין אַ דערוואַקסען מיידעלע, אַרבייט האָט זי אויך, פערדיענט גאַנץ גוט. נאָר עס בענקט זיך! אָט שיקט זי איצט 2 דאָלאַר און בעט זעהר די ליבע על־טערען, מען זאָל איהר גענוי שרייבען וואָס עס הערט זיך אין דער היים. און צי מאַניען קומט שוין אַ „מזל־טוב“? יאָ, און פאַרוואָס מאיר שיקט איהר נישט קיין פאָטאָגראַפיע פון זיין כלה? און מיט דער שוועגערין איז זי לעצטענס אַביסעל ברוגז, געהט נישט דערפאַר אַרויף צום ברודער. איבריגענס האָט זי אַ גרויסען זאָרג! דער עיקר — זי איז גאָט־זיי־דאַנק געזונד, האָט אַרבייט, און דאָס קינד איז אַ „פופעלע“, און ווייטער גריסט זי יעדען איינעם גאָר הערצליך, און בעט נאָך אַמאָל, מען זאָל איהר באַלד שרייבען ענטפער.

ביים טיש, עסענדיג דעם „טשאָלענט“, האָט דער טויבער בערעל געהאַלטען דאָס אָנגעקומענע בריוועל געדרעהט עס אויף אַלע זייטען, געקוקט מיט דרך־ארץ אויף די אַמעריקאַנישע בריעף־מאַרקעס, וואָס האָבען איהם דערמאָהנט אין „אַמע־ריקאַנער מעהל“ און „פעקלעך מלבושים“, און פרעזידענט ווילסאָן, וואָס האָט „געשאָקעלט“ מיט דער וועלט, — און געטראַכט וועגען די „קינדער“, וואָס ער האָט דאָרט אין דעם מעבר־לים׳דיגען לאַנד, און ווען גאָט העלפט איהם אַזוי, ער זאָל זיי נאָך ביי זיין לעבען דערזעהען. און געלויבט איז גאָט, וואָס דער זוהן איז „אָל־רייט“! און אַז ס׳וואָלט כדאי געווען צו שרייבען די קינדער, אַז מאַניע וועט אפשר בקרוב מיט גאָטס־הילף תנאים שרייבען; און דער חתן איז זעהר אַ וואוילער

מענטש, אַ גרויסער „קענער", נישט קיין היגער, פון דער „פּראָווינץ" שוין 2 חדשים ווי ער כּמאַלעוועט זיך דאָ אין שטוב. און מאיר האָט איהם אַ „פּאָסטען" געשאַפט. און ווייטער מיט זיין „פּרנסה" איז זעהר נישט בע'מעמ'ט! בימערע צייטען! אויף די קלענסטע גאַרישקייטען צו האַנדלען מוז מען האָבען אַ „פּאַטענט", מוז מען צאָהלען „שטייער". עד, עד, אָט האָט מען איהם ערשט יענע וואָך גע־מאַכט אַ פּראָטאָקאָל, צוגענומען דאָס ביסעל סחורה. איבריגענס, ווער קויפט דען הייגט בייגעל? מען האַנקט גאָט, אַז מען האָט ברויט. און אפשר וואָלט מעגליך זיין, אַז ער דער זוהן זאָל איהם שיקען דעם „צוגעזאָגטען נדן" פאַר מאַניעס ווע־גען? יאָ! ער זאָל למען השם זעהן צו געדענקען אין דער „וויסטער אַלמנה" דאָרט, זאָל זי מקרב זיין. און מאיר איז אַ לייטישער יונג! ר'זעהט, אַז אין שטוב זאָל גאָרנישט פעהלען. אַרבייט שווער. נאָר בלויז האָט וואָס ער מישט זיך אין „יענע זאַכען". אַגומעלט דאָט מען זיך שיער אויף טויט הערשראָקען, בייגאַכט איז געקומען „פּאָליציע" אַלץ אַדורכגענישטערט אין שטוב, געזוכט, דער גוטער יאָהר ווייסט זיי וואָס, און — האַנקען גאָט! — וואָס מען איז כאָטש מיט דער בלויזער שרעק אַבגעקומען.

ביים צווייטען עק טיש איז געזעסען מאיר, אַ יונגער ברייטער יונג, געהאַלטען אַ צייטונג אין דער האַנד און הויך געשריגען:

— און איך זאָג אייך, אַז פּאַלעסטינאַ איז כלל נישט קיין לעזונג פון דער אידען־פראַגע. אין בעסטען פאַל — פאַר אַ הייפעל קאַפּיטאַליסטען, און אומעטום וואו עס איז נאָר פאַראַן „קאַפּיטאַל" מוז זיין „עקספּלואַטאַציע". אָט וואָס איך זאָג אייך!

שלמה האָט געוואָלט אַבענטפערען מיט אַ זעהר געלונגען־צוגעטראַכטען אַר־גומענט, וואָס האָט געזאָלט בעווייזען די לאָגישע קאָנסעקווענץ פון זיין שטאַנד־פּונקט, נאָר די מוטער, ביילע, האָט זיך אַריינגעמישט. אַנ'אייגעבויגענע, אַ גוט־מוטיגע איז זי געשטאַנען, האַלטענדיג 2 טעלער מיירען־צימעס.

— אוי, גאַראַנים, — האָט זי געשמייכעלט מיט די בראַוואַקעס אויף דער גאָמבע — אַפּילו שבת וויל מען אויך די וועלט איבערמאַכען, מ'פערגעסט אַפילו, מ'שטיינס געזאָגט, דאָס עסען. נאָט — האָט זי אונטערגערוקט יעדערען אַ טע־לער — עסט אויף, וועט עפּיס ווייטער זיך קאָנען קריגען.

ביידע האָבען זיך גענומען געשמאַק צום עסען. געקלערט ביי זיך: זאָל נאָר די „אַלטע" אָבטרעטען, וועט מען זיך ווייטער נעהמען צו דער נישט־פערענדיגטער דיסקוסיע.

מען האָט אָבגעגעסען, די מאַמע האָט זיך אַביסעל צוגעשפּאַרט אויפ'ן בעט, דער טאַטע איז אַוועק אין חברה הערען פּרק. מאַניע, וואָס האָט זיך שוויגענדיג צוגעהערט צום שמועס און קנאַפּ־וואָס דערפון פערשטאַנען, האָט פון צייט־צו־צייט צוגעטאַקעוועט אויף שלומה'ס צד.

— וואָס? ס'איז יען נישט אַזוי?

4.

די טהיר האָט זיך האַסטיג געעפענט, און אין שטוב איז אַריין זיסעל, האָט בלאַנד-האָריגע שטיפערישע מיידעל, וואָס האָט זיך גערעכענט פאַר מאיר'ס כלה. איצט איז שוין בשום אופן נישט געווען קיין צייט אויף ערנסטע שמועסען. ניין! זי וועט דאָס בשום-אופן נישט דערלאָזען אַזוי אָבצוזיצען שעה'ן לאַנג, און פיהרען אַזעלכע נודנע געשפרעכען: לאַנד-שמאַנד, שפּראַך-שמאַך. אָט שפּיעלט היינט אַ „צודאָווגע בילד“ אין „מאָמוס“. ניין, ניין, זי בעשטעהט בשום-אופן נישט צו זיצען אַזוי ווי אַנ'אַלטע באַבע אין שטוב. סיידען — מען וועט עפּעס זינגען, טאַנצען, אָדער „צאָש פּאָדאָבנעגאָ“. און באַלד האָט זי טאַקי גענומען זינגען עפּעס אַ שלאַגער-קופּלעטעל, אונטערגעטאַנצעלט, קיין איין רגע נישט איינגעזעסען אויף איין אָרט. געוויצעלט זיך אויף שלומה'ס חשבון; גערופען איהם: „חסיד“, „שטיק-אידענע“, פּרובט נישט קיינמאָל טשעפּען מיט קיין מיידעל. אין אַ מינוט אַרום האָט זי שוין געקיצעלט מאַניע'ן אויף אַ דיסקרעט אָרט, און שוין האָט זי הויך און זאַפּטיג געקושט מאיר'ן אינ'ם רויט-האַרטען קאַרק, און אַזוי לאַנג געפּילדערט, ביז די שלאָפּענדיגע ביילע האָט זיך אויפגעכאַפּט, און גוטמוטיג זיך געבייזערט:

— אוי, טייוולאָנים! אַז ס'זאָל ענק זיין...

שלומה האָט געשמייכעלט. אין האַרצען האַנקבאַר געווען אָט דער האָזיגער זאָרגלאָזער מיידעל, פאַר די פרעהליכע, גלאַנציגע אויגען, וואָס האָבען אַזוי מוזיש געוואונקען צו איהם; פאַר די „אונשולדיג-אויסגעלאַסענע“ שטיפעריען, פערגליכען זי אין געדאַנק מיט זיין צוקונפטיגער כלה, מיט מאַניען. און אַ שטילער כעס האָט איהם גענומען בייסען דאָס האַרץ. געזעהען האָט ער דעם בולט'ען קאָנטראַסט, וואָס מאַניע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אין פערגלייך צו דעם יונגען בלאָנדען מיידעל. וואָס האָט געאָטעמט מיט היים-בעהאַלטענע זינד... אָט נאָך אַ וואָך, נאָך אַ וואָך — און ער וועט געצוואונגען זיין צו געבען אַ קלאָרע תשובה: יאָ אָדער נישט. תנאים שרייבען, און אָט די דאָזיגע מאַניע, וואָס האָט שוין דריי חתנים געהאַט, אָהן אַ שיעור ליעבעס געפיהרט, וועט עס ווערען זיין כלה... אמת, זי איז זעהר אַ גוטע, האָט ממש אַ גאָלדען האַרץ. אָבער — זאָל ער נישט זינדיגען מיט די רייד — מיאוס איז זי ווי די נאַכט! און מיט אַ שען ביסעל יאָהרען עלטער פון איהם... און צוריקגעשמועסט: וואָס קאָן ער דען טהון? וועמען האָט ער דען דאָ אין דער גרויסער, פרעמדער שטאָדט? וואָס וואָלט דען פון איהם געוואָרען, ווען נישט מאַניע? ליעגען איהם דען נישט אין זכרון יענע טעג פון כסדר'דיגע אַרומלויפעניישען זוכען אַרבייט? האָט איהם דען מאיר נישט געשאַפט ביי אַ רייכען „הבר“ אַ פּאָסטען? און ווער האָט איהם דען די ערשטע צייט געגעבען צו עסען פונקט ווי אַנ'אייגענעם? נישט מאַניעס מאַמע? און וואו זאָל ער איצט געהן? אפשר צוריקפאָהרען אין דעם קליינעם פעראָרימטען שטעדטעל? ווייטער ליידען הונגער און אַרומגעהן „פּוסט און פּאַס“? ווייטער הערען די אייביגע קלאָג-ווערטער פון דער קראַנקער אַרימער מאַמען, וואָס האַלט אין איין

שעלטען די „פינסטערע מלחמה“, וואָס צוליעב איהר (דער מלחמה) איז דער טאַטע פון דער וועלט געגאַנגען, — דער פרומער אויסגעהאַרטער טאַטע, וואָס האָט תמיד גע'טענו'ט, אַז דאָס גאַנצע לעבען איז גאָרנישט ווערט, בלויז הבל. אַז די וועלט איז נאָר אַ „פּיראַהייוזעל“, און אַ מענש האָרף גאָרנישט קלערען וועגען עולם-הזה-זאַכען. עט, שטותים! דער עיקר איז מעשים טובים...

אין שטוב איז שוין געווען דונקעל, מאַניע איז געזעסען און געפלוידערט מיט זיסלען. מאיר האָט זיך געקליבען אַוועקצוגעהן מיט זיסלען ערגעץ אויף אַ „ווייזוגג“. די מאַמע איז אַריין צו אַ שכנה, און שלומה האָט ווייטער געטראַכט מיט ביטערניש:

— פערפאַלען, נישטאָ קיין אויסוועג. איז ער האָך אַ שטיק צוליעב ריוועטשען אַוועק פון דער היים. האָט ער דען געקאָנט גלויבען, אַז די דאָזיגע ריוועטשע, וועלכע ער האָט אַזוי ליעב געהאַט, וועט איהם אַזוי מיאוס אָפּנאַרען? האָט דאָך שוין דאָס גאַנצע שטעדטעל זיי געהאַלטען פאַר חתן-כלה. און בעשלאָסען איז ער דעמאָלט געווען צו נעהמען זיך פערדינען געלד, און אַוועקפאָהרען מיט איהר מעבר לים. אָך גאָט! מיט וואָסערע שענע חלומות ער האָט זיך דעמאָלט אַרומ-געטראָגען, און פּלוצלונג — איז עפּעס אונטערגעקומען אַ רייכער קינדערלאָזער אַלמן, גע'שדכנ'ט זיך, און — ריוועטשע מיידט איהם שוין אויס, וויל איהם שוין לגמרי נישט קענען... אומזיסט האָט ער געוויינט פאַר איהר, געזאָגט, אַז ער וועט דאָס איהר קיינמאָל נישט מוחל זיין... געסטראַשעט, אַז ער וועט זיך געהן טרינקען, אַז ער וועט ז'...

פּלוצלונג האָט שלמה דערפיהלט: ווי עמיצער נעהמט איהם אַרום. געווען איז עס מאַניע. מאיר מיט זיסלען זענען שוין געווען אַוועקגעגאַנגען. אין שטוב איז געהאַנגען אַ געדיכטע פינסטערניש, מאַניע האָט זיך געטוליעט צו איהם, געקושט איהם...

אַ פערצווייפעלטער האָט ער בעשלאָסען: אַז קיין אויסוועג איז שוין פאַר איהם נישטאָ, פערפאַלען! ריוועטשע האָט נאָך פאַראַיאָהרען חתונה געהאַט, האָט איהם אין דער לינקער פּיעטע!... די מאַמע איז אַ קראַנקע אַלמנה. דער טאַטע איז טויט. און זיסעל, זיסעל איז שוין כמעט אַ כלה פאַר מאיר'ן...

דעמאָלט האָט איהם אַ כעס, געמישט מיט אַ ווילדען רחמנות, אַרומגעכאַפּט צו דעם אַלטען, מיאוסע: מיידעל, וואָס האָט זיך אין דער פינסטער געלאַשטשעט צו איהם... ער האָט דערזעהן אין איהר די אָבשפּיגלונג פון זיין איינען צעבראָכען לעבען... פערשטאַנען האָט ער אין דער מינוט: וויפיעל ליידען און בושות אַזא מיידעל האָט שוין געקאָנט האָבען אין איהר לעבען, איב'ם „געיעג נאָך אַ חתן“... און — מיט ציטערנדיגע הענד האָט ער זי פעסט צוגעדריקט צו זיך, געקושט איהר דאָס שטאַרק-געפודערטע פנים, און מיט אַ קול אָנגעזאַפּט מיט צער און יאוש האָט ער כמעט ווי געשריגען:

— לאָמיר תנאים שרייבען, מאַניעלע. יאַ, מאַניעלע?

דאָס מיידעל האָט גאָרנישט געענטפערט. אַ מינוט איז זי געהאָנגען אויף איהם אומבעוועגליך; באַלד איז זי צו איהם צוגעפאַלען, געקלאַמערט זיך איהם אויפ'ן האַלז, איינגעגראָבען דעם קאָפּ ביי איהם אויף דער ברוסטטאַון שטיל־פּער־עקשאַ'ט געוויינט...

פון אַקעגעניבערדיג פענסטער האָט אַריינגעשיינט אין שטוב אַריין אַ שוואַכער ליכט־שטראַהל, וואָס האָט זיך צעלייגט אויף דער וואַנד ווי אַ שמאָלע, לאַנגע שלאַנג.

ע ג א.

באָרג-אַראָב

ביי די איינשטיינס האָט מען זיך געחידושט, פאַרוואָס זעהט מען עפּעס נישט מערטשען שוין אַ לענגערע צייט.

גבריאל פּעפּקעס, דער טעמפּער צוקער־בחור מיט'ן מגושמ'דיגען פּנים, האָט זיך אין וויילד־פּליושענעם דיוואַן פאַרדרוקט, געסאָפּעט שווער און עטליכע מאָל איבערגעחזר'ט:

— אַ וואויל מיידעל! זעהר אַ וואויל מיידעל מערטשע!

האָט זיך שוין פעשקע איינשטיין. מערטשעס חבר'טע, צעשמייכעלט און גענטפערט:

— גבריאל! איהר ווייסט, איהר האָט ענטדעקט אַמעריקא!...

גבריאל האָט געשוויגען, מעהר געסאָפּעט מיט דער הויכער ברוסט און געבעלדיג, נישט לויט זיין רגילות געטראַכט: יע! זי איז טאַקי זעהר אַ סימפּאַטיש שען מיידעל, אָבער מיט אַזאַ אָנגעבוירענער אַריסטאָקראַטישער גאווה, קליידט זיך ואפילו צו איהר, דער נגידה'שער בת־יחידה'קע... אָבער מ'האָט ביי איהר קיין הצלחה נישט, נישט שוין־זשע איז ער אַזאַ שלימזל׳ניק...

חנא איינשטיין, דאָס געלבליכע בחורעל מיט די באַזשעלעק־האָר, גבריאלס חבר, האָט איהם איבער'ן פּלייצע אַ פּיה־געטהון שפּאַסיג־חבר'יש:

— גבריאל! הע! ביזט מיר שוין היינט אויך זייער געוואָרען, מאַכסט אַ טויזענד?

— גוט! אָבער אויף אַ דרייערל!

האָט גבריאל מיט אַ בעזונדער פייערל אין די אויגען די קאָרטען טאַשירט, און אַריינגערופען אין צווייטען צימער:

— פר"ל איינשטיין — פר"ל איינשטיין! מאָרגען זייט זיך מטריח געוואויר ווערען צו מערטשען!

— גוט! גוט! און צוואַ אַ גרוס?...

אין עפּעס הייבטיגם מאָל חנא'ן נישט געגאַנגען, האָט ער אַלץ זיך געחכמה'ט:

— גבריאל! געהט דיר שוין צו גוט אין קאָרטען, ביזטו שוין אַ פערפאַלענער אין ליעבע...

ווען עמיץ האָט אין טהיר אָנגעקלאַפּט, איז פעשקע אַרויסגעלאָפען מקבל־פּנים זיין.

— געסט! געסט! מערטשעלע, מעגסטו זיך שעמען. אַזוי לאַנג! און איהר, ליבערמאַן, וואָס איז מיט אייך העֶר מעהר?

מערטשע איז היינטיגס מאָל געקומען אין איהר אַלטען העלען לאַנגען טאַליע־מאַנטעל, וואָס האָט בולט אויסגעטיילט איהר שלאַנקע גוט־געטוויקעלטע פיגור, עפּעס אַ קרענקליך, סימפּאַטישער מעלאַנכאָלישער שמייכעל האָט זיך ווי מיט מאַטערניש געהאַלטען אויפ'ן סובטעלען אַזוי בע'חנ'טען מאַט טונקעלען געזיכט.

נאָר די עטוואָס אַראָבגעלאָזטע ברעמען־הייטלען איבער די אויסדרוקפולע מאַט שוואַרצע אויגען האָבען גע'מסרט איהר איצטיגע שטימונג...

גבריאל, אַ נערוועזער, האָט אַוועקגעלעגט דאָס שפּיעלען און זיך נעבען איהר אויפ'ן דיוואַן געזעצט...

גישט ווי זיין טבע מיט אַנדערע מיידלעך, געהאַלטען זיך אַרטיג, גע־דענקט ער גאָר גוט, אַז פאַר װעלען דוקא נעהמען זי אייגמאָל אונטער'ן אָרעם אָהן איהר הסכמה, האָט זי שיער איהר קאַנטשאַפט מיט איהם איבערגעריסען...

דערפאַר איז ליבערמאַן, דאָס שטענדיג פראַנטיש־געטע בחור'על מיט'ן גע־פּאַסטען, שטענדיג שטייפען הויזען־פּרעס, דוקא גאַנץ נאָהנט נעבען איהר געזעסען, כמעט אַ קניע אין אַ קניע, געקוקט איהר אין פּנים אַזוי היימיש, מיטפיהלענדיג.

— מערטשעלע! וואָס זעגט איהר היינט עפּעס אַזוי אומעטיג?

— פאַרוואָס מיינט איהר אַזוי?...

חנא האָט צוריק פאַרגעלעגט זייגע קאַרטען, און אַלע האָבען מסכים געווען אויסער מערטשען. אָבער ווען גבריאל האָט זיך אָנגעבעטען ביי איהר מיט שותפות, האָט זי עפּעס תיכף מסכים געווען, גאָר נישט לויט איהר רגילות'דיגער עקשנות... גבריאל איז דאָס שותפות־שפּיעל געווען בעזונדערס ניחא, כאָטש ס'איז איהם נישט געגאַנגען קיין קאָרט.

מערטשע האָט כלומרשט אַריינגעקוקט אין טאַש און בשעת־מעשה געקלערט, אַז איהר ליעבענס־שטיגער איז שוין אַראָב פון דרך־המלך, — זי ווייס גאָר נישט גענוי וואָס ס'איז געשעהען, נאָר דער פאָטער איז לעצטענס אַזאַ פער'מרחשהורה'־טער אַרומגעגאַנגען. עפּעס פּלוצלונג פרישע מענטשען אָנגעפאָהרען, דער פאָטער האָט זיך מיט זיי געסוד'עט, גאָכדעם ווי געבעטען זיך ביי זיי... אַ גאַנצען טאָג האָט מען דעם בוכהאַלטער געמאַטערט... אין די ביכער געגישטערט... און אויף איהר עפּעס אַזוי קרימלעך געקוקט... און ערשט דעמאָלט האָט זי זיך אָנגעהויבען אָנ־שטויסען...

האָט זי שוין טאַקי היינטיגען אָוועגד ווי בכלל די לעצטע טעג ווידער נישט געוואָלט פון שטוב אַרויסגעהן, געלעגען אויף דער אָטאָמאַנקע, דעם קאָפּ טיעף אין קישעלע פערגראָבען און טרעהרען האָבען אַזוי געשטיקט...

איז אָבער דער פאָטער ר' זאַנוויל ראַפּאָפּאָרט, וואָס האָט איהר שטענדיג אין די אויגען געקוקט, צו איהר צוגעשטאַנען:

— שטיל מיר צוליעב, מערטשעלע! גיה אַביסעל צו די איינשטיינס, וועסט זיך פון קאָפּ אַרויסשלאָגן, ס'האַרפֿן דאָ באַלד קומען מענטשן...

ס'איז איהר אָבער נישט געווען דער מוט אַרויספֿציהען דעם עלעגאַנטען קאַראַקול־מאַנטעל און איז אַרויס שטילינג מיט'ן אַלטען, אין עפּעס אַזאַ נידערגעשלאָגענער שטימונג.

כאָטש גבריאל פֿלעגט איז היינטיגס מאָל אַרויס פֿון די קאַרטען „אַנ'אָבגעקאָכטער", פֿונדעסטוועגען איז ער היינטיגס מאָל עפּעס געווען בעזונדער צופֿרידען. ווען ער האָט מערטשען אַ היים בעגלייט, האָט זי זיך גאָרנישט געוועהרט, וואָס ער האָט זי אַזוי אינטים־געאָרעמט איבער די הויפּט־גאַסען געפֿיהרט...

זעגען טעג אָנגעשטאַנען פֿאַר מערטשען, אַזעלכע טריבע שווערע. געפֿיהלט האָט זי, אַז אין שטוב איז שטאַרק נישט גוט. ס'ווערען איבער נאַכט פֿערשוואונדען קאָסטבאַרע חפֿצים... און אַז אין די צימערען איז פֿערשוואונדען יענע נגידיש־רוהיגע געמיטליכקייט... פֿלעגט זי אויף גאַנצע טעג פֿערפֿאַלען ווערען ביי די איינשטיינס.

זיצען איינגעטוליעט אין איהר וואַרים בלוזקע אין ווינקעל דיוואַן, און זעלטען ווען ליבערמאַנען מיט זיינע אַלע אָנשטרענגונגען פֿלעגט געלינגען אַרויסצובעקומען פֿון איהר אַ געמאַטערטען שמייכעל.

אַ בעזונדער ביטול'שע אָבגעלאָזענקייט איז געלעגען אויסגעגאָסען אויפֿ'ן נאַגיען נישט לאַנג פֿריש־צאַפּעלדיגען קערפּער.

און פֿלעגט זיך שוין נישט מיט אַזאַ אימפּעט אָבוועהרען, ווען גבריאל פֿלעגט זיך אַמאָל ערלויבען עפּעס מעהר אינטימערס,און אַמאָל דאָס אויך נישט...

— ווייסט, חנא!? מערטשע איז שוין נישט דאָס וואָס געווען, — האָט גבריאל זיך אַמאָל אָבגערופֿען צו זיין חבר, און דערביי צוגעגעבען אַ איראָנישע בעמערקונג..

חנא האָט כלומרשט זיך צעבייזערט אויף גבריאל'ן, אָבער בשעת־מעשה בחוריש געשמייכעלט...

איינמאָל אין אַנ'אָווענד איז ליבערמאַן אַרויס מיט אַ פּראָיעקט: מ'זאָל גאָר מאַכען עפּעס אַ היימיש אינטים „אָווענדעל".

— מ'קאָן דאָך אַזוי פֿערגרוידזשעט ווערען! — האָט ער דאָס שוין מאָטיווירט.

גבריאל פֿעפֿקעס האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד.

— מיך זאָלט איהר נאָר בעשטימען פֿאַר'ן שר־המשקים!

דער זאַל ביי די איינשטיינס איז געווען אויפֿגערוימט יום־טוב'דיג. ס'האָט בלאַנק אַראָבגעשיינט דער קראָכמאַלעטער סערוועט איבער'ן לאַנג צורוקטען טיש. געפֿינקעלט האָבען אין עלעקטרישען בליץ־ליכט די פֿערשיעדענפֿאַרביגע געצאַצקעוועטע פֿלעשער, און ליכט־קאַנדעלאַבערס האָבען געזונקען אין בלומען־שטויסען.

האָבן זיך פלעשער אין קנאַלעניש צעקאָרקעוועט און גלעזער צעקלונגען...

מערטשע איז צווישן ליבערמאַנען און גבריאל'ן געזעסן, און דער אויסערליך אַזוי ליעבליכער שמייכל אויף איהר פנים, האָט אָבער גישט האַרמאָנירט מיט די אייגנעשניטענע ווינקלען אַרום מויל...

פון ביידע זייטען האָט מען זי צוגעזעהן... און געטרונקען האָט זי עפּעס אָהן אַ חשבון, געקלאַפּט צו יעדער'ן מיט עפּעס אַזאַ זאָרגלאָז-הפקר'דיגען לחיים!... און אינווייניג האָט עפּעס געהיצט, געוואַרימט, די אויגען האָבן אַזוי גלאַנציג-פיבעריש געשמאַרצט...

איין נעבעלדיגע אונקלאָרע מחשבה, נאָר טרינקען! נאָך! נאָך! קייקעלט זיך באַרג אַראָב... זייער נגידישע איינגעפונדעוועטע הויז... פליהט-מיט מיט אַ משו-טה'דיגען גאַלאָפּ איהר גוטער פאָטער... און איהר שטימע קלינגט שוין אַזוי צע-לאָזען חוצפה'ש:

— ווער האָט נאָך מיט מיר קיין „ברודערשאַפט" נישט געטרונקען?...

גבריאל האָט אַ האַלב שיכור'ער עפּעס מיט'ן צונג געפּלאַפּעלט, און אַדורכ-נעהמענדיג מיט די גלעזער די הענד געפלאָכטען, האָט ער אָנשטאָט זיין גלאָז אויסלעדיגען, זיך פלוצלונג מיט זיינע דיקע פליישיגע ליפּען אין... איהרע ווין-רויטע ליפּעליך זיך איינגעגעסען עפּעס אַזוי ברוטאַל-חיה'ש לאַנג...

און... אַ דאָפּעל-קלאַנג האָט פלוצלונג אָבגעהילכט אין דער לופט, אַ קלונג פון צעבראָכען גלאָז... און אַ פליעסק פון אַ קליין, צאַרט, שמאָל הענדטעל איבער אַ פוכקער פליישיגער באַק, עפּעס מיט אַזאַ געוואַלדיגען אימפּעט, אַז בלוט-רויט איז געוואָרען די פריש בלוליכע האַזירטע באַק.

גבריאל אַ מבולבלדיגער האָט זיך אַ כאַפּ געטהון פאַר'ן אָרט, וואו די שניידיגע פינגער האָבן איהם אַזאַ ווערטאָג פערשאַפט.

מערטשע אַ טויט-בלייכע מיט טרעהרען-פערלאָפענע אויגען, איז צו פּעשקען אין צימער אריינגעלאָפען... — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

אַז דער אַלטער ר' זאַנוועל ראַפּאָפּאָרט האָט אַ דערשראָקענער אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט אָנגעקלאַפּט ביי די איינשטיינס, איז שוין מערטשע געשלאָפען אַ רוהיגע...

אַז חנא האָט איהם בערוהיגט, דאָס מערטשע האָט דאָ זעהר גוט פערבראַכט... האָט זיך אַ מאָדנע חיות בעוויזען אויפ'ן פריהגעלטערטען עגמת-נפש'דיגען פנים, און מיט אַ צעבראָכענער שטימע האָט ער צוגעגעבען:

— מיין נעסטען יישר כח אייך! מיין בעסטען יישר כח...

אין שטעדטעל

די ליכטיגקייט פון איינציג איבערגעבליבענעם ליכטעל אויפ'ן בית-המדרש-עמוד האט איינגעריסען אין די געדיכטע פינסטערקייט, וואס האט געפלייצט פון ווינקלען און ווענט, א געל צעקנייטשטען פלעק, וואס אויף זיין קרענקליכער פארב האבען זיך אויסגעשווארצט די געשטאלטען פון צוויי זיצענדיגע זקנים. זייערע אויגען פינצטע, צערונצעלטע, ווי צעפוילטע קארשען, האבען געגלאצט מיט אנגעהאלטענע געוויין, און זייערע גופים אלטע איינגעשרומפענע, האבען סקעלעטיש-שארף געשניטען די לופט, ווי אפגעבליטערטע הערבסטיגע ביימער.

ביים לאנגען טיש וואס פאר'ן פענסטער זענען געזעסען א שורה ארימלייט, פערלאזטע, ווי א קופע מענשלישער אפפאל, און האבען הארט און שטום אריינגעטראכט אין גרויסען בית-המדרש-חלל, און די דרויסענדיגע בייזע רעגענדיגע נאכט, וואס איהר ווייענדיג קול האט זיך געהערט אין די פיעל בית-המדרש-פענסטער, האט נאך בולט'ער געמאכט זייער עלענדקייט און פערשטויסענהייט.

פון דער זייט, וואס איז געלעגען אין פינסטערניש, האבען ארויסגעשלאגען מענשליכע טריט, וואס האבען זיך וואס אמאל שוואכער געהערט, ווי עמיצער וואלט ארומגעוואנדערט אין טיפעניש, און פון דארט האט מיט וועה ארויסגעפלאסען זיין האוועגען, וואס די ווערטער האבען ווי לעבעדיגע וועזענס געדרייסט אין דער לופט און געשפאלטען די וואלקענס אומעט, וואס זיי האבען איבערגעלאזט אין בית-המדרש-חלל די אהיימגעגאנגענע מתפללים...

ר' וואלף, דער עלטער שטעדטעלדיגער תלמיד-חכם האט זיך פאמעליך צוגעריקט צו דער טהיר און האט פערלאזט דאס בית-המדרש. דרויסען האט איהם די נאכט האסטיג ארומגעכאפט, און ער, קלאפענדיג מיט'ן שטעקען איבער די ברוק-שטיינער, האט זיך געזוכט א וועג, א קרעכצענדיגער און א געבויגענער, ווי איינער וואס טראגט אויף זיך די לאסט פון א לעצטען.

* * *

די חורבה-טויטקייט, וואס האט ארויסגעפוסטעט פון די פערפארעמטע געוועלבער, האט זיך צעלייגט ארום די פער'דאגה'ט פנים'דיגע און צעקנארעם-פנים'דיגע קרעמער, וואס זענען געשטאנען אין די טהירען פון זייערע געוועלבער און געהאלטען אויפ'ן אויג דעם סעקוועסטראטאר, אנ'אויסגעפאשעטען, רויט-באקיגען גוי, וואס האט זיך אין בעגלייטונג פון א שווייגענדיגען פאליציאנט געטרא-

זײַן פֿון געוועלב צו געוועלב. איבער דער גאַס האָט זיך פֿאַמעליך, אַרומגעוואַקעלט גאַדיל דער שניט־קרעמער און אויף וועמען נאָר ער האָט געלאָזט רוהען זײַנע זוכענדיגע אויגען האָט זיך יעדער אָבגעשאָקעלט: „אָסור, צי דו ווערסט געפינען בײַ מיר אַ גילדען, וואָס כ'זאָל דיר קענען באָרגען אַ גמילות־חסד". אַ אידענע, אײַנגעהילט אין אַ טוך, האָט שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ נאָכגעקוקט די חברה יונגע־וואַרג, וואָס האָבען אַראָבשפּאַצירט אויפ'ן וועג, און דער געדאַנק, וואָס האָט זיך דערבײַ אויסגעפֿאָרמט אין איהר מוח, האָט זי אַרײַנקומענדיג אין שטוב איהם אַרויסגעזיפֿצט: „אַ קלאָג צו די יאָהר, בלימה דעם רב'ס שלעפּט זיך אויך שוין אַרום מיט די יונגע אויפ'ן וועג".

בײַניש, איהר זוהן, אַ יונגער, הויך־צעוואַקסענער שעהנער בחור, האָט אַרומגעשפּאַנט אין שטוב. אַ טעמפּע שווערקייט איז איהם געשטאַנען אין מוח, און זײַן גוף, אַ תּאווה'דיג־געשטײַפֿטער האָט בהמה'יש געצויגען צו בלומען. איצט האָט ער מעהר נישט געפֿיהלט צו איהר קיין עקעלדיגקייט ווי בשעת מאָטיל האָט איהם דערצעהלט פֿון זײַן שפּאַציער מיט איהר איינער אַליין אויפ'ן וועג. האַמאָלס האָט זיך בײַניש'ן אויסגעטראַכט, ווי הונדערטער נעגעל בײַסען זיך אײַן אין זײַן לײַב, און עפּעס אַ זאַך אַ אונזעהבאַרע און אַ הייליגע טהוט זיך פֿון איהם אָב, אַ שווערע טרוקעניש איז איהם דערנאָך לאַנג געשטאַנען אין האַלז, בלימע איז איהם ווי אַ פֿעראכטליכסטע געוואָרען מיאוס.

בלומע, דאָס אונפֿערגלייכליכע, אונדערגרייכבאַרע מיידעל, ווי אַ פֿערבאָרגענע בלום האָט ער זי דער ערשטער אויסגעפֿונען, און איז געוואָרען געפֿאַנגען פֿון איהר. אַ לערנער איז ער נאָך דעמאָלס געווען אין בית־המדרש און דורך די שטויביגע בית־המדרש־פֿענסטער האָט ער צו איהר אַרויסגעגליהט און געוואַרט אויף איהר בליק, וואָס זי פֿלעגט איהם דאָ אַהערשיקען, אָבער ווייטער איז צווישען זיי נישט געגאַנגען. די ליעבע־בריוועלעך, וואָס ער האָט אָנגעשריבען, פֿלעגט ער פֿון שעמעוודיגקייט צערײַסען אויף פּיצלעך, און אַרויסלאָזען אויפ'ן ווינד און געבעטען דערבײַ: „זאָל דער ווינד איהר אַהינברענגען און זי זאָל זיי לעזען". און אַ טרוים האָט ער געהאַט, ער וועט זיצען טאָג און נאַכט און לערנען, ביז ר'וועט ווערען גרויס אין תּורה, וועט איהם בלומעס פֿאָטער, דער רב, אויסקלויבען פֿאַר איהר חתן.

איצט האָבען זי די ברודיגע הענד פֿון דעם אויסגעלאַסענעם מאָטיל פֿערמיאוסט, בײַניש האָט זי פֿײַנד געקריגען, ער האָט זי מעהר נישט געוואָלט קענען. אָבער מעהר ווי עטליכע טעג האָט ער זיך נישט געקענט אויסבעהאַלטען, ער איז אײַפֿער געווען איהר געפֿאַנגענער, נאָר איצט, נאָכדעם ווי ער האָט געהערט פֿון אַ פֿרעמדען אַזוי ציניש דערצעהלען געהיימנימען פֿון איהר קערפּער, איז זי שוין מעהר נישט געווען אַזוי הימליש־אונדערגרייכבאַר, און ער, אַזאַ צאַרטער טרוימער, נאָר אַ ווילדע פֿערצעהרענדע ליידענשאַפֿט צו איהר ענטוויקעלטען קערפּער האָט אין איהם כּסדר געברענט, און דערהערענדיג פֿון זײַן מוטער, אַז בלומע האָט מיט דער חברה אַראָבשפּאַצירט אויפ'ן וועג, האָט ער מיט האַסטיגע טריט זיך געלאָזט נאָך זיי.

* * *

דער טיש אַנ'אָבגעדעקטער, אַ צעראַצטער, האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ לאַנגע טרויעריגע מגילה, און דער עולם אידען, וואָס האָבען זיך אַרום איהם געבויגען מיט צערונצעלטע שטערענס, האָבען איינגעגעסען אין איהם זייערע אויגען, ווי זיי וואָלטען אויף איהם געזוכט אַנ'ענטפער אויף דעם, וואָס האָט זיי דאָ אין שטיבעל צוזאַמענגעבראַכט אויף דער אסיפה.

יונה, אַ איד אַ שותק, אַ פערבעהאַלטענער ירא-שמים, האָט פּלוצלונג אויפגעוואַכט פון זיין אייביגען מקבל-באהבה-שווייגען און האָט געלאָזט הערען זיין צער'דיג קול: „ווי טריעפט ס'האַרץ מיט בלוט צו זעהען יעדען אינדערפריה, ווי אידישע יונגעלעך געהען אין די פּוילישע שקאָלעס אַריין, און קיין קול תורה הערט זיך ניט אין גאַנצען שטעטעל, אידישע קינדער וועלען אויפוואַקסען און קיין צורת אות וועלען זיי ניט קענען“.

יאָשע, אַ יונגערמאַן אַ שאַרפער פול מיט חסידישער חוצפה, האָט אָהן רחמנות געזעצט איבער די פּאָטערליכע קעפּ: „בלויז וועגען אַ חדר קלערט איהר, און פון די דערוואַקסענע פושעים קוקט מען שוין אינגאַנצען אַוועק, איהר ווייסט דאָך גאַרנישט ווי ווייט ס'דערגרייכט שוין דאָס הפקרות פון אייערע קינדער“.

די קויטיגע שטיבעל-ווענד האָבען זיך, ווי צוזאַמענגערוקט, זיך אויסגעשטעלט האַרט אַרום די דאָזיגע פערגעהענדיגע מענשען, וואָס דער פאָדים פון דורות, דער פערבינדער פון דער פערגאַנגענהייט מיט דער צוקונפט, האָט זיך אין זייערע הענד איבערגעריסען. פון דאָ און דאָרט זענען אויפגעגאַנגען קרעכצען, וואָס האָבען זיך אין דער הויך צעשפּרייט ווי אַ נעבעל, וואָס האָט זיך דערנאָך פאַמעליך אַראָבגעלאָזט, ווי ער וואָלט וועלען פערדונקלען די שיין פון דער ברענענדיגע לאָמפּ, וואָס האָט חוזק'דיג אונפערשעמט בעלויכטען די וועהטאָגדיג-צרה'דיגע פּנים'ער, פון וועלכע ס'האָבען פייכטליך-פרעגענדיג אַרויסגעקלאָצט די אויגען: „צו וואָס האָט געטויגט דאָס גאַנצע פיינפולע האָרעווען, וואָס האָט אונז אַזוי צעבראָכען און צעקלאָמיעט“.

בלויז ר' וואָלף, דער שטענדיגער מלמד-זכות פון יונגוואַרג, האָט זיך נאָך געקאַמפּערט מיט עטליכע אידען, וואָס זענען אַרום איהם געשטאַנען און אויסגערעדט אסור-לדבר אויף דעם יונגוואַרג, און כסדר האָבען זיי מיט אַ פערבאָרגענער הנאה איבערגע'חזר'ט: „וואָס ברויכט מען מעהר, דיין תלמיד בייניש'ל, דיין שיינדיל, איז אויך שוין אויסגעגאַנגען לתרבות רעה“.

בייניש איז אַהיימגעקומען אַ בעפּרידיגטער, זיס-אָנגעגעסען האָט אין איהם געפּלאַמערט דאָס בלוט, ער איז געווען אָנגעזעטיגט פון בלומעס נאָהנטקייט, וואָס איז אין איהם אַריינגעפּלאָסען דורך אַ האַנד, וואָס איז נאָך איצט געווען צעהיצט פון בעריהרען איהר קערפּער, אַ שכרות-מיעדקייט איז אין איהם אויפגעגאַנגען, ער האָט [illegible] זיין קאָפּ אויף די הענד און זיך געלאָזט זינקען אין

צעשוואַכטע טראַכטונגען, און געהאַלטן זייערע פֿינקלענדיקע אויגן אויף די מו־טער, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל אַ געבויגענע און אַ שווייגנדע, מיט גרע־געצלאָזטער הכנעה פֿאַר גאָטס רצון, וואָס האָט זי נאָך דעם מאַנ'ס טויט אַזוי פֿער־לאָזט אין אָרימקייט. זי האָט פֿון אַ קוישעל אַרויסגעשיילט קאַרטאָפֿלעס, און יעדן אָפּגעשיילטן קאַרטאָפֿעל, וואָס זי האָט אַראָפּגעלאָזט אין טאָפּ מיט וואַסער אַריין, האָט אַ פּליעסקע געטהון און אַ דערצעהל געגעבן: „און דאָס איז נאָך עפּעס אומטערגעטאַנצט פֿון אַמאָליגען גלאַנץ און עשירות“.

די ברענענדיגע צוויי האַרטע ליכטלעך, אַריינגעשטעקטע אין מעשענע לייכטער־לעך, האָבן זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט די שאָטענס, וואָס האָבן זיך פֿער'גנבֿ'עט אויפֿ'ן שבת'דיג געדרייטן טיש, ווי מיט טרויער אַרומגעהילט דעם שטוים טעלער אַרויסגעשוואַרצט פֿון צווישן דער קופּע לעפֿעל־גאָפּל, און זיך געפּלאָנטערט אויפֿ'ן חלה־דעקעל, וואָס איז אָט איינגעפֿאַלן שעמעוודיג איבער־געדעקט צוויי קליינע בולקעלעך, טראָגענדיג אויף זיך, ווי אַ זכר פֿון אַמאָל דעם זייד אויסגעהאַפטענעם: „לכבוד שבת קדש“.

מאַכעריג־רויה זענען אויסגעקומען די קידוש־ווערטער פֿון בײַנישעס מויל און האָבן צוגעגעבן אַ ביטערקייט די מוציא'לעך, וואָס ער האָט אַרומגעטיילט און וואָס זענען טרוקען געקייעט געוואָרן דורך די אַרומזיצענדיגע ברודער און שוועסטער, וואָס זייערע זויערע פּנים'ער זענען פֿערלאָפֿען מיט דער אויפֿגעהע־דער פּאַרע פֿון די טעלער קאַרטאָפֿלעס, וואָס די מוטער האָט נור־וואָס אַרומגע־שטעלט.

דורך דעם שכנ'ס וואַנט האָט אַריינגעשטראָמט אַ שבת'דיג זמירות־געזאַנג, און אָנגעשטעלט אין שטוב אָטעם פֿון חלה מיט פֿיש. בערעלע, אַ פֿיר־יאָהריג יינ־געלע האָט זיך צעוויינט: „מאַמע גיב מיר חלה“. די מוטער אַ צערייצטע פֿון אומבעהאָלפֿענקייט, האָט זיך איבער איהם אַריבערגעבויגן און גענומען איהם איינשטילן מיט גוטע צוזאָגענדיגע רייד, וואָס האָבן ביי די עלטערע קינדער דערוועקט אַ רחמנות צו איהר.

די שאָטענס פֿון די ווענט האָבן זיך צוזאַמענגעשאַרט און אַרומגערינגעלט דעם טיש, וואָס די שוואַכע ליכטיגקייט אויף איהם האָט שוין געצאַנקט. דאָס ווייגע־דיגע יונגעל האָט זיך, נאָך אַלץ נישט איינגעשטילט. אין בײַנישען האָט זיך עפּיס אַ ריהר געטהון, ער האָט אונטערגעבראָכן אַ ניגון, וואָס דער פֿאָטער פֿלעגט זינגען ביים שבת'דיגען טיש. די דינקייט פֿון דעם ניגון האָט אין איהם אַריינגע־ברענגט אַזאַ אָנגענעהמע ליכטיקייט, צערייסענדיג די גראָבע טעמפּקייט, וואָס האָט איהם די לעצטע צייט פֿערשטאָפּט, און ער האָט דערזעהן די בלאָטע, אין וועלכע ער איז פֿערקראָכן, און כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט ווייטער אַזוי פֿערבלייבן, האָט ער דאָך מיט אַזאַ מין עקשנות כסדר געזונגען, ווי איינער וואָס ווייסט, אַז ער זינקט און האַלט זיך מיט פֿערצווייפֿלונג דערווייל אָן אין עפּיס אַ ווייכער און צעפּליטשעריגער זאַך. סוף־כל־סוף האָט ער זיך נישט געקאָנט בע־

הערשען און איז אַרויס צו זיינע חברים.

פון דאַמאָלס אָן פלעגט ער זיך אָפטמאָל אָנקלאַמערן. אָן רשם געטון. די מוטער, וואָס האָט שוין געוואוסט, וואָס דאָס בעדייט, פלעגט זאָגן: „אַ ביטישעל פרומט שוין". איינמאָל אַ טאָג האָט ער אָהן אויפהער געזונגען, דער ניגון האָט איהם אינגאַנצען בעהערשט און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט שוין גובר געווען. דער פאַרנאַכט איז אָנגעקומען און אַריינגעבראַכט אַן ערנסטקייט פון מנוחה־דאַווענען אין שטוב. די מוטער האָט אָנגעצונדען ס'לעמפּעל און עס איז געהאָנגען אויפ'ן וואַנד, זיינע קליינע ברידער, וואָס זענען אַהיימגעקומען פון חדר, האָבען געזונגען די זעלבע ליעדלעך און זיך געשפּיעלט מיט די זעלבע שפּילערייען, וואָס ער אַמאָל. ווידער האָט זיך אין איהם נאָך אַזאַ לאַנגער צייט דערוועקט דער צימער, וואָס ער פלעגט האָבען אַמאָל אין די פאַרנאַכטען, „אַ טאָג איז איהם אָבגעשטאָרבען". ער האָט זיך אַרויסגעבויגען פון פענסטער, די נאַכט האָט זיך דרויסען אַראָבגעלאָזט. אַ הונד, וואָס איז געזעסען אויף אַקעגענאיבערדיגען שוועל, האָט צו איהם טרויעריג אַפּערגעקוקט, אין די פענסטער זענען אויפגעגאַנגען די רויטע היימישע פייערלעך, אַ שווער בעלאַדענע פוהר האָט זיך געשלעפּט אויפ'ן ברוק, און מיטגעפיהרט מיט זיך און דעם לאַמטער, וואָס האָט זיך פון אונטען נאָכגעבאָמבעלט ווי געפאַנגען, אַביסעל שטובליכע היימליכקייט ערגיץ אין די פינסטערע ווייטקייטען אַריין. ס'האָט זיך איהם פערקלעמט פון טרויער.

לאַנגזאַם אָבער איז אין איהם צוריק אויסגעגאַנגען דאָס פיהלעכץ, וואָס דער ניגון האָט אין איהם אַריינגעבראַכט, אַ ליידענשאַפטליכע שטיפקייט האָט זיך איבערגעצויגען איבער זיין קערפּער און אַ טעמפּער האָט ער זיך געלאָזט געהן אַהין, וואו ס'האָט איהם געצויגען.

אַ טעמפּע תאווה'דיגקייט איז געשטאַנען אין שטוב, ביי די מעליסעודה, וואָס זענען געזעסען אַרום דעם טיש, האָבען איבער די קייענדיגע באַקען גיריג ווילד געפינקעלט די אויגען, און זייערע גופים האָבען געצאַפּעלט מיט פרעסערישער תאווה. דאָס עסענוואַרג אויפ'ן טיש איז מיט האַסטיגקייט פערצעהרט געוואָרען. די חברה האָבען זיך געוויצעלט איבער דעם קליינעם און דאַרען שאול'קע, וואָס אויף זיין פערשוויצטען שטערן האָבען איצט אַרויסגעזעצט שוואַרצע אָדערען. „ער עסט אַזוי לאַנג ביז די שלייפען טהוען ביי איהם וועה", האָבען זיי איהם נישט אָבגעלאָזט.

באַלד אָבער האָבען זיך די בליקען אַ קעהר געטהון אין אַן אַנדערע זייט. אַ געמורמעל האָט זיך איבערגעטראָגען פון מויל צו מויל. בייניש איז געוואָרען אַרומגערינגעלט. אויף דער ערד נעבען איהם האָט מען טאַקי געפונען דעם חזיר־וואורשט, וואָס מייצער האָט איהם גע זעהען אַראָבוואַרפען. חברה האָט איהם דאָס נישט געקענט מוחל זיין: „אַזאַ בהמה'דיגער יונג, וואָס ווייסט נאָך נישט ווי גוט ס'איז אַ פּוטער־זעמעלע מיט חזיר־פלייש". הנאַ, אַן אויסגעפּאַשעטער מגיד־שט'יגער יונג, וואָס ביי זיינע עלטערן אין שטוב איז פאַרגעקומען די בובקע,

האָט צוגעבראַכט פרישע דריי פוטער־זעמעל בעלעגט מיט חזיר־וואורשט און פאַר אַלעמען אין די אויגען האָט זיי בייניש געמוזט אויפעסען.

ער האָט געפיהט אַנ'עקעל, ווי ווערעם וואָלטען אַרומגעקראָכען אין זיין לייב, די אויגען זענען איהם פערלאָפען, צום סוף אָבער, ביים לעצטען זעמעל האָט ער דערשפירט דעם פעטען טעם פון חזיר, וואָס זיינע אבות־אבותיו האָבען נישט געקענט, און ער האָט צו זיינע חברים אַ שמייכעל געטהון.

שפעטער האָט אַ היציגקייט אַרומגענומען די לייבער. מיט אַ ווילדער אונערקלערליכער תאווה האָט מען גערעדט ניבול־פה, ביי וואָס די אַנוועזענדע מיידלעך זענען נישט אָבגעשטאַנען מיט זייער פערשייטקייט פון די יונגעלייט. קיינער איז נישט געוואָרען געשטיגט, איינציגוויז זענען זיי אַרויפגעקומען צו די אויסדערוועהלטע, צו די דיכטער, און דערציילט מעשיות פון זייער אויסגעלאַסענעם לעבען, און געשיט איבער זיי מיט שמוציגע וויצען. דער ראש־המדברים איז געווען מאָטיל, אַ פערשייטער פיפיגער יונג, ער האָט געמאַכט אַזאַ אויספיהר: „די דיכטער פון אונזער צייט האָבען אויפגעהערט צו מאָלען דאָס פנים פון דער פרוי, דערפאַר שילדערען זיי איהר בויך". און די חברה אָנגעצונדענע פון דעם געדאַנק האָבען גענומען זוכען אילוסטראַציעס צו איהם אין די ביכער, וואָס זיי האָבען געלעזען.

שפילערהייד האָבען זיך די איינצעלנע פּאָרלעך אָנגעהויבען אַרויסשאַרען פון דער ביבקע־שטוב, ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ גענייג נאָך מיידלעך, ביינישען האָט עס אָבגעגליקט, ער האָט געפּאַקט בלומען און איז מיט איהר פערקראָכען אין אַ פינסטער ווינקעל פון פּאָדערהויז. זי איז געווען נאָכגיעביג, און ער האָט פריי אַרומגעפיהרט זיינע הענד, וואו ער האָט געוואָלט. איהרע גייסטיגע מעלות, איהר שטימע, איהרע אויגען, אַלץ, וואָס ער האָט אַמאָל אין איהר פערגעטערט, האָט ער איצט נישט געזעהן. ער האָט איבערהויפּט איצט גאָרנישט געזעהן און געהערט, נאָר געווען ווי אַ לאַנג דורשטיגער, וואָס האָט ענדליך צוגעטראָגען דאָס ביסעל וואַסער צום מויל.

* *

פאַר'ן איינפאָהר־הויז איז געשטאַנען דער קרומער לייב, אַרומגערינגעלט פון אַ קופּקעלע אידען מיט פערדרוקטע היטעלעך איבער די אויגען, וואָס האָבען אויסגעהערט, ווי ער דערציילט: „נעכטען איז צו ר' מנחם'ן אַריינגעקומען מיכאַלאַק דער קיילער מיט אַ רעכענונג אויף דרייסיג פּלאַטעס פאַר קעלבלעך, וואָס זיין זוהנדעל חנא האָט ביי איהם גענומען געבאָרגט".

פון דער זייט איז אָנגעקומען בייניש מיט אַ פּעקעל סחורה, וואָס ער האָט געטראָגען צו דער מאַרק־פרוי, און דערזעהענדיג אַנטקעגען איהם אָנקומען ר' וואָלפ'ן, האָט ער זיך צוריקגעצויגען.

ער האָט געוואוסט, אַז דער אַלטער וועט איהם אָנכאַפּען, וועט ער צו איהם

אַ זאָג געטהון: „האַ, ביינישעל, דו קענסט דאָך יאָ לערנען, ווילסט אויסהערען אַ שענעם אויפטהו".

אין עק גאַס איז געשטאַנען אַנ'איינזאַמער ר' שלמה דער געוועזענער שטעדטעלדיגער גביר און מיט זוכענדיגע הונגעריגע אויגען אַרויפגעקוקט איבער דעם פוסטער גאַס, פון וועלכער ס'האָבען אָנגעהויבען אַבפאָהרען די שווערע מאַרס־פוהרען.

יוסף וועבער

די ליציטאציע

מיט דער גרעסטער בענקשאפט און אונגעדולד, ערווארט דאס שטעדטעל די ערשטע שוואלב, דעם אנזאגער פון בעסערע צייטען.

יער לאנגער ווינטער איז שוין זעהר, זעהר לעסטיג. די שטוב פעררויכערט, פערשווארצט, דער באלקען און די ווענד אבגעריסען, שפינוועבס, פערשווארצט פון סאזשע, הענגט אין אלע ווינקעלעך, וואסער, ברודיגס אויסגעמישט מיט שמויב, רינט שטראמענווייז פון די ווענד, אויף דער פאדלאגע ליעגט א דיקע שיכט פון שווארצע, נאסע בלאטע, אז ס'איז נישט קיין ברעט ארויסצוזעהן. אויף די קליינטשיקע פענסטערלעך, פערשלאגענע מיט נעגעל און פערקלעבט מיט לייהם פון תיכף נאך סוכות, ליעגט א נאסער, גריגער שלאם. דורך זיי קוקט אריין א שווארצער, מיט בלאטע און מיסט אויסגעקנעטענער שנעע. די אלטע, צעריסענע שמאטעס רייסען=אב די פלייצעס און שמערצען דעם קערפער. דאס שטרוי אין די בעטען איז סטעבלע, פערפוילט און ארויסגעשיט פון די צעבראכענע בעטלעך. אין שטוב פיהלט זיך אנ'עפוש, א שווערער שטיקענדער דאמף. שימעל און שמוץ עסט אויף. און דאס קליינוארג... אוי, דאס קליינוארג!... ווי ווערט מען עס שוין אביסעל פטור פון דער שטוב! דער פסח בעט זיך שוין אזוי שטארק אריין אין די אידישע שטובען.

דעריבער, ווען אין ראש=חודש אדר צווישען מנחה=און=מעריב, אז דער בית=המדרש=שמש גיעט מיט דער לאנגער, ביינערדיגער האנד א קלאפ אין שולחן און רופט=אויס:

— איך בין מכריז ומודיע בפקודת הקהל, אז היינט נאך מעריב וועט די אין בית=המדרש פערקויפט ווערען דאס פסח'דיגע מעהל —

רייסט זיך פון אלעמענס הערצער ארויס א פרייהדיגער צאפעל, א טיעפער זיפץ פון ערלייכטערונג דרענגט ארויס פון יעדענס ברוסט. עפעס יום=טוב'דיגע שטימונג שוועבט אין דער לופט. עפעס ליכטיגער און ווארעמער ווערט אין בית=המדרש. יעדענס פנים און אויגען דריקען=אויס שמחה. אנ'אנגעגעהם=זיסע, אונבעשטימטע, שוין לאנג=פערגעסענע פריהלינגס=בענקשאפט פילט=אן יעדענס נשמה עם שמעקט מיט זון, גראז, בלומען און שפאציער.

ביי געהויבענער שטימונג, ביים כסדר'דיגען קלאפען אין די טישען און — שאַ=אַ! =אויסרופען ווערט ווי=עס=איז דער מעריב געדאווענט. דאן פאנגט=אן

דאָס רעכטע קאָכעניש. די געוועהנליכע ווינטערדיגע בית־המדרש־אָרדנונג ווערט איינגאַנצען צעשטערט. די חברה־משניות איז היינט מוותר פון איהר אַלטעגאַכטיגען שיעור. די טישען זענען פוסט. די לאָמפען איבער זיי, ווי פער'יתומ'ט, הוכט זיך, לייכטען עפּעס דונקעלער. זיי הענגען אַראָב אַזוי ווי טרויעריג און פערשעמט... אין די לאַנגע נעכט פון גאַנצען ווינטער האָבען זיי אַזוי מילד געלויכטען און מיט זייער וואַרימקייט געגלעט, און נישט איין וועה־געשריי, נישט איין השתפכות־הנפש פון אַ פערבענקטער נשמה, פון אַ יונגען פערחלומטען בחור, וואָס ער האָט ביי דער גמרא אויסגעגאָסען, נישט איין טיעפען האַרצרייסענדען קרעכץ פון אַ בעדרוקטען, פער'מרה־שחורה'טען מאַטען אין זיך איינגעזאַפּט און סודות'דיג געלויכטען און געשוויגען, אין נאָך דעם אַלעמען האָט מען זיי פלוצים פערלאָזט און אַוועקגעוואָרפען.

גרופען און רעדלעך בילדען זיך. ביי דער טהיר נעבען אויווען שטעהען די שטערטעלדיגע תבואה־ און מעהל־סוחרים. מען רעכענט, מען קאָמבינירט, מען זוכט אַנ'אויפען, ווי אַזוי צווישען זיך דורכצוקומען, אייַן „קאַרטעל" צו שליסען, זיך נישט געגענזייטיג צו קאָנקורירען, נאָר געמיינזאַם צו דער ליציטאַציע צו געהן. אָבער ווי דער שטייגער איז, צעגעהט מען זיך מיט גאָרנישט און מען לויפט שנעל אַהיים, זיך מיט דעם נויטיגען געלד אויף קויציע צו בעזאָרגען, און צום קאַמף צו געהן.

האַרט שטעהען די ליצני־החדר און הוזק'ען אָב פון דעם אַלטמאָדישען שטייגער פון דער ליציטאַציע, פון דעם שמש, וואָס לויפט־אַרום פערשוויצט און פערפּאָרעט, פון די קהל־לייט, וואָס דרעהען זיך אַרום פער'מוח'ט פאַר דעם גרויסען אַקט.

דאָ שטעהט אין אַ ענגער גרופּע צוזאַמענגעקוועטשט אַ חברה חדר־יונגלעך, וואָס האָבען אויפגעהערט „צו געהן ביינאַכט" און גיבען זיך איבער, וואָס מען וועט זיי אַלץ קויפען אויף פסח, נייע אַנצוגלעך, שיכלעך און היטעלעך און בעלעקען זיך, שוין בעצייטענס מיט הנאה פון די מצות און כרעמזלעך. אַ מיש־מאַש פון ווערטער, אַ געפילדער אויסגעמישט מיט רויך פון פּאַפּיראָסען און פייקעס שוועבט שווער איבער די קעפּ.

פלוצים דערהערט זיך אַ הויהל קלאַפּען. דאָס שטעהט דער שמש אויף אַ באַנק אין אַ ווינקעל ביי דער מזרח־וואַנד איבער אַלע קעפּ און נעבענדיג דריי קלעפּ מיט דעם האָלצערנעם שוהל־קלאַפּער, פערגלייזט ער די אויגעלעך און פערלענגט דאָס קעפּעל, פערפּרוטט אין אַ זייט און שאָקלענדיג מיט דעם געלען ציגען־בערדעל רופט ער אויס אויף זיין דין סאָפּראַנדעל:

— ווער עס וויל לעגען „וואַדיע", זאָל לעגען „וואַדיע" —

די בעוועגונג וואַקסט. חיימעל, דער גרעסטער תבואה־סוחר פון שטעדטעל, שטופּט זיך מיט שווערער מיה צו צום טיש, וואָס איז בעלאַגערט פון אַ נייגעריגער מאַסע, וועלכע קוקט זיך צו מיט קנאה און יראת־הכבוד צו דעם פערלויף

פון דער זיצונג. דער טיש, ביי דער מזרח=וואַנד איז בעדעקט מיט דעם גרינעם טישטוך פון שולחן. אויף איהם שטעהען צוויי לייכטער מיט ברענענדיגע ליכט. אויבענאָן זיצט דער רב מיט דעם ראש=הקהל. נעבען זיי ליגט פּאַפּיער, טינט= און=פעדער און דער קהל=זיגעל. ביי דער לענג פונ'ם טיש זיצען די איבריגע קהלה=ליים מיט ערנסטע פּנימער. חיימעל צעהלט=אויס די „וואַריע". באַלד קומען נאָך צו צוויי דעלעגירטע פון די נאַר=וואָס געשלאָסענע שותפות'ן. נאָכ'ן אויס=הערען די לאַנגע דרשה פון רב וועגען כשרות=ענינים: וועגען כשר'ן וויין, משגיחים און זעק און דאָן די פון ראש=הקהל, וועלכ ער רעפּעדירט די פינאַנסיעלע זייט:

איבער די קוואַליטעט פו מעהל, אָבצאָהל פּאַר קהל וכדומה, דרעהט זיך חיימעל אַוועק, וואַרפענדיג שטעכיגע בליקען צו די איבריגע סוחרים און קייענדיג לאַנגזאַם אַ קאָרנדעל נאָך אַ קאָרנדעל, דרעהט ער זיך אויף און אָב, בורטשעט עפּעס אין די שוואַרץ=גראָהע וואָנסעס, פערזשמורעט די אויגען, קנייטשט דעם שטערן און אַ גנבישער שמייכעל לעגט זיך אין די ווינקלען פון מויל. באַלד גיהט ער מיט שנעלע טריט, קענטיג ענטשלאָסען צו צום טיש און דונערט אויס אויף זיין גראָב,הייזעריג קול: — פיער=און=נייגציג גראָשען! —

צווישען די צושויער בעוועגט זיך אַ שטיל געמורמעל. די פּנימער פון די פּרנסים דריקען אויס אונצופריעדענהייט. חיימעל בעמערקט דאָס און שיסט אויס:

— איך קאָן נישט ביליגערדר. —

דער רוש=הקהל גיט אַ וואונק צום שמש און נאָך די דריי טראַדיציאָנעלע קלעפּ, צעגיסט ער זיך אויף זיין תחנונים=קולכ'על:

— פ—י—ע—ר=או—ן=נ—יי—נציג גראָ—אָ—אָ—שען צו—ו—ו—ם ע—ע—ערשטען מאָ—אָ—אָל, פי—יער=או—ו—ון ניי—יי—יינציג גראָ—אָ—שען צו—ו—ום אַ—אַ—אַנדערן מאָ—אָ—אָל או—ו—ון...

אַ שטורם פון פּראָטעסט=אויסרופען צעטראָגט זיך איבער'ן חלל פון בית= המדרש. געשרייען לאָזען זיך הערען פון אַלע זייטען: אַ רויב! אַ רציחה! אַזא יקרות..., נישט הערלאָזען דערצו!... אַוודאַי, חיימעל גנב... האַלב געלד פערדיגען... זאָל קהל געהמען דאָס מעהל אויף אייגענער האַנד! מ'עט נישט קוקען... מ'עט זיך ברענגען מעהל פון דער פרעמד! קיין כעלעם מיט אַזאַ קהל... — צעשרייט זיך אַנ'עזות=פּנים.

אויך די איבריגע סוחרים שטעהען נישט שטיל, זיי בונטעווען=אונטער דעם צווי אויך צעיושעטען עולם:

— נו, נו, האַנדעלט מיט חיימעל באַנקראָטניק... קלייען וועט ער אייך געבען...

חיימעל ווערט אָנגעצונדען, מלא רציחה לויפט ער אַרום. — פּאַרדרכעס, שנאָררערדרהם, כ'וועל אייך וויזען... — קאָכט ער זיך.

דאָס קלאַפּען פון האַמער בעהערשט אָבער באַלד די אויפגעברויזטע געמיטער. עס ווערט מאָמענטאַל שטיל און מיט אַנ'איינגעהאַלטענעם אָטעם הערט מען דאָס צעצויגענע אויסרופען:

— פֿיי—יי—יינציג גראָ—אָ—אָשען צו—ו—ום ע—ע—ערשטען מ—אָ—אָל, פֿיי—יי—יינציג גראָ—אָ—אָשען צו—ו—ום אַ—אַ—אַנדערן מ—אָ—אָל או—ון צו...

אַ נערוועזער, שטרענגער בליק פֿון ראָש־הקהל פֿערגליווערט איהם דאָס וואָרט אויף די ליפּען און מיט אַ מינע פֿול מיט שטאָלצער חשיבות לעגט ער לאַנגזאַם צו אַ פֿינגער צו דער שפּיץ נאָז, וואָס זאָגט: „נאַר נישט אַזוי געוואַלט זיך“... דער שמש גיעט אַ פֿינקעל מיט די אויגען און ווי איינער, וואָס קען גוט זיין ראָלע, גיעט ער שמייכלענדיג שעלמיש אַ מאַך מיט דער האַנד, וואָס בעדייט: „האָט נישט קיין מורא...“

— ביי—יי—יינציג גראָ—אָ—אָשען צו—ו—ום ע—ע—ערשטען מאָ—אָ—ל, ביי—יי—יינציג גראָ—אָ—אָשען צו—ו—ום אַ—אַ—אַנדערן מאָ—אָ—אָל או—ון... צום געזונד! — פֿערענדיגט ער טריומפֿירענד.

דער געלונגענער, פֿרומער אויסרוף פֿון שמש, האָט די געהעריגע התלהבות־דיגע ווירקונג אויפֿ'ן אידישען עולם. די אָבגע'ברוגז'טע שטימונג פֿערשווינדט. די אויפֿגעלעגטקייט, וואָס האָט דעם עולם זייט דעם ערשטען כרוז, פֿערגרעסערט זך. עס האָט באַלד ביי אַ רקיהה'לע. מען אונטערהאַלט זיך אויף אַ לייכטען אופֿן. וויצען און גלייכווערטלעך שיטען זיך. ר' שלמה, אַ לוסטיג אידעל מיט אַ רויטער נאָז און אַ קיילעכדיג בייכעל, רייבט זיך די הענד און קלאַפּט גוט־ברודעריש אין די פּלייצעס: — איאָ, דאָך דערוואַרט זיך... לוסטיג אידען! מלכות! איאָ...

דער שמש לאָזט זיך הערען:

— פֿי—י—ינף־או—ו—ון־אַ—אַ—אַכציג צום ע—ע—ערשטען מאָ—אָ—אָל, פֿי—י—ינף או—ו—ון אַ—אַ—אַכציג צו—ו—ם אַ—אַ—אַנדערן מאָ—אָ—אָל, או—ו—ון... צום ערשטען מאָל...

דער עולם, וואָס האָט פֿריהער פּראָטעסטירט, נישט אַזוי צוליעב זיין געלד, ווי אויס מורא, אַז חיימעל וועט אַנ'עושר ווערען, איז צופֿריעדען. — עס נישט קיין גליקען... טרייסט מען זיך, — מ'עט דערלעגען...

— אַ כאָלערדע אויף זיי — שטורמט חיימעל — דערלעגען זאָל איך אפּילו... און צולויפֿענדיג צום טיש ברויזט ער:

— הונדערט־און־אַכציג!

אַ פֿיעל זאָגענדער בליק פֿון ראָש־הקהל צום שמש.

— הונ—ו—ו־דערט—ע—ערט־או—ו—ון־אַ—אַ—אַכציג גראָ—אָ—אָשען צו—ו—ום ע—ע—ערשטען מאָ—אָ—אָל, הונ—ו—ו־דערט—ע—ערט־או—ו—ון־אַ—אַ—אַכציג גראָ—אָ—אָשען צום אַ—אַ—אַנדערן מאָ—אָ—אָל, הונ—ו—ו־דערט—ע—ערט־או—ו—ון אַ—אַ—אַכציג גראָ—אָ—אָשען צו—ו—ום... דריטען מאָל. זכה ר' חיים!

א ווארשאווער

ליבע און מאַשינען

טייערער באָריס!

כ׳האָב שוין עטליכע מאָל זיך געקליבען דיר צו שרייבען, אָבער כ׳האָב נישט געקאָנט, ווייל מיין יעדעס וואָרט איז פול געוועזן מיט גיפט, האָב איך דעריבער אָבגעלעגט פון טאָג צו טאָג, ביז איך וועל זיך פיהלען רוהיגער. וועסט אוודאי שטילערהייד שמייכלען פון מיין שוואַכקייט און סענטימענטאַלקייט, אָבער אַזוי איז עס, טייערער חבר מיינער. דו וואָלסט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז איך זאָל ווען ס׳איז אַזוי דערשלאָגען ווערען צוליעב אַ מיידעל, אָבער אַזוי איז עס און כ׳קאָן עס נישט אָבלייקענען.

ווען די דאָזיגע פּאַסירונג וואָלט פאַר מיר געווען פערשטענדליך און ס׳וואָלטען פאַר מיר קלאָר געווען די סיבות, וואָס האָבען געברענגט דערצו, וואָלט עס אויף מיר נישט געווירקט אַזוי ערשיטערענד און כ׳וואָלט דיר אפשר נישט געשריבען וועגען דעם. ווייל וועניג דען טרעפען זיך אַזעלכע זאַכען, אַז יונגע מענשען געהען זיך פונאַנדער; פאַרהאַן גענוגענדע סיבות, וואָס ברענגען דערצו, און אַלץ ווערט אויפגעפלאָנטערט. צווישען אונז אָבער, דאָס הייסט, צווישען מיר און לינקע׳ן, איז דאָס פונאַנדערגעהן פאָרגעקומען אַזוי אומגעריכט, אָהן שום סיבה, און דעריבער טאַקי שרייב איך דיר וועגען דעם, אפשר וועסטו העלפען אויפקלערען דאָס רעטעניש?...

דיר זענען דאָך גוט בעקאַנט די בעציהונגען צווישען מיר און לינקע׳ן. דו געדענקסט דאָך, בעת מיר זענען געווען ביי דיר צו גאַסט אין דיין פאַבריקס־דאָרף, ווי דו האָסט בעוואונדערט אונזער אויסערגעוועהנליכע פריינדשאַפט, און ווירקליך — אונזער פריינדשאַפט איז געווען אַ זעלטענע. מיר האָבען זיך אַזוי גוט פערשטאַנען, פאַר אונז איז קלאָר געווען, וואָס אונז ביידען בינדט צונויף. מיר האָבען זיך אַזוי גלענצענד ערגענצט סיי גייסטיג און סיי פיזיש. זי פלעגט שטענדיג זאָגען, אַז זי פיהלט זיך אַזוי זיכער אונטער מיין אָרעם און איך האָב באמת געפיהלט, ווי כ׳טראָג אריין מיין דאָרפישע געזונדקייט אין איהר שוואַכינקען, צאַרטען קערפּער. איך האָב איהר אריינגעטראָגען מיין ענערגיע, מיין עקסטאַז און אָפּטימיזם און זי האָט מיר געגעבען אַזוי פיעל צערטליכקייט און טיפען וויסען, וואָס זי האָט געזאַמעלט אין איהרע שטילע, מיידלערישע פריהלינגס.

האָסט דו דען אַליין נישט בעוואונדערט איהר ליבשאַפט צו מיר? געדענקסט

האָב זיכער דעם פֿאַרנאַכט, ווען מיר זענען בײַ דיר אין דאָרף געפֿאָרן שפּאַצירן אויף דער וויכסעל, געדענקסט ווי זי איז פּלוצים צוגעפֿאַלן צו מיר, פֿאַרטוליעט דעם קאָפּ אין מײַן שויס און כמעט וויינענדיק געשעפּטשעט:

„ס'איז מיר עפּעס אַזוי גוט, סאַמועל, אַזוי גוט, אַז כ'האָב מורא...“

מער האָט זי נישט געזאָגט, נאָר באַהאַלטן איר קאָפּ אין מײַן שויס. די פֿאַרנאַכטיקע הימלען זענען דאַן געווען שטאַרק צעפֿלאַקערט און דו האָסט איבערגעריסן די שטימונג מיט אַ פּויערישער נביאות:

„דער הימל איז אַזוי רויט, ס'וועלן זײַן ווינטן...“

יאָ, חבר! ס'איז מקוים געוואָרן, ס'זענען געקומען ווינטן, האָ, האָ, נאָך וואָס פֿאַראַ ווינטן...

פֿון אונזער בעזוך בײַ דיר אין דאָרף זענען מיר פֿאַרבליבן אפֿשר די שטאַרקסטע אײַנדרוקן פֿון מײַן ערשטער ליבע. לאַנג נאָך דעם, ווי מיר זענען צוריקגעקומען פֿון דאָרף, האָבן מיר זיך דערמאָנט אונזערע איבערלעבונגען. די ווילדע נאַטור האָט אונז נאָך שטאַרקער צונויפֿגעבונדן, ס'האָבן אונז שטאַרקער צונויפֿגעקניפּט די האַרמאָנישע טעג, וואָס מיר האָבן פֿאַרבראַכט בײַ דיר.

יאָ, חבר, ס'זענען געקומען ווינטן, הערצן נאָך אַזוי אומגעריכט.

די בריוו, וואָס איך האָב פֿון איר באַקומען פֿון אויסלאַנד, זענען פֿול געווען מיט ליבשאַפֿט, אָבער זיי זענען דורכגעפֿלאָכטן געווען מיט עפּעס אַ צווייפֿל, זי פֿלעגט שרײַבן:

„טײַער יונגעל, סאַמועל, כ'בעט דיך, שרײַב מיר אָפֿט, כ'מוז האָבן דײַנע בריוו, זיי העלפֿן מיר קעמפֿן מיט זיך אַליין, מיט מײַנע ווילדע שטימונגען...“

פֿון אירע בריוו האָב איך דערקענט, אַז זי קעמפֿט מיט זיך, אַז עפּעס פּײַניקט זי, אָבער ס'איז מיר נישט קלאָר געווען, וואָס אַזעלכעס זי וויל מיר זאָגן...

מיט אַ צײַט צוריק איז זי צוריקגעקומען פֿון אויסלאַנד. צוליעב איר שוואַכן געזונט־צושטאַנד האָט זי געמוזט איבעררײַסן איר שטודיום, זי איז צוריקגעקומען אַן אָבגעשוואַכטע, אַ מידע. אויפֿ'ן באַהנהויף, בעת זי איז אויסגעשטיגן פֿון וואַגאָן, האָט זי אפֿילו אויסגעזעהן צו זײַן מונטער, זי האָט זיך מיט אַלעמען אַזוי געפֿרעהט און געשמועסט, אָבער ווי זי איז נאָר געקומען אין שטוב אַרײַן איז זי פּשוט געפֿאַלן פֿון מידקייט. אין עטליכע טעג אַרום האָב איך זי בעזוכט אין אַ הינטערשטאָדטישען פּענסיאָנאַט. כ'האָב זי געטראָפֿן אַ שפּאַצירענדע אין גאָרטען, זי איז געווען בלאַס און מיעד. זי האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפֿרעהט, איהר פּנים האָט זיך פֿאַרביג צעצונדען און זי איז געוואָרן מונטערער. דעם טאָג האָבן מיר צוזאַמען פֿאַרבראַכט ביז'ן שפּעטן אָוונט, זי האָט אָהן אויפֿהער געשעפּטשעט, אַז ס'איז איהר אַזוי גוט און אַז זי פֿיהלט זיך אַזוי זיכער מיט מיר, שטאַרקער...

אין עטליכע טעג אַרום האָט מיך אַרום גענומען אַ שטאַרקע בענקשאַפֿט זי צו זעהן, און כ'בין ווידער אַרויסגעפֿאָהרען. דאָס מאָל האָב איך זי געטראָפֿען

ליגען אין בעט. א זעלטענע צאַרטקייט איז איהר געלעגען אויפ׳ן פּנים. פאַר־נאַכטיג־דונקעל זון־גאָלד האָט זיך געקייקלט אויף איהר בעט און א שטילקייט האָט געהויערט אינ׳ם ווייסען צימער.

מיט א פריידיגען אויסשריי האָט זי אויסגעשטרעקט צו מיר די הענד, זי האָט מיך אַרומגענומען און בעדעקט מיט אַזוי פיעל צערטלונגען.

— האָסטו דען שוין דערהאַלטען מיין בריעף? — האָט זי א ערשטוינטע געפרעגט. — ערשט מיט עטליכע שעה צוריק האָב איך דיר געשריבען א בריעף, דו זאָלסט קומען צו פאָהרען א ביסעל.

— טייערע מיינער — האָט זי געשעפּטשעט און געקושט מיך אַזוי שטאַרק, אַזוי ווילד, ווי קיינמאָל. כ׳בין דעם טאָג פערבליבען ביז שפּעט אָוונד. מיר האָבען פערבראַכט אין די ווילדסטע אומאַרמונגען. ווי א קינד האָב איך זי אַרומגעטראָגען איבער דער שטוב און צו אונזער גליק איז גישט געווען קיין ברעג.

שרייבען:

ערשט צוריקגעקומען האָב איך, דערהאַלטען איהר בריעף. כ׳וועל איהם דיר גענוי איבערגעגעבען וואָרט ביי וואָרט, כדי דיר צו בעווייזען, אַז די אַלע זאַכען זענען גישט קיין פּראָדוקט פון מיינע „פאַנטאַזיע״ איבערטרייבונגען. זי האָט גע־ „טייער ליעב יונגעל!

סאַמועל! זייט צוויי טעג הערקען איך זיך גישט!

ווי עפּעס א ליטערקייט וואָלט מיך בעשטראַהלט אין משך פון די עטליכע שעה, וואָס דו ביזט געווען ביי מיר.

עפּעס אַזאַ העלקייט פילט מיך אויס אינגאַנצען... מינוטענווייז האָט זיך מיר, אַז כ׳טראָג אין זיך א גרויסע זון און דורך איהרע שטראַהלען שמייכעלסט דו אַזוי גוט צו מיר!

ס׳האָט זיך מיר, אַז ס׳רייסען זיך שוין ענדליך איבער עפּעס אַזעלכע, פער־פּלאָנטערטע קנוילען פאָדים, וואָס האָבען מיך אַזוי געפּייניגט אין משך פון די לעצטע חדשים...

כ׳וויל דיך שטאַרק זעהן, זיצען נעבען דיר, הערען ווי אַזוי דו רעדסט צו מיר, שטאַרק דיך צעקושען! ווען דו וואָלסט געהאַט צייט — קום צו פאָהרען באַטש אויף עטליכע שעה.

כ׳פיהל זיך שוין בעסער, אָבער נאָך גישט גענוג שטאַרק. כ׳שפּאַציר שוין צו ביסלעך, כ׳ליעג אויף דער זון, אין קאָפּ מישט זיך מיר נאָך — כ׳ווייס גישט — אפשר פון גרויס פריידע.... כ׳מוז זיך איצט גוט פערבעסערן, זיין געזונד, שטאַרק — מיר קענען דאָך, יונג, ס׳וואַרט אונז דאָך לעבען און אַרבייט.

קום צו פאָהרען — מיר וועלען שמועסען וועגען אַלץ

דיין ליבקע.

כ׳האָב דעם בריעף געלייענט אָהן א שיעור מאָל, זיך געפרעהט און גליי־ציטיג געשראָקען, ס׳האָט מיך בעאומרוהיגט די אויסערגעוועהנליכע עקזאַלטאַציע.

אין דריי טעג אַרום — טראָץ דעם, וואָס דער דאָקטאָר האָט איהר נישט ערלויבט — איז זי געקומען צו פאָהרען אין שטאָדט. כ'האָב זי אָנגעטראָפען אין אַ שטאַרקער דענערווירונג. די מוטער איז אַלע ווייל אַריינגעקומען אין צימער, וואו מיר זענען געזעסען צוזאַמען, געפרעגט זיך, צי ליבקע וויל נישט עפּעס, און אונז צוריק איבער-געלאָזט אַליין. מיר האָבען עפּעס גערעדט סתם אין דער וועלט אַריין און אונזערע רייד האָבען זיך נישט געבונדען. איך האָב געפיהלט, אַז עפּעס דאַרף דאָ געשעהען. אויך די מוטער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און כ'האָב דערקענט, אַז זי איז וועגען אַלעם אינפאָרמירט און אַז זי האָט מיטגעהאָלפען צוגרייטען דאָס, וואָס ס'דאַרף דאָ פאָרקומען.

ליבקעס צעשטרייטקייט האָט מיך שטאַרק באַונרוהיגט. עפּעס האָט זי אָנגע-הויבען רעדען און צוריק אויפגעהערט, גלייך ווי זי וואָלט זיך געשטיקט. אין מוח האָט זיך מיר אָנגעהויבען קנוילען אַ טונקעלקייט, כ'האָב געשוויגען און געוואַרט אויף איהרע רייד.

איהר בלאַס פּנים איז מיטאַמאָל געוואָרען צעצונדען, זי איז אויפגעשטאַנען פון דער קאַנאַפּע, אויף וועלכער מיר זענען צוזאַמען געזעסען, אַוועקגעזעצט זיך געגענאיבער מיר אויף אַ שטוהל און מיט אַ ציטעריגער שטים געזאָגט:

— סאַמועל, כ'וואָלט געוואָלט מיר זאָלען איבערדייסען... מיר זאָלען זיך מעהר נישט זעהן! — מעהר האָט זי נישט געזאָגט. מיין צעטראָגענקייט האָט דאַן דערגרייכט די העכסטע מדרגה, ס'איז מיר שווער געווען עפּעס אַרויסצורעדען, דאָך בין איך אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען נעהנטער צו איהר און מיט אַ געמאַכטער רוהיגקייט געפרעגט זי, ווען זי פאָהרט אָב אין אויסלאַנד און וועגען דעם, וואָס ס'איז דאָ פאָרגעקומען נישט דערמאָהנט קיין וואָרט.

כ'האָב זיך מיט איהר געזעגענט, געגעבען איהר אָנצוהערען, אַז כ'וועל שוין אויפ'ן באַהנהויף נישט קומען, און אַרויס פון צימער.

צומאָרגענס אין אָוונט, קורץ פאַר'ן אָבגעהן פון צוג, בין איך, געשטויסען פון עפּעס אַ פערבאָרגענער קראַפט, צוגעפאָהרען צום באַהן-הויף, און שנעל זיך דורכגעשטופּט צווישען די קופּקעס מענשען, וואָס זענען געשטאַנען פאַר די וואַ-גאָנעס.

כ'האָב זי דערזעהן. זי איז געשטאַנען אין אָפענעם וואַגאָן-פענסטער און יעדען איינעם פון איהרע באַקאַנטע צוגעוואָרפען אַ וואָרט, אַלע מאָל האָט זי אויסגע-שטרעקט אַ האַנד און זיך געזעגענט מיט עמיצען. כ'בין אַזוי לאַנג געשטאַנען, ביז אונזערע בליקען האָבען זיך באַגעגענט. זי האָט אַ ציטער-געטהון. די אויגען האָבען איהר מאָרגע אַ גלאַנץ געטהון, ווי זי וואָלט דערזעהן פאַר זיך אַ שרעקליך געשפּענסט. כ'האָב מעהר נישט געוואַרט, נאָר מיט שנעלע טריט אַוועק צום אויס-גאַנג. ס'האָט זיך מיר אפילו עטליכע מאָל געדאַכט, אַז מ'רופט מיך, אָבער איך האָב זיך נישט אומגעקוקט, נאָר צואַיילענדיג די טריט נאָך שנעלער אַרויס.

נאָך דער פּאַסירונג האָב איך איבערגעלעבט עטליכע וואָכען אין ווילדער

צעטראָגנקייט, אַז׳אומרוה האָט מיך געטריבען פון אָרט צו אָרט און אומעטום האָט אַן׳אומעט געפייניגט.

יענט איז דער ערשטער טאָג, ווי כ׳פיהל זיך אַביסעל לייטערער. כ׳גלויב, אַז כ׳וועל איצט צוריק בעקומען מיין גלייכגעוויכט און קאָנען זיך נעהמען רוהיג שרייבען און שאַפען. איצט, בעת איך שרייב דיר דעם בריעף, איז פריהלינגדיגער מאָרגען, אויף מיין טיש איז אַזוי פיעל זון פאַראַן און דאָך בין איך נאָך אַביסעל אומעטיג. ס׳האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצען אומגעקעהרט מיין אַמאָליגע, פריהלינגדיגע פרייד, ווען איך בין געווען אַזוי צעפלאַטערט, יונג און לייכט.

די שטאָטישע פאַבריק=סירענעס רופען איצט שוין צום צווייטען מאָל און דו געהסט שוין מסתמא אין פאַבריק אַריין. ביזט איצט אַזוי רוהיג, שפּאַנסט זיך מיט׳ן ווייסעל=בריעג און עטעמסט די פרישע, קנאַפּעדיגע גרינקייט פון די סעדער, טראָגסט אַ לייכטע, לעדערנע קורטקע, ווייסע שטיוועל און אַ וועליורען, גרוי היטעל. ס׳איז דיר אַזוי לייכט, אַזוי גוט.

אין פאַבריקס=הויף געהסטו אַרום צווישען די זשאַווערדיגע קופּעס רודע און קומסט צום ערשטען אַריין אין די גיסעריי. די גרויסע האַלע מיט די פערשוואַרצטע שויבען איז איצט רוהיג. די אַרבייטער לויפען נישט מיט צעזשאַרטע אייזערנעם גוס פונ׳ם אויווען צו די פאָרמעס. אויף דער דורכגעבריגטער, שטויבענער ערד ליגען מאַשינען=טיילען: רעדער, טלאָקען, זאַקעס. זיי ליגען געפּענטעט אין די פאָרמעס און גלאַנצען מיט אַזאַ רויהער בלינדקייט. אין דער פערטונקעלטער, גרויסער האַלע איז פאַראַן דער שטומער סוד פון בעשאַפונג. ס׳איז פאַראַן די זשומענדיגע שטילקייט, וואָס קומט שטענדיג נאָך אַן׳אויפברויז.

פּענטסט די טהיר און פאַלסט אַריין אין שאַרפען געסווישטש און געהודישעריי פון די טאָקערייען, וואָס זענען אין צוויי לאַנגע שורות צושטעלט אין דער גרויסער האַלע. די טראַנסמיסיע=פאַסען לויפען מיט געציטערן אַרויף צום סופיט, לאָזען זיך צוריק אַראָב און טראָגען מיט אימפעט די מבולבלע רעדלעך פון די משוגע=געוואָרענע מאַשינען, וואָס שפּייען מיט דיניקען שטאָהל.

פון טאָקעריי געהסטו אַריבער אין מאָנטעריי. דאָרט שטעהען שוין לעבעדיגע מאַשינען און ס׳נעהמט דיך אַרום עפּעס אַזאַ מורא, ווערסט פּלוצים אַזוי קליינטשיק, אַזוי שוואַך. די מאַשינען שטעהען אַזעלכע אויסגעהונגערטע און גלעפּטשען מיט די מיילער דאָס ביסעלע זון, וואָס פליסט אַריין דורך די פערטונקעלטע שויבען. זיי בויגען אַזוי מיט זייערע גאַפּלעכער און שרייען נאָך קויהל, נאָך אייל פאַר די איינגעקרעמפּטע גלידער און זיי וועלען דאָן אַ צעשפּאַר=טהון די ווענד און אַרויס אַנטקעגען דער זון. געהסטו אַזוי אַרום אַ דערשראָקענער צווישען די הונגעריגע מאַשינען, גלעטסט זיי די קניען, די אָרעמס, און שרעקסט זיך. ס׳דאַכט זיך דיר, אַז אָט ציהט זיך אויס אַן׳אָרעם און דרוקט דיך צו, און אָט ציהט זיך אויס אַ לאַפּע און ווערגט דיך... גלעטסט דו אַזוי און צערטעלסט די הונגעריגע גלידער פון די מאַשינען, בערוהיגסט זיי, שטילסט זיי איין...

די מאַשינען, וועגן וועלכע דו האָסט נאָר געטרוימט און געצייכנט אויפ׳ן פּאַפּיר, שטעהען איצט פאַר דיר לעבעדיגע, גרייט זיך צו פערשפּאַנען אין די לעדערנע טראַנסמיסיע־פּאַסען און טרייבען, אָהן אויפהער יאָגען הונדערטער קלענערע מאַשינדלעך און טויזענדער אַרבייטער רופען יעדען בעגינען און אָווענד־צייט אָבשיקען זיי מיעדע אַנטקעגען דער פאַרנאַכטיגער רויט...

דו ביזט גליקליך, ווייל דו האָסט דיין ליעבשאַפט אָבגעגעבען די מאַשינען, און די מאַשינען וואַרפען דיר נישט צוריק אין פּנים אַריין דיינע צערטלונגען, דיינע טרוימען ווערען געשטאַלטיגט, דעריבער איז דיין לעבען אַזוי פּראָסט און געזונד און דו ווייסט אַפילו נישט פון קיין אומעט אין דיין פאַבריקס־דאָרף. און איך, איך האָב מיין ליעבשאַפט צעטוישט אויף שיכורע שעה׳ן, איך האָב מיין ליעבשאַפט אָבגעגעבען עפּעס אַ שוואַך, שטאָדטיש מיידעל, איך האָב איהר אָבגעגעבען דאָס ליכט פון מיינע טעג און לסוף האָט זי מיך אַ שליידער־געטהון נאָך שטאַרקער, ווי ס׳קאָן אַ שליידער־טהון אַ קניע פון אַ מאַשין.